STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04682

DI GESHIKHTE FUN DER PARIZER KOMUNE

E. Lisagare

Permanent preservation of this book was made possible
by Marion Brechner
in honor of
the Bat-Mitzvah of her daughter-in-law, Katherine Brechner

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

9 2054

ע. ליסאַגאַרע

די געשיכטע פון דער פּאַריזער קאָמונע

פון פראנצויזיש יונה שפּער

אין 2 טייל

צווייטער טייל

ווילנע — 1929

פאַרלאַג „טאָמאָר" פון יוסף קאַמערמאַכער

PRINTED IN POLAND

E. Lisagare. „Di geszichte fun der parizer komune".

Zecernia „Tomor" Wilno, ul. Szopena 1, m. 30.
Odbito w drukarni Notesa i Szwajlicha, Wilno, ul. Poznańska 1.

ערשטער קאַפּיטל.

די מאַסאָנען שליסן זיך אָן אָן דער קאָמונע. — דאָס ערשטע אָפּרוימען דעם פאָרט איסי. — דאָס שאַפן אַ קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלעכער זיכערהייט.

טיער האָט זייער גוט געוואוסט וועגן דער שוואַכקייט פון דער קאָמונע. ער האָט אָבער אויך געוואוסט וועגן דער שוואַכקייט פון זיין חייל, וועגן די מערקווערדיקע שינויים אינם לעבן פון דער גרויסער שטאָט און האָט זיך ניט אנטשלאָסן צו פּרובירן גליק. ביי דעם אַלעמען האָט ער נאָך קאָקעטירט, געשפּילט די ראָלע פון אַ זעלנער פאַר די פּריסן, האָט געבראַכט די באַטאַריען אין אָרדענונג, האָט אָנגעפירט מיט די טראַנשייען, האָט געזאָגט מאַקמאַהאָנען, וועלכער האָט געוואָרטשעט, אַז ער מוז זיך אונטערוואָרפן אַ ניט-מיליטערישן מאַן: „איך קען די דאָזיקע באַפעסטיקונגען, איך אַליין האָב זיי געשאַפן". כדי צו באַרויִקן די פאַרביסענע מיטגלידער פון דער פאַרזאַמלונג, וואָס האָבן אים אָנגערעדט צו מאַכן אַן אָנגריף, האָט ער אויפגענומען יועצים פון כל-המינים געזעלשאַפטן, וואָס האָבן אים בסדר אַטאַקירט מיט זייערע פּראָיעקטן און אָרעמע קאָמבינאַציעס. אַלע האָבן זיך געמישט אינם דאָזיקן ענין, אָנגעהויבן פון דעם גוטן און פאַרחלומטן קאָנסידעראַן ביז דעם אַקראָבאַט זשיראַרדען אָדער דעם אַדיוטאַנט סעסעשעלכער, וואָס האָט זיין פּלאַן פון שלאַכט פאַרביטן דעם 24טן אויפן פּלאַן פון וואָפּנשטילשטאַנד.

די דאָזיקע געמישטע חברה האָט אַרויסגערופן אַ לייטיש געלעכטער. אָנהייבנדיק פון דעם וואָפּנשטילשטאַנד אין נעילי און דעם באַרימטן: „גאַנץ פּאַריז וועט אויפשטיין", — האָט „די ליגע פון די פּאַריזער רעכט" וויטער עקסיסטירט אָן ערפאָלג. די דרייסטע אויפפירונג פון די מאַסאָנען האָט אָפּגעוואָרפן די מיטגלידער פון דער ליגע ווייט אויפן הינטערשטן פּלאַן. דעם 21טן אַפּריל, בעת

זיי האָבן געפּאָדערט וואָפנשטילשטאַנד, האָבן די מאַסאָנען פאַר־געשטעלט אַן אָנקלאָגע אויף דעם מוניציפּאַלן געזעץ, וואָס איז נאָר־וואָס געוואָרן אָנגענומען דורך דער פאַרזאַמלונג. „ווי", — האָט זיי הער טיער געענטפערט, — „דאָס איז דאָך דאָס ליבעראַלסטע פון אַלע געזעצן, וואָס מיר האָבן געהאַט אין משך פון פיר־און־צוואַנציק יאָר!" — „אַנטשולדיקט, און אונזערע קאָמונאַלע אַנ־שטאַלטן פון 91טן יאָר?" — „אָ! איר ווילט אייך אומקערן צו אייערע פּאָטערס משוגעת?" — „נו, הייסט עס, האָט איר סוף־כּל־סוף באַשלאָסן מקריב צו זיין פּאַריז?" — „דאָרטן וועלן זיין עטלעכע חרוב געמאַכטע הייזער, עטלעכע הרוגים, אָבער די קראַפט וועט בלייבן אויפן צד פון געזעץ". די מאַסאָנען האָבן פאַרשפּרייט איבער פּאַריז דעם דאָזיקן שרעקלעכן ענטפער. די חיהשע ווילדקייט פון די זעלנער איז ניט געווען אַכזריותדיקער פאַר דעם. די דאָזיקע אומגליקלעכע נעבעך האָבן בתמימות געגלויבט, אַז די פּעדעראַ־ליסטן זיינען גנבים, וואָס די קאָמונע אָדער די פּרייסן האָבן אַרויסגעלאָזט אויף דער פריי, און אַז זיי האָבן געפּייניקט די אַרעסטירטע. צווישן די לעצטע האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן אַ צייט זיך אָפּגעזאָגט פון נעמען אַ ביסן אין מויל, אויס מורא, אַז מען זאָל זיי ניט סמען. די אָפיצירן, דאָס רוב באָנאַ־פּאַרטיסטן, האָבן פאַרשפּרייט די דאָזיקע באָבע־מעשיות. אייניקע האָט זיי אַליין געגלויבט *. זיי זיינען געקומען פון דייטשלאַנד

* דעם 12טן מאַי, אויף דער באַריקאַדע אין פּרי־וואַנוו, איז אַן אָפיציר־אינזשינער פון לאַקרעטעלס אָפּטיילונג געגומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט. דאָס איז געווען קאַפּיטאַן ראָזעם פונם 2טן קאָרפּוס. בעת מען האָט אים געבראַכט צום טראַנשיי־קאָמאַנדיר האָט ער געזאָגט: „איך ווייס, וואָס מיר וואַרט. שיסט מיך". דער קאָמאַנדיר האָט אַ צוק געטאָן מיט די אַקסלען און געשיקט דעם געפאַנ־גענעם צו דעלעקליוזן. „קאַפּיטאַן" — האָט געזאָגט דער דעלעגאַט, — „זאָגט מיר צו, אַז איר וועט ניט קעמפן מיט דער קאָמונע, — זייט איר פריי". דער אָפיציר האָט צוגעזאָגט און טיף גערירט האָט ער געבעטן ביי דעלעקליוזן אַן ערלויבעניש אים צו דריקן די האַנט. פון די אָנהייב שלאַכטן ביז דעם 23טן מאַי האָבן די אַליאַנטן ניט דערשאָסן קיין איין געפאַנגענעם, ניט קיין אָפיציר, ניט קיין זעלנער. די שטרענגקייט פון מלחמה איז געוואָרן אָנגעווענדט בלויז בנוגע צו דריי שפּיאָנען, און דערצו נאָכן געריכט ערשט.

שרעקלעך אין כעס אויף פאריז, האָבן עפנטלעך געדרשנט: „מיר וועלן זיך באגיין אומברחמנותדיק מיט די דאָזיקע הינט“ און האָבן געוויזן א ביישפיל פון דער גרעסטער אכזריות. דעם 25טן אפריל אויף בעל-עפין, לעבן וויל-זשויף, האָבן פיר נאציאָנאלע גוואַרדייער פלוצלונג זיך געפונען אין די הענט פון קאוואלעריע-שיסער, וואָס זיינען זיי באפאלן, און נאָכדעם, ווי זיי האָבן געפאָדערט, מען זאָל זיי אָפגעבן דאָס געווער, האָט מען עס זיי תיכף אָפגעגעבן. די זעלנער האָבן זיי אַוועקגעפירט; עס איז צוגעגאנגען אן אָפיציר, קיין וואָרט ניט גערעדט און אויסגעלאָדן אין זיי זיין רעוואָלווער. צוויי זיינען געפאלן טויט, די איבעריקע, וואָס מען האָט געלאָזן, מחמת מען האָט גערעכנט, אַז זיי זיינען טויט, זיינען דערקראָכן ביז דער שכנותדיקער טראנשיי, וואו איינער פון זיי איז געשטאָרבן; דער פערטער איז איבערגעטראָגן געוואָרן אין באוועגלעכן שפיטאָל אריין.

דעם 26טן האָט לעאָ מעליע דערציילט אין דער קאָמונע וועגן דער דאָזיקער רציחה. די נקמה האָט באגייסטערט אפילו די מעסיקסטע. „מען דארף אָננעמען שטרענגע מיטלען און דערשיסן די געפאנגענע, וואָס געפינען זיך אין אונזער רשות“. א סך האָבן געשריען: „דעם פאריזער ארציבישאָף“. טרידאָן: „אזוי ווי עס קומט נאָר אויף עפעס א פראגע, וואָס פאָדערט מוטיקייט, אזוי באמיט איר זיך וואָס-גיכער זי צו באגראָבן... איר פארלירט אָבער שעהן אויף צו באטראכטן אבסטראַקטע פראגן; היינט קענט איר שוין ניט אָננעמען קיין שום רעפרעסיעס“. בלאנשע וויל, אַז אינדערפרי זאָלן דערשאָסן ווערן די געפאנגענע זשאנדארמען און שפיאָנען. ארנאָ זאָגט: „מען דארף עפנטלעך טייטן צוועלף זשאנדארמען“. טרידאָן: „צו וואָס דערהרגענען צוועלף פערזאָן פאר פיר; איר האָט ניט קיין שום רעכט דערויף“. אָסטען איז קעגן רציחות: „די קאָמונע דארף ארבעטן בלויז בהסכם מיט אירע אויפגאבן“. וואַליאָן: „מען דארף דערלאנגען א קלאפ די אייגנטימער, אָט ווועמען“. אוורריאל און זשורד: „מען דארף ארבעטן, אַז מען זאָל בלייבן אויפן גרונד פון געזעץ“. ארטור ארנאָ: „מיר וועלן זיך נעמען צו טיערן, מען דארף א תל מאכן פון זיין הויז“.

עס איז אויפגעשטאנען דער גאנץ קלוגער גענעראל גאמבאן: „אויב די ווערסאלער הערן שיסן אונזערע געפאנגענע, זאל די קאמונע פאר גאנץ פראנקרייך, פאר דער גאנצער וועלט מעלדן, אז זי וועט זיך באגיין מיט חסד צו אלע, וואס זי וועט נעמען אין געפאנגענשאפט, אז אפילו די אפיצירן, וואס צווינגען די זעלנער צו גיין קעגן זייער ווילן, וועלן געפינען א געוויסן חסד".

לסוף האט ער פארגעלייגט צו גרינדן אן אויספארשונגס־קאמיסיע. די דאזיקע קאמיסיע האט פעסטגעשטעלט, אז דאס פארברעכן איז אפגעטאן געווארן. די וויכוחים גייען איבער אויף פערזאנען און זיי ווערן אזוי ווייט שטורמיש, אז די פארזאמלונג באשליסט ניט צו דרוקן דעם פראטאקאל.

די ידיעה וועגן דעם, אז עס איז געקומען א מאסאנישע דעלעגאציע, טראגט אריין א ביסל רויקייט. עס האט זי אריינגע־פירט ראנוויע. די מאסאנען האבן זיך צונויפגעזאמלט נאך האלבן טאג אין טעאטער שאטעלע.

בעת איינער פון זיי האט אויסגעדריקט זיין רצון, אז אויף די וואלן זאלן אריינגעשטעקט ווערן מאסאנישע פענער, האבן טויזנטער אפלאדיסמענטן אים דערויף געענטפערט. עטלעכע מאן, וואס האבן זיך ארויסגעזאגט קעגן דעם, זיינען ניט בכוח געווען מנצח צו זיין די אלגעמיינע התפעלות, און מען האט באשלאסן צו גיין מיט דער פאן בראש צום שטאטראט און איבערצוגעבן אים אן אנטשלאסענע רעזאלוציע. די קאמונע האט אויפגענומען די דעלעגאטן אויף דעם ערן־הויף. „אויב תחילת", — האט געזאגט דער רעדנער טיריפאק, — „האבן די מאסאנען ניט געוואלט טאן גארניט, איז בלויז צוליב דעם, וואס זיי האבן געהאלטן פאר נייטיק זיך איבערצייגן אין דעם אומווילן פון ווערסאל צו קומען צו עפעס א הסכם. היינט זיינען זיי גרייט צו פארשטעקן זייערע פענער אויף די וואלן. אויב כאטש איין קויל וועט זיי טרעפן, וועלן זיי מיט דערזעלבער באגייסטערונג זיך א לאז טאן קעגן דעם אלגעמיינעם שונא". נאך דער דאזיקער מעלדונג האבן זיך אנגעהויבן אפלאדיסמענטן, ארומנעמונגען. זשול וואלעס האט אין נאמען פון דער גאנצער קאמונע ארויסגענומען זיין רויטן שארף

און ארומגעוויקלט מיט אים די פאן. די דעלעגאציע פון דער קאמונע האט באגלייט די ברידער ביז דעם טעמפל אויף דער קאדע-גאס.

זיי זיינען געקומען אין דריי טעג ארום, כדי צו האלטן װארט. דאס אריינמישן זיך פון דער דאזיקער געהיימעגישפולער און מעכטיקער קארפאראציע האט אנגעפילט פאריז מיט גרויס האפענונג. דעם 29טן אינדערפרי האט א ריזיקער עולם אנגעפילט אלע דורכגענג צום קארוסעל-פלאץ — דעם זאמל-פונקט פון אלע לאזשעס. ניט געקוקט אויף עטלעכע מאסאנען, וואס האבן פראטעסטירט אין ספעציעלע מודעות, האבן זעקס טויזנט ברידער, וואס האבן רעפרעזענטירט פינף און פופציק לאזשעס, זיך צונויפגעזאמלט אויף דעם קארוסעל-פלאץ.

זעקס מיטגלידער פון דער קאמונע האבן זיי באגלייט צום שטאטראט צווישן דעם עולם און די באטאליאנען, וואס זיינען געווען אויסגעשטעלט אין שפאלערס. אן ערנסטע, פייערלעכע מוזיק האט געקלונגען פארויס דער פראצעסיע; עטלעכע אפיצירן, גרויסע מאגיסטרען, מיטגלידער פון דער קאמונע און ברידער מיט ברייטע בענדער, בלאע, גרינע, ווייסע רויטע אדער שווארצע, אפהענגיק פון זייער טיטל, זיינען געגאנגען און גרופירט זיך ארום פינף און זעכציק פענער, וואס האבן דאס ערשטע מאל דערזען די ליכטיקע שיין. אויף דער פאן, וואס איז געגאנגען פאראויס, אויף וועלכענס ווייסער פאן האט מיט רויטע אותיות געפלאמט דער ברידערלעכער און רעוואלוציאנערער דעוויז: „מיר ווען איינס דאס אנדערע ליב האבן“. די פרויען-לאזשע איז באגעגנט געווארן מיט א באזונדערער התלהבות. די פענער און א ריזיקע דעלעגאציע זיינען דורכגעגאנגען אין שטאטראט. די מיטגלידער פון דער קאמונע, וואס האבן זיך צעשטעלט אויף די פלעצלעך פון די טרעפ פונם ערן-הויף, האבן אויף זיי געווארט.

די פענער האבן זיך פונאנדערגעוויקלט אויף די טרעפ. די דאזיקע שלום-פענער, פאראייניקט מיט דער רויטער פאן, די קליינבורזשואזיע האנט-ביי-האנט מיטן פראלעטאריאט, פנים אל פנים מיט דער רעפובליק, די דאזיקע ברידערלעכע אויסגעשרייען, —

דאָס אַלץ האָט באַגייסטערט אַפילו די גרעסטע פּחדנים. פעליקס פּיאַ האָט געהאַלטן אַ רעטאָרישע רעדע, וואָס איז געווען דורכגעוועבט מיט אַנטיטעזעס. דער זקן בעלע איז געווען אַ סך אָראַטאָרישער, בעת ער האָט געזאָגט בלויז עטלעכע ווערטער, וואָס זיינען געווען צונויפגעמישט מיט אויפריכטיקע טרערן. איינער פון די ברידער האָט געבעטן צו האָבן דעם כּבוד צו פאַרשטעקן דער ערשטער אויף די וואַלן די פאָן פון זיין לאָזשע „פערסעוועראַנס", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1790, בעת די גרויסע פאַרבאַנדן זיינען געגרינדעט געוואָרן. איין מיטגליד פון דער קאָמונע האָט געגעבן אַ רויטע פאָן: „זאָל זי באַגלייטן אייערע פענער. זאָל קיין איין האַנט מהיום הלאה ניט קענען שיקן אונז איינס אויף דאָס אַנדערע, אחוץ אין די אָרעמס". און דער רעדנער טיריפאָק האָט געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף דער ווענסען-פאָן: „מיר וועלן זי די ערשטע פאַרשטעקן פאַר די פיינטלעכע רייען. מיר וועלן זיי זאָגן: זעלנער פון דער מאַמע-היימלאַנד, פאַרברידערט אייך מיט אונז, קומט אין אונזערע אָרעמס... אויב מיר וועלן קיין זאַך ניט פועלן, וועלן מיר זיך אָנשליסן אָן די מיליטערישע קאָמפּאַניעס".

בעת די דעלעגאַטן האָבן זיך אומגעקערט פונם שטאָטראַט, האָט זיך אויפגעהויבן אַ לופט-באַלאָן, וואָס איז באַצירט געווען מיט דריי סימבאָלישע צייכנס; ער האָט פונאַנדערגעוואָרפן אין דער לופט דעם מאַניפעסט פון די מאַסאָנען. אַ ריזיקע פּראָצעסיע האָט געטראָגן איבער דעם באַסטיליע-פּלאַץ און איבער די בולוואַרן אירע פענער, וועלכע זיינען באַגעגנט געוואָרן מיט מוראַדיקע אַפּלאָדיסמענטן און איז אַרום צוויי אַ זייגער צוגעקומען ביז דעם קייַלעכדיקן פּלעצל אויף די עליזעישע פעלדער. די קוילן פון מאָן-וואַלעריאַן האָבן געצוואונגען זי דורכצוגיין מיט זייטיקע וועגן צום טריומפאַלן בויגן. אַ דעלעגאַציע פון חשובע לייט האָט פאַרשטעקט פענער אויפן שטח פון די מאַליאָ-טויערן ביז די טויערן פון בינאָ. אַ ווייסע פאָן איז אויפגעוויקלט געוואָרן אויף אַ גאָר געפערלעך אָרט, אויף אַ פאָדערשטער באַפעסטיקונג פון די מאַליאָ-טויערן; די ווערסאַלער לייט האָבן אָפּגעשטעלט די שיסעריי.

די דעלעגאַטן און עטלעכע מיטגלידער פון דער קאָמונע, וואָס זיינען אויסגעקליבן געוואָרן על־פּי גורל, זיינען ארויס פאַראויס, אנגעפירט פון דער פאָן אין דער נעילי־אַוועני. אויף דער קורבוואַוואַ־בריק, פאַר דער ווערסאַלער באַריקאַדע, האָט זיי באַגעגנט אַן אָפיציר און אָפּגעפירט צום גענעראַל מאָנטאַדאָן, וואָס איז אַליין אויך געווען אַמאָל אַ מאַסאָן.

זיי האָבן זיך דורכגעשמועסט און געבעטן וואָפנשטילשטאַנד. דער גענעראַל האָט דריי דעלעגאַטן דערלויבט צוצוקומען אין ווער־סאַל. דעם אָוונט איז אַלץ געווען רויִק, פון סענט־אואַן אָן ביז נעילי.

צומאָרגנס האָבן די דעלעגאַטן זיך אומגעקערט. הער טיער האָט זיי קוים־קוים אויפגענומען. אָן אויפגערעגטער, האָט ער געהאַט באַשלאָסן ניט צו גיין אויף קיין שום הנחות און דעריבער ניט געוואָלט צולאָזן קיין דעפּוטאַציעס. אין דערזעלבער צייט האָבן די ווערסאַלער קוילן דורכגעלעכערט די פענער. די מאַסאָנען האָבן זיך תיכף פאַראייניקט אינם דורלאַן־זאַל און האָבן באַשלאָסן ארויס־צוגיין אין קאַמף מיט זייערע צייכנס. אין צוויי טעג ארום האָט „די ליגע פון פאַריזער רעכט" באַשלאָסן, אַז זי וועט אַנטקעגנשטעלן דער ווערסאַלער אַרטילעריע „אַן אומענדלעכע צאָל חתימות".

נאָך האַלבן טאָג „האָט דער רעפּובליקאַנישער פאַרבאַנד פון די דעפּאַרטאַמענטן" פייערלעך זיך אָנגעשלאָסן אָן דער קאָמונע. די דאָזיקע אַרמיי פון עטלעכע טויזנט מאַן האָט געפירט מיליער. ער איז אָן שום ספק געווען איבערגעגעבן דער קאָמונע; אים איז געלונגען צונויפצוזאַמלען ארום זיך געבוירענע אין דער פּראָווינץ. פאַרשטייט זיך, אַז זי שטעלט עס צו דער גרויסער שטאָט בלוט און נערוון. פון פינף און דרייסיק טויזנט געפאַנגענע, פון פראַנצויזישער אָפּשטאַמונג, וואָס זיינען אָנערקענט געוואָרן דורך די ווערסאַלער לייט, זיינען בלויז ניין טויזנט געווען פאַריזער געבוירענע. מיליער האָט אָרגאַניזירט אַ פאַרבאַנד לויט די דע־פּאַרטאַמענט־גרופּעס, און יעדע פון זיי האָט זיך באַמיט צו געבן איר אָרט אַ ריכטיקע באַלייכטונג פון די פאַריזער געשעענישן, האָט צעשיקט צירקוליאַרן, מודעות פון די דעלעגאַטן. דעם 30טן אַפּריל האָבן אַלע גרופּעס זיך פאַראייניקט אינם הויף פון

לוור, האָבן באַטראַכט די ווענדונג צו די דעפּאַרטאַמענטן און זיינען געקומען אין שטאָטראַט, כדי צו באַנייען זייער פאַרבינדונג מיטן פּאַטריאָטישן ענין פון דער פּאַריזער קאָמונע. די מיטגלידער פון דער קאָמונע זיינען אַראָפּ זיי באַגעגענען ברידערלעך.

דער בליק איז נאָך געווען געווענדט אויף דער מאַניפעס־טאַציע, פּלוצלונג האָט זיך אויפן פּלאַץ געמאַכט א מהומה: דער פּאָרט איסי איז אָפּגערוימט.

אינטערן שוץ פון זייערע באַטאַרייעס זיינען די ווערסאַלער לייט אַוועק אין אָנגריף און האָבן אומדערוואַרט פאַרכאַפּט אין דער נאַכט פונם 26טן אויפן 27טן מולינאָ, פון וואַנען מען האָט געקענט צוקומען צום פּאָרק איסי. די ווייטערדיקע טעג האָבן זעכציק האַרמאַטן פון גרויסן פאָרמאַט קאָנצענטרירט זייערע קוילן אויפן פּאָרט, בעת אַנדערע האָבן באַשאָטן מיט קוילן וואַנוו, מאָנרוזש, דאָס שעכטהויז און די פאַרצוימונג. איסי האָט געענט־פערט מיט אַלע כוחות, אָבער די טראַנשייען, מיט וועלכע וועטצעל האָט שלעכט אָנגעפירט, האָבן זיך גאָר קלאָגעדיק געהאַלטן. דעם 29טן האָט דאָס באָמבאַרדירן געדויערט מיט טאָפּלטער קראַפט און דער פּאָרק איז געווען דורכגעגראָבן פון שראַפּנעלן. האַלבע נאַכט האָבן די ווערסאַלער לייט אויפגעהערט צו שיסן, זיינען אומדערוואַרט אָנגעפאַלן אויף די פעדעראַליסטן און האָבן פאַר־נומען די טראַנשייען. דעם 30טן האָט דער פּאָרט, וועלכן מען האָט וועגן קיין זאַך ניט מודיע געווען און האָט קיין השגה ניט געהאַט וועגן דער עוואַקואַציע, — זיך אויפגעכאַפּט אַן אַרומגערינגלטער מיט א האַלבקרייז מצד די ווערסאַלער לייט. דער קאָמענדאַנט מעזשי איז צעטומלט געוואָרן, האָט געבעטן הילף און גאָרניט באַקומען. אין גאַרניזאָן איז געוואָרן א בהלה און די דאָזיקע פעּ־דעראַליסטן, וואָס האָבן אַזוי גוט איבערגעטראָגן דעם רעגן פון קוילן, האָבן זיך איצט דערשראָקן פאַר עטלעכע שיסער. מעזשי האָט צונויפגעזאַמלט א ראַט; ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן זיך צו עוואַקוירן. מען האָט בחיפזון פאַרקלאַפּט די האַרמאַטן, אָבער אַזוי שלעכט, אַז די דעקלעך זיינען דעמזעלבן אַוונט אַרויסגעריסן געוואָרן. א גרויסער טייל פון גאַרניזאָן איז אַרויס. עטלעכע מאָן

האבן אנדערש פארשטאנען זייער אויפגאבע און פליכטן און האבן געוואלט פארבלייבן, כדי מציל צו זיין זייער כבוד. בייטאג האט איינער פון די ווערסאלער אפיצירן זיי אויפגעפאדערט זיך אונטערצוגעבן אין משך פון א פערטל שעה אונטער דער דראונג, אז זיי וועלן דערצו געצוואונגען ווערן דורך געווער. זיי האבן ניט געענטפערט. די ווערסאלער לייט האבן ניט געוואגט אהין צו קומען.

פינף א זייגער אינאוונט זיינען קליוזערע מיט לא-סעסיליאן געקומען אין איסי מיט עטלעכע בחיפזון צונויפגעקליבענע ראטעס. זיי האבן צעשאטן א שיסער-קייט; אכט א זייגער זיינען די שיסרע ווידער אריין אין פארט. אונטער די טויערן פונם אריינגאנג האבן זיי געפונען דאס יינגל דיופרוא לעם א טאטשקע, וואס איז פול געווען מיט קוילן און הארמאטן-מאטעריאל. ער האט געוואלט ווערן אויפגעריסן, מיינענדיק, אז צוזאמען מיט אים וועט איצט דאס גאנצע געוועלב ווערן אויפגעריסן. אינאוונט האבן ווערמארעל מיט טרינקען געבראכט צו שלעפן אנדערע הילפס-מיטלען, און די פעדעראליסטן האבן אויפדאסניי פארנומען זייערע פאזיציעס.

תיכף ביי דער ערשטער ידיעה וועגן דער עוואקואציע, זיינען די נאציאנאלע גווארדייער געקומען אינם שטאטראט און געפאדערט א תשובה פון דער אויספיר-קאמיסיע. זי האט געזאגט, אז קיין שום פארארדענונג וועגן אפרוימען דעם פארט האט זי ניט ארויסגעגעבן און האט צוגעזאגט צו באשטראפן די בוגדים, אויב אזעלכע זיינען בכלל געווען. אינאוונט האט זי ארעסטירט קליוזערען, בעת ער האט זיך אומגעקערט פונם פארט איסי. ער האט פארלאזן דאס מיניסטעריום, האט איבערגעלאזט דעם מיליטערישן אמט אין נאך אן ערגערן מצב, ווי בשעת זיין איבערנעמען; די אפעראציע-ארמיי, וואס ער האט געהאט צוגעזאגט, איז ניט געווען פאראייניקט, די באוואפענונג און דאס פארזען מיט אמוניציע האט זיך קיין ריק ניט געטאן פאראויס; א קלענערע צאל מענטשן איז געווען באוואפנט, און דער פארט איסי איז געווען אין א טרויעריקן צושטאנד. זיין גאנצע אינעווייניקסטע פארטיידיקונג איז באשטאנען אין דעם, וואס ער האט אויף טראקאדערא אריינגעגראבן הארמאטן, וואס האבן, ווי ער האט געזאגט, געמאכט לעבער אין די פארפעסטיקונגען

פון מאָן־וואַלעריאַן. שפּעטער האָט ער זיך באַמיט אַרויפצוּוואַרפן די גאַנצע אחריות אויף זיינע חברים, באַהאַנדלט זיי, ווי טיפּשים, כּבוד־גייציגע, באַשולדיקט דעלעקליוזן אין שווינדל, האָט געטענהט, אַז זיין אַרעסט האָט געפּטרט דעם גאַנצן ענין, — און האָט באַשיידן זיך אָנגערופן „די פאַרקערפּערונג פונם פאָלק".

די דאָזיקע פּאַניק אין איסי האָט געשאַפן אַ קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלעכער זיכערהייט. דעם 28טן אַפּריל, סוף זיצונג, האָט זשול מיאָ, וועלכער האָט פאַרמאָגט איינע פון די הערלעכסטע בערד פון 48טן יאָר, זיך אויפגעהויבן, כּדי „אָן פּראַזעס" צו פאָדערן, אַז עס זאָל געשאַפן ווערן אַ קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלעכער זי־כערהייט, וועלכע זאָל האָבן אַ מאַכט איבער אַלע קאָמיסיעס און זאָל האָבן די פולמאַכט „אַפּצוהאַקן דעם קאָפּ יעדן פאַררעטער". בעת מען האָט פון אים געפאָדערט, ער זאָל אָנווייזן מאָטיוון, האָט ער גע־ענטפערט, אַז „ער האַלט דעם דאָזיקן קאָמיטעט פאַר נייטיק". אַלע האָבן מסכּים געווען, אַז מען דאַרף פאַרשטאַרקן דעם קאָנטראָל און די אַקטי־וויטעט, מחמת די צווייטע אויספיר־קאָמיסיע האָט אַרויסגעוויזן פּונקט אַזאַ אָנמאַכט, ווי די ערשטע; צו וואָס אָבער דעם נאָמען — קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלעכער רעטונג, אַ פּאַראָדיע פון דער פאַרגאַנגענהייט, אַ פּוהאַלע פון שוטים? עס האָט געקלונגען בייז־באַשערט אין דער דאָזיקער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, אין דעם דאָזיקן שטאָטראָט. פון וועלכן דער קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלעכער רעטונג האָט אַרויסגעריסן זשאַק רוען, שאָמעטן און די בעסטע פריינד פונם פאָלק. צום אומגליק, האָט דער רוב מנין פונם ראָט בלויז געהאַט דורכגעבלעטערט די געשיכטע פון דער רעוואָלוציע. דער הויכער נאָמען האָט זיי אַריינגעבראַכט אין התפּעלות. זיי זיינען גרייט געווען צו שטימען תּיכּף־ומיד, אין דער זעלבער זיצונג, ווען עט־לעכע ענערגישע חברים זאָלן ניט געווען דערינען שטערן, אַזעלכע, וואָס האָבן געפאָדערט, דער ענין זאָל באַטראַכט ווערן. „יאָ" — האָבן זיי געזאָגט, — „מיר ווילן, אַז עס זאָל זיין אַ מעכטיקע קאָ־מיסיע, אָבער מיר דאַרפן ניט האָבן קיין רעוואָלוציאָנערע נאָכ־מאַכונגען. זאָל די קאָמונע רעאָרגאַניזירט ווערן; זאָל זי ניט זיין מער קיין קליינער פּלוידער־פּאַרלאַמענט, וואָס מאַכט, לויטן

קאפריז פון זיין פאנטאזיע, היינט א תל פון דעם, וואס ער האט מיט א טאג פריער געשאפן". און זיי האבן פארגעלייגט צו גרינדן אן אויספיר=קאמיטעט. די שטימען זיינען געווארן גלייכוואגיק.

דער אינצידענט מיט איסי האט אנגערירט די גלייכהייט פון שטימען אין דער פארזאמלונג. דעם 1טן מאי איז מיט 34 שטימען קעגן 28 אנגענומען געווארן דער נאמען. בנוגע דעם פראיעקט אין זיין גאנצן פארנעם — 45 קעגן 23. א סך האבן געשטימט, ניט געקוקט אויף דעם נאמען, בלויז מיטן ציל צו שאפן א שטארקע מאכט. א סך האבן מאטיווירט, פארוואס זיי שטימען לטובת דעם פראיעקט. א טייל האבן געוואלט זיך אונטער=ווארפן דעם אימפעראטיוון מאנדאט פון זייערע וויילער. א טייל האבן געוואלט צווינגען „ציטערן די געמיינע לייט און בוגדים". אנדערע ווידער האבן פשוט געמאלדן, פונקט, ווי מיא, אז דאס איז א נייטיק מיטל. פעליקס פיא, וואס האט אנגעהעצט מיאן און האט היים געשטיצט דעם פארשלאג, כדי אפצוהיטן דעם כבוד פון די שרייערס. האט ארויסגערוקט אט אזא מין מעכטיקן ארגומענט: „פאר—צוליב דעם טעם, וואס דאסווארט „געזעל=שאפטלעכע רעטונג" איז נוגע אן שום ספק דער דאזיקער עפאכע, ווי די ווערטער „פראנצויזישע רעפובליק" און „פאריזער קאמונע". טרידאן האט אבער געענטפערט: „קעגן, מחמת איך האב ניט ליב קיין אומנייטיק און לעכערלעך אלטווארג". ווערמארעל: „קעגן, מחמת דאס איז בלויז א ווארט, און דאס פאלק צאלט צו טייער פאר ווערטער". וואלעס: „אין נאמען פון דער געזעלשאפטלעכער רעטונג האלט איך זיך אפ פון שטימען און פראטעסטיר". זיבעצן האבן קאלעקטיוו געמאלדן, אז זיי שטימען קעגן גרינדן א קאמי=טעט, וואס וואלט געבילדעט א דיקטאטור, און א סך אנדערע האבן אנגעוויזן אויף דעמזעלבן מאטיוו. דער דאזיקער מאטיוו איז, פארשטייט זיך, געווען נאיוו. די קאמונע האט אפגעהיט איר סוווערעניטעט אויף אזוי פיל, אז אין א וואך ארום האט זי אראפגעווארפן דעם קאמיטעט. די אפאזיציע האט זיך אפגעזאגט צו שטעלן די רשימה אויף דער אפשטימונג. „איך זע ניט קיין מענטשן, וואס מען זאל קענען אריינזעצן אין דעם קאמיטעט", —

האָט געזאָגט טרידאָן. „מיר קענען ניט“, — האָבן זיי אַלע געזאָגט, — „אויסקלייבן וועמען עס איז אין אַן אַנשטאַלט, וואָס מיר האַלטן פאַר אומניצלעך און שעדלעך... מיר האַלטן, אַז דאָס אָפּהאַלטן זיך איז דער איינציקער ווערדיקער, לאָגישער און פּאָליטישער אופן פון אויפפירן זיך“. אָ, יאָ! דאָס איז געווען לאָגיש, אָבער אָפּהאַלטן זיך אין רעוואָלוציע — הייסט שאַפן שאַנסן פאַרן קעגנער.

דאָס באַלאָטירן, וואָס איז אַזוי אַרום פאַראויס געוואָרן פאַרמשפּט, האָט געשאַפן אַ מאַכט, וועלכע האָט קיין שום אויטאָריטעט ניט פאַרמאָגט. עס זיינען געווען בלויז זיבן און דרייסיק שטימען. עס זיינען אויסגעוויילט געוואָרן ראַנוויע, אַנטואַן אַרנאָ, לעאָ מעליע, זשעראַרדען, פעליקס פּיאַ. די פאַרשפּרייטער פון אַלאַרמירנדיקע ידיעות האָבן זיך געקענט באַרויִקן. דער איינציקער, וואָס האָט באמת פאַרמאָגט ענערגיע, איז געווען ראַנוויע, אַ מענטש אַ גראָדליניקער מיט אַ הייס האַרץ, וואָס האָט זיך אָבער געפונען אין ממשלה פון זיין גוטסקייט, וואָס איז קאַליע געוואָרן דורך זיין שוואַכקייט.

אַ באַריכט וועגן דער דאָזיקער זיצונג איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין זייער אַ פאַרקירצטער פאָרם אין „אָפיסיעל“, וואָס האָט אַריינגענומען פונדעסטוועגן אויך די מאָטיווירטע מיינונגען. די פריינד פון דער קאָמונע, די מוטיקע לייט פון די טראַנשייען, פאָרטן, שלאַכטן, האָבן זיך דעמאָלט דערוואוסט, אַז דער שטאָטראַט האָט געהאַט זיין מינדערהייט. זי האָט זיך באַפעסטיקט גראָד צו דער צייט, בעת די ווערסאַלער לייט האָבן געעפנט זייערע דרומדיקע באַטאַרייעס. די דאָזיקע מינדערהייט, וואָס האָט אַנטהאַלטן אין זיך, אַחוץ אַן ערך צען אויסנאַמען, די אינטעליגענטסטע, די געבילדעטסטע מיטגלידער פון דער קאָמונע, איז קיינמאָל ניט מסוגל געווען אַריינצוגיין אין דער לאַגע *. דער גרעסטער טעות

* די מינדערהייט איז באַשטאַנען, לכל-הפּחות, פון 22 מיטגלידער: אַנדריע, אַרנאָלד, אַרטור אַרנו, אַווריאַל, בעלע, קלעמאַנס, וו. קלעמאַן, קורבע, פראַנקעל, ע. זשעראַרדען, זשורד, לעפראַנסע, לאָנגע, מאַלאָן, אָסטען, סעראַליע, טעיס, טרידאָן, וואַלעס, וואַרלען, ווערמאָרעל.

איז געווען, וואס מען האט געגלייבט אין איר פעסטן מעמד, — אזוי ווייט, אז דאס צאלן פון דער קאמונעס פריערדיקע חובות איז אפגעלייגט געווארן אויף דריי יאר. די מינדערהייט, וואס האט זיך אלץ נאך ניט אפגעזאגט פון גוזמאות, האט קיינמאל ניט געוואלט פארשטיין, אז די קאמונע איז געווען בלויז א באריקאדע. א טייל האבן געטראגן זייערע פרינציפן אויף דער שוץ־בלעך, ווי דעם קאפ פון מעדוזע, און וואלטן אפילו פארן נצחון קיין הנחות ניט געמאכט; זיי האבן געזאגט: „מיר זיינען געווען אויפן צד פון דער פרייהייט בעת דער אימפעריע, — צוליב מאכט וועלן מיר פון זיך אליין זיך ניט אפזאגן".

אפילו אין גלות האבן א טייל געזאגט, אז די קאמונע איז אונטערגעגאנגען צוליב אירע זעלבסט־הערשערישע שטרעבונגען. אנשטאט דעם, אז מען זאל אויסנוצן דעם שכל אויף מנצח צו זיין די מערהייט, אויף שלום צו שליסן מיט די אומשטענדן און מיט די שוואכקייטן פון די חברים, האבן זיי זיך פארטיפט אין זייערע אוטאנאמיסטישע פרינציפן און געווארט, אז אלע זאלן זיך אן זיי אנשליסן, ווי דאס האט געטאן טרידאן. די באלאגערונג האט באקענט מיט אים די פאלקס־מאסע.

זיינע ארטיקלען אין דער צייטונג „דאס פאטערלאנד אין סכנה", וואס מען האט געקענט גלייכן צו בלאנקיס ארטיקלען לויט דער קראפט, זיינע עלעגאנטע און בייסיקע רעדעס אויף די געזעלשאפטלעכע פארזאמלונגען, האבן אים געשאפן 65 טויזנט שטימען אין פעברואר. אויסגעקליבן אין קאט־ד'אר, וואו ער האט געהאט א סך ערד, האט ער פארלאזן די באָרדאָער פארזאמלונג, נאכדעם, ווי די פאלשע אפשטימונג איז פארגעקומען. אין שטאט־ראט האט ער גערעדט זעלטן און שטימונגסווייז; בטבע א מענטש אן איבערגעלייגטער, אבער אויך פונקט אזוי רעוואלוציאנער געשטימט, האט ער געפילט אן עקל צו די אלע בארימערס, און בעת ער האט דערזען די אייטלקייט פון די ראמאנטיקער, דעם דלות פון זיינע פריערדיקע פריינד — די בלאנקיסטן, האט ער מיט זיי איבערגעריסן און קיינעם מיט זיך ניט מיטגעשלעפט. זיין היציקער, אומצוטרייליבער כאראקטער, וואס איז דערצו נאך מער

פארשטארקט געוואָרן דורך דער שווערער קראנקהייט זיינער, פון וועלכער ער איז שפעטער, נאכן פאלן פון דער קאמונע, געשטאָרבן, איבערלאָזנדיק בירושה זיין גאנץ פארמעגן דער זאך, האָט אים געמאַכט אומפעיִק מיטצורייסן די מוחות.

די דאָזיקע ראָלע האָט גערייצט ווערמאָרעלן. אן ארעסטירטער נאכן 31טן אָקטאָבער, האָט ער געוואָרפן אן ארויסרוף די לייט פון 1848 און געפאָדערט פון זיי, אז זיי זאָלן איצט, בעת די דאָקומענטן פון דער אימפעריע געפינען זיך אין זייערע הענט, באגרינדן די רכילות, מיט וועלכע מען האָט אים פארפאָלגט. נאָך דער באלאגערונג, בעת ער איז געוואָרן באהערשט פון א שטארקן טרויער, ווי א סך אנדערע, איז ער אוועק צו זיין מוטער אין דער פראָווינץ און די מאַנמאַרטרער ווײַלער זיינען אים נאָך אהין. די אטמאָספערע פון דעם סאָציאלן שלאַכט האָט אים ווידער באגייסטערט. ער האָט זיך אַן אַ קאָפּ איבערגעגעבן דער זאך. ער איז געווען בטבע אן אומגעהייער טיכטיקער און ארבעטזאמער, איז ער פונם ראט בלויז געגאנגען אויף די פארפאַסטנס. א סך מאָל האָט זיך פארשפרייט א קלאנג, אז ער איז געשטאָרבן. ניט געקוקט אויף דער דאָזיקער גליקלעכער צונויפפאָרונג פון געזונטן שכל מיט מוטיקייט, האָט ער קיין השפעה זיך ניט געקענט דערווערבן. זיין אויסערלעכער אויסזען האָט אים אוועקגעפטרט. ער איז געווען צו הויך, אומגעשיקט, מיט אומזיכערע באוועגונגען, מיט א פיגור און האָר פון א סעמינאַריסט, מיט א שנעלער שפראך, וואָס האָט געמאַכט אן איינדרוק, ווי זי וואָלט זיך שלאָגן מיט דער דעה, האָט ער לחלוטין ניט געהאַט דעם כוח המושך פאר מענטשן.

די מערהייט האָט געהאַט א סך ערנסטע מענטשן, וואָס זיי האָט געקענט אריבערציען אויף זיין צד א קלאָר און איידל פראָגראַם; דער פעדאַנטיזם פון דער מינדערהייט האָט אָפּגעשטויסן אַזעלכע מענטשן.

פיאַס הינטישע שטיק האָבן שוין צו דער רעשט געפטרט דאָס עסק.

דעלעקליוזס קראנקהייט, וואָס האָט אים אָפט צוגעשמירט צום בעט, האָט געמאַכט מעגלעך אינגאנצן זיינע קונצשטיק. דע-

לעקליוז האט גערעדט בלויז לטובת דער פאראייניקונג; פיא
ווידער וואלט ליבערשט געזען פאר זיך דעם טויט פון דער קא-
מונע, איידער זי זאל ניצול ווערן דורך די יעניקע, וואס ער האט
פיינט געהאט תכלית שנאה. און פיינט האט ער געהאט אלע,
וואס האבן געלאכט פון זיינע שטותים. פאר אים איז ניט וויכטיק
געווען אפצורויבן ביי דער פארזאמלונג דעם כבוד, אויב ער איז
בלויז בכוח געווען נקמה צו נעמען פאר זיין באליידיקטן שטאלץ.
ער איז געווען א מאדים אויף פרעכע שקרים, האט געקענט אויך
לאזן אין גאנג א נידערטרעכטיקע רכילות, דערנאך פלוצלונג ווייך
ווערן, עפענען די ארעמס, אויסשרייען: „לאמיר זיך ארומנעמען!"

אין זיין ציייטונג האט ער אינסינויִרט, אז זשורד צאלט ניט זיינע חשבונות, און נאכדעם ווי ער האט באקומען פון זשורדן אין באק, האט ער געגעבן זיין ערן-ווארט, אז ער האט חלילה ניט בדעה געהאט אים צו פארטשעפען. איצט האט ער באשולדיקט ווערמא-רעלן אין דעם, אז ער האט פארקויפט זיין ציייטונג „דער פראנ-צויזישער קוריער" דער אימפעריע, פארלייגנדיק זי פריער די ארלעאניסטן. אים האט מען קיינמאל אויף די פארפאסטנס ניט געזען, אבער מיט זיין געגנגעלע פון אן אלטן סעלאדאן איז ער אומ-געקראכן איבער די קארידארן, איבער די קאמיסיעס, אמאל ליב-לעך, מיט חניפה, — אמאל פאטריארכאליש.

„די קאמונע — דאס איז מיין קינד! איך האב זי אפגעהיט צוואנציק יאר, זי אויפגעצויגן, איך האב זי געוויגט".

אויב מען זאל זיך צוהערן צו זיינע רייד, קומט אים א יישר-כוח פאר דעם 18טן מערץ. „איך פארמאג ניט", — האט ער געזאגט, — „מאראטס ענערגיע, איך האב אבער זיין פארזיכט, איך בין א פריינד פונם פאלק". און ער האט ניט געוואוסט, אז מאראטס מעלות זיינען געווען געזונטער, רעוואלוציאנערער שכל און קלארקייט פון מוח, אז מאראט איז געווען אן ערלעכער און געטרייער פירער פון פאלק און האט זיך ניט ארויסגעדרייט פון טויט.

די בלאנקיסטן האבן בשתיקה געמאכט פון פיאן חוכא-ואיטלולא. זיי האבן זיך אבער מיט אים באנוצט, כדי איינצוהאלטן

די ראָמאַנטיקער און צוימען די סאָציאַליסטן, וואָס זיינען געווען צו גרויסע קריגערס. פון דעמאָלט אָן איז פון די מיינונגס=פאַרשיידנקייט געוואָרן אַ שנאה. דער זיצונגס=זאַל איז געווען אַ קליינער, מיט אַ שלעכטער ווענטילאַציע און איז געווען אומרויק, צוליב דעם גערויש פון דרויסן. די לופט איז גיך געוואָרן אָנגעוואַרעמט, וואָס עס האָט ארויסגערופן אַ פיבערדיקע אויפרעגונג צווישן די אָנוועזנדיקע. דער קאָנפליקט — די סיבה פון דער מפלה — האָט זיך פונאַנדערגעפלאַקערט.

ער האָט זיך גענדיקט, דאָך, — זאָל עס דאָס פאָלק אַזוי ווייסן, ווי זייערע טעותן, — בעת זיי האָבן אַ טראַכט געטאָן וועגן פאָלק, בעת זייערע נשמות האָבן זיך דערהויבן איבער די אומגליקלעכע פערזענלעכע קריגערייען. זיי זיינען נאָכגעגאַנגען נאָך דעם פילאָסאָף פיער לערום מיטה, וואָס האָט פאַרטיידיקט די מורדים אין יוני, זיי האָבן געהייסן אַ תל מאַכן פון דער קירך ברעאַ, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן לזכרון פאַרן בוגד, וואָס האָט ערלעך פאַרדינט זיין פסק, די קירך פון דעם אויסלייזערישן דענקמאָל, וואָס באַליידיקט די רעפובליק, און האָבן פאַראיידלט דעם איטאַליע=פלאַץ מיט דעם נאָמען דיוואַל.

אַלע סאָציאַליסטישע דעקרעטן זיינען דורכגעגאַנגען איינשטימיק, מחמת ביי זייער גאַנצער שטרעבונג צו סיכסוכים, זיינען זיי פאָרט אַלע געווען סאָציאַליסטן.

דער ראַט איז געווען איינשטימיק דעמאָלט, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין אַזאַ זאַך, ווי ארויסוואַרפן צוויי מיטגלידער, וואָס מען האָט בנוגע זיי אויפגעוויזן בגידה *.

און קיינער, אפילו בעת דער גרעסטער סכנה, האָט ניט געוואַגט אפילו אַ פיפסצוטאָן וועגן קאַפיטולאַציע.

* בלאַנשע — אַן עקס=קאַפוצינער, אַ באַנקראָטירטער מאַן; עמיל קלעמאַן, וואָס האָט בעת דער אימפעריע פאַרנעליינט זיין דינסט דער פאָליציי. פאָול ריגאָ האָט גוט אויסגעפאָרשט די דאָקומענטן פון דער פרעפעקטור

צוואַנציקסטער קאַפּיטל

רּאָסעל פּאַרבּייט קליווערן. — עס צעפּלאַקערט זיך די קאָנקורענץ. — סיכסוכים אין דער קאָמונע. — ראָסעל גייט אין קליווערעס דרכים. — די פאַרטיידיקונג פון פּאָרט איסי.

דער לעצטער אקט פון דער צווייטער אויספיר־קאָמיסיע איז געווען דאָס באַשטימען ראָסעלן אַלס דעלעגאַט פון דעם מלחמה־מיניסטעריום. אינאָוונט דעם 30טן האָט זי געשיקט נאָך אים. ער איז געקומען צו לויפן, האָט דערציילט די געשיכטע פון די באַרימטע באַלאַגערונגען, האָט מבטיח געווען צו מאַכן פּאַריז אומ־צוטריטלעך, האָט באַצויבערט דיזעלבע מענטשן, וואָס האָבן גע־טראַכט אים צו האַלטן אונטערן שליסל. קיינער האָט פון אים קיין אויסגעאַרבעטן פּלאַן ניט געפאָדערט און דאַ טאַקע איז אויף דער זיצונג פאָרגעקומען די באַשטימונג. ער האָט געשריבן צו דער קאָמונע: „איך נעם אויף זיך די דאָזיקע שווערע פליכטן, איך נייטיק זיך אָבער אין אייער ענערגישער מיטהילף, כדי ניט צו פאַלן אונטער דער משא פון די אומשטענדן”.

ראָסעלן זיינען די דאָזיקע אומשטענדן געווען גוט באַקאַנט. ער איז שוין פינף־און־צוואַנציק טעג געווען שעף פונם הויפּט־שטאַב, האָט ער בעסער, ווי ווער עס איז אין פּאַריז, געוואוסט וועגן דעם מעמד פון די מיליטערישע כוחות, וואָס געפינען זיך אין רשות פון דער שטאָט. ער האָט געקענט כמעט אַלע מיט־גלידער פון דער קאָמונע, פונם צענטראַל־קאָמיטעט, פון די הויפּט־אָפיצירן, דעם מענטשנבאַשטאַנד פון חייל, דעם כאַראַקטער פון די חיילות, וואָס ער האָט גענומען אונטער זיין קאָמאַנדע. ער האָט אָנגעהויבן פון אַן אומטאַקטישער מעלדונג אין זיין ענטפער דעם ווערסאַלער אָפיציר, וואָס האָט געמאָלדן די פאָדערונגען

צום פּאַרט איסי: „טייערער חבר, דאָס ערשטע מאָל, וואָס איר וועט אייך ערלויבן צו שיקן אונז אזא באַליידיקנדיקע פאָדערונג, וועל איך הייסן אייער פּאַרלאַמענטער שיסן... אייער איבערגעגעבענער חבר״... די דאַזיקע וואוילערישקייט האָט געשמעקט מיט קאָנדאַטיער. ער האָט זיך ניט צוגעהערט צו דער נשמה פון פּאַריז, צו דער גרויסער שטאָט, דער מענטש, וואָס דראָט צו שיסן אַן אומשולדיקן, וואָס שיקט די ווערטער „טייערער״ און „איבערגעגעבענער״ חבר גאַליפעס אַ מיטאַרבעטער.

קיינער איז ניט געווען אזוי ווייט פון דער שטאָט, פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע. ער האָט זיך איינגערעדט, אַז די צייטונג „פּער דישען״ איז געווען די שטים פונם אַרבעטער און האָט זיך געפּלעגט האַלטן עצות מיט איר רעדאַקטאָר ווערמעשן, אַ מענטש, וואָס איז בטבע געווען אַ סקעפּטיקער און אַ בעל־גאווה דערצו. ער האָט קוים באַוויזן אַריינצוטרעטן אין מיניסטעריום, האָט ער שוין גערעדט וועגן דעם, אַז מען מוז די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע איינאָרדענען אין די קאַזאַרמעס, שיסן די דעזערטירן. ער האָט געוואָלט צעטיילן די לעגיאָנען, מאַכן פון זיי פּאָלקן, פאַר וועלכע ער וואָלט אַליין באַשטימט קאָמאַנדירן. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט פּראָטעסטירט, די באַטאַליאָנען האָבן זיך באַקלאָגט פאַר דער קאָמונע, וואָס האָט אַרויסגערופן ראָסעלן. ער איז געקומען דעם 2טן מאַי און האָט דורכגעמאַכט אַ מין עקזאַמען. דער זקן מיאָ האָט אים געשטעלט אַ פראַגע, וואָסער דעמאָקראַטישן עבר האָט ער הינטער זיך. „איך וועל אייך דאָ ניט דערציילן קיין מעשיות״, — האָט ראָסעל געענטפערט, — „וועגן דעם, אַז איך האָב טיף דורכגעשטודירט די סאָציאַלע רעפאָרמעס, מיך שרעקט אָבער די געזעלשאַפט, וואָס האָט אזוי נידערטרעכטיק פאַרראַטן פראַנקרייך. איך ווייס ניט, ווי אזוי עס וועט אויסזען די קומענדיקע סאָציאַליסטישע אָרדענונג; איך האָב זי אָבער ליב, באַצי זיך צו איר מיט צוטרוי, — זי וועט בכל אופן זיין וויכטיקער פאַר דער אַלטער אָרדענונג״. דערנאָך איז ער איבערגעגאַנגען צום תוך, האָט געגעבן ערקלערונגען וועגן דעם פּאַרט איסי, האָט פאָרגעשטעלט זיין פּלאַן וועגן דעם אָרגאַניזירן פּאָלקן מיטן טאָן פון אַ מומחה,

אין אַן איינגעהאַלטענער רעדע, וואָס איז ערטערווייז געווען אַזוי געלונגען געבויט, אַז די פאַרזאַמלונג איז געווען אַנטציקט. „אייערע אויפריכטיקע ערקלערונגען האָבן באַפרידיקט די קאָמונע", — האָט אים געזאָגט דער פאָרזיצער, — „זייט זיכער אין איר אומבאַדינגטער מיטהילף".

דער צענטראַל-קאָמיטעט האָט זיך ניט געהאַלטן פאַר באַזיגט; צומאַרגנס האָט ער, נאָך אַ ישוב-הדעת מיט די לעגיאָן-שעפן, — געשיקט זיי אין שטאָטראַט. ראַסעל האָט זיך דערוואוסט וועגן דעם פּלאַן און געהייסן איינעם פון זיי אַרעסטירן. די איבעריקע זיינען געקומען אינם קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלעכער רעטונג מיט די שווערדן ביי דער זייט און, — ניט געפינענדיק קיינעם, געלאָזן אַזאַ מין קליין צעטעלע: „דער קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלעכער רעטונג וועט אויפנעמען דעם צענטראַל-קאָמיטעט פינף אַ זייגער". פעליקס פּיאַ איז צוריקגעקומען, געפונען די דאָזיקע פאָדערונג און איז געקומען אין אַ פאַרלעגנהייט צו דער קאָמונע מיט דער פראַגע, וואָס צו טאָן. די קאָמונע איז געוואָרן אויפגערעגט פון דעם צענטראַל-קאָמיטעטס באַליידיקנדיקער אויפפירונג און האָט אים געענטפערט, אַז דער קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלעכער רעטונג פאַרמאָגט מאַכט און קען אים ענטפערן.

דער קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלעכער רעטונג וויל אָבער בשום אופן ניט נעמען אויף זיך די אחריות. צומאַרגנס פרעגט ער זיך ווידער אַן עצה צוליב עפּעס אַ פּראָיעקט פון אַן אויסגלייך, וואָס איז פאָרגעשטעלט געוואָרן דער קאָמונע און אין ווערסאַל דורך דער וואוילסטער „ליגע פון די פּאַריזער רעכט". „איך בין פאַרחידושט", — זאָגט פּאַסקאַל גרוסע, — „וואָס דער קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלעכער רעטונג האָט אונז איבערגעלייענט דעם דאָזיקן באַליידיקלעכן אולטימאַטום; דער איינציקער ווערדיקער ענטפער דערויף — איז אַרעסט און שטראָף פאַר די מחברים זיינע"; ער זאָגט זיך אַרויס פאַר אַ פאַרוואורף דעם קאָמיטעט. „זאָל ער ווערן צו נישט!" — זאָגט אַ צווייטער. „מהיום והלאה", — זאָגט ראַגוניע, — „ווילן מיר אָננעמען באַשלוסן און זיך פריער מיט אייך זיך ניט באַראַטן". קורץ גערעדט, די קאָמונע

פאררופט זיך נאך אויף א דעקרעט, וואס גיט איבער דעם קאָמיטעט די פולע מאכט. פעליקס פיא גיט זיך תיכף אפּ אין דעמיסיע. טרידאָן רייסט אים איבער. „בירגער פיא — זאָגט זשאַאנאר, — איז געווען איינער פון די הויפּט־איניציאַטאָרן אין דעם קאָמיטעט, לייג איך פאר צו מאכן א פארוואורף דעם בירגער פיא, וואס גיט זיך יעדן טאג אָן אין דעמיסיע, כדי ווידער אמאל און נאכאמאל אהער זיך אומצוקערן". פיא ענטפערט: „איך באגעגן דא א שנאה, וואס האט א ריין־פערזענלעכן כאראקטער". וואלעס שרייט אוים: „איך וואלט אויף פיאס אָרט זיך פון אמט ניט אָפּגעזאָגט". פיא זאָגט: „גוט! איך פאדער אויפריכטקייט. זאלן אלע, וואס פאלן אויף מיר אָן, די בירגער טרידאָן, זשאַאנאר, ווערמאָרעל, נעמען זייערע באליידיקונגען צוריק, וועל איך ניט נאכטראָגן קיין שום שנאה־דערמאָנונג וועגן דעם טרויעריקן אינצידענט (עס רייסן אים איבער אויסגעשרייען); איך פאדער, אז אלץ זאל ווערן צו נישט געמאכט, — צו אלעם זאל ווערן א סוף, — זאל דער עבר זיך זיין עבר". ווערמאָרעל האט געענטפערט: „מען דארף, אז אלץ זאל זיין קעגנזייטיק; איך האב אָפן ארויםגעזאָגט מיינע סימפּאטיעס צום בירגער פיא דעם 31טן אָקטאָבער. בעת ער האט דעמאָלט נאך צום ערשטן מאל זיך אָנגעגעבן אין דעמיסיע, האב איך ניט געפונען דערצו קיין שום יסוד, — און איך האב דאס געזאָגט. בעת עס האט זיך געהאנדלט אין שליסן די צייטונג „דער געזעלשאפטלעכער וואוילשטאנד", האט דער בירגער פיא דא געשטיצט די שליסונג, — אין זיין צייטונג אָבער האט ער פּראָטעסטירט קעגן דעם; איך האב באצייכנט די דאזיקע סתירה; אָנשטאט א תשובה האט בירגער פיא מיך באשולדיקט אין דעם, אז איך שטיי אין באציִונגען מיט רוע, און די מאָנמארטרער וויילער האבן געפאָדערט פון מיר א דין וחשבון; זיי האבן מיך אהער געשיקט, ווייסנדיק, אז איך בין לחלוטין ריין. ס'איז נייטיק, אז די פארזאמלונג זאל סוף כל סוף וועגן דעם זיך דערווייסן; עס עקסיסטירט מערקאדיעס א רעפּעראט (מען רייסט אים איבער). איך וויל אויפקלערן... אין די דאָקומענטן פונם 4טן סעפּטעמבער איז געפונען געוואָרן רועס קאָרעספּאָנדענץ, וואו ער

דריקט אוים זיין באַדויערן, וואָס איך בין פאַרמשפּט געוואָרן בלויז צו פינף הונדערט פראַנק שטראָף פאַר אַ ציַיטונגס=אַרטיקל; דאָס האָט אים אויסגעוויזן צו זיין סקאַנדאַליעז. דער בירגער פּיאַ האָט געפונען מערקאַדיעס באַריכט, אין וועלכן ער זאָגט, אַז איך בין, „ווי באַוואוסט”, רועס אַן אַגענט. און דאָס איז געשען אופן סמך פון מסירות פון עפּעס איינעם אַ לוסיען מאָרעל, אַ געמיינעם לומפּ, וועלכן איך האָב שוין אָנגעוויזן מיינע פריינד. ווען פּיאַ זאָל געווען פאָדערן פון מיר ערקלערונגען, וואָלט איך אים זיי געווען געגעבן”. — מאַלאָן זאָגט: איך בין געווען איינער פון די זשורי=מיטגלידער ביים פּראָצעס צווישן ראָשפאָרן און ווערמאָרעלן. איך שטיל פעסט, אַז איך האָב קיינמאָל ניט געזען קיין פאַקטן, וואָס זאָלן ערלויבן צו ריידן וועגן ווערמאָרעלן, ווי וועגן רועס אַן אַגענט. אַ סך שטימען: „גענוג! גענוג!” טרידאָן און זשאָאַנאַר זאָגן, — איינער, — אַז ער איז געווען אויפגערעגט; דער צווייטער — אַז ער האָט ניט באַליידיקט פּיאַן. דער לעצטער ענטפערט, אַז מען האָט אים נאָר=וואָס באַשולדיקט אין געמיינהייט, אַז מען האָט בנוגע זיין דעמיסיע באַנוצט דאָס וואָרט אָפּטריניקייט, אַז ווערמאָרעל האָט אַריינגעשטופּט אין ראָשפאָרס ציַיטונג רכילות, — ער מיינט דעם אינצידענט מיט דער קוילן=באַרזשע, — און פאַרענדיקט זיין רעדע: „איך פאָדער, אַז די קאָמונע זאָל אָפן ערקלערן, אַז איך בין אַן ערלעכער מאַן”. פון אַלע זייטן הערן זיך שטימען: „די דאָזיקע וויכּוחים זיינען זייער באַדויערנסווערט”. פּיאַ שטייט אויף. געשרייען: „צום סדר=היום!” דעם אינצידענט פּיאַ=ווערמאָרעל האָט מען באַשלאָסן אין „אָפּיסיעל” ניט צו פאַרעפנטלעכן. די באַריכטן, וואָס זיינען תּחילת געדרוקט געוואָרן אין „אָפּיסיעל”, זיינען על=פּי=רוב געווען קורצע, צוגעלייגטע, וואָס האָבן זייער בלאָס אָפּגעשפּיגלט די וויכּוחים. מען האָט זיך נאָך אַלץ געאַמפּערט, בעת מאָרטיע איז אָנגעקומען און דערציילט וועגן דעם אומדערוואַרטן צופאַל אין מולען=סאַקע. די פעדעראַליסטן, וואָס האָבן קיין גוטע קאָמאַנדירן ניט געהאַט און זיינען געווען פאַרמאַטערט, זיינען ניט געווען צוגעגרייט צו כּל המינים צופעליקייטן. די שרעקלעכסטע צופעליקייט איז פאַר=

געקומען פונקט אין דער נאכט פונם 3טן אויפן 4טן אין שוצ-גרוב מולען-סאקע, וואס איז צו דער צייט פארנומען געווען דורך פינף הונדערט מאן. זיי זיינען געשלאפן אין די ביידלעך, בעת די ווערסאלער ליט האבן באזייטיקט די שמירה, זיינען אריין אין דער פארשאנצונג און האבן אויסגעהרגעט פופציק מאן פעדעראליסטן. די זעלנער האבן נאך דערצו צעשניטן די טויטע קערפערס, האבן צוגענומען פינף הארמאטן און צווייהונדערט געפאנגענע. דער קאמאנדיר פון דער 55טער אפטיילונג איז פארמשפט געווארן פאר ארויסגעבן דעם לאזונג.

די פארזאמלונג האט געבילדעט פון זיך א געהיימען קאמיטעט און האט גערופן צו זיך ראסעלן. ער קומט, באשרייבט די לאגע פון איסי, אז דער אומדערוואַרטער פאל אין מולען-סאקע איז א פועל-יוצא פונם קאמיטעט פאר געזעלשאפטלעכער רעטונגס-מעשים, פון דעם קאמיטעט, וואס האט ווראבלעווסקין און דאמבראווסקין געהייסן מאכן אן אנגריף צום פארט איסי; ער לייקנט איבער ווראבלעווסקיס דעפעשע. בכלל, איז דאס ניט דער איינציקער פעלער פונם קאמיטעט. דאמבראווסקי האט, אן ראסעלס וויסן, באקומען די הויפט-אנפירונג מיט דער מיליטערישער אקציע און האט באדארפט איבערלאזן נעילי אין די הענט פון א דרייסטן מענטש, אבער ניט ביי א שלעכטן קאמאנדיר, וואס האט דערלאזן, מען זאל אים אומגיין. „ביי די דאזיקע באדינגונגען", — פארענדיקט זיין רעדע ראסעל, — „קען איך ניט נעמען אויף זיך די אחריות, און איך פאדער, אז די זיצונגען זאלן פארקומען עפנטלעך". פעליקס פיא זאגט: „מיין ענטפער איז א פשוטער: ניט דער קאמיטעט פון געזעלשאפטלעכער רעטונג, ניט איך אליין האבן געהתמעט דעם באפעל, אז ווראבלעווסקי זאל מאכן אן אנגריף אויפן פארט איסי; דאס איינציקע רעוואלוציאנערע מיטל, וואס מיר האבן פארגענומען, איז געווען דאס חרוב מאכן דעם פאריזער פלאץ". ראסעל שרייט אויס: „דאס איז א צעשטערעריש מיטל; בירגער פיא האט נאך ניט געזאגט, צי ער האט איבערגעגעבן דאמבראווסקין די פולע מאכט ביים דורכפירן די מילי-

טערישע אָפעראַציעס". — פיאַ: „דאָס דורכפירן יאָ, אָבער דאָס אָנפירן איז געבליבן אָנפאַרטרויט דעם בירגער ראָסעלן".

בעת דער נאַכט-זיצונג האָט טרידאָן געמאָלדן, אַז ער האַלט די פאַקטן, וואָס ראָסעל האָט דעמאַסקירט, פאַר זייער ערנסטע; ווערמאָרעל זאָגט, אַז דער קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלעכער רע-טונג איז ניט מער, ווי אַ קאָמיטעט פון קעגן-אַקציע; פעליקס פיאַ מאַכט אַ פאָרמעלע מסירה אויף דעם אָפוועזנדיקן ראָסעלן. אַרטור אַרנו זאָגט: „אויב דער קאָמיטעט האָט ניט אַרויסגעגעבן קיין פאַראָרדענונגען, מחמת ראָסעל לייקנט אָפּ, אַז אַזעלכע זאָלן האָבן אַרויסגעגעבן ווערן, — פאַרוואָס-זשע זיינען דאָמבראָווסקי מיט וורָאָבלעווסקין ניט אַרעסטירט?" פיאַ לייקנט ווייטער אָפּ; ווער-מאָרעל באַווייזט מיט ראיות, אַז דער קאָמיטעט האָט איבערגע-כאַפּט די מאָס אין זיינע מעשים. די וויכּוחים, וואָס זיינען געווען זייער לעבהאַפט, האָבן זיך פאַרענדיקט ערשט האַלב איינס ביינאַכט.

צומאָרגנס קומען זיי ווידער פאַר. אַרנו לייענט אַ קאָפּיע פונם באַפעל, וואָס איז געשיקט געוואָרן צו וורָאָבלעווסקין. דער באַפעל איז געחתמעט דורך: לעאָ מעליע, אַ. אַרנו, פעליקס פיאַ. לעאָ מעליע ווערט זיך מיט זייטיקע אַרגומענטן. „ניט דאָס געבן וורָאָבלעווסקין דעמיסיע האָט גורם געווען דעם פּלוצלונגן אָנפאַל, נאָר בגידה". — אוּוריאַל: „דאָ איז פאַרהאַן עפּיס אַ שקר, וואָס מען דאַרף דעמאַסקירן". מען שיקט נאָך פעליקס פיאַ. בינתּים פאָדערט פאַריזעל אויף צו אַן ענטפער דעם געהיימען קאָמיטעט און זאָגט: „איך קען תּיכּף ומיד..." דער פּראָטאָקאָל האַקט זיך בײַ די ווערטער איבער. דעם 23טן אַפּריל האָט דער דאָזיקער מאָדנער מענטש פאַריזעל געפאָדערט, אַז דער קאָמיטעט זאָל, באַנוצנדיק אַלע מיטלען פון דער וויסנשאַפט אינם קאַמף מיט די ווערסאַלער לייט, שאַפן פון קאָמפעטענטע מענטשן אַ ניי מיני-סטעריום, וואָס אַליקס האָט אין התלהבות אָנגערופן: „דאָס מיני-סטעריום פון פּראָגרעס", — און דאָס האָט אַרויסגערופן אַ סך געלעכטער. פאַריזעל זאָגט, אַז עס איז נייטיק אַן ענערגישער מענטש, כּדי דורכצופירן אַן אויספאָרשונג. עס קומט פעליקס פיאַ. מען זאָגט אים וועגן דעם פּאַפּיר, וואָס איז געשיקט געוואָרן צו

דאמבראָווסקין. „איך בין זיך מודה", — זאָגט ער, — „צו מיין שאנד, אז איך געדענק לגמרי ניט וועגן דעם פּאַפּיר". מען לייגט עס אים אנידער פאר די אויגן: „דאָס איז אייער חתימה, ניט אמת?" — פּיאַ זאָגט: „איך האָב ניט גערעכנט, אז אויפשרייבנדיק די צוויי שורות אונטער דעם פּאַפּיר, חתמע איך אַ באַפעל צו וורא‌בלעווסקין". ארטור ארנו לייענט איבער אַ סך מיליטערישע באַפעלן, וואָס דער קאָמיטעט פאר געזעלשאַפטלעכער רעטונג האָט ארויסגעשיקט. לאַנזשעוועו זאָגט: „זאָל די פארזאַמלונג באַשליסן, אויף וויפל זי קען האָבן צוטרוי צום קאָמיטעט, וואָס האָט בפירוש געלייקנט, אז ער זאָל האָבן ארויסגעגעבן באַפעלן, וועלכע ס'איז היינט שוין אוממעגלעך צו לייקענען". זש.-ק. קלעמאַן: „מען טאָר ניט האָבן אַזאַ שלעכטן זכרון, בירגער פּיאַ; איך וואָלט געהאַלטן, אז איר זייט מחויב זיך אַנצוגעבן אין דעמיסיע". פּיאַ זאָגט: „איך האָב שוין אָנגעגעבן... און איך בעט זיך רחמים, די פארזאַמלונג זאָל זי אָננעמען... בכלל, היות היינט צו טאָג קענט איר מיר שוין ניט גלייבן, בין איך געצוואונגען זיך אָפּצוזאָגן פון די פליכטן, וואָס איר האָט מיר אָנפארטרויט. פערע פאָדערט, אז מען זאָל צונויפרופן אַלע מיטגלידער פונם קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלעכער רעטונג. די וויכוחים באַקומען אַ צווייַיקן כאַראַקטער. „און וואו איז ערגעץ קליוזערע?" — פּיאַ: „איך ווייס ניט, דאָס איז אַ נוס, וואָס איז נעלם געוואָרן אינם בעכער פון די קונצנמאַכערס פון דעם אויספיר-קאָמיטעט". — אַנדריע, איינער פון די מיטגלידער פון דעם דאָזיקן קאָמיטעט, ענטפערט: „דאָס דאַרף מען אייגנטלעך ביים קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלעכער רעטונג פאָדערן אַ דין-וחשבון". פּיאַ זאָגט: „ניין, איר זייט מחויב צו געבן חשבון". (אַ לאַנגדויערנדיק גערויש).

בינו-לבינו, האָט ווערסאַל טריומפירט צוליב דער שחיטה אין מולען-סאַקע; הער טיער האָט געמאָלדן וועגן דעם „עלעגאַנטן פלוצלונגן אָנפאַל" — אויפן סמך פון איינעם אַן אָפיצירס אַ בריוו — אין אַ שפּאַסיקער דעפּעשע, וואו ער האָט געזאָגט, אז עס זיינען דערהרגעט געוואָרן צוויי הונדערט מאַן, די איבעריקע האָבן אַזוי שנעל געמאַכט פליטה, אז די פיס האָבן זיי קוים דער-

יאָגט; אַט=דאָס איז דער נצחון, וועגן וועלכן די קאָמונע קען מודיע זיין אין אירע ביולעטענען". די געפאַנגענע, וואָס זיינען אוועקגעפירט געוואָרן אין ווערסאַל, זיינען געוואָרן איינגעריכט מיט שמוץ דורכן המון, וואָס איז נאָכגעלאָפן יעדן צוג, כדי צו באַשיטן מיט קלעפּ און צו באַשפּייען די פּאַרטיידיקער פון פּאַריז. ער איז געווען אויף אַזוי פיל דרייסט, אַז ער האָט בלויז געקענט אויסהערן די שאָסן פון די האַרמאַטן, וואָס האָבן באָמבאַרדירט איסי.

די ווערסאַלער לייט האָבן ווידער מיט באַסט גענומען שיסן. די גראַנאַטן האָבן דורכגעלעכערט בנינים, האָבן צעמורשט אין שטויב שטיינערנע שוץ=דעקן; די מערזשערס, וואָס האָבן געשליידערט קוילן, האָבן באַדעקט די טראַנשייען מיט אייזן. אַ טייל דאָרף איסי האָט זיך געפונען אין די הענט פון די זעלנער. אין דער נאַכט פונם 1טן אויפן 2טן האָבן זיי דורך אומגעריכטע נאַכט=אָנפאַלן, גייענדיק כסדר פאָראויס, אַטאַקירט דעם וואָקזאַל קלאַמאַר, וואָס איז גענומען געוואָרן כמעט אָן ווידערשטאַנד, און דעם שלאָס איסי, וועלכן ס'איז אויסגעקומען צו נעמען שריט נאָך שריט. דעם 2טן אינדערפרי איז דער פאָרט געווען אין דעם זעלבן קלאָגעדיקן מצב, ווי מיט צוויי טעג צוריק. בייטאָג האָט האָט אַ באַטאַליאָן פּאַריזער פרייע שיסער זיי אַרויסגעשטויסן פון דאָרט אויף באַגנעטן. עד האָט געמאָלדן דעם קריגס=מיניסטעריום, אַז ער וועט ניט בלייבן, אויב וועטצעל וועט ניט ווערן אָפּגערופן. מען האָט וועטצעלן פאַרביטן מיט לאַ=סעסיליאַן. עד האָט איבערגעלאָזט די קאָמאַנדע זיין שעף פונם גענעראַל=שטאַב און האָט זיך צוריק שוין ניט אומגעקערט. ניט געקוקט אויף דער דאָזיקער נאָכלעסיקער באַציִונג, האָט אים ראָסעל דאָך באַשטימט אַלס קאָמאַנדיר פונם צווייטן אַקטיוון רעזערוו.

אינגיכן איז קלאָר געוואָרן, אַז פאַר ראָסעלן וועט, ניט געקוקט אויף זיינע מאָדנע המצאות, אַלץ ווייטער גיין, ווי פאַר קליוזערען. ראָסעל האָט, אמת, געפאָדערט, אַז עס זאָל אַרויסגעגעבן ווערן אַ באַפעל, די מוניציפּאַלע מאַכט זאָל צושטעלן געווער, אַז עס זאָל פאַרבעסערט ווערן דער מעמד פון די פערד, אַז דעזערטירן זאָלן פאַרפאָלגט ווערן; ער האָט אָבער ניט אָנגעוויזן

קיין איין מיטל, ווי אַזוי דעם פּלאַן צו פֿאַרווירקלעכן. ער האָט
אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל אויפֿצושטעלן אַ צווייטע ליניע פֿון פֿאַר=
צוימונגען, וואָס זאָלן געמאַכט זיין פֿון באַריקאַדעס, און דריי
ציטאַדעלעס אויף מאָנמאַרטר, טראָקאַדעראָ און פּאַנטעאָן, וואָס
האָבן געקענט מאַכן פּאַריז אומצוטריטלעך פֿאַרן שונא; ער אַליין
האָט אָבער מיט קיין פֿינגער זיך ניט צוגערירט. ער האָט פֿאַר=
ברייטערט וואָבלעווסקיס מאַכט, האָט אים אונטערוואָרפֿן דאָס
גאַנצע חייל און די פֿאָרטן פֿונם לינקן ברעג, — אין דריי טעג
אַרום האָט ער אָבער טיילווייז ביי אים אינגאַנצן אָפּגענומען די
מאַכט. די גענעראַלן האָט ער ניט געגעבן קיין שום אינסטרוקציעס
צו פֿירן די אַטאַקע און צו פֿאַרטיידיקן זיך. ניט אָפּטער פֿון זיין
פֿאָרגייער, האָט ער געשיקט דער קאָמונע ראַפּאָרטן. ניט מער פֿון
קליוזערען האָט ער געקענט אָנווייזן דעם דאָזיקן קאַמף, וואָס האָט
קיין פּרעצעדענטן ניט געהאַט, אַ נייע טאַקטיק, געפֿינען אַ וועג
און אַ שלאַכטפֿעלד פֿאַר די דאָזיקע בחפֿזון געשאַפֿענע זעלנער.
דער שטאַרקער מוח, וואָס אַלע האָבן אין אים אָנערקענט, איז
באמת געווען אַ קאָפּ פֿון אַ געשולטן מענטשן, וואָס טרוימט וועגן
אַ גוט געבויטער שלאַכט, אַ זעלנער מיט אויסבילדונג, וואָס איז
אָריגינעל בלויז לויט זיין מאַניר זיך צו האַלטן און לויט זיין סטיל.
ער האָט אייביק זיך געהאַלטן אין באַקלאָגן אויף דעם מאַנגל אין
דיסציפּלין און מענטשן און האָט געלאָזן, אַז דאָס בעסטע בלוט פֿון
פּאַריז זאָל זיך גיסן אין די פּרוכטלאָזע שלאַכטן מחוץ דער שטאָט,
בעת די העראָישע אויספֿאַלן ביי נעילי, וואַנוו, איסי. דער עיקר
ביי איסי. דאָס איז שוין ניט געווען קיין פֿאָרט, אפֿילו קיין
שטאַרקע פּאָזיציע ניט, — דאָס איז געווען אַ קופּע ערד און
שטיינער, וואָס איז דורכגעגראָבן געוואָרן מיט גראַנאַטן. פֿון די
צעבראָכענע קאַזעמאַטן האָט מען געקענט אָנזען דאָס פֿעלד; די
פּולווער=לאַגערס האָבן זיך געעפֿנט; אַ העלפֿט פֿונם 3טן באַסטיאָן
איז געווען אין טאָל; מען האָט געקענט צו דעם לאָך זיך אויפֿ=
הייבן אין אַ קעטשל. אַרום צוועלף האַרמאַטן האָבן געענטפֿערט
אויף דעם האָגל שאָסן פֿון זעכציק ווערסאַלער האַרמאַטן=חללס;
די שיסעריי פֿון דעם שונאס טראַנשייען, וואָס איז געווענדט גע=

וואָרן קענן די אמבראזורעס, האָט אוועקגעלייגט כמעט אלע ארטילעריסטן. דעם 3טן האָבן די ווערסאַלער לייט באַנייט זייער פאָדערונג, מען האָט זיי געענטפערט מיט קאַמבראָנס ווערטער. דער שעף פונם הויפּט=שטאַב, וואָס איז פאַרלאָזן געוואָרן דורך עדן, איז געלאָפן. דער פּאָרט איז געבליבן אין די זיגרייכע הענט פון צוויי איידעלע לייט, דעם אינזשענער ריסט און זשוליען, דעם שעף פונם 141טן באַטאַליאָן פונם XIטן קרייז. זיי און די=יעניקע פּעדעראַליסטן, וואָס זיי זיינען בכוח געווען אָפּצוהאַלטן, געהערט דער כבוד פון דער דאָזיקער וואונדערלעכער פאַרטיידיקונג. אָט זיינען עטלעכע פראַגמענטן פון זייער טאָג=בוך:

„דעם 4טן. — מען שיסט אין אונז מיט אויפרייס=שראַפּנעלן, וואָס צערייסן זיך מיט גערויש, פּונקט ווי מען וואָלט צעקלאַפּן א קאַפּסל. די פורגאָנען קומען ניט אָן; פּראָוויאַנט איז דאָ ווייניק און עס וועט אינגיכן אויספעלן קוילן צו די זיבן=פונטיקע הויביצעס, אונזערע בעסטע האַרמאַטן. די הילף, וואָס מען זאָגט אונז צו יעדן טאָג, ווייזט זיך ניט. צוויי באַטאַליאָן=שעפן האָבן אָפּגעזוכט ראָסעלן. ער האָט זיי זייער שלעכט אויפגענומען און געזאָגט, אז ער וואָלט אייגנטלעך געהאַט רעכט זיי צו דערשיסן פאַרן פאַרלאָזן זייער פּאָסטן. זיי האָבן באַשריבן אונזער לאַגע. ראָסעל האָט געענטפערט, אז דער פּאָרט קען זיך פאַרטיידיקן מיט באַגנעטן. ער האָט ציטירט קאַרנאָס ווערק. דאָך האָט ער צוגעזאָגט הילף. די מאַסאָנען זיינען געקומען פאַרשטעקן זייער פּאָן אויף אונזערע וואַלן. די ווערסאַלער לייט שלאָגן אים אראָפּ. אונזערע שפּיטעלער זיינען איבערפולט; די תּפיסה און דער קאָרידאָר, וואָס פירט אהין, זיינען פאַרלייגט מיט טויטע קערפּערס; ס'איז דאָ מער פון דריי הונדערט. דער אָמניבוס פונם באַוועגלעכן שפּיטאָל קומט אָן אין אָוונט. מיר וועלן דאָרט אָנלייגן קופּעסווייז וואָס מער פון אונזערע פאַרוואונדעטע. די ווערסאַלער לייט פאַרשיטן מיט קוילן דעם דורכפאָר פונם פּאָרט אין דעם דאָרף איסי אריין".

„דעם 5טן. — דעם שונאס פייער ווערט אויף קיין איין רגע ניט איבערגעריסן. אונזערע אמבראזורעס עקסיסטירן שוין ניט

מער; די האַרמאַטן פֿון די פּאַרטן האַלטן אין איין ענטפֿערן. צוויי אַ זייגער באַקומען מיר צען פֿורן מיט זיבן=פֿונטיקע גראַנאַטן. ראַסעל איז אָנגעקומען. ער האָט לאַנג באַטראַכט די ווערסאַלער אַרבעטן. די דינערשאַפֿט ביי די האַרמאַטן פֿונם 5טן באַסטיאָן ליידט גרויסע פֿאַרלוסטן, זי האַלט זיך אָבער שטייף אויף איר וואַך. איצט זיינען אין די קעלערס אָנגעוואָרפֿן טויטע קערפּערס אין אַ קופּע ביז צוויי מעטער די הייך. אַלע אונזערע טראַנשייען, וואָס זיינען באַשאָסן געוואָרן דורך דער אַרטילעריע, זיינען אָפּגערוימט געוואָרן. די טראַנשייע פֿון די ווערסאַלער ליגט געפֿינט זיך 60 מעטער פֿונם קאָנטרעסקאַרפּ. זיי האַלטן זיך כסדר אין דערנענטערן. די נייטיקע פֿאַרזיכטס=מיטלען זיינען אָנגענומען געוואָרן אויפֿן פֿאַל פֿון אַן אָנגריף די היינטיקע נאַכט. אַלע האַרמאַטן פֿון די פֿלאַנגען זיינען אָנגעלאָדן מיט אויפֿרייס=מאַטעריאַל. ביי אונז זיינען צוויי מאַשינען=געווער מחוץ די פֿלאַנגען, כּדי מיטאַמאָל צו באַשיסן דעם ריוו און דעם גלאַסיס".

„דעם 6טן. — די באַטאַריי פֿלערי שיקט אונז רעגולער אירע זעקס שאָסן יעדע פֿינף מינוט. מען טראָגט אין שפּיטאָל אַריין אַ מאַרקיטאַנערין, וואָס האָט געקראָגן אַ קויל אין דער לינקער זייט דיך. שוין פֿיר טעג, ווי דריי פֿרויען גייען אין שטאַרקסטן פֿייער, כּדי אויפֿצוקלייבן די פֿאַרוואונדעטע. די דאָזיקע פֿרוי שטאַרבט און גיט אונז איבער די השגחה איבער אירע צוויי קליינע קינדער. אָוונט, דער וואַל קען זיך שוין מער ניט האַלטן. דעם זעלבן טאָג מעלדעט ראַנוויע דער קאָמונע, אַז אין וואַנוו איז אַ בהלה, עס זיינען אויך אָנגעקומען שלעכטע בשורות וועגן פֿאָרט איסי; עס ווערט אַרויסגעזאָגט דאָס באַדויערן, וואָס די האַרמאַטן אויפֿן וואַל וואָזשיראַר און מאָנרוזש העלפֿן ניט צו דעם פֿאָרט. פֿאַריזעל בעט, מען זאָל אים צושיקן זעקס=זיבן=פֿונטיקע האַרמאַטן און מען זאָל ערלויבן איבערצופֿירן אויף דער באַטאַריי די פֿלאַט=האַרמאַטן פֿונם באַסטיאָן. מען ענטפֿערט אים, אַז בלויז דער קאָמיטעט פֿון געזעלשאַפֿטלעכער רעטונג האָט רעכט צו געבן אַזעלכע מיליטערישע פֿאַראָרדענונגען".

צומאָרגנס איז דער טאָגבוך פֿונם פֿאָרט מודיע:

„דער 7טער. — מיר כאַפּן ביז צען גראַנאַטן אין אַ מינוט. די וואַלן האָבן לחלוטין קיין שום שוץ־דעק ניט. אַלע האַרמאַטן, אחוץ בלויז דריי, זיינען אונטערגעבראָכן. ס'זיינען צוגעקומען נאָך דרייסיק מתים. מען האָט אונז מודיע געווען וועגן וועטצעלס טויט; אַ טייל זאָגן, אַז ער האָט געקראָגן אַ קויל אין פּלייצע. איצט רינגלט מען אונז אַרום"...

אײן־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל

„די גרעסטע געמײנהײט, וואָס איז אַרײנגע־
טראָגן געוואָרן אויף די עמודים פון דער גע־
שיכטע, ווערט אָפּגעטאָן דעם איצטיקן מאָמענט:
פּאַריז ווערט באָמבאַרדירט".

(טראָשו, זשול פאַוור, ע. פּיקאַר, זשול
סימאָן, זשול פערי, ע. אַראַגאָ, גאַרניע־
פּאַזשעס, פּעלטאַן).

„דאָס הײסט פאַרשפּרײטן רכילות
װעגן דער רעגירונג, אַ וואָסערע זי
זאָל ניט זײן, אויב מען האַלט, אַז
זי קען כאָטש אײן טאָג בלײבן בײ
דער מאַכט, ווען זי באָמבאַרדירט
די הויפּטשטאָט".

(טיער. פּראָיעקט פון געזעץ וועגן די באַ־
פעסטיקונגען פון פּאַריז. דעצעמבער 1870).

„מיר האָבן אַ תּל געמאַכט פון אַ גאַנצן קוואַר־
טאַל פון פּאַריז".

(טיערס רעדע אויף דער נאַציאָנאַל־פאַר־
זאַמלונג דעם 5טן אויגוסט 1871).

**פּאַריז ווערט באָמבאַרדירט. — פאָרט איסי איז גע־
נומען. — די קאָמונע באַנײט איר קאָמיטעט פון גע־
זעלשאַפטלעכער רעטונג. — ראָסעל מאַכט פּליטה.**

פון דער דאָזיקער, הערא̇ישער אַטמאָספערע מוזן מיר זיך
אומקערן צו די סיכסוכים פון דער קאָמונע מיטן צענטראַל־קאָמי־
מיטעט. אַ שאָד, וואָס זײערע זיצונגען קומען ניט פאָר אויף לאַ־
מיועט. די גראַנאַטן פון מאַנטרעטו, וואָס האָט געעפנט זײן מעכ־
טיקע באַטאַרײ, וואָלטן זײ אָן שום ספק צוריקגעקערט צום קאַמף
קעגן דעם געמײנזאַמען שונא. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אָנגריף
מיט באַלאַגערונגס־האַרמאַטן. דעם 8טן מאַי, אינדערפרי, האָבן
זיבעציק האַרמאַטן פון פּלאַץ אָנגעהויבן חרוב מאַכן די פאַרצוי־

מונג, אנהייבנדיק פונם 60טן באסטיאן ביז פואן=די=זשור. די גראַ=
נאטן פון קלאמאר האבן דערגרייכט ביז דער ברעג=גאס זשאוועל,
און די באטארייען פון ברעטעיל האבן באדעקט מיט קאנאנען
דעם קווארטאל גרענעל. אין משך פון עטלעכע שעה איז האלב
פאסי געווארן אוממעגלעך צו זיין באוואוינט. הער טיער האט
באגלייט זיינע קוילן מיט דעם אויפרוף: „פאריזער איינוואוינער,
די רעגירונג וועט ניט באמבארדירן פאריז, ווי עס וועלן ניט
אויסמיידן אייך צו דערציילן די לייט פון דער קאמונע. זי וועט
צונעמען די הארמאטן... זי ווייסט, און זי איז געווען איבערצייגט,
ווען איר זאלט עס אפילו ניט געווען פון אלע זייטן מעלדן, אז
תיכף, ווי די זעלנער וועלן זיך נאר באווייזן אויף דער צווייטער
זייט פארצוימונג, וועט איר זיך פאראייניקן אונטער דער נאציאַ=
נאלער פאן". און ער האט איינגעלאדן די פאריזער איינוואוינער,
זיי זאלן אים עפענען די טויערן. וואס=זשע האט די קאמונע אנט=
קעגנגעשטעלט דעם דאזיקן רוף צו בגידה? דעם 7טן זיינען ניט
אלע געווען אויפן ארט; די לעצטע, וואס זיינען געבליבן אויף
זייערע פאסטנס, האבן אוועקגעלאזט זייערע סטענאגראפן, סעקרע=
טארן און האבן געחתמעט א פראטאקאל, אז זיי זיינען ניט אין
פולן באשטאנד. דעם 9טן טשעפעט מען זיך צו צו אמורוס סע=
קרעטאר פאר זיינע באריכטן אין „אפיסיעל". דאס איז שוין ניט
צום ערשטן מאל, און דעם 1טן מאי האט ער פשוט געענטפערט:
„אויב איך מעק אויס א האלבן באריכט, ווערט עס געטאן אין די
אינטערעסן פון דער קאמונע, כדי אויסצומעקן די שטותים". איצט
איז ער ווייניקער שארף, „יעדער מיטגליד קען פראנק=און=
פריי קומען לייענען, וואס עס איז אים נוגע, מיר זיינען אפטמאל
געצוואונגען צו מאכן קצורים". „פארוואס זאל מען ניט אפשאפן
די עפנטלעכקייט פון די זיצונגען?" — לייגט פאד איינער פון
דער מערהייט, פארגעסנדיק, אז בסך=הכל ערשט מיט פינף טעג
צוריק האט מען באשלאסן צוצולאזן עולם און מען האט ארויס=
געגעבן דער קאמיסיע אן אויפטראג צו שאפן א לאקאל. עס קומען
ווייטער פאר אנקלאגן אויף דעם צענטראל=קאמיטעט, וואס האט
זיך אוזורפירט די פונקציעס פון א מיליטערישער קאמיסיע. „דאס

זאָג איך אייך, קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלעכער רעטונג", — שרייט אויס זשורד, — „איר האָט עס אריינגעפירט דעם וואָלף אין דער שעפּסן=שטאַל". פעליקס פּיאַ באַשולדיקט ראָסעלן.

פון דעם 4טן אָן האָט ער אויף די זיצונגען ניט אויפגעהערט זיך אונטערצוגראָבן אונטער אים, און געלאָזט דערביי אין גאַנג זיין גאַנצן אומפאַרגלייכלעכן טאַלאַנט. „איר זעט אָט אָ דעם מענטש", — האָט ער געזאָגט צו די ראָמאַנטיקער. — „אָט=וואָס! דאָס איז אַ פאַררעטער! אַ צעזאַריסט! נאָך טראָשום פּלאַן — קומט ראָסעלס". אין צוזאַמענהאַנג מיט די לויפנדיקע געשעענישן באַמערקט ער: „דאָס איז ניט די שולד פונם קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלעכער רעטונג, אויב ראָסעלן פעלט אוים כּוח מיט שכל, צו קענען איינהאַלטן דעם צענטראַל=קאָמיטעט ביי זיינע פולמאַכטן". רעזשער זאָגט: „דער צענטראַל=קאָמיטעט איז אַ נויטווענדיק בייז". זשורד קען ניט ליידן, וואָס דער קאָמיטעט מישט זיך אריין אין זיין אַרבעט. נאָכדעם, ווי זשורד האָט פאַרלאָרן די שטעלע אַלס ראש פון דעם פינאַנס=אַמט, בעת עס איז געגרינדעט געוואָרן דער קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלעכער רעטונג, האָט ער געזאָגט אַזוי: „איך לאָז איבער מיין נאָכפאָלגער מער געלט, ווי איך האָב ווען עס איז געהאַט; ער וועט זיך געפינען אין זייער אַ באַקוועמער לאַגע". דערנאָך איז ער געצוואונגען געווען דורך זייער אַ גינסטיקער אָפּשטימונג ווידער צו פאַרנעמען דעם פּאָסטן.

די קאָמונע האָט געהאַט אַ געוויסן יסוד זיך צו באַאומרויִקן צוליב דעם צענטראַל=קאָמיטעט; אין דער רגע זיינען פאַרגעקומען מאָדנע סצענעס אין דעם מיליטערישן אַמט. די קאָמאַנדירן פון לעגיאָן, וואָס זיינען וואָס אַמאָל מער געוואָרן אויפגעהעצט קעגן ראָסעלן, האָבן באַשלאָסן צו פאָדערן פון אים דעם טאָג אַ באַריכט וועגן אַלע החלטות, וואָס ער האָט געגרייט פאַר דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע. ראָסעל האָט זיך דערוואוסט וועגן זייער פּלאַן, און בעת זיי זיינען געקומען אין מיניסטעריום, האָבן זיי געפונען אינם הויף אַ באַוואָפנטן פּלוטאָן מיליטער. דער דעלעגאַט האָט פון זיין פענסטער געקוקט אויף זיי: „איר זייט דרייסט", — האָט ער זיי געזאָגט, — „ווייסט איר דען, אַז דער

דאָזיקער פּלוטאָן מיליטער געפינט זיך דאָ, כּדי אייך צו שיסן? זיי האָבן געענטפערט אָן איבעריקער אויפרעגונג: „מען דאַרף דאָ ניט האָבן קיין דרייסטקייט; מיר זיינען פּשוט געקומען זיך דורכ־ריידן מיט אייך וועגן דעם אָרגאַניזירן די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע". ראָסעל איז איינגעגאַנגען און האָט באַפוילן: „זאָל דער פּלוטאָן אַוועקגיין!" די דאָזיקע שפּאַסיקע דעמאָנסטראַציע האָט געהאַט אַ ווירקונג. די קאָמאַנדירן פונם לעגיאָן האָבן געקריגט אויף דעם פּראָיעקט פון אָרגאַניזירן די פּאַלקן, — אָנווייזנדיק אויף דעם, אַז ער איז אומרעאַל. ראָסעל איז מיד געוואָרן פון די וויכּוחים: „איך ווייס זייער גוט, אַז איך האָב ניט קיין כּוח, איר האָט אָבער אויך ניט... איר וועגדט עס אָפּ? זייער גוט! דערווייזט עס מיר. מאָרגן, עלף אַ זייגער, ברענגט מיר אויפן שלום־פּלאַץ צוועלף טויזנט מאַן, און איך וועל עפּעס פּרובירן אַ זאַך"... ער האָט געוואָלט מאַכן אַן אָנגריף אויפן קלאַמאַרער וואָקזאַל. די קאָמאַנ־דירן פון די לעגיאָנען האָבן צוגעזאָגט און זיינען אַ גאַנצע נאַכט אומגעלאָפן, כּדי צו פאַראייניקן די באַטאַליאָנען.

בשעת די דאָזיקע צוזאַמענשטויסן האָט מען דערווייל דעם פאָרט איסי אָפּגערוימט. ער האָט שוין געגאָסט פון אינדערפרי אָן. אַלע, וואָס האָבן זיך געפונען ביי די האַרמאַטן, זיינען געפאַלן טויט. אַוונט־צו זיינען די אָפיצירן זיך צונויפגעקומען און האָבן דערזען, אַז האַלטן זיך ווייטער איז אוממעגלעך; די גראַנאַטן האָבן פון אַלע זייטן געיאָגט זייערע זעלנער; זיי האָבן זיך צונויפגע־זאַמלט אונטער דער וועלבונג פון אַריינגאַנג; אַ גראַנאַט פון מולען־דע־פּיער איז אַראָפּגעפאַלן צווישן עולם און האָט דערהרגעט זעכצן מאַן. ריסט, זשוליען און אַ סך, וואָס האָבן, ניט געקוקט אויף זיין זאַך, פאַרעקשנט געוואָלט זיך האַלטן אין די דאָזיקע חורבות, זיינען געצוואונגען געווען אָפּצוטרעטן. אַרום זיבן האָט זיך אָנגעהויבן די עוואַקואַציע; דער קאָמענדאַנט ליסבאָן, זייער אַ מוטיקער מענטש, האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר צוריקטריט, וואָס איז פאָרגעקומען אונטער אַ שיסעריי.

אין עטלעכע שעה אַרום האָבן די ווערסאַלער לייט דורכ־געשניטן די סענע, האָבן זיך באַפעסטיקט פאַר בולאָן און קעגן

די באַסטיאָנען פֿונאַ-די-זשור, דורכמאַכנדיק אַ טראַנשיי — דרייהונ-דערט מעטער פֿון דער פֿאַרצוימונג. די גאַנצע נאַכט און אינ-דערפֿרי האָבן דאָס מלחמה-מיניסטעריום און דער קאָמיטעט פֿון געזעלשאַפֿטלעכער רעטונג קיין השגחה ניט געהאַט וועגן דעם אָפּ-רוימען דעם פֿאָרט. דעם 9טן, מיטאָגצייט, האָבן די באַטאַליאָנען, וואָס ראָסעל האָט געפֿאָדערט, זיך אויסגעשטעלט אויפֿן שלום-פּלאַץ. ראָסעל איז געקומען צו רייטן, איז שנעל אַרומגעריטן די רייען, האָט געוואָרפֿן די קאָמאַנדירן פֿונם לעגיאָן די ווערטער: „דאָ פֿעלט, לויט מיין חשבון”, און האָט זיך אומגעקערט צוריק. ער האָט פֿון קיין זאַך ניט געוואָלט הערן, האָט געכאַפּט די פֿען און שנעל אָנגעשריבן: „די דרייפֿאַרביקע פֿאָן פֿלאַטערט אויפֿן פֿאָרט איסי, וואָס איז נעכטן פֿאַרלאָזן געוואָרן דורכן גאַרניזאָן”; ער האָט ניט צו וויסן געגעבן ניט דער קאָמונע און ניט דעם קאָמיטעט פֿון געזעלשאַפֿטלעכער רעטונג, נאָר אויף אייגענער אחריות פֿאַר-עפֿנטלעכט די צוויי שורות אין צען טויזנט עקזעמפּלאַרן, בעת געוויינטלעך פֿלעגן די קאָמוניקאַטן געדרוקט ווערן בלויז אין זעקס טויזנט עקזעמפּלאַרן.

ער האָט מודיע געווען דערנאָך, אַז ער גייט אַוועק: „בירגער, מיטגלידער פֿון דער קאָמונע, איך פֿיל זיך אומפֿעיִק אויף להבא צו טראָגן די אחריות פֿון אַ קאָמאַנדיר דאָרט, וואו אַלע זיינען זיך מתווכח און קיינער האָרכט ניט. בעת מען האָט באַ-דאַרפֿט אָרגאַניזירן די אַרטילעריע, האָט דער צענטראַלער אַרטי-לעריע-קאָמיטעט זיך פֿאַרנומען מיט וויכּוחים און קיין זאַך ניט פֿאַרגעשריבן... די קאָמונע האָט זיך פֿאַרנומען מיט וויכּוחים און קיין זאַך ניט באַשלאָסן... דער צענטראַל-קאָמיטעט איז זיך מתווכח און האָט קיין איינמאָל ניט באַוויזן צו קומען צו הילף. בעת דער דאָזיקער פֿאַמעלעכער אַרבעט, האָט דער שונא דערווייל אַרומגערינגלט דעם פֿאָרט איסי, געמאַכט דאָרט ריזיקאַלישע אָנ-גריפֿן, פֿאַר וועלכע איך וואָלט אים געווען מקיים-פּסק געווען, ווען איך זאָל געווען האָבן כאָטש אַ קליינע מיליטערישע קראַפֿט מיט אַ שמץ דיסציפּלין”. ער האָט אויף זיין שטייגער און זייער אום-פּינקטלעך דערציילט וועגן דעם אָפּרוימען דעם פֿאָרט, וועגן דער

אינספּעקציע אויפן שלום=פּלאַץ און האָט געמאָלדן, אַז אַנשטאָט צוועלף טויזנט מאַן, איז דאָרט געווען זיבן טויזנט *, — און האָט זיין כתב פאַרענדיקט בזה הלשון:

„אַזוי אַרום האָט די נישטיקייט פונם אַרטילערישן קאָמיטעט געשטערט די אַרטילעריע זאָל אָרגאַניזירט ווערן; די וואַקלדיקייט פונם צענטראַל=קאָמיטעט פּאַראַליזירט די אָנפירונג; די ניט=גענוגנדיקע זאָרג פון די לעגיאָן=קאָמאַנדירן האַלט אָפּ דאָס מאָביליזירן די חיילות... מיין פאָרגייער איז באַגאַנגען אַ פעלער און איז געבליבן ביי דער אומגעלומפּערטער לאַגע... איך טרעט אָפּ און האָב דעם כבוד צו בעטן פאַר זיך אַ צעלע אין מאַזאַס“.

ער האָט גערעכנט אַזוי אַרום מציל צו זיין די מיליטערישע רעפּוטאַציע זיינע, אין דער אמתן אָבער האָט ער זיך געשטעלט אָפן פאַר גערעכטע אָנפאַלן פון אַלע זייטן. פאַרוואָס האָט איר גענומען אויף זיך די דאָזיקע „אומגעלומפּערטע“ לאַגע, וואָס איר האָט אַזוי גוט געקענט? פאַרוואָס האָט איר ניט געשטעלט קיין שום תנאי דעם אויספיר=קאָמיטעט דעם 30טן אַפּריל, ניט קיין שום תנאי דעם 2טן און דעם 5טן מאַי דער קאָמונע? פאַרוואָס האָט איר דעם פרימאָרגן אָפּגעשיקט „זיבן טויזנט מאַן“, בעת איר מעלדעט, אַז איר „האָט ניט די קלענסטע מיליטערישע קראַפט מיט אַ שמץ דיסציפּלין?“ פאַרוואָס האָט איר אין משך פון פופצן שעה קיין השגה ניט געהאַט וועגן דעם, אַז דער פאָרט איסי איז געוואָרן אָפּגערוימט, — אין דער צייט, ווען אייער חוב איז געווען אכטונג צו געבן אויף זיינע באַדערפענישן פון שעה צו שעה? וואו איז אייער צווייטע ליניע פאַרצוימונגען? פאַרוואָס האָט איר קיין שום אַרבעט ניט געגרינדעט ניט אויפן מאָנמאַרטר, ניט אין פּאַנטעאָן?

ראָסעל האָט געהאַט פולקום רעכט צו מאַכן דער קאָמונע אַ פאָרוואורף? ער האָט געטאָן אַן אומפאַרציילעכן פעלער, וואָס ער האָט געשיקט דעם בריוו אין די צייטונגען. אין משך פון

---

* די קאָמאַנדירן פון די לעגיאָנען האָבן געזאָגט צען טויזנט; דער אמת איז צווישן די ביידע מעלדונגען.

קנאפע צוויי שעה האט ער צוגענומען דעם מוט ביי טויזנטער קעמפער, האט פארשפרייט א בהלה, האט באשמוצט די מוטיקע לייט פון איסי, האט אנטפלעקט פארן שונא אלע שוואכע זייטן פון דער פארטיידיקונג. דארט זיינען אלע געווען יום־טובדיק געשטימט. הער טיער און מאק מאהאן האבן געהאלטן רעדעס צו די זעלנער, וואס האבן געבראכט מיט געזאנג עטלעכע הארמאטן, וועלכע זיי האבן געפונען אינם פארט. די פארזאמלונג האט איבערגעריסן די זיצונגען און איז געקומען אויפן מארמארנעם הויף, כדי צו אפלאדירן די דאזיקע קינדער פונם פאלק, וואס האבן זיך געהאלטן פאר זיגער. טיער האט אין א חודש ארום געזאגט פון דער טריבונע אראפ: „בעת איך זע די דאזיקע קינדער פון אונזערע פעלדער, וואס האבן אפטמאל ניט פארזוכט דעם טעם פון בילדונג, וועלכע דערהויבט די נשמה, בעת איך זע, ווי זיי שטארבן פאר אייך, פאר אונז, — בין איך טיף גערירט". דאס איז א רירנדיקע שרעק פונם יעגער פאר זיין געיעג־טשע־רעדע. פארגעסט ניט וועגן דעם דאזיקן ווידוי, וועגן דעם, פאר וועמען איר שטארבט אין בירגער־קריג, קינדער פון די פעלדער!

און אין שטאטראט גייען וויכוחים! ראול ריגא באשולדיקט ווערמארעלן ווידער, בעת יענער ווילווארפן א שיין אויף דער ארגאניזאציע פון דער זיכערהייט. נאך גאמבאנס אפזאג, האט די מערהייט אויסגעקליבן ריגאן אלס פראקוראר פון דער קאמונע. די וויכוחים ווערן שטארקער, בעת דעלעקליוז, וועלכער איז פלוצלונג אריין, האט גענומען אווארט: „איר פירט וויכוחים אין דער צייט, ווען עס איז ערקלערט, אז די דרייפארביקע פאן פלאטערט אויפן פארט איסי! פון אלע זייטן רינגלט אונז ארום בגידה. אכציק הארמאטן פון מאנטרעטו דראען אונז, — און איר פירט א וויכוח!.. דאס זיינען די טרויעריקע וויכוחים פון דער לעצטער וואך, וועלכע איך האב צום גליק ניט בייגעוואוינט, שולדיק אין דער אומארדענונג... און אין אזא רגע פארלירט איר צייט אויף פראגן פון פערזענלעכער אייגנליבע!.. איך האב געהאפט, אז פראנקרייך וועט ניצול ווערן דורך פאריז, און אייראפע — דורך פראנקרייך... וואס־זשע, די נאציאנאלע גווארדיע וויל זיך ווייטער ניט שלאגן,

און איר פירט חקירות וועגן פראַגן פון פּראָטאָקאָל!.. איך וואָלט וועלן, אַז מעזשי, דער פריערדיקער שעף פונם פאָרט איסי, זאָל ווערן געשטעלט פאַרן מיליטערישן געריכט; אַז בירגער עד זאָל אָפּגעבן אַ חשבון וועגן זיין אויפפירונג. ער האָט באַדאַרפט השגחה האָבן איבער די פאָרטן פון דרום, און דרום־זייט איז גאָר געווען לגמרי אומבאַוואָרנט... און די דרייפאַרביקע פאָן פלאַטערט אויפן פאָרט איסי!.. דער צענטעאַל־קאָמיטעט טרייבט אַרוים די קאָמונע, דאָס הייסט דערלאַנגען דער קאָמונע אין סאַמע הארץ אריין. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די מיטגלידער פון דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג באַפרידיקן ניט, אָטעמט דאָך די קאָמונע מיט אַ מעכטיק רעוואָלוציאָנעריש געפיל, וואָס איז מסוגל צו ראַטעווען דאָס פאָטערלאַנד. מיר וועלן עס מציל זיין, אָבער אפשר ערשט הינטער די באַריקאַדעס... פאַרגעסט אויף היינט אייער גאַנצע שנאה... איך האָב היינט אינדערפרי געזען ראָסעלן בעת דער אינספעקציע אויפן שלום־פלאַץ; ער איז געווען דערשלאָגן מער, ווי ווען עס איז. אַ פּאַריזער איינוואוינער איז ניט קיין פּחדן; בעת מען פירט אים אָבער שלעכט, אָדער ווען ער איז משער פאַרראַט, איז ער פעיִק זיך אָפּצוזאָגן פון קאַמף. מען דאַרף תיכף־ומיד אָננעמען מיטלען, אָדער מיר וועלן אומקומען אין אונזער אָנמאַכט, ווי מענטשן, וואָס זיינען ניט ראוי צו טראָגן דאָס שליחות פון פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד. פראַנקרייך שטרעקט צו אונז אוים זיינע אָרעמס... דער קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלעכער רעטונג האָט ניט געגעבן דאָס, וואָס מען האָט פון אים געוואַרט. מען דאַרף אים לאָזן. וואָס שאַפט ער? פריוואַטע באַשטימונגען. אַ באַפעל מיט לעאָ מעליעס חתימה, וואָס באַשטימט דעם בירגער אַלס קאָמאַנדיר פונם ביסעטרער פאָרט; דאָרט איז געווען אַ זעלנער, וואָס מען האָט אָנערקענט פאַר צו שטרענג... אייער קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלעכער רעטונג איז חרוב, ער איז דערשטיקט דורך דער משא פון זכרונות, וואָס באַלעסטיקן אים. פאַר דער פּאַריזער באַפעלקערונג איז עס אַ סינאָנים פון מאַכט, וואָס אונטערדריקט, אַ דראָונג, וואָס לאָזט זיך כסדר פילן. מען קען אויפטאָן די גרעסטע מעשים מיט גאָר פשוטע ווערטער. איך פיל

ניט מיט די קאָמיטעטן פון געזעלשאַפטלעכער רעטונג; דאָס זיינען
בלויז ווערטער". די פאַרזאַמלונג האָט, אַן אויפגערודערטע, אַפּ־
לאַדירט, זי האָט אויך איבערגעריסן, באַזיגט דורך דעם שטרענגן
מאַן, וואָס איז געווען די פאַרקערפּערונג פון פליכט. זי בילדעט
פון זיך אַ געהיימען קאָמיטעט, קלייבט פונאַנדער גרינדלעך די
מעשים פונם קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלעכער רעטונג. וואָס האָט
ער געטאָן אין משך פון דער לעצטער וואָך? ער האָט אָנגעוואָרפן
דעם צענטראַל־קאָמיטעט דעם קריגס־מיניסטעריום, האָט פאַר־
גרעסערט די אומאָרדענונג, האָט דורכגעמאַכט צוויי מפּלות. זיינע
מיטגלידער פאַרזינקען אין קלייניקייטן אָדער דינען אַמאַטאָריש.
אַ מיטגליד פון קאָמיטעט וויל אים פאַרטיידיקן; פאַררופט זיך
אויף די ווייניקע פּולמאַכטן. מען ווייזט אים דאָס 3טע אַרטיקל
פונם געזעץ, לויט וועלכן דער קאָמיטעט באַקומט די פולע מאַכט.
נאָך לאַנגע שעהן באַשליסט מען צו באַנייען דעם קאָמיטעט,
אויסצוקלייבן אַ ציווילן דעלעגאַט אינם קריגס־מיניסטעריום, פאַר־
פאַסן אַן אויפרוף, זיך ניט צונויפקלייבן אָפטער, ווי דריי מאָל
אַ וואָך, אַחוץ אין נייטיקסטע פאַלן, ווידער באַשטימען אַ שטענ־
דיקן קאָמיטעט אינם שטאָטראַט, דערביי מוזן די מיטגלידער פון
דער קאָמונע אויך אומפאַרבייטלעך בלייבן אין זייערע קרייזן.

אינאָוונט זאַמלט מען זיך ווידער צונויף. די מערהייט האָט
אָוועקגעזעצט אויף דעם פּרעזידענטן־שטול פעליקס פּיאַן, וואָס איז
אויפגעהעצט פון די אָנפאַלן אויף דער בייטאָגיקער זיצונג.

ער האָט געעפנט די זיצונג און געפאָדערט, אַז ראָסעל זאָל
אַרעסטירט ווערן. ער האָט פלינק גרופּירט די אויסערלעכע און
ניט וויכטיקע אומשטענדן, וואָס האָבן פאַר מענטשן מיט חשד זיך
אויסגעדאַכט אַלס באַווייזן, און האָט געמאַכט ראָסעלן פאַר דעם
שעיר־לעזאָזל פאַר די פעלערן פון קאָמיטעט, ווענדנדיק אויף דעם
דעלעגאַט דעם גאַנצן צאָרן פונם ראַט.

„איך האָב אייך קלאָר געזאָגט, בירגער, אַז ער איז אַ פאַר־
רעטער, איר האָט מיר אָבער ניט געוואָלט גלייבן. איר זייט יונג,
איר האָט ניט געקענט, פונקט, ווי אייערע לערער פונם קאָנווענט,
אָפּרויבן דעם צוטרוי ביי דער מיליטערישער מאַכט". דאָס דאָזיקע

אַרויסרופן די גייסטער האָט די ראָמאַנטיקער אַריינגעבראַכט אין התלהבות. זיי האָבן בלויז וועגן איין זאַך געחלומט: אויסווייזן ווי מיטגלידער פונם פאָלקס-קאָנווענט, — אויף אַזוי ווייט איז די דאָזיקע רעוואָלוציע געווען אָנגעשטעקט מיט נאָכמאַכונגען.

מען האָט ניט באַדאַרפט האָבן פיאַס באַסט, כדי צו איבערצייגן די פאַרזאַמלונג. ראַסעלם מעשים זיינען געווען פאַרברעכעריש אין די אויגן פון אַזעלכע אַפילו, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין פאַראויס באַשטימטע באַציִונג צו אים. זיין אַרעסט איז געווען באַשלאָסן דורך אַלע, אַחוץ צוויי, און די קאָמיסיע פונם מיליטערישן אַמט האָט באַקומען אַ באַפעל אים אויסצופירן, רעכענענדיק זיך דערביי מיט די אומשטענדן.

דערנאָך איז מען צוגעטראָטן צו ווייל̈ן אַ קאָמיטעט.

די מינדערהייט, וואָס איז אַ ביסל באַרויִקט געוואָרן דורכדעם, וואָס זשורד האָט זיך געפונען אין דער פינאַנס-דעלעגאַציע און דורך דעלעקליוזס אויפפירונג, האָט דאַסמאָל באַשלאָסן צו שטימען און האָט געפאָדערט פאַר זיך אַן אָרט אין דער רשימה.

אַ גלענצנדע געלעגנהייט אַ סוף צו מאַכן צו די מחלוקתן, צו פאַראייניקן די כוחות אויף אַן אָנגריף קעגן די ווערסאַלער לייט. דער פאַררעטערישער פעליקס פיאַ איז אָבער מסוגל געווען צו צווינגען די ראָמאַנטיקער, אַז זיי זאָלן זיך באַגיין מיט זייערע חברים פון דער מינדערהייט, ווי מיט אמתע רעאַקציאָנערן. נאָך זיין רעדע איז די זיצונג געשלאָסן געוואָרן. ביסלעכווייז האָבן די מיטגלידער פון דער מינדערהייט זיך דערפילט אינם זאַל אַליין.

זיי האָבן געפונען זייערע חברים אין דעם שכנותדיקן צימער, וואו זיי האָבן זיך צונויפגערעדט וועגן דער רשימה. מיט עטלעכע הארבע ווערטער האָט מען זיי אומגעקערט אויף דער פאַרזאַמלונג.

איינער פון די מינדערהייטס-מיטגלידער האָט געפאָדערט, אַז די דאָזיקע אומווערדיקע איינטיילונגען זאָלן איינמאָל פאַר אַלעמאָל זיך אויסלאָזן. איינער פון די ראָמאַנטיקער האָט גענענטפערט און געפאָדערט, די „ווידערשפעניקע מינדערהייט" זאָל אַרעסטירט ווערן, — דער פאַרזיצער פיאַ ווידער האָט זיך שוין

געגרייט אויסצוגיסן זיין גאַנצע גאַל, בעת מאַלאַן האָט אַ געשריי געטאָן: „שווייגט: איר זייט דער בייזער גייסט פון דער דאָזיקער רעוואָלוציע. האַלט פאַר אייך אייערע גיפטיקע חשדים, פלאַקערט ניט פונאַנדער קיין מחלוקת. דאָס ברענגט אייער השפּעה אום די קאָמונע!" און אַרנאָלד, איינער פון די מיטגלידער פונם צענטראַל־קאָמיטעט, האָט געזאָגט: „דאָס מאַכן נאָך אַלץ די לייט פון 48טן יאָר אַ תּל פון דער רעוואָלוציע!"

ס'איז שוין אָבער געווען צו שפּעט אָנצוהויבן אַ קאַמף, און די מינדערהייט האָט באַדאַרפט אויסלייזן איר דאָקטרינערשאַפט און איר אומגעשיקטקייט. די רשימה פון דער מערהייט איז דורכ־געגאַנגען גאַנצערהייט: ראַנוויע, אַרנאָ, גאַמבאָן, דעלעקליוז און עד.

די פאַרזאַמלונג איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען איינס אַ זייגער ביינאַכט. „מיר האָבן זיי גענוג איינגעזאַלצן, און וואָס זאָגט איר צום שפּיצל, מיט וועלכן איך האָב אַ דריי געטאָן דאָס עסק?" — האָט פעליקס פּיאַ געזאָגט צו זיינע פריינד. דער ערלעכער פאַר־זיצער, וואָס איז ראשו־ורובו אריינגעטאָן אין „איינזאַלצן" זיינע חברים, האָט לגמרי פאַרגעסן וועגן דעם, אַז דער פאָרט איסי איז גענומען.

און אין דעמזעלבן אָוונט, אין זעקס און צוואַנציק שעה אַרום נאָך דער עוואַקואַציע, האָט דער שטאָטראַט אַרויסגעהאַנגען אויף די טויערן פון דער מעריע אַ מודעה: „ס'איז ניט אמת, אַז די דרייפאַרביקע פאָן פלאַטערט אויפן פאָרט איסי. די ווערסאַלער לייט פאַרנעמען אים ניט און וועלן אים ניט פאַרנעמען". די הכחשה, וואָס פּיאַ האָט אויסגעהאַנגען, האָט געהאַט אַזאַ פּנים, ווי די הכחשה פון טראָשו בנוגע באַזען.

בעת די דאָזיקע שטורמישע אינצידענטן אין שטאָטראַט, האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט געשיקט רופן ראָסעלן און אים געמאַכט אַ פאָרוואורף הן פאַר דעם אינהאַלט פון זיין לעצטן אויפרוף, הן פאַר דער אומגעוויינלעכער צאָל עקזעמפּלאַרן, אין וועלכער ער האָט אים אַרויסגעלאָזט. ער האָט זיך היים פאַרטיי־דיקט: „דאָס איז געווען מיין פליכט. וואָס גרעסער עס איז די סכּנה, אַלץ מער דאַרף דאָס פאָלק דערפון וויסן".

דאָך האָט ער עס ניט געטאָן, בעת ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַנזאָגן דעם אומדערוואַרטן אָנפאַל אויף מולען-סאַקע. נאָך זיין אַוועקגיין, האָט דער קאָמיטעט זיך פאַנומען מיט חקירה. עפּעס עמעץ האָט אַ זאָג געטאָן: „מיר זיינען פאַרלאָרן, אויב עס וועט ניט זיין קיין דיקטאַטור". דער דאָזיקער געדאַנק האָט שוין פון עטלעכע טעג אָן פאַרנומען די מוחות פון אַ טייל קאָמיטעט-מיטגלידער. מען האָט באַשלאָסן, אַז עס וועט זיין אַ דיקטאַטאָר, דער דיקטאַטאָר וועט זיין טאַקע ראָסעל, און אַ דעפּוטאַציע פון פינף מיטגלידער איז אַוועק אים אויפזוכן.

ער איז אַראָפּ אונטן, האָט אַ טראַכט געטאָן, און לסוף גע-זאָגט אָט-וואָס: „ס'איז צו שפּעט. איך בין שוין ניט קיין דעלעגאַט. איך האָב זיך אָנגעגעבן אין דעמיסיע". אַ טייל זיינען געוואָרן אויפגערעגט; ער האָט זיי שאַרף אָפּגעענטפערט און איז אַוועק.

די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע פונם מיליטערישן אַמט — דעלעקליוז, טרידאָן, אַווריאַל, זשאַאַנאַר, וואַרלען, אַרנאָלד — האָבן געוואַרט אויף אים אין זיין קאַבינעט. דעלעקליוז האָט ערקלערט, אין וואָס עס באַשטייט זייער שליחות. ראָסעל האָט געזאָגט, אַז דער דעקרעט וועגן דעם אַרעסט איז אומיושרדיק, — דאָך וואַרפט ער זיך אונטער. ער האָט אָפּגעמאָלט די מיליטערישע לאַגע, די כל-המינים אינטריגעס, וואָס האָבן אים כסדר געשמידט, די שוואַכקייט פון דער קאָמונע. „זי איז ניט מסוגל געוועזן", — האָט ער געזאָגט, — „ניט אויסצונוצן דעם צענטראַל-קאָמיטעט, ניט אים באַצייטנס צו צעברעכן. אונזערע מיטלען זיינען גענוגנדיקע, און איך, פון מיין זייט, בין גרייט צו נעמען אויף זיך יעדע אחריות, בתנאי, אַז עס וועט מיך שטיצן אַ שטאַרקע, איינהייטלעכע מאַכט. איך האָב ניט געקענט כלפּי דער געשיכטע נעמען אויף זיך די אחריות פאַר אַ טייל נייטיקע רעפּרעסיעס אָן דער הסכמה און אָן דער שטיצע פון דער קאָמונע". ער האָט לאַנג גערעדט, ווי זיין שטייגער — נערוועז, וואָס האָט אים צוויי מאָל שוין באַוויזן איינצושאַפן אינם ראַט די הייסטע אָנהענגער. די קאָמיסיע, וואָס איז שטאַרק אויפגערודערט געוואָרן פון זיינע ראיות, איז אַוועק אינם שכנותדיקן זאַל. דעלעקליוז האָט געמאָלדן, אַז ער קען זיך

ניט אַנטשליסן צו אַרעסטירן ראַספּעלן, איידער די קאָמונע וועט אים ניט אויסהערן. זיינע חברים האָבן זיך אויך געהאַלטן ביי דער מיינונג און האָבן איבערגעלאָזט דעם עקס־דעלעגאַט, איבער־געבנדיק אווריאַלן און זשאַאַנאַרן די השגחה איבער אים.

צומאָרגנס קומט ער אין שטאָטראַט אַריין בעת דער זיצונג פון דער קאָמונע, וואָס האָט נאָר־וואָס אויסגעקליבן דעלעגקליוזן אַלס דעלעגאַט פון דעם מיליטערישן אַמט מיט 42 שטימען אויף 46 און וואָס האָט גראָד געהאַלטן ביים באַטראַכטן קורבעס באַריכט, וועלכן ס'איז איבערגעגעבן געוואָרן אויסצוזוכן אַ זאַל אויף די זיצונגען. דער גרויסער קינסטלער זאָגט זיך אַרויס פאַרן זאַל פון די מאַרשאַלן אין טויִלרי, אַנדערע ווידער לייגן פאָר דעם זאַל פון די שטאַטן אינם לוקסענבורגער פּאַלאַץ, דעם זאַל סען־זשאַן, וואָס געפינט זיך אינם בנין פון דעם שטאָטראַט גופא. עס באַווייזט זיך זשאַאַנאַר. „ראַספּעל“, — זאָגט ער, — „געפינט זיך אין דער קוועסטור“. די קאָמיסיע פונם מיליטערישן אַמט פאָדערט, מען זאָל אַריינפירן ראַספּעלן. — „מיר דאַרפן אים משפּטן, ניט אויסהערנדיק, אינם דאָזיקן זאַל“, — זאָגט פּאַסקאַל גרוסע. אַרנאָלד ווידער זאָגט: „אויב ער האָט ניט געטאָן דאָס, וואָס ער איז מחויב געווען צו טאָן פאַר דער קאָמונע, איז עס נאָך ניט קיין בגידה“

פעליקס פּיאַ שרייט אויס: „אויב די קאָמונע וועט ניט אָפּ־מעקן די באַליידיקונג, וואָס עס אַנטהאַלט דער בריוו, וועט זי זיך אומברענגען!“ דיפּאָן זאָגט: „קליוזערען האָבן מיר ניט אויסגעהערט; פאַרוואָס־זשע זאָלן מיר עפּעס אויסהערן ראַספּעלן?“

זעקס און צוואַנציק שטימען קעגן זעכצן זאָגן זיך אָפּ אויס־צוהערן ראַספּעלן.

ווער וועט אים משפּטן? דאָס מיליטער־געריכט, באַשליסט די פאַרזאַמלונג מיט פיר און דרייסיק שטימען קעגן צוויי, ביי זיבן אָפּוועזנדיקע. וואו זאָל מען אים אַריינזעצן? לויט זיין אייגענער בקשה אין מאַזאַס.

די פאַרזאַמלונג האָט מער אָדער ווייניקער אויפמערקזאַם אויסגעהערט איינעם פון אירע מיטגלידער, אַליקסן, וואָס איז אַרעס־טירט געוואָרן צוליב זיינע חֲפצות, בשעת עס איז געקומען צו־

לויפן אווריאל און געמאלדן, אז ראסעל מיט זשעראַרדענען זיינען נעלם געווארן.

ש. זשעראַרדען, ראסעלס פריינד, האט דערזען, ווי עס האלטן די וויכוחים, האט ער פארלאזט די פארזאמלונג און איז אריין אין קוועסטור. „וואס האט די קאמונע באשלאסן?" — האט אים אווריאל א פרעג געטאן. „נאך גארניט", — האט זשעראַרדען גע־ענטפערט, און באמערקנדיק אויפן טיש אווריאלס רעוואלווער, האט ער א זאג געטאן צו ראסעלן: „אייער שומר פירט געוויסנ־האפט אויס זיינע פליכטן". „איך האלט ניט", — האט דערויף ראסעל לעבהאפט געענטפערט, — „אז די דאזיקע פארזיכט־מיטלען זאלן נוגע זיין מיך. בכלל, בירגער אווריאל, גיב איך אייך מיין ערנוואָרט פון א זעלנער, אז איך וועל ניט פרובירן גאר צו אנטלויפן".

אווריאל, וועלכן ס'איז שרעקלעך נמאס געווארן אויסצופירן די פליכטן פון א שמירה־מאן, האט געבעטן, מען זאל אים פאר־בייטן. ער האט א טראכט געטאן, אז ער קען דאך אויסנוצן זשע־ראַרדענס אנוועזנהייט, האט איבערגעלאזט דעריבער דעם ארעס־טירטן אונטער זיין השגחה און אליין איז ער אוועק אין דער פארזאמלונג. בעת ער איז צוריקגעקומען, איז ראסעל צוזאמען מיט זיין שומר שוין געהאט פארשוואונדן. דער יונגער ערגייציקער מאן האט זיך ארויסגעדרייט, ניט געקוקט אויף זיין ווארט, פון דער דאזיקער רעוואלוציע, אין וועלכער ער האט אזוי אומבא־טראכט זיך אריינגעדרייט.

עס איז לייכט זיך פארצושטעלן, מיט וואסערע זילזולים פיא האט באשאטן דעם אנטלאפענעם. דער נייער קאמיטעט האט ארויסגעגעבן א פארצווייפלטן אויפרוף (מען האט פאר אים פונקט געהאט דעמאסקירט צוויי נייע פארשווערונגען): „בגידה האט זיך אריינגעכאפט אין אונזערע רייען, דאס אפגעבן דעם פארט איסי, ווען וועלכן עס האט אין א געמיינער מעלדונג מודיע געווען דער אומגליקלעכער, וואס איז געווען זיין קאמאנדיר, איז בלויז דער ערשטער אקט פון דער דראמע. דער מאנארכיסטישער אויפ־שטאנד פון אינעווייניק, וואס פאלט צונויף מיט דעם איבער־

ענטפערן איינעם פון אונזערע טויערן, האט געמוזט נאכקומען... אלע פעדים פון דער פינסטערער פארשווערונג געפינען זיך איצט אין אונזערע הענט. דאס רוב שולדיקע זיינען ארעסטירט... זאלן אלעמענס אויגן זיין אפן, זאלן אלעמענס הענט זיין גרייט טויט־צו שלאגן די בוגדים!" דאס איז געווען מעלאדראמע דעמאלט, ווען מען האט באדארפט האבן נייטיק ווי לעבן קאלטבלוטיקייט. און דער קאמיטעט פון געזעלשאפטלעכער רעטונג האט אומפאר־שעמט זיך גערימט און דערציילט, אז ער האט ארעסטירט „דאס רוב שולדיקע" און האלט אין זיינע הענט אלע פעדים פון „דער פינסטערער פארשווערונג".

צוויי־און־צוואנציקסטער קאפיטל

די פארשווערונגען קעגן דער קאמונע.

די קאמונע האט געשאפן א גאנצע אינדוסטריע פון „פינסטערע פארשווערונגען". עס האבן זיך באוויזן פראפעסיאנעלע עפענער פון טויערן, מעקלערס פון כל־המינים קאנספיראציעס. נידעריקע און פחדנישע שפיללייט, גאסן־יונגען, וואס א שאטן פון פאליציייִשער מאכט וואלט ביי זיי ארויסגערופן אן אימה, האבן איצט זיך אויסשליסלעך פארלאזט אויף דער שוואכקייט פון דער פרעפעקטור און דער זארגלאזיקייט פון דער דעלעגאציע. שפעטער האבן זיי א סך זאכן פארעפנטלעכט, א סך איז אנטפלעקט געווארן ביי זייערע קריגערייען צווישן זיך, אויך א דאנק זייטיקע אנווייזן און דעם גלות, וואס פירט בכלל צו אנטפלעקונגען פון געהיימע זאכן; די אלע טעמים גיבן אונז א מעגלעכקייט אריינצודרינגען אין זייער נישטיק וועלטל.

פון דעם 1טן אפריל אן האבן זיי עקספלאאטירט אלע מיניסטעריומס פון ווערסאל און פארגעלייגט כסדר צו עפענען די טויערן, אדער באזייטיקן די מיטגלידער פון דער קאמונע. ביסלעכווייז האט זיך זיי אלעמען איינגעגעבן איינצואָרדענען. דער פאלקאווניק פונם גענעראל־שטאב קארבען האט באקומען אן אויפטראג צו ארגאניזירן די נאציאנאלע גווארדייער, וואס זיינען פארבליבן אין פאריז. דער קאמאנדיר פון איין רעאקציאנערן באטאליאן שארפאנטיע, א געוועזענער אפיציר־אינסטרוקטאר אין סען־סיר, האט פארגעלייגט זיין דינסט, האט זיך דערשלאגן צו ווערן אנגענומען, און נאך רעקאמענדירט עטלעכע מיטהעלפער זיינע: דיורושו, א וויינהענדלער, דעמע, גאלימאר. זיי האבן באקומען א באפעל צו ווערבירן געהיימע באטאליאנען, וואס האבן בא־

דארפט פארנעמען אינעווייניק סטראטעגישע פונקטן אינם טאג, ווען די גענעראל=אטאקע וועט צוציען די פעדעראליסטן צו די וואלן. דער לייטענאנט פון פלאט, דאמאלען, א פאלקאווניק פונם ברעטאנישן לעגיאן, האט פארגעלייגט אין דעם מאמענט צו פאר=כאפן מאנמארטר, דעם שטאטראט, דעם וואנדאמער פלאץ, די אינטענדאנטור, מיט דער הילף פון עטלעכע טויזנט פרייוויליקע, וואס ער האט, לויט זיין מעלדונג, געהאט אין זיין רשות. ער האט זיך פאראייניקט מיט שארפאנטיע.

די דאזיקע פינסטערע קריגסלייט האבן זיך א סך געהיצט, האבן צונויפגעזאמלט אן אומגעהייער גרויסע צאל מענטשן ארום דעם אפיציעלן כיבוד, און האבן איינגיכן געמאלדן, אז זיי האבן 6000 מאן מיט 150 ארטילעריסטן, וואס זיינען באוואפנט מיט מכשירים צו שליסן די הארמאטן. די דאזיקע מוטיקע חברה=לייט האבן בלויז געווארט אויף א סיגנאל, מען האט בלויז באדארפט האבן געלט צו שפייזן זייער התלהבות, און די פירמע שארפאנטיע — דאמאלען האט דורך דיורושום פארמיטלונג ארויסבאקומען פון דער מלוכה=קאסע הונדערטער טויזנטער פראנק.

סוף אפריל האבן זיי געקראגן א געפערלעכן קאנקורענט אין דער פערזאן פון מער — דע=באפאן, א געוועזענעם פלאט=אפיציר, וואס איז צייטווייליק באשטימט געווארן אלס צאיענער גובער=נאטאר. אנשטאט צו ווערבירן בורזשואס, א געדאנק, וואס ער האט אנגערופן א לעכערלעכער, האט באפאן פארגעלייגט צו פאראליזירן דעם ווידערשטאנד מיט דער הילף פון פעיקע אגענטן, וואס זאלן מכוגל זיין ארויסצורופן רייסערייען צווישן די קאמונארן גופא און אריינברענגען א תוהו=ובוהו אין די אנשטאלטן פון דער קאמונע. זיין פלאן, וואס איז געווען איינגאנצן לויט הער טיערס גייסט, איז גערן אנגענומען געווארן, און באפאן האט באקומען די נייטיקע פולמאכטן. ער האט זיך פארבונדן מיט צוויי טיכטיקע לייט, לאראק, א באנק=באאמטן, און לאניע, א געוועזענעם אפיציר פון שעלכערס לעגיאן.

די רעגירונג האט געהאט, אחוץ זיי, נאך אנדערע שפיאנען: אראנסכאן, א געוועזענער פאלקאווניק פונם פרייען קארפוס בעת

דער מלחמה, וואָס זיינע אונטערוואָרפענע מיליטער=לייט האָבן
אים פאַרטריבן, שאַנזי, וואָס האָט שפּעטער זיך געבעטן ביים
צענטראַל=קאָמיטעט, מען זאָל אים באַפרייען, פראַנזיני, וועלכן
ענגלאַנד האָט אַלס שווינדלער אַרויסגעגעבן; באַראַל=דע=מאָנטאָ,
וואָס איז גלייך געקומען אין מלחמה=מיניסטעריום און האָט אַדאַנק
זיין בּרייט האַלטן זיך געצוואונגען זיך צו באַשטימען אַלס קאָמאַנ=
דיר פונם 7טן לעגיאָן; דער גלח טשעליני, אַ גייסטלעכער פון
עפּעס אַ פּלאָט, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ חברה
גייסטלעכע און וועלכן זשול סימאָן האָט פּראָטעזשירט. עס זיינען
געווען אויך פאַרשווערער, וואָס האָבן געאַרבעט בלויז לשם אינ=
טערעס, וויכטיקע גענערעלער, צו וועלכע די רעוואָלוציע האָט זיך באַ=
צויגן מיט גרינגשעצונג, לוליע, ביסאָן, גאַניע=ד=אַבען. די דאָזיקע ער=
לעכע רעפּובליקאַנער האָבן ניט געקענט ליידן, וואָס די קאָמונע שטערט
דער רעפּובליק. אויב זיי האָבן אויך גענומען געלט ביי ווערסאַל,
איז עס בלויז געווען, כּדי מציל צו זיין פּאַריז, זיין רעפּובליקאַ=
נישן טייל, פון די מענטשן, וואָס זיינען געזעסן אינם שטאָטראַט.
זיי האָבן שטאַרק געוואָלט אָראָפּזעצן די קאָמונע, אָבער איבער=
ענטפערן! — אָ, ניין — בשום אופן ניט!

אַ געוויסער בריער=דע=סען=לאַזשיע האָט צונויפגעשטעלט
אַלגעמיינע באַריכטן וועגן די דאָזיקע חשובע טוער און הער טיערס
סעקרעטאַר, טראַנסען=דימערסאַן, וועלכן מען האָט אין דריי יאָר
אַרום פאַרמשפּט פאַר שווינדל, איז געגאַנגען אַהין און צוריק
צווישן פּאַריז און ווערסאַל, האָט געבראַכט געהאַלט, האָט אָפּגע=
היט די פעדים פון די פאַרשווערונגען, וואָס איינע וועגן דער
אַנדערער האָבן קיין השגה ניט געהאַט.

צוליב דעם זיינען אַנטשטאַנען פאַרשיידענע צוזאַמענשטויסן.
די פאַרשווערער האָבן געמסרט איינער אויפן אַנדערן. בריער=דע=
סען=לאַזשיע האָט געשריבן: „איך בעט דעם הער אינערן=מיניסטער
צו האָבן אויפן אויג דעם הער לע=מער=דע=באָפאָן. איך בין שטאַרק
חושד, אַז ער איז אַ באָנאַפּאַרטיסט. דאָס געלט, וואָס ער האָט באַ=
קומען, האָט דער עיקר געדינט אים אויף צו דעקן זיינע חובות".
להיפוך, אַ צווייטע מסירה דערציילט: „גל. דאָמאַלען, שאַרפּאַנטיע

און ברייער=דע=סען=לאזשיע געפעלן מיר ניט. זיי קומען צו אפט צו פעטערסן, און אנשטאט זיך צו פארנעמען מיט דער גרויסער באפרייונגס=זאך, מאכן זיי נאך פאנטארגיעלן. זיי שמען פאר ארלעאניסטן.

דער טיכטיקסטער פון זיי, באפאן, האט זיך דערשלאגן אנצוקניפן באציונגען מיט פאלקאווניק אנרי פריודאמס שטאב, מיט דער מיליטערישער שול, וואו ווינא איז געווען שעף, מיט דעם מלחמה=מיניסטעריום, וואו דער ארטילעריע=קאמאנדיר, גיויע — האט פארפלאנטערט דעם גאנצן באוואפענונגס=ענין. זיינע אגענטן לאניע און לאראק האבן עם מדריך געווען א געוויסן טילע, וואס האט מיט דער הילף פונם צענטראל=קאמיטעט זיך דערשלאגן, אז מען זאל אים באשטימען אלס שעף פונם 17טן לעגיאן, וועלכן ער האט טיילווייז אריינגעבראכט אין א מצב פון שטילשטאנד. איין ארטילערישער אפיציר, וואס איז איבערגעגעבן געווארן אין זייער רשות דורכן מיניסטעריום, קאפיטאן פיגיע, האט ארויסבאקומען דעם פלאן פון די באריקאדעס, און איינער פון זייער באנדע, באסע, האט געשריבן דעם 8טן מאי: „ס׳איז ניטא דארט קיין שום לאקער; די ארמיי קען ארויסגיין לויטן שאלן פון הארן. אין פארשיידענע אמטן הערשן שרעקלעכע אומארדע=נונגען״. זיי האבן אריינגעפירט אין א טעות געוועזענע אפיצירן פון דער נאציאנאלער גווארדיע און זיי איבערצייגט, אז דער צענטראל=קאמיטעט אדער די קאמונע האבן זיי פארמשפט צום טויט און דערמיט זיי אריינגעצויגן אין זייערע רייען, אדער זיי האבן דורך פלינקע שפיצלעך ארויסבאקומען פון זיי כלערליי ידיעות.

א סך האבן פארנומען אפיציעלע אמטן אינם פראוואטאלן געריכט. אולים פאראן, א געוועזענער מיטגליד פון דער קאמונע, האט געזען אזא מין סצענע: „צוויי צי דריי באשולדיקטע בא=אמטע, גאר=ניט פון א נידעריקער מדרגה — איינער איז געווען א פאליציי=קאמיסאר, דער צווייטער א דירעקטאר פונם געווער=דעפא אינם קווארטאל רעילי — האבן רויק אויסגעהערט די באשול=דיקונגען קעגן זיך, האבן ניט ווייניקער רויק ארויסגענומען פון

קעשענע אַ פּאַפּיר, וואָס זיי האָבן איבערגעגעבן די אָפיצירן, איינרוימענדיק זיי אויפן אויער עטלעכע ווערטער, און דערנאָך זיינען זיי פריי געוואָרן — און זיך אַוועק נאָך מיט אַן אויסטויש פון פאַרנייגונגען".

די אומפּאַרזיכטיקייט פון אַ טייל קאָמונע=באַאַמטע האָט מיטגעהאָלפן דער אַרבעט פון די שפּיאָנען. די אָפיצירן פונם הויפּט=שטאַב, די קאָמאַנדירן פון אַמטן האָבן מיט ברייטע מינעס זיך געפלעגט הויך אויסטענהן אין די קאַפעס, אויף די בולוואַרן, וואָס זיינען געווען פול מיט שפּיאָנען פון מענלעכן און ווייבלעכן געשלעכט. קורנע, וואָס האָט פאַרביטן ריגאָן אין דער פּרעפעקטור, איז אַפילו געווען בטבע אַ מענטש מיט אויסדויער, דאָך האָט ער קיין זאַך ניט געטאָן, כּדי צו פאַרבעסערן די אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפטלעכער זיכערהייט. ליוליע איז צוויי מאָל אַרעסטירט געוואָרן און ביידע מאָל זיך אַרויסגעדרייט; ער האָט בפני כּל עם ועדה געזאָגט, אַז ער וויל אָפּרוימען די קאָמונע. טראַנסעןדימערסאַן, וועלכן מען האָט אין משך פון צוואַנציק יאָר געקענט אַלס פּאָליציייִש געווער פונם אינערן=מיניסטעריום, האָט אויף די בולוואַרן דורכגעפירט אינספּעקציעס פון זיינע אונטערוואָרפענע לייט. די אונטערנעמער, וועלכע מען האָט איבערגעגעבן צו באַפעסטיקן מאָנמאַרטר, האָבן יעדן טאָג געפונען אַן אַנדער תּירוץ צו פאַרציען דעם אָנהייב פון דער אַרבעט. ברעאַס קירך איז געבליבן ניט גערירט. דעם אונטערנעמער, וואָס האָט גענומען אויף זיך דאָס צעלייגן דעם אויסלייזונגס=דענקמאָל, האָט זיך איינגעגעבן צו פאַרציען דעם ענין ביז דאָס חייל איז אַדיין. גאַנץ צופעליק איז אַנטדעקט געוואָרן די פאַרשווערונג פון די „בראַסאַרדיע" *, און אַדאַנק דאָמבראָווסקים טרייִשאַפט, האָט מען אַנטפּלעקט וועסעס פאַרשווערונג.

דער דאָזיקער טיכטיקער אַגענט איז געקומען אין ווערסאַל, כּדי פאָרצולייגן דעם מיניסטער אַ געשעפט בנוגע פּראָוויאַנט. מען

* „בראַסאַרדיע" — מענטשן מיט באַנדאַזשן — אַ רעאַקציאָנערע אַנטי-קאָמונישע אָרגאַניזאַציע, וואָס אירע מיטגלידער האָבן געטראָגן באַנדאַזשן פון באַשטימטע קאָלירן.

האט אים געוויזן דעם וועג, אבער ער איז ניט נתפעל געווארן און ארויסגענומען פון זיין פעקל א צווייטן פראיעקט, וועלכן ער האט פארגעלייגט דעם אדמיראל סעסע, וואס איז תמיד געווען מטורף — צו קויפן דאמבראווסקין — א מענטש, וועלכן ער האט לחלוטין ניט געקענט. ער האט זיין אונטערנעמונג אוועקגעשטעלט סוחריש, האט צונויפגעזאמלט זיינע חברים, 20.000 פראנק אויף אומפארמיידלעכע הוצאות און האט געהאט א זעונג מיט איינעם פון דאמבראווסקיס אדיוטאנטן — גיטצינגערן. וועסע האט אים געזאגט, אז ווערסאל וועט דאמבראווסקין געבן א מיליאן, אויב דער גענעראל וועט מסכים זיין אפצוגעבן די טויערן, מיט וועלכע ער האט אנגעפירט. דאמבראווסקי האט תיכף מודיע געווען וועגן דעם דעם קאמיטעט פון געזעלשאפטלעכער רעטונג און האט אים פארגעלייגט ארייננצולאזן איין אדער צוויי אפטיילונגען פון דער ווערסאלער ארמיי און דערנאך פון זיי מאכן א תל מיט דער הילף פון צוגעגרייטע באטאליאנען. דער קאמיטעט האט ניט מסכים געווען אויף דער דאזיקער אונטערנעמונג, נאר באפוילן דאמ=בראווסקין ווייטער פירן די אונטערהאנדלונגען. גיטצינגער האט באגלייט וועסען אין ווערסאל, האט זיך געזען מיט סעסען, וועל=כער האט זיך פארגעלייגט אלס ערבות=מאן, אז די הבטחות וועלן ווערן אויסגעפירט. דער אדמיראל האט בפארפט אין דעם בא=שטימטן אוונט קומען אויף דעם וואנדאמער פלאץ; דער קאמיטעט פון געזעלשאפטלעכער רעטונג האט וועגן דעם געוואוסט און זיך געגרייט צו ארעסטירן אים, האט אבער בארטעלעמי סענט=אילער אפגערעדט סעסען פון דעם נייעם פעלער. די פרעפעקטור פון דער פאליציי, וואס האט ניט געוואוסט פון דעם קאמיטעטס דיפ=לאמאטיע, האט נאכגעשפירט וועסען, האט אים שיר ניט געכאפט, האט ארעסטירט זיין ווייב מיט זיין חבר גיטען. וועסע איז אוועק אין סען=דעני און האט ווייטער געפירט זיינע עסקים מיט גיט=צינגערן *.

* נאך זייער שעפס טויט האט וועסעס חברה געפאדערט פון בארטעלעמי סענט-אילער ארום 39.000 פראנק. דער אדמיראל וועסע, וואס האט געהאט גרויס צוטרוי צו גיטצינגערן, האט אונטערגעשטיצט די פאדערונג און די סומע 15.000

דער דורכפאַל פון דער דאָזיקער פאַרשווערונג האָט משפיע געווען אויף הער טיערן, אַז ער זאָל זיך אומקערן צום געדאַנק וועגן אַן אומדערוואַרטן אָנפאַל, וועגן וועלכן ער האָט געחלומט פון די ערשטע טעג מאַי אָן. אויפן סמך פון די הבטחות פון אַ געריכטס־קאָמיסאַר, וואָס האָט זיך אונטערגענומען צו עפענען די דאָפין־טויערן דורך זיינס אַ פריינד לאַפּאָרטן, דעם קאָמאַנדיר פונם 16טן לעגיאָן, האָט הער טיער באַשלאָסן צו מאַכן אַן עקס־פּעדיציע, ניט געקוקט אויף דער קעגנערשאַפט פון מאַק־מאַהאָנען און זיינע אָפיצירן, וואָס האָבן געוואָלט אַן אָנגריף. „עס וואָלט געווען אַ סך טייערער פאַר אונז צו פאַרנעמען די שטאָט מיט כוח", — האָט געזאָגט דער פויפּסטלעכער פּראָטעזשע מען, אַ קיראַסירן־קאַפּיטאַן, אַ פריינד פון גוטע אַרבעטער, — „דאָס רעכט אַנט־פּלעקט זיך אויף אַן אַבסאָלוטן אופן", — דאָס רעכט פון שחיטה, ער האָט עס דערוויזן. לויטן באַפעל פון גענעראַל טיער איז די אַקטיווע אַרמיי צוזאַמען מיט אַ טייל רעזערוון געשטעלט געוואָרן אויף די פיס אין דער נאַכט פונם 3טן מאַי, און דער פּרעזידענט איז אָפּגעפאָרן אויף נאַכטלעגער אין סעוור. האַלבנאַכט האָבן די פּאָלקן זיך צונויפגעזאַמלט און דעם בולאָנער וואַלד, לעבן דער אינעוויייניקסטער אָזערע; אַלעמענס אויגן זיינען געווענדט געווען

סראַנק איז זיי פונדעסטוועגן געוואָרן אויסגעצאָלט. די חברה האָט געפאָדערט, אַז די איבעריקע סומע זאָל איר אויך צוגעצאָלט ווערן פון די געלטער, וואָס מען האָט צוגענומען ביי די פעדעראַליסטן; זי האָט זיך אַפילו געלאָזט אויף שאַנטאַזש קעגן דעם אַדמיראַל, וועלכער האָט סוף־כל־סוף זיי געוויזן דעם וועג. נאָכדעם, ווי יעדע האָפענונג איז פאַרלאָרן געגאַנגען, האָבן זיי אַרויסגעלאָזט אונטער דער אַלמנה וועסעס חתימה אַ בראָשור, וואָס איז געווען פול מיט גינסטיקע פאַר איר אומפּינקטלעכע ידיעות, כדי אַזוי אַרום צו באַרעכטיקן איר פאָדערונג. די בראָשור איז אַרויס אין 1873 און איז גאַנץ ערנסט אויפגענומען געוואָרן דורך אַלע פּרעסע־רעפּטיליעס, ניט געקוקט דערויף, וואָס די פאַקטן און די דאָקומענטן זיינען געווען על־פּי־רוב ניט ריכטיק. גיטצינגער האָט פּראָטעס־טירט קעגן די שקרים, וואָס זיינען דאָרט געבראַכט געוואָרן, האָט אַפילו אָנגע־הויבן שרייבן אַ בראָשור מיט אַ הכחשה, שפּעטער איז ער אָבער געוואָרן אַ שפּיאָן פון די פּאָליטישע עמיגראַנטן און איז דעמאַסקירט געוואָרן, צוליב וואָס ער האָט טאַקע אויך געמוזט פאַרלאָזן לאָנדאָן און בריסעל.

אויף די טויערן. זיי האָבן באַדאַרפט ווערן געעפנט דורך אַ ראַטע
רעאַקציאָנערן, וואָס האָט זיך געבילדעט אין פּאַסי, אונטער דער
קאָמאַנדע פון ווערי, אַ לייטענאַנט פונם 38טן באַטאַליאָן, וואָס
האָט געהאַט אַ פולמאַכט פון זיין פריערדיקן קאָמאַנדיר לאַ=
וויניע. די פאַרשווערער האָבן זיך בלויז ניט געגעבן קיין מי מתרה
צו זיין וועגן דעם לאַוויניען. די ראַטע האָט ניט באַקומען קיין
באַפעל פון איר הויפּט=קאָמאַנדיר, האָט מורא געהאַט פאַר אַ לאַ=
קער און האָט זיך אָפּגעזאָגט פונם גאַנצן עסק. די פעדעראַליסטן,
וואָס האָבן זיך געפונען אויף דער וואַך, זיינען ניט געוואָרן גע=
ביטן. פאַרטאָג, נאָכדעם ווי דאָס חייל האָט פאַרלאָרן בחינם אַ סך
שעה, איז עס זיך צעגאַנגען אין די קוואַרטירן. אין צוויי טעג
אַרום איז לאַפּאָרט אַרעסטירט געוואָרן; ער האָט אָבער געפונען
אַ מיטל אַרויסצוגיין אויף דער פריי.

באַפּאָן האָט פונקט אויף אַזאַ אופן געפירט דאָס עסק;
ער האָט אויך ערוב געווען, אַז די טויערן פון ד'אָטעיל און דאָפין
וועלן אָפּגעגעבן ווערן אין דער נאַכט פונם 12טן אויפן 13טן.
הער טיער האָט זיך געלאָזן נאָכאַמאָל נאָרן און האָט צוגעשיקט
אַ גאַנצע סיסטעם קאַנאָנען פון כל=המינים, כדי צו מאַכן דעם
אָנגריף. אַ סך אָפּטיילונגען זיינען געשיקט געוואָרן צו פּואַן=די=
זשור=צו, און די אַרמיי איז גרייט געווען זיי נאָכצוקומען. די
לעצטע רגע זיינען אָבער די טיפע קאָמבינאַציעס פון די פאַר=
שווערער צונישט געוואָרן, און פונקט ווי דעם 3טן, האָט זיך די
אַרמיי אומגעקערט אַהיים אָן לאַרבער=קרענץ. דער דאָזיקער פרווו
איז דערגאַנגען צום קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלעכער רעטונג, וואָס
האָט וועגן דעם ערשטן מאָל ניט געהאַט געוואוסט.

לאַניע איז אַרעסטירט געוואָרן צומאָרגנס. דער קאָמיטעט
האָט קאָנפיסקירט די דרייפאַרביקע באַנדאַזשן, וואָס די נאַציאָ=
נאַלע גוואַרדיע פון דער אָרדענונגס=פּאַרטיי האָבן באַדאַרפט אָנ=
טאָן ביים אַריינטריט פון מיליטער. אַ פרוי מיטן נאָמען לעגראַ,
וואָס האָט זיי צוגעגרייט, האָט ניט געזאָרגט דערפאַר, אַז אירע
אַרבעטערינס זאָלן באַקומען זייער געצאָלט. איינע פון זיי, וואָס
האָט געמיינט, אַז זי אַרבעט פאַר דער קאָמונע, האָט זיך גע=

מען האט דורך
 ווענדט צום שטאטראט, מען זאל איר באצאלן.
דער לעגרא אנגעהויבן חוקר=ודורש צו זיין די גאנצע זאך און
מען איז געקומען אויף די שפורן פון באפאן מיט זיין כנופיה. באפאן
און לאראק האבן זיך באהאלטן און טראנסען=דימערסאן האט זיך
אומגעקערט אין ווערסאל. שארפאנטיע איז געבליבן דער ראש
ראשון. קארבען האט אים געצוואונגען צו ארגאניזירן די אונטער=
וואַרפענע לייט אין צענדליקער, הונדערטער, האט אים אנגע=
מערקט א פלאן, ווי אזוי צו פארכאפן דעם שטאטראט, ווען דאס
מיליטער וועט אריין. שארפאנטיע האט זיך גארנישט געשעמט
יעדן טאג אים צו דערציילן וועגן נייע ערפאלגן, ער האט גע=
רעדט וועגן 20.000 רעקרוטן, האט געפאדערט דינאמיט אויפצו=
רייסן די הייזער, און האט מיט פאנטאגריעלס אפעטיט פאר=
שלונגען גרויסע סומעס, וואס דיורושו האט אים איבערגעגעבן.

הינטער די דאזיקע סאלידע אפיציעלע אגענטורן האבן זיך
מיט טונקעלע פלעקן געלאזט אנמערקן איינצלנע פארדעטערישע
מעשים. פארן מיליטערישן געריכט האבן זיך געפונען זייער א סך
הערן: עלטערע אפיצירן, קאמאנדירן פון ציווילע אמטן האבן זיך
געריכט, אז זיי האבן געדינט דער קאמונע בלויז, כדי זי בעסער
צו קענען פאררעטן; דאס איז פאר זיי בלויז געווען א פארטיי=
דיקונגס=מיטל.

דער סך=הכל איז געווען, אז אלע פארשווערער, צוזאמען
גענומען, זיינען ניט בכוח געווען די טויערן אפצוגעבן; זיי האבן
אבער מיטגעהאלפן צו צעשטערן די אמטן. איינער פון זיי, קא=
מענדאנט זשעריע, האט, משמעות, זיך צוגעשריבן דאס פארדינסט
פון דעם אויפרייס אין דער ראפ=אלעע. דאך דארף מען די רא=
פארטן פון די דאזיקע הערן לייענען מיט פרושים, מחמת זיי
זיינען אפטמאל געווען פול מיט אויסגעטראכטע ערפאלגן, כדי
אזוי ארום צו באַרעכטיקן די הונדערטער טויזנטער פראנק און
אויסצייכענונגען, וואס זיי האבן ארויסבאקומען.

דריי־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל

„דאָס נעמען פּאַריז האָבן מיר צו־פאַרדאַנקען אונזער אַרטילעריע און אונזער פּאָליטיק".

(הער טיער. אַנקעטע פונם 18טן מערץ).

„די גרויסע רעדע פונם פּאָרזיצער פון ראַט איז באַגעגנט געוואָרן מיט אַפּלאָדיסמענטן פון די עקסט־לינקע".

(דיפּאָר צום הויפּט־פּראָקוראָר אינע).

הער טיערס פּאָליטיק בנוגע דער פּראָווינץ. — די לינקע ניבן אַרוים פּאַריז.

ווער איז דער הויפּט־פּאַרשווערער קעגן פּאַריז? די ווערסאַלער לינקע.

וואָס בלייבט נאָכן 19טן מערץ טיערן, כּדי צו רעגירן איבער פראַנקרייך? ער האָט ניט קיין אַרמיי, ניט קיין אַרטילעריע, ניט קיין גרויסע שטעט. זיי זיינען באַוואָפנט מיט ביקסן, זייער אַרבעטער־באַפעלקערונג איז אויפגערעגט. אויב די קליין־בורזשואַזיע, וואָס חזרט אין דער פּראָווינץ איבער די קרוינשטעטישע רעוואָלוציעס, וועט מיטמאַכן די באַוועגונג און נאָכגיין איר שוועסטער פון פּאַריז, — וועט הער טיער ניט בכּוח זיין אַרויסצושטעלן קיין לייטיש חייל. ביסמאַרק האָט פאַרגעלייגט גאָר שטאַרק צו פאַרנעמען דאָס אָרט, — אָבער דאָס וואָלט שוין גאָר אַ תּל געמאַכט פון אַלץ. כּדי צו עקסיסטירן, אויפהאַלטן די פּראָווינץ, שטערן איר אָפּצושטעלן די האַרמאַטן, וואָס דאַרפן מנצח זיין פּאַריז, — וואָס זיינען די איינציקע מיטלען פון דעם שעה פון דער בורזשואַזיע? איין וואָרט און אַ הייפל מענטשן. דאָס וואָרט — איז רעפּובליק; די מענטשן: די טראַדיציאָנעלע פירער פון דעם רעפּובליקאַנישן טייל באַפעלקערונג.

זאָלן די האַרטקעפּיקע גוטבאַזיצער בילן ביים נאָמען רע־פּובליק און זיך אָפּזאָגן אַריינצונעמען אים אין זייערע אויפרופן. הער טיער איז זייער ביטרע, ער לאָזט דאָס וואָרט אין גאַנג כסדר, און פעלשנדיק די אָפּשטימונג פון דער פאַרזאַמלונג, גיט ער עס אַלס לאָזונג *.

תּיכּף ביי די ערשטע אויפשטאַנדן באַקומען אַלע באַאַמטע פון דער פּראָווינץ די דאָזיקע פאָרמול: מיר „פאַרטיידיקן די רעפּובליק קעגן די מורדים".

דאָס איז שוין געווען אַ זאַך. די שטים אָבער פון די דאָרפס־לייט, הער טיערס פאַרגאַנגענהייט זיינען געווען אַ סתּירה צו די רעפּובליקאַנישע רעקאָמענדאַציעס, און די געוועזענע העלדן פון דער פאַרטיידיקונג זיינען שוין ניט געווען מער קיין גענוגנדיקע ערבות. הער טיער האָט עס דערפילט און האָט אַ רוף געטאָן צו זיך די געטרייסטע פון די טרייסטע, די אַלטע קעמפער פאַר דער באַוועגונג, וועלכע דער גלות האָט אונז אומגעקערט. זייער פּרע־סטיזש איז אין די אויגן פון די פּראָווינצער דעמאָקראַטן געווען אומבאַרירלעך. הער טיער האָט געהאַט מיט זיי געהיימע זעונגען, האָט זיי געזאָגט, אַז פון זיי איז אָפּהענגיק דער גורל פון דער רעפּובליק, האָט געחנפעט די אַלטע לייט און אַזוי געלונגען זיי איינגערעדט, אַז ער האָט זיך געשאַפן פון זיי אַן אָנלען און גאַנץ פריי געקענט טעלעגראַפירן, אַז זיי האָבן אַפּלאָדירט די קללות פון 21טן מערץ. בעת די רעפּובליקאַנער פון דער פּראָ־ווינציעלער קליין־בורזשואַזיע האָבן געזען, ווי דער באַרימטער לוי בלאַן, דער דרייסטער שעלכער און די אַנגעזעענסטע ראַדיקאַלע מורמלער זיינען מזלזל דעם צענטראַל־קאָמיטעט, בעת זיי אַליין האָבן פון פּאַריז ניט באַקומען — ניט קיין פּראָגראַם, ניט קיין פעיִקע עמיסאַרן, וואָס זאָלן מסוגל זיין צו פאַרטיידיקן זייער זאַך, האָבן זיי זיך אָפּגעקערט פון דער קאָמונע און, ווי מיר האָבן

* דעם 23טן טעלעגראַפירט פיקאַר דעם גענעראַל אין ע: „די רעפּובליק איז נעכטן ווידער באַשטעטיקט געוואָרן אין דעם אויפרוף פון דער פאַרזאַמלונג — דעם אויפרוף, וואָס די פאַרזאַמלונג האָט „זיך אָפּגעזאָגט צו פאַרענדיקן מיט די ווערטער: „זאָל לעבן די רעפּובליק!"

געזעץ, געלאָזן דעם פאַקל, וואָס די אַרבעטער האָבן אָנגעצונדן, אויסגיין.

די שאָסן פונם 5טן אַפּריל האָבן קוים=קוים זיי אויפגעוועקט. דעם 5טן האָט דער מוניציפּאַל=ראַט פון דער שטאָט ליל, וואָס איז באַשטאַנען פון באַריכטע רעפּובליקאַנער, אָנגעהויבן ריידן וועגן וואָפנשטילשטאַנד, און געבעטן העד טיער פאַרפעסטיקן די רעפּובליק. אין דערזעלבער צייט האָט אויך דער ליאָנער און סענט=אואַנער ראַט געשיקט שלוחים קיין ווערסאַל. טרואַ האָט געמאָלדן, אַז ער איז מיטן מוח און מיטן האַרץ אויפן צד פון די העלדן=בירגער, וואָס קעמפן פאַר זייער רעפּובליקאַנישע איבערצייגונגען. מאַקאָן האָט געפאָדערט פון דער רעגירונג און פון דער פאַרזאַמלונג צו מאַכן אַ סוף צום קאַמף דורך אָנערקענען די רעפּובליקאַנישע אַנשטאַלטן. דראָם, וואַר, וואָקליוז, אַדרעס, לואַרע, סאַוואָי, ערע, זשער, די מזרח=פּירענייען, צוואַנציק דעפּאַרטאַמענטן האָבן צוגעשיקט אַזעלכע מיני אַדרעסן. די אַרבעטער פון רואַן האָבן געמאָלדן, אַז זיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן דער קאָמונע; די אַרבעטער פון האַוור, וועלכע די בורזשואַזע רעפּובליקאַנער האָבן אָפּגעשטויסן פון זיך, האָבן געשאַפן אַ גרופּע, וואָס האָט סימפּאַטיזירט מיט פּאַריז. דעם 16טן זיינען אין גרענאָבל זעקס הונדערט מאַן, ווייבער מיט קינדער, אַוועק אויפן וואָקזאַל צו שטערן אָפּגיין דעם חייל און לעבנסמיטל אין ווערסאַל. דעם 18טן איז אין נים דורכגעגאַנגען אַ מאַניפעסטאַציע איבער דער שטאָט מיט אויסגעשרייען: „זאָל לעבן די קאָמונע! זאָל לעבן פּאַריז! אַוועק מיט ווערסאַל!“ דעם 16, 17 און 18טן האָט מען אין באָרדאָ איינגעזעצט אין תּפיסה פּאָליציי=אַגענטן, אָפיצירן האָט מען געשלאָגן מכּות=רצח, די פוסגייער=קאַזאַרמעס זיינען באַוואָרפן געוואָרן מיט שטיינער און עס האָבן זיך געהערט קולות: „זאָל לעבן פּאַריז! אַ טויט די פאַררעטער!“ די באַוועגונג האָט אַרומגעכאַפּט אויך די דאָרפישע באַפעלקערונג אין סענקואַן, אין שאַריטע=אויף=לואַר, אין פּוילי זיינען באַוואָפנטע נאַציאָנאַלע גוואַרדייער געגאַנגען מיט אַ רויטער פאָן. קאָיען האָט זיך אָנגעשלאָסן דעם 18טן; פלערי=אויף=לואַר — דעם 19טן. די רויטע

פאן האט כסדר געפלאטערט אין אריעזש; אין פוא איז פאר-האלטן געווארן די ארטילעריע, אין וואריל האט מען געפרווט אראפווארפן פון די רעלסן די וואגאנעס מיט לעבנסמיטל; אין פעריגע האבן די באן-ארבעטער פארכאפט דאס מאשינען-געווער.

דעם 15טן זיינען פינף דעלעגאטן פונם ליאנער מוניציפאל-ראט געקומען צו הער טיערן. ער האט זיי פארזיכערט אין זיין איבערגעגעבנקייט צו דער רעפובליק און האט געשווארן, אז די פארזאמלונג וועט ניט ווערן קיין גרינדונגס-פארזאמלונג. אויב ער האט זיך אויסגעקליבן באאמטע ניט קיין רעפובליקאנער, האט ער עס געטאן, כדי איינצוהאלטן ביי זיך אלע פארטייען, וואס עס איז נייטיק טאקע אין די אינטערעסן פון דער רעפובליק. ער האט זי געשיצט פון די מיטגלידער פונם שטאטראט, „אירע בלוטיקסטע שונאים", — האט ער געזאגט. די דעלעגאטן קענען זיך דערינען איבערצייגן אין פאריז גופא, און ער איז גרייט זיי צו-צושטעלן דורכגאנגס-שיינען.

ווי די מעשה זאל ניט זיין, אויב ליאן וועט זיך ערלויבן צוצושטיין צו דער מרידה, האט די רעגירונג אין איר רשות 30.000 מאן, וואס זיינען גרייט צו מאכן ארדענונג אין שטאט — א בפירושער ליגן, אין וועלכן ער האט אין פיר יאר ארום זיך אליין מודה געווען אין בארדא. די איבעריקע דעפוטאציעס האבן מיט אים אויך געהאט אזא מין שמועס, וועלכן ער האט געפירט אויף זייער א גוטמוטיקן אופן, מיט דער גרעסטער גוט-ברודע-רישקייט, וואס האט אים דערווארבן די פראווינצער לייט.

פונם פרעזידענט זיינען זיי אוועק צו די גרויסע לייט פון די עקסטרעם לינקע: לוי בלאן, שעלכער, עדמאנד אדאם און אנדערע בארימטע דעמאקראטן, וואס האבן באשטעטיקט הער טיערס רייד. די דאזיקע הערן האבן מסכים געווען צו אנערקענען, אז דער פאריזער ענין איז אין פרינציפ א גערעכטער, נאר זיי האבן ערקלערט, אז ער איז פאלש געווענדט און קאמפראמעטירט דורך דעם פארברעכערישן קאמף.

זיי זיינען געווען צו פחדניש צו זאגן, ווי פרודאן אין 58טן יאר: „מען דארף דערהרגענען די מאמען, כדי מציל צו זיין דאס

קינד". זיי האָבן געשענדט דאָס קינד. לוי בלאַן, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן פאַרבראַכט אויף פוסטע דיבורים, וואָס זיינען אָבער געווען גאַנץ אומשולדיק בנוגע דער געזעלשאַפט, האָט געפילט אַ שנאה צו די קאָמונאַרן, וועלכע האָבן אים, לויט זיינע ווערטער, פאַרמשפט צו טויט: „מיט וועמען", — האָט ער געזאָגט צו די דעלעגאַטן, — „איז דאָרט דאָ צו פירן אַ וויכוח אין פאַריז? מענטשן, וואָס האַלטן זיך אין איין ארומרייסן איבער דער מאַכט, פאַנאַטיקער, טיפּשים אָדער שווינדלער, שוין אָפּגערעדט פון די באָנאַפּאַרטיסטישע און פּרייסישע אינטריגעס".

און די אַלע הערן האָבן שטאָלץ אַרויסגעשטעלט די ברוסט: „ווען פּאַריז זאָל זיין גערעכט, וואָלטן מיר דען ניט געווען אין פּאַריז?"

דאָס רוב פּראָווינציעלע דעלעגאַטן, אַדוואָקאַטן, דאָקטוירים, סוחרים, וואָס זיינען דערציגן געוואָרן אויף דרך-ארץ פאַר בארימטע אַלטע נעמען, האָבן זיך צוגעהערט צו די רייד פון די יונגע אָנהענגער פון די לינקע, וואָס האָבן גערעדט מיט אַ טאָן פון אַפּאָסטאָלן, האָבן זיך אומגעקערט אַהיים און דערציילט פאַר זייערע מיטבירגער די דרשות פון די לינקע און גערופן נאָכצו-גיין נאָך זיי, כדי מציל צו זיין די רעפּובליק. אַ קליינע צאָל איז אַפילו אריין קיין פּאַריז.

אַלס עדות פון די מחלוקתן אין שטאַטראַט, אויפגענומענע דורך מענטשן, וואָס זיינען ניט מסוגל געווען צו פאָרמולירן זייערע געדאַנקען, באַגעגנטע מיט דראַאונגען מצד פעליקס פּיאַ אין דעם „נקמה-נעמער" און פון אַנדערע לייט אין דער קאָמונע, האָבן זיי זיך אומגעקערט איבערצייגטע, אַז פון דעם תוהו-ובוהו קען מען קיין זאַך ניט דערגיין. בעת זיי זיינען ווידער געקומען קיין ווערסאַל, האָבן די לינקע דעפּוטאַטן טריומפירט: „נו, וואָס! וואָס האָט מען אייך געזאָגט?" ביז מאַרטין בערנאַר, אַ געוועזענעם הייסן אָנהענגער פון באַרבעסן, איז ניט געווען קיין איינער צווישן זיי, וואָס זאָל זייערע ווילער ניט געבן קיין בריק מיט די אייזלישע קלאָען.

אַ סך האָבן אין פאריז ניט געקענט גלייבן, אַז די לינקע האָבן זיי אַזוי פאַרראַטן, און האָבן נאָך אַלץ ווייטער זיי געפּרוּווט איבערצייגן. „וואָס טוט איר אין ווערסאַל אין דער צייט, ווען ווערסאַל באָמבאַרדירט פאַריז?" — איז אין איינעם פון די אַדרעסן געזאָגט געוואָרן סוף אַפּריל. — „איז דען אייער אָרט צווישן יענע קאַלעגן אייערע, וואָס דערהרגענען אייערע ווײַלער? אויב איר זוילט דווקא בלייבן צווישן די שונאים פון פאריז, פּראָטעסטירט, לכל־הפּחות; אַ דאַנק אייער שווײַגן, ווערט איר פאַקטיש דאָך מיטהעלפער... וואָס! איר דערלאָזט, אַז הער טיער זאָל שרייבן צו די דעפּאַרטאַמענטן: „די מורדים מאַכן אַ תּל פון די רייכע הייזער אין פאַריז, כּדי צו פאַרקויפן פון דאָרט די מטלטלים" — און איר שטעלט אייך ניט אויף דער טריבונע צו פּראָטעסטירן!.. וואָס! די גאַנצע באַנאַפּאַרטיסטישע און דאָרפישע פּרעסע מעג פאַרפלייצן די דעפּאַרטאַמענטן מיט געמיינע אַרטיקלען, אין וועלכע עס ווערט געזאָגט, אַז אין פאַריז דערהרגעט מען, מען איז מאַנס, מען גנבעט, און איר שווײַגט!... ווי הייסט! הער טיער מעג דערציילן, אַז זיינע זשאַנדאַרמען דערהרגענען ניט קיין געפאַנגענע; איר קענט ניט ניט וויסן וועגן די אַלע ווילדע עקזעקוציעס, און איר שווײַגט אַלץ! גייט אַרויף אויף דער טריבונע, זאָגט די דעפּאַרטאַמענטן דעם אמת, וואָס עס באַהאַלטן פון זיי אויס די שונאים פון דער קאָמונע אַזוי זאָרגפול... זיינען דען אָבער אונזערע שונאים אויך אייערע שונאים?"

אָן אומזיסטער רוף: די פּחדנות פון די ווערסאַלער לינקע איז מסוגל געווען אים אויסצוקערן לטובת זיך. לוי בלאַן האָט געמאַכט צביעישע שטיק: „אָ, דער בירגער־קריג! אַ שרעקלעכער קאַמף! די אַרטילעריע דונערט! מען הרגעט, מען שטאַרבט, און יענע, וואָס וואָלטן אין דער פאַרזאַמלונג גערן מקריב געווען דאָס לעבן, אַבי צו זען דאָס דאָזיקע בלוטיקע פּראָבלעם באַשיידן אויף אַ פרידלעכן אופן, זיינען פאַרמשפּט אויף גאָר־ניט טאָן, אויף ניט קענען אַ געשריי טאָן, אַ וואָרט אַרויסזאָגן!..."

זינט די פראַנצויזישע רעפּרעזענטאַנץ־פאַרזאַמלונגען עקסיסטירן, האָבן די לינקע בענק זיך נאָך אַזוי ניט באַפלעקט. די

קלעפ, די באליידיקונגען, מיט וועלכע מען האט באשיט די געפאנ־
גענע, זיינען ניט בכוח געווען ארויסצורופן קיין פראטעסט ביי
די דאזיקע פאריזער דעפוטאטן. בלויז איין טאלען האט געפא־
דערט ערקלערונגען צוליב בעל־עפינס טויט.

מיט זייער לשון־הרע זיינען זיי בכוח געווען צו פאראליזירן
די מעשים, אבער ניט די שטרעבונגען פון דער פראווינץ. מיט
הארץ און באגער זיינען די ארבעטער פון פראנקרייך געווען מיט
פאריז. די באאמטע פון די סטאנציעס האבן זיך געווענדט צו די
דורכפארנדיקע זעלנער מיט רעדעס, האבן זיי באשוואוירן צו שיסן
אין דער לופטן. דער המון האט אראפגעריסן די אפיציעלע מודעות.
די צענטראלע ערטער האבן אין די הונדערטער צעשיקט זייערע
אדרעסן. אלע רעפובליקאנישע צייטונגען האבן געפריידיקט וואפנ־
שטילשטאנד. די אויפרעגונג איז געווארן א כראנישע. הער טיער
האט געגעבן דיפארן, איינעם פון די פיינטלעכסטע אויספירער פון
זיינע געמיינע מעשים, דעמיסיע. דעם 23טן האט ער באפוילן
זיינע פראקורארן צו פארפאלגן אלע שרייבער, וואס וועלן שטיצן
די קאמונע, „די דאזיקע דיקטאטור, וואס איז אוזורפירט געווארן
דורך אויסלענדער און פארברעכער, וועלכע האט זיך קונה־שם
געווען מיט גנבות, אריינברוכן אין פריוואטע הייזער, בייגאכט מיט
געווער אין די הענט, מיט פארפאלגן די פארמיטלער, וואס האבן
האבן זיך געבעטן רחמים ביי דער פארזאמלונג אויסצושטרעקן
איר איידעלע האנט דער מיט בלוט באפלעקטער האנט פון אירע
שונאים".

ווערסאל האט אזוי ארום געהאפט ארויסצורופן טעראר
בעת די מוניציפאלע וואלן, וואס האבן לויטן נייעם געזעץ בא־
דארפט פארקומען דעם 30טן אפריל.

זיי זיינען געווען רעפובליקאנישע. די פראווינץ, וואס האט זיך
אויפגעהויבן קעגן פאריז אין יוני 48טן יאר און בעת די וואלן
פון 49טן יאר, האט געוואלט קעמפן בלויז מיט די פארזאמלונגען
פון 71טן יאר. אין ראשפאר האט דאס רוב ביולעטענען געקלונגען:
„זאל לעבן די קאמונע!" אין טיער האט דאס פאלק פארנומען
דעם שטאטראט, האט פארשטעקט דארט א רויטע פאן און פאר־

נומען דעם טעלעגראף. עס זיינען פארגעקומען אומרוען אין פון, געמור, שאטא-לאנדאן, אין דעם קרייז פאנטענעבלא.

אין דארדיוו האבן די קאמונארן מיט א רויטער פאן פאר-זעצט פאר דער מעריע א בוים פון פרייהייט. אין מאנטארזשי האבן זיי צעקלעפט אן אויפרוף פון דער קאמונע אויף די ביימער און געצוואונגען איין געריכטסמאן, וואס האט געוואלט פארניכטן דעם פלאקאט, צו בעטן מחילה אויף די קני. אין קולאמיער איז פארגעקומען א מאניפעסטאציע מיט אויסגעשרייען: „זאל לעבן די רעפובליק! זאל לעבן די קאמונע!"

ליאן איז אויפגעשטאנען. די דרייפארביקע פאן האט געהערשט דארט פונם 24טן מערץ אן אומעטום, אחוץ אין גיליא-טיער, וואו דאס פאלק האט איבערגעלאזט זיין אייגענע פאן. דער מוניציפאל-ראט, האט, נאך זיין אומקערן זיך פון פאריז, גע-פאדערט, אז די רעכט פון פאריז זאלן ווערן אנערקענט, עס זאל אויסגעקליבן ווערן א גרינדונגס-פארזאמלונג, און האט באשטימט דעם אפיציר פון די פרייע שיסער בוראן אלס קאמאנדיר פון דער נאציאנאלער גווארדיע. אין דער צייט, וואס דער לעצטער האט מיט ענערגיע, וועלכע ס'איז כדאי אויסצובריינגען ביי א בע-סער מזל, געשריבן אדרעסן מיט בקשות צו הער טיערן, איז די נאציאנאלע ליאנער גווארדיע ווידער געווארן אויפגעבראכט. זי האט פארגעשטעלט דעם מוניציפאל-ראט א פראגראם, וועלכע ער האט זיך אפיציעל אפגעזאגט אנצונעמען. דער דורכפאל פון די דעלעגאטן, וואס זיינען געשיקט געווארן אין ווערסאל, האט נאך מער פארשטארקט די אויפרעגונג. בעת די קאמונאלע וואלן זיינען געמאלדן געווארן, האט דער רעוואלוציאנערער עלעמענט געהאלטן, אז דאס מוניציפאלע געזעץ האט ניט קיין שום האפט, און די פארזאמלונג האט ניט קיין שום רעכט פון א גרינדונגס-פארזאמלונג.

צוויי פאריזער דעלעגאטן האבן געפאדערט פונם מער ענאן, אז די וואלן זאלן ווערן אפגעלייגט. איינער פון די אנטיילנעמער פונם צוזאמענשטויס דעם 28טן סעפטעמבער, גאספאר בלאן, האט זיך ווידער באוויזן אויף דער סצענע. די לינקע האבן געהאלטן אין איין זוכן באנאפארטיזם און האבן זיך ממש מחיה געווען,

זוען די דאזיקע פערזאן האט זיך באוויזן; ער איז אבער געווען א פשוטער לומפ און האט די אימפערישע ליווריי אנגעטאן ערשט אין גלות. דעם 27טן האט מען אין בראטא אויף א גרויסער עפנט-לעכער פארזאמלונג באשלאסן זיך אפצוהאלטן, און דעם 29טן, אין גיליאטיער, — זיך אנטקעגנצושטעלן דער אפשטימונג.

דער 30טן, זעקס א זייגער אינדערפרי, האט זיך אין גילא-טיער דערהערט א גענעראל-מארש. די נאציאנאלע גווארדייער נעמען צו דעם וואל-קאסטן און שטעלן אוועק א שמירה ביי דער טיר פונם זאל. אויף די ווענט איז צעקלעפט אזא מין פראקלאמאציע: „די שטאט ליאן קען ניט דערלאזן מער, אז מען זאל דריקן איר לייבלעכע שוועסטער, די העלדישע שטאט פאריז. די ליאנער רעוואלוציאנערן האבן מיטן פולן הסכם אויסגעוויילט א צייטווייליקן קאמיטעט... זיינע מיטגלידער האבן, איידער זיי וועלן זיך אפזאגן פון נצחון, ביי זיך פעסט באשלאסן, צו פארוואנדלען די שטאט אין א קופע שטיינער, די שטאט, וואס איז אזוי ווייט פהדניש, אז זי דערלאזט פאריז מיט דער רעפובליק זאלן אומ-קומען". דער פלאץ פון דער מעריע איז פול געווארן מיט אויפ-געהעצטן עולם. דער מער קרעסטען מיט זיין געהילף, וואס האבן זיך געוואלט ארייננמישן, קענען קיין זאך ניט אויפטאן: די רעווא-לוציאנערע קאמיסיע פארנעמט די מעריע.

בורא שיקט די קאמאנדירן פון גילאטיער א באפעל צו פאראייניקן זייערע באטאליאנען. זיי שטעלן זיך אוים ארום צוויי א זייגער אויף קור-דע-בראס. א גרויסער טייל פון דער גווארדיע טאדלט די באוועגונג; קיינער וויל ניט זיין קיין זעלנער ביי די ווערסאלער לייט. דער המון רינגלט זיי ארום און זיי מישן סוף-כל-סוף אוים זייערע רייען. איין הונדערט-אפטיילונג, אונטער דער קאמאנדע פון א קאפיטאן, קומט אין דער מעריע אריין, כדי צו פארשטעקן איר רויטן ראטע-צייכן. מען גייט נאך דעם מער, וועלכן די קאמיסיע וויל אנשליסן אן דער באוועגונג. ער זאגט זיך אפ, פונקט ווי ער האט זיך אפגעזאגט דעם 22טן מערץ. פלוצלונג גיט א דונער א הארמאט.

ענאן מיטן מוניציפאלן ראט וואלטן גערן זיך געהאלטן ביי אן

אויסוואַרט־פּאָליטיק, ווי דעם לעצטן חודש. דער פּרעפעקט וואַ־לענטען און קרעזאַ האָבן געחלומט וועגן עספּיוואַנען. פינף אַ זייגער גייט דער 38טער פּאָלק צו צו דער גיליאָטיערישער בריק. דער המון דרינגט אריין אין די זעלנערישע רייען, בעט זיך ביי זיי רחמים ניט צו שיסן. די אָפיצירן זיינען געצוואונגען אריינצופירן זייערע זעלנער אין די קאזארמעס. אין משך פון דער צייט פאַר־פעסטיקט זיך גילאָטיער. די גרויסע באריקאַדע, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט איבערן גאַנצן שטח פון די מאגאזינען פון דער נייער וועלט ביזן ראָג מעריע, פארצוימט די גרויסע גאַס, די צווייטע הייבט זיך אויף ביים אריינגאַנג אין דער גאַס פון די דריי קיניגן, די דריטע — לויט דער הייך פון דער שאַבראָל־גאַס.

האלב זיבן גייט דער 38טער פּאָלק ארויס פון די קאזארמעס, דאָס מאָל הארט ארומגערינגלט דורך אַ באַטאַליאָן שיסער, בראש מיט וואַלענטען קרעזאַ און פּראָקוראָר אַנדריע, וואָס איז בעת דער אימפּעריע ארעסטירט געוואָרן פאַר זיינע ווילדע רעדעס און וואָס איז באפרייט געוואָרן דורכן פּאָלק דעם 4טן סעפּטעמבער, באַקומענדיק אַן אָרט אין דער מאגיסטראַטור אדאַנק גאמבעטעס חסד. ער פאָדערט פון זיינע געוועזענע חברים, זיי זאָלן זיך אונ־טערגעבן; אָלס ענטפער דערהערן זיך שאָסן, דער פּרעפעקט איז פאַרוואונדעט. די רייטער רוימען אָפּ קור־דע־בראָס און דעם פּלאַץ פון דער מעריע; צוויי הארמאַטן הייבן אָן באַשיסן דעם בנין. די טויערן צעפאַלן זיך איינגיכן אויף פּיץ־פּיצלעך; די, וואָס זיינען געווען אינעווייניק, זיינען זיך מציל דורך מאַכן פּליטה. דאָס פּאָלק דרינגט אריין, לייגט טויט די שמירה, וואָס האָט באַשלאָסן צו בלייבן אויף דער וואַך ביז דער לעצטער רגע. מען האָט געזאָגט, אַז די מורדים, וואָס מען האָט געכאַפּט אינעווייניק אומדערוואַרט, זיינען דורך אַ ווערסאַלער אָפיציר דערהרגעט גע־וואָרן פון רעוואָלווער־שאָסן.

דער קאַמף האָט געדויערט טיף אין דער נאַכט אריין אויף די שכנותדיקע גאַסן. די זעלנער האָבן אין דער פינסטער איינס דאָס אַנדערע ניט דערקענט און זיך אין אַ גרויסער צאָל אויס־געהרגעט. די פארלוסטן פון די קאָמונאַרן זיינען ניט קיין גרויסע,

דריי א זייגער האט זיך אלץ געענדיקט. אין קרואַרום האָבן טעלעכע בירגער פאַרכאַפּט די מעריע און צעוואָרפן די וואָל־קאַסטנס, דער דורכפאַל אין גילאָטיער האָט געמאַכט א סוף צו זייער ווידערשטאַנד.

די ווערסאַלער לייט האָבן אויסגענוצט דעם נצחון, כדי צו אַנטוואָפענען די באַטאַליאָנען פון גילאָטיער; די באַפעלקערונג האָט זיך ניט געוואָלט פאַראייניקן מיט די זיגער. טעלעכע מאָ־נאַרכיסטן זיינען אויסגעווײַלט געוואָרן אין משך פון טאָג. זיי זיינען געצוואונגען געווען נאָכאַמאָל צו ווערן געוויילט, מחמת אַלע האָבן געהאַלטן, אַז די וואַלן פונם 30טן האָבן ניט קיין שום באַדייטונג. קיין איינער פון זיי איז אויפּדאָסניי ניט געוואָרן אויסגעקליבן. די אַגיטאַציע לטובת פּאַריז האָט געדויערט.

די דאָזיקע אויפדאָסניי אויסגעוויילטע רעפּובליקאַנישע ראַטן זיינען בכוח געווען צו דיקטירן ווערסאַל די געזעצן. די פּראָגרע־סיווע פּרעסע האָט זיי צוגעגעבן מוט. „די טריבונע" אין באָרדאָ האָט פּאָרגעלייגט א קאָנגרעס פון אַלע שטעט אין פראַנקרייך, כדי צו מאַכן א סוף צו דער בירגער־מלחמה, צו באַוואָרענען די מוני־ציפּאַלע פרייהייטן און פעסטשטעלן די רעפּובליק. דער מוניציפּאַ־לער ראַט פון ליאָן, מיט דעם זעלבן פּראָגראַם, האָט איינגעלאַדן אַלע מוניציפּאַלע אַמטן צו שיקן דעלעגאַטן קיין ליאָן. דעם 4טן מאַי האָבן די דעלעגאַטן פון די ראַטן פון די וויכטיקסטע שטעט אינם דעפּאַרטאַמענט ערא זיך פאַראייניקט אין מאַנפּעליע. „די פרייהייט פון ערא" האָט אין א הייסן אויפרוף, וואָס איז איבער־געדרוקט געוואָרן אין פּופּציק צייטונגען, צונויפגערופן די דעפּאַר־טאַמענט־פּרעסע אויף א קאָנגרעס. דער קאָלעקטיווער טאַט האָט זיך געגרייט צו פאַרנעמען דאָס אָרט פון די כאַאָטישע מעשים פון די לעצטע וואָכן. אויב די פּראָווינץ האָט פאַרשטאַנען איר כוח, די וויכטיקייט פונם מאָמענט, אירע נייטן, אויב זי האָט גע־פונען א גרופּע מענטשן, וואָס זיינען געשטאַנען אויף דער גהעע־ריקער הייך, — האָט ווערסאַל, אַלס צונויפגעדריקטער צווישן פּאַריז און די איבעריקע דעפּאַרטאַמענטן, זיך געמוזט אונטער־געבן דער רעפּובליקאַנישער פראַנקרייך. הער טיער האָט דער־

פילט די סכּנה, האָט באַשלאָסן דרייסט עפּעס צו טאָן, און ענער־גיש פאַרבאָטן די קאָנגרעסן. „די רעגירונג וואָלט פאַרראָטן די פאַרזאַמלונג, פראַנקרייך, די ציוויליזאַציע", — זאָגט „דער אָפּי־סיעל" פונעם 8טן מאַי, — „ווען זי זאָל געווען דערלאָזן, אַז צוזאַ־מען מיט דער גזעצלעכער מאַכט, וואָס איז איינגעשטעלט דורך אַלגעמיינער אָפּשטימונג, זאָלן זיך אָרגאַניזירן זיצונגען פון קאָמו־ניזם און פון אויפרעגונג". פּיקאַר זאָגט פון דער טריבונע אַראָפּ אויפן אַדרעס פון די איניציאַטאָרן פונם קאָנגרעס: „קיינעמס אַטענטאַט איז ניט געווען אַזוי פאַרברעכעריש, ווי זייערער. מחוץ דער פאַר־זאַמלונג איז קיין רעכט ניטאָ". די הויפּט־פּראָקוראָרן, די פּרע־פעקטן האָבן באַקומען אַ באַפעל צו שטערן אַלע פאַרזאַמלונגען און צו אַרעסטירן די מוניציפּאַלע ראַטמענער, וואָס וועלן זיך לאָזן אין באָרדאָ. אַ סך מיטגלידער פון דער ליגע פון די פּאַריזער רעכט זיינען אַרעסטירט געוואָרן אין טור און אין ביאַריץ. מער האָט מען ניט באַדאַרפט האָבן, כּדי אָפּצושרעקן די ראַדיקאַלן.

די אָרגאַניזאַטאָרן פונם קאָנגרעס אין באָרדאָ האָבן זיך געפּרווט אַרויסדרייען. די אַלע, וואָס האָבן זיך געפונען אין ליאָן, האָבן געשריבן אין ווערסאַל, אַז לעולם האָבן זיי בדעה געהאַט צונויפצורופן אַ מין פאַרזאַמלונג פון נאָטאַבלען. הער טיער, וואָס האָט געהאַט זיין ציל דערגרייכט, איז געקומען צום באַשלוס, אַז עס לוינט זיי ניט צו פאַרפאָלגן, און האָט ערלויבט די דעלעגאַטן פון זעכצן דעפּאַרטאַמענטן אַרויסצוזאָגן זיך וועגן זייערע נייטן און פייערלעך ערקלערן, אַז זיי לייגן אַרויף די אחריות אויף „איינעם פון די ביידע צדדים, וואָס וועט זייערע באַדינגונגען ניט אָננע־מען". אַזוי אַרום האָט די קליינע פּראָווינציעלע בורזשואַזיע פאַר־לאָרן זייער אַ זעלטענע געלעגנהייט צו באַנייען איר גרויסע ראָלע פון יאָר 1792. פונם 19טן מערץ ביזן 5טן אַפּריל האָט זי איבער־געלאָזט די אַרבעטער אַליין, אָנשטאָט מיטצוהעלפן זייערע אָנ־שטרענגונגען מציל צו זיין און צו דערפירן ביזן סוף צוזאַמען מיט זיי די רעוואָלוציע. ווען זי האָט געוואָלט אַ רייד טאָן, האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי איז אַליין — און דערצו אַ שפּילצייג און אַן אָביעקט פון חוזק מצד אירע שונאים.

דעם 10טן מאַי איז הער טיער געווען באַלעבאָס איבער דער לאַגע. ער האָט אויסגענוצט אַלץ: אויסגעלאַסנקייט, פּאַטריאָטיזם, האָט אָנגעפּילט מיט שקרים זיינע דעפּעשן, האָט געצוואונגען די צייטונגען צו זאָגן ליגן, האָט גוטמוטיק אָדער האַרט אויפגענומען דעפּוטאַציעס, — אַמאָל אַרויסגעלאָזט זיינע זשאַנדאַרמען, אַמאָל די לינקע דעפּוטאַטן, — ביז ער האָט דערגרייכט, אַז אַלע פּרווון פון וואָפנשטילשטאַנד זאָלן ווערן באַזייטיקט. דער שלום־אָפּמאַך איז געוואָרן אונטערגעשריבן אין פראַנקרייך — ער האָט זיך אין דעם פּרט באַפרייט, די פּראָווינץ האָט ער געפּטרט, איז ער איצט געבליבן פּנים־אל־פּנים בלויז מיט פּאַריז.

דאָס איז געקומען אין דער רעכטער צייט. די פינף וואָכן באַלאַגערונג האָט אויסגעמאַטערט דאָס געדולד פון די דאָרפישע דעפּוטאַטן. די חשדים פון די ערשטע טעג זיינען ווידער אויפגעשטאַנען תּחית־המתים, מען האָט די לינקע בורזשואַזיע באַשולדיקט אין דעם, אַז זי ציט בכיוון דאָס עסק, כדי מציל צו זיין פּאַריז. דער פאַרבאַנד פון די סינדיקאַטן האָט פאַרעפנטלעכט אַ באַריכט וועגן אַ נייער זעונג, בעת וועלכער ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז הער טיער איז געגאַנגען אויף הנחות; דערנאָך האָט איין רעכטער דעפּוטאַט זיך אויפגעהויבן, איז אַרויף אויף דער טריבונע און געמאַכט הער טיערן אַ פאָרוואורף, וואָס יענער לייגט אָפּ דעם אַריינמאַרש. ער האָט, במורענדיק זיך, געזאָגט: „אויב אונזער אַרמיי האָט געעפנט אַ טראַנשיי אויף 600 מעטער פון פּאַריז, הייסט עס ניט, אַז מיר ווילן אַהין אַריינטרעטן". צומאָרגנס, האָבן די רעכטע באַנייט דעם פּרווו. צי איז אמת, אַז הער טיער האָט געזאָגט דעם מער פון באָרדאָ: „אויב די מורדים וועלן מסכים זיין צו מאַכן אַ סוף צו דער פיינטלעכער אַקציע, וועלן די טויערן געעפנט ווערן אין משך פון דער וואָך פאַר אַלע, אַחוץ די מערדערס פון די גענעראַלן"? האָט דען די רעגירונג בדעה צו באַפרייען עטלעכע פּאַריזער לייט פון אונטער דער מאַכט פון דער פאַרזאַמלונג? הער טיער האָט אָנגעהויבן זיך באַקלאָגן: „איר קלייבט אויס אַ טאָג, ווען איך בין אַריינגעפאַלן אין דער רשימה פון אַזעלכע, וואָס געפינען זיך מחוץ דעם געזעץ, און ווען מען מאַכט

חרוב מיין הויז. דאָס איז אומווערדיק... איך בין געצוואונגען אנצונעמען שרעקלעכע מיטלען, און איך נעם זיי אָן... איך בעט צוטרוי"... מען האָט אים געמאַטערט ביז גאָר, ביז ער האָט די רעכטע אויף זייער געמורמל געענטפערט גראָב: „איך שטעל פעסט, אַז צווישן אייך זיינען דאָ מענטשן, וואָס זיינען גאָר־ניט בכוח זיך צו פאַרטיפן און זיינען צו אייליק. זיי דאַרפן האָבן נאָך אַ וואָך. נאָך דער וואָך וועט די סכנה ווערן באַזייטיקט און די אויפגאַבע וועט אַנטשפּרעכן זייער [illegible] און פעיִקייטן".

פיר-און-צוואַנציקסטער קאַפּיטל

די אָנמאַכט פון דער צווייטן קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלעכער רעטונג. — דער פאָרט וואַנוו און דאָס דאָרף איסי זיינען אָפּגערוימט. — דער מאַניפעסט פון דער מינדערהייט. — דער אויפריים אין דער ראַפּאַלעע. — דאָס פאַלן פון דעם וואַנדאָמער זייל.

דעם 10טן, בעת דער נייער קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלעכער רעטונג איז צוגעטראָטן אַרבעטן, איז די סטראַטעגישע לאַגע געווען געבליבן אָן שינויים אויף דעם שטח פון סענט-אויאַן ביז נעילי, וואו מען האָט זיך כסדר געשלאָגן. זי איז געוואָרן ערנסט פון לאַ-מיעט אָן. די באַטאַרייען פון מאָנטרעטו, מעדאָן און מאָן-וואַלעריאַן האָבן באַדעקט פּאַסי מיט גראַנאַטן און צעשטערט דעם וואַל. די טראַנשייען פון די ווערסאַלער לייט האָבן זיך אויסגעשפּרייט איבערן שטח פון בולאָניע ביז דער סענע. זייערע שיסער האָבן אַרומגערינגלט דאָס דאָרף איסי און האָבן פאַרנומען די טראַנשייען צווישן דעם פאָרט וואַנוו, וועלכן זיי האָבן זיך באַמיט אָפּצושניידן פון מאָנרוזש. די זאָרגלאָזיקייט פון די פאַרטיידיקונגס-אָרגאַניזאַטאָרן האָט זיך ניט געענדערט. די וואַלן זיינען פון מיעט ביז די טויערן פון וואַנוו קוים-קוים געווען באַוואָפנט; די קאַנאָניר-שיפן האָבן כמעט אַליין געענטפערט אויף דעם פייער פון מעדאָן, קלאַמאַר און וואַל-פלערי.

דער ערשטער טאַט פונם נייעם קאָמיטעט איז געווען דער באַפעל חרוב צו מאַכן הער טיערס הויז. דער מחבר פון דעם אַקט איז געווען אַרטור אַרנו. אַדאַנק דעם דאַזיקן אומזין האָט דער פּרעזידענט-באָמבאַרדיר באַקומען אַ פיינעם פּאַלאַץ, וואָס די גוטבאַזיצערישע פאַרזאַמלונג האָט אים תיכף צוגעטראָגן גע-

שאנקען. נאכדעם האט דער קאמיטעט ארויסגעלאזט זיין פראקלא־מאציע: „בגידה האט זיך ארייגעכאפט א. אז. וו.".

דעלעקליוז האט פון זיין זייט אויך ארויסגעלאזט איינע. ער איז קוים־קוים געקומען צו קריכן אויף דער זיצונג און מיט א גע־שטיקטן אטעם געזאגט: „אויב איך זאל זיך רעכענען בלויז מיט מיינע כוחות, וואלט איך פון זיך אראפגענומען די דאזיקע פליכט. די לאגע איז ערנסט... אבער בעת איך קוק אין פנים אריין דער גרויסער צוקונפט, וואס עפנט זיך פאר אונזערע קינדער, אפילו דעמאלט, ווען אונז וועט ניט באשערט זיין צו שניידן אונזער זריעה, באגרים איך דאך מיט אנטציקונג די רעוואלוציע פונם 18טן מערץ". בעת ער איז אריין אין מיניסטעריום, האט ער דארט געפונען דעם צענטראל־קאמיטעט, וואס האט אויך אויסגעארבעט א פראקלאמאציע: דער צענטראל־קאמיטעט מעלדעט, אז עס ליגט אויף אים דער חוב אונטערצוהאלטן די רעוואלוציע פונם 18טן מערץ, וועלכע ער האט אזוי ענערגיש רעאליזירט... ער וועט אומברחמנותדיק צעשטערן אלע מניעות... ער וויל אויפקלערן די אומבאוואוסטזיניקע, מנצח זיין דעם בייזן ווילן, מאכן א סוף צו דער קאנקורענץ, עם־הארצות און טאלאנטלאזיקייט". דאס האט געהייסן נעמען א העכערן טאן, ווי די קאמונע אליין, און זיך חנפענען אליין ביז גאר.

די ערשטע נאכט האט מען באדארפט צוריק אפגעווינען א גרויסן פארלוסט. דער פארט וואנוו, אין וועלכן אלע שאסן זיינען געווען געווענדט, אנשטאט דעם פריערדיקן פארט איסי, איז איצט געווארן אומבאשיצט, און דער קאמענדאנט האט אים דעריבער אפגערוימט. וורעבלעווסקי האט איבערגענומען די קא־מאנדע פון דעם קראנקן לא־סעסיליא און אין דער נאכט פונם 10טן אויפן 11טן — איז ער געקומען בראש פון 187טן און 105טן באטאליאן פון דעם בארימטן 11טן לעגיאן, וואס האט ביזן לעצטן טאג מיט דער גרעסטער ענערגיע אונטערגעהאלטן די פארטיידי־קונג. פיר א זייגער אינדערפרי האט וורעבלעווסקי זיך באוויזן פאר דער פאזיציע, וואו די ווערסאלער לייט האבן זיך געהאלטן, האט געמאכט אויף זיי אן אנגריף מיט באגנעטן, צעיאגט, גענומען

א טייל אין געפאנגענשאפט און צוריקגעקערט דעם פארט די פעדעראליסטן. די מוטיקע פעדעראליסטן האבן אן איבעריק מאל באוויזן, וואס זיי קענען, בעת זיי האבן א קאמאנדיר.

בייטאג האבן די ווערסאלער ליט פארשיט מיט קאנאנען און גראנאטן, וואס זיינען געווען אנגעפילט מיט פיקרין־זויער־קאליום, דעם קלויסטער אוזא און דאס דארף איסי, וואס פון זיין גרויסער גאס זיינען געבליבן בלויז שפליטערס. אין דער נאכט פונם 12טן אויפן 13טן זיינען זיי אומדערוואַרט באפאלן דעם ליציי אין וואנוו, דעם 15טן האבן זיי אטאקירט דעם סעמינאר אין איסי. אין משך פון פינף טעג האט בריונעל אנגעשטרענגט זיינע כוחות, כדי אריינצוברענגען עפעס אן ארדענונג אין דעם פארטיידיקן דאס דארף. ראסעל האט געשיקט נאך דעם דרייסטן מיטגליד פון דער קאמונע, וועלכער האט, מחמת קנאה פון די פארטייען, זיך געמוזט האלטן פונדערווייטנס, און האט צו אים געזאגט: „די פאזיציע אין איסי איז שוין כמעט אפגעגעבן, וועט איר זיך ניט נעמען אמאל זי פארטיידיקן?" בריונעל האט מיט זיך מקריב געווען, האט אוועקגעשטעלט די באריקאדן, האט גע־פאדערט ארטילעריע (דארט זיינען געווען בלויז פיר הארמאטן) און נייע באטאליאנען, כדי צו פארבייטן די 2000 מאן, וואס האבן זיך דארט געהאלטן אין משך פון איין־און־פערציק טעג. מען האט אים צוגעשיקט בסך־הכל צוויי־דרייהונדערט מאן. דאס איז דאס־זעלבע, וואס גענעראל אפער רופט אן בריונעלס בריגאדע, מיט א כוח פון 7.882 מאן. בריונעל האט באפעסטיקט דעם סעמינאר, וואו די פעדעראליסטן האבן, פארשאטענע פון גראנאטן, זיך ניט געקענט האלטן, ער האט ארגאניזירט א צווייטע ליניע אין די לעצטע הייזער פון דארף און אינאוונט איז ער אוועק אין דעם מלחמה־מיניסטעריום, וואו דעלעקליוז האט צונויפגערופן א מילי־טערישן ראט.

דאס איז געווען דער ערשטער ראט נאכן 3טן אפריל. דארט האבן זיך געפונען דאמבראווסקי, ווראבלעווסקי, לא־סעסיליא. דאמבראווסקי האט, נאך אליז א באגייסטערטער, גערעדט וועגן דעם, אז מען זאל צונויפנעמען הונדערט טויזנט מאן. ווראבלעוו־

סקי, א מער פראקטישער, האט פארגעלייגט צו שיקן קעגן די דרומדיקע טראנשייען די אנשטרענגונגען, וואס זיינען בחינם אויסגעבערענגט געווארן אין נעילי. מען האט א סך גערעדט, אבער צו קיין שום באשלוס איז מען ניט געקומען. די זיצונג האט זיך שוין געהאט געענדיקט, בעת עס איז אנגעקומען בריונעל; ער האט אויסגעזוכט דעלעקליוזן אינם שטאטראט און איז צוריק אוועק אין איסי. ביי די ווערסאלער טויערן האט ער אויף דער צווייטער זייט פארצוימונג דערזען זיינע באטאליאנען, וואס האבן ניט געהארכט זייערע קאמאנדירן, האבן אפגערוימט דאס דארף און בדעה געהאט זיך צוריק אומצוקערן. בריונעל האט זיי ניט געוואלט לאזן קיין דורכגאנג, האט געפרווט צוקומען ביזן ארט דורך די טויערן פון וואנוו, וואו מען האט אים ניט דורכגעלאזט. ער האט זיך אומגעקערט אין דעם קריגס-מיניסטעריום, האט בא-שריבן די לאגע, האט זיך אויך געזען מיטן צענטראל-קאמיטעט, געפאדערט פאר זיך מענטשן, געבלאנדזשעט א גאנצע נאכט, כדי זיי צו געפינען, און פיר א זייגער אינדערפרי איז ער אוועק מיט הונדערט-און-פופציק פעדעראליסטן. דאס דארף האט זיך געפונען אין די הענט פון די ווערסאלער לייט. די אפיצירן פון איסי האט מען געבראכט אינם מיליטערישן געריכט. בריונעל האט אין זיין גבית-עדות זיך ביטער באקלאגט אויף דער זארגלאזיקייט, וואס האט געליימט די פארטיידיקונג. אנשטאט וועלכן ס'איז ניט ענטפער האט מען אים ארעסטירט.

אין זיינע ווערטער איז אבער געווען צופיל אמת. די אומ-ארדענונגען אין דעם מיליטערישן אמט האבן אבער געמאכט דעם ווידערשטאנד פאר א חלום. דעלעקליוז האט געבראכט בלויז זיין מסירות-נפש. א מענטש מיט א שוואכן כאראקטער, האט ער, ניט געקוקט אויף זיין גאנץ עקשנות, זיך געפונען אונטער דער ממשלה פונם הויפט-שטאב, אין וועלכן עס איז איצט געווען דער ראש-וראשון דער אינטריגאנט פראדאם, וועלכער האט איבערגעלעבט אלע זיינע קאמאנדירן.

דער צענטראל-קאמיטעט, וואס איז שטארק געווען אדאנק די מחלוקתן אין דער קאמונע, האט אומעטום ארויסגעוויזן זיין

מאַכט, האָט דורכגעפירט אַרעסטן, געגעבן פאַרשריפטן וועגן הוצאות און זיך לחלוטין ניט אונטערגעוואָרפן דעם קאָנטראָל פון דער מיליטערישער קאָמיסיע. די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע, מענטשן ניט קיין נאַרישע, וואָס האָבן אָבער געהערט צו דער מינדערהייט, האָבן זיך באַקלאָגט פאַרן קאָמיטעט פון געזעלשאַפט־לעכער רעטונג, וועלכער האָט זיי פאַרבינטן מיט ראָמאַנטיקער. דאָך האָבן די חלוקי־דעות זיך ווייטער געצויגן און דערצו אויף אַזאַ הייסן אופן, אַז דער קלאַנג וועגן די מחלוקת צווישן דעם שטאָטראַט און דעם צענטראַל־קאָמיטעט האָט זיך אינגיכן פאַר־שפרייט צווישן די לעגיאָנען.

די ווערסאַלער לויט האָבן בסדר זיך געריקט פאָראויס. אין דער נאַכט פונם 13טן אויפן 14טן איז דער פאָרט וואַנוו, וואָס האָט בלויז זעלטן געלאָזט הערן אַ קנאַל, אַנטשוויגן געוואָרן און איז שוין מער ניט בכוח געווען צו באַנייען די שיסעריי. דער גאַרניזאָן, וואָס איז פון אַלע זייטן געווען אָפּגעשניטן, האָט אָפּ־געטרעטן דורך דער שטיינהאַקעריי מאָנרוזש. די ווערסאַלער האָבן פאַרנומען דאָס איבערבלייבעניש פונם פאָרט. נאָך איין נצחון־טריומף אין ווערסאַל.

דעם 16טן איז אויפן גאַנצן שטח, פונם לינקן ברעג אָן ביז פטי־וואַנוו, וואו אַרום צוויי טויזנט פעדעראַליסטן האָבן זיך אויס־געשפרייט אין אַ לאַגער אונטער דער קאָמאַנדע פון לאַ־סעסיליאַ און ליסבאָן, קיין איין פאַרטיידיקער ניט געבליבן. זיי האָבן גע־פרוווט זיך אומקערן אינם דאָרף איסי, נאָר זיי זיינען געוואָרן אָפּגע־שלאָגן. דער שונא האָט געקענט פריי אָנגרייפן און באַוואָפּענען צוויי באַסטיאָנען פונם פאָרט איסי, וואָס זיינען געווענדט געוואָרן קעגן דער שטאָט. זייער פייער, וועלכן עס האָבן אַ קורצע צייט געשטערט די וואַלן, האָט פּאַמעלעכוויז אָנגעהויבן זיגן און האָט זיך פאַראייניקט מיט די באַטאַרייען, וואָס האָבן געמאַכט אַ תל פונם 16טן קרייז. דער דאָזיקער אומגליקלעכער קרייז איז אָנגע־גריפן געוואָרן פון פאָרנט, פונם פלאַנג, איבער דער גלייכער ליניע, אָן ערך דורך הונדערט האַרמאַטן. דעמאָלט האָט מען זיך ערשט צונויפגעקליבן אַ ביסל אַ טראַכט געבן וועגן דער אינערלעכער

פּאַרטיידיקונג. דעלעקליוז האָט אויסגעשפּרייט די מאַכט פון דריי גענעראַלן איוף די קוואַרטאַלן פון שטאָט, וואָס געפינען זיך בשכנות מיט זייערע ראַיאָנען, האָט פונאַנדערגעלאָזט דעם באַטאַליאָן פון די געווען איוף די באַריקאַדן, וואָס האָבן קיין שום נוצן ניט געבראַכט, און האָט איבערגעגעבן די אַרבעט דער אינזשענערן־אָפּטיילונג. דאָס רוב פון זיינע באַשלוסן זיינען געבליבן אַ טויט אות אָדער זיינען פאַרפּלאָנטערט געוואָרן אין די באַשלוסן פון אַנדערע פאַרזאָנען. בעת דער דעלעגאַט האָט פאַרגעלייגט 3 פר. 50 ס. די ערד־גרעבער, האָט דער קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלעכער רעטונג איוף די עמודים פון דעם זעלבן „אָפּיסיעל" צוגעזאָגט 3 פר. 25 ס.

דער קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלעכער רעטונג האָט מיטגעהאָלפן דער פאַרטיידיקונג מיט אַ באַפעל, וואָס האָט געצוואונגען אַלע פּאַריזער איינוואוינער זיך צו באַוואָרענען מיט אַ צעטל, וואָס באַשטעטיקט די פּערזאָן פונם באַזיצער, דערביי האָט יעדער נאַציאָנאַלגוואַרדייער געהאַט רעכט צו פאָדערן אַזאַ מין בילעט, — אַ באַפעל, וואָס לאָזט זיך אַזוי ניט דורכפירן, ווי ער איז באמת טאַקע ניט דורכגעפירט געוואָרן, פונקט ווי דער דעקרעט וועגן די ווידערשפעניקע.

דער שטאָטראַט האָט אין קיינעם ניט איינגעפלאַנצט קיין מורא. הינטער די הויכע שטימען האָט זיך געפילט אָנמאַכט. בעת די באַטאַליאָנען האָבן אַרומגערינגלט די באַנק, כדי דורכצופירן אַ רעוויזיע, האָט דער זקן בעלע געשטעלט אַ ווידערשטאַנד און די שרעקלעכע דיקטאַטאָרן פונם קאָמיטעט האָבן זיך אָפּגעשאָקלט פון זייער אַגענט. דער עולם האָט געשמייכלט. נאָך איין לעצטער קלאַפּ — און אַ סוף צו דעם אויטאָריטעט פון דער קאָמונע: דעם קלאַפּ האָט געגעבן די מינדערהייט.

מיט איר איז מען זיך באמת טאַקע שלעכט באַגאַנגען. שוין בעת עס האָט זיך געהאַנדלט אין דעלעקליוזס אַ נאָכפאָלגער, האָט די מערהייט ליבערשט געוואָלט ביליאַרען, ווי וואָרלענען; הגם ער איז געווען אַן אמתער גאַרנישט; וואָרלענען ווידער האָט

זי אויסגעשלאָסן פון דער אינטענדאַנטור, ווערמאַרעלן פונם זיכערהייטס=קאָמיטעט, לאַנגען פון דער רעדאַקציע „אָפיסיעל". די מינדערהייט, וואָס איז געווען אויפגערייצט און ערנסט באַאומרויִקט צוליב דער וואַקסנדיקער אומאָרדענונג, האָט געוואָלט אַראָפּנעמען פון זיך די אחריות און האָט עס געטאָן טאַקע אינם מאַניפעסט, וואָס איז געבראַכט געוואָרן אויף דער זיצונג דעם 15טן. די מערהייט, וועלכע מען האָט וועגן דעם מודיע געווען, איז ניט געקומען, אחוץ פיר=פינף מיטגלידער. די מינדערהייט האָט באַצייכנט זייער אָפּוועזנהייט און אָנשטאָט צו וואַרטן אויף דער קומענדיקער פאַרזאַמלונג, האָט זי געשיקט אין די צייטונגען איר מעלדונג: „די קאָמונע", — האָט זי געזאָגט, — „האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער מאַכט לטובת דער דיקטאַטור, וועלכער זי האָט אַ נאָמען געגעבן קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלעכער רעטונג... די מערהייט האָט דערמיט זיך ערקלערט פאַר אַ אומפאַראַנטוואָרטלעך. די מינדערהייט ווידער האַלט, אַז די קאָמונע איז מחויב צו נעמען אויף זיך די גאַנצע אחריות לגבי דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג... וואָס שייך אונז, פאָדערן מיר פאַר זיך רעכט זעלבשטענדיק צו טראָגן די אחריות פאַר אונזערע מעשים און ניט באַהאַלטן זיך הינטער דער העכסטער דיקטאַטור. מיר וועלן זיך אַוועק אין אונזערע קרייזן"

דאָס איז געווען אַ פעלער גאָר ניט מוחל צו זיין: די מינדערהייט האָט קיין רעכט ניט געהאַט צו שרייען וועגן דער דיקטאַטור נאָכדעם, ווי זי האָט געשטימט לטובת דעם צווייטן קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלעכער רעטונג. דאָס פאַרעפנטלעכן די רעזולטאַטן פון דער אָפּשטימונג האָט אין אַ גענוגנדיקער מאָס אַראָפּגענומען פון דער מינדערהייט די אחריות לגבי די וויילער. עס וואָלט אַ סך ווערדיקער געווען אָפן צו פאַרמשפּטן די מעשים פונם קאָמיטעט און פאַרצולייגן פון זיך עפּיס בעסערס. די מינדערהייט וואָלט דעמאָלט געהאַנדלט קאָנסעקווענט און וואָלט ניט דיסקרעדיטירט די פאַרזאַמלונג דורך איר אַרויסטריט פונם שטאָטראַט; זי האָט דאָך אַליין געזאָגט, אַז „די פראַגע פון מלחמה איז געשטאַנען פריער פאַר אַלץ". די קרייזן האָבן געשיקט באַ=

פולמעכטיקע ניט כדי זיי זאלן זיך אומקערן אויסטענהן מיט זייערע וויילער.

די וויילער, צו וועלכע א סך פון זיי האבן זיך געווענדט, האבן זיי פארגעלייגט אויפדאסניי צו פארנעמען די ערטער; דער קלאפ איז שוין אבער געהאט געגעבן געווארן; די ווערסאלער צייטונגען האבן געמאכט פון שמחה די גרעסטע קולות. די פראטעסט־לייט האבן זיך געכאפט, אז זיי זיינען באגאנגען א פעלער און פופצן פון זיי זיינען געקומען אויף דער זיצונג דעם 17טן. די זיצונג איז געווען פול. די נאמענטלעכע רעגיסטראציע האט געגעבן זעקס און זעכציק מיטגלידער, א זאך, וואס האט זיך פריער קיינמאל ניט געטראפן. תחילת האט מען באטראכט א פארשלאג, וואס איין בוגד האט אונטערגערוקט. באבאל מאנטא, דער קאמאנדיר פונם 7טן לעגיאן, האט אפגעדרוקט, אז די ווערסאלער לייט האבן אין וואנוו דערשאסן איין מארקיטאנערין פון דער קאמונע. איינער פון די מיטגלידער פון דער מערהייט, וואס איז געווארן אויפגעהעצט דורך מאנטאן, האט געפאדערט, אז אלס רעפרעסיע, זאלן פינף ערבות־לייט דערשאסן ווערן אין פאריז און פינף אויף די פארפאסטנס. די קאמונע האט זיך פאררוען אויף איר דעקרעט פונם 7טן אפריל און אריבער צום סדר־היום. עם הייבט זיך אויף פאסקאל גרוסע, רופט צו פאראנטווארטלעכקייט די מיטגלידער פון דער מינדערהייט, ווייזט אן אויף דער בישטיקייט פון די סיבות, וואס זייזען אנגעוויזן אין זייער מאניפעסט, און רופט זיי אן צום סוף זשיראנדיסטן. „זשיראנדיסטן!" — ענטפערט פראנקעל, — „איר לייגט אייך און שטייט אויף מיטן מאניטאר פונם 93טן יאר! א ניט וואלט איר געוואוסט דעם חילוק פון סאציאליסטן ביז זשיראנדיסטן". די וויכוחים פלאקערן זיך פונאנדער. וואלעס, וואס האט אונטערגעשריבן דעם מאניפעסט, זאגט: „איך האב געמאלדן, אז מען דארף זיך רעכענען מיט דער מערהייט, מען דארף אבער אויך שעצן די מינדערהייט, וואס איז א קראפט, און ער פאדערט, אז אלע אנשטרענגונגען זאלן געווענדט ווערן אויפן קאמף מיטן שונא. זשול מיא ענטפערט מיט א בייז געמורמל. איינער פון דער מערהייט רעדט וועגן

וואפנשטילשטאנד; פעליקס פיא פאדערט, כדי צו פונאנדער־פלאקערן דעם כעס, אז דער מאניפעסט זאל ווערן דורכגעלייענט. בחינם האט וואליאן מיט זיין שכל הישר און געפיל פון יושר געטענהט: „בעת אונזערע חברים קערן זיך אום צו אונז, זאגן זיך אפ פון זייער פראגראם, דארף מען זיי ניט שטעכן אין די אויגן מיט אים, כדי אויף זיי משפיע צו זיין, אז זיי זאלן זיך ווייטער האלטן ביי זייער טעות". א פשרה־רעזאלוציע איז גע־װארן אפגעווארפן און עס איז אנגענומען געווארן מיאס רעזא־לוציע, וואס איז רעדאקטירט געווארן אין אויסדרוקן, וועלכע זיינען געווען א באליידיקונג פאר דער מינדערהיים.

אן אויפרייס רייסט איבער די קריגערייען. ביליארע פאלט שנעל אריין אין זאל און איז מודיע, אז די קוילן־פאבריק אויף דער ראפ־אוועניו איז אויפגעריסן. אינם גאנצן גרענעל־קווארטאל הערשט א מהומה. א זייל פייער, צעלאזן בליי, מענטשלעכע ביינער, ברענענדיקע באלקנס, וואס איז ארויסגעזעצט געווארן אין דער לופטן פונם מארס־פעלד אויף א ריזיקער הייך, האט פארשאטן די אומגעגנט מיט שליידער־קוילן. פיר הייזער זיינען חרוב געווארן, העכער פערציק מאן זיינען געווארן שרעקלעך פארוואונדעט. די קאטאסטראפע וואלט אויסגעפאלן נאך שרעקלעכער, ווען די פייערלעשער פון דער קאמונע זאלן באצייטנס ניט געווען געקומען און ניט ארויסגעריסן פון מיטן פייער פורן מיט שיס־מאטעריאל און פעסלעך מיט פולווער. דער עולם, וואס האט פארלארן דעם קאפ, איז אהינגעלאפן און חושד געווען אין א פארברעכן. עטלעכע מענטשן זיינען פארהאלטן געווארן, איין ארטילעריסט האט מען אוועקגעפירט אין דער מיליטערישער שול. וואו איז דער שולדי־קער? קיינער האט אים ניט אנגערופן. ניט די קאמונע, ניט איר פראקוראר האבן דעם ענין ניט חוקר־ודורש געווען; פונקט ווי דער ענין מולען־סאקע איז ער פארבליבן טונקל. דאך האט דער קאמיטעט פון געזעלשאפטלעכער רעטונג געמאלדן אין א פראקלא־מאציע, אז ער האט געכאפט פיר מענטשן פון די שולדיקע, און דעלעקליוז, אז אינם מיליטערישן געריכט איז. שוין פארפירט גע־װארן א פראצעס. אן ערנסטע אויספארשונג וואלט, אן שום ספק,

אנטדעקט די פארברעכער. די ארבעטער, וואס פלעגן געוויינטלעך אוועקגיין א זייגער זיבן אינאוונט, האט מען דעם טאג פריי געלאזט זעקס א זייגער. מען האט געזען, ווי שארפאנטיע האט געבעטן דינאמיט ביי דעם פאלקאווניק קארבען. פאר די פארשווערער וואלט געווען זייער באקוועם מיט איין קלאפ צו פארשפרייטן א בהלה אינם קריגס-מיניסטעריום, אין דער מיליטערישער שול, אינם ארטילערישן פארק און אין די באראקן פונם מארס-פעלד, וואו עס האבן זיך נאך געפונען עטלעכע פעדעראליסטן. פאריז האט שטארק געגלויבט אין א פארשווערונג. די רעאקציאנערן האבן געזאגט: „דאס איז א נקמה-אקט פאר דעם וואנדאמער זייל".

ער איז געפאלן מיט גרויס פייערלעכקייט און האט אין דרייסיק יאר ארום באַרעכטיקט די נבואה פון היינריך היינע:

„איינמאל האט א שטורעמווינט שוין אראפגעריסן פון דעם שפיץ פון דעם וואנדאמער זייל דעם אייזערנעם מענטשן, וואס שטייט דארט פייערלעך, און אין פאל, ווען די סאציאליסטן וועלן דערגרייכן די רעגירונגס-מאכט, קען מיט אים נאכאמאל געשען דאס זעלבע, און אפשר וועט אפילו דער כעס פון דער ראדיקאלער גלייכהייט אומווארפן דעם זייל, כדי דער דאזיקער סימבאל פון רום זאל לחלוטין אפגעמעקט ווערן פון דער וועלט".

דער אינזשענער, וועלכן מען האט איבערגעגעבן דאס צעשטערן, האט אין א לאנגן מליצהדיקן אפמאך, „אין נאמען פונם פאזיטיוויסטישן קלוב אין פאריז", זיך מתחייב געווען אויסצופירן „דעם 5טן מאי, אין דעם יארצייט פון נאפאלעאנס טויט, דעם פסק-דין, וואס די געשיכטע האט אים ארויסגעגעבן און וואס איז פארעפנטלעכט געווארן דורך דער פאריזער קאמונע". אבער די ארבעטער זיינע האט מען כסדר אפגעריסן פון דער ארבעט און די אפעראציע איז אפגעלייגט געווארן ביזן 16טן. דעם 16טן, צוויי א זייגער בייטאג, זיינען די שכנותדיקע גאסן געווען געפאקט מיט מענטשן, וואס זיינען געווען באאומרויִקט פון די קלאנגען, וועלכע זיינען אומגעגאנגען, אז עס זיינען מעגלעך קאטאסטראפעס בעת דעם צעלייגן דעם זייל. דאך האט דער אינזשענער אין זיין אפמאך געמאלדן, אז ער „נעמט זיך אונטער צו פארהיטן פון יעדער סכנה".

ער האָט דורכגעזעגט דעם זייל האָריזאָנטאַל, אַ ביסל העכער פון פּיעדעסטאַל. אַ קווערער שניט האָט באַדאַרפט באַוואָרענען און לייכ־טער מאַכן דאָס פאַלן אויף אַ ברייט געלעגער פון שטאָבעס, זאַמד און מיסט, וואָס זיינען אָנגעוואָרפן געוואָרן אין דער מיט פון שלום־גאָס.

דער שטריק, וואָס איז געווען צוגעפעסטיקט צום שפּיץ זייל, איז געווען אַרומגעפלאָכטן אַרום אַ געשטעל, וואָס איז אַוועקגע־שטעלט געוואָרן עק גאָס. דער גאַנצער פּלאַץ איז געווען פול מיט נאַציאָנאַלע גוואַרדייער, די פענסטער און די דעכער זיינען גע־ווען פול מיט נייגעריקע. אין דער אָפּוועזנהייט פון זשול סימאָנען און פערי, וועלכע זיינען ביז ניט לאַנג געווען אָנהענגער פונם צעשטערן דעם זייל, באַגריסט גלע־ביזואַן, אַ געוועזענער טורער דעלעגאַט, דעם נייעם פּאָליציי־דעלעגאַט פערע, וואָס איז ערשט ניט לאַנג באַשטימט געוואָרן אָנשטאָט קורנען, און זאָגט, אַז פערציק יאָר, ווי ער גאַרט שוין צו זען דאָס פאַלן פון דעם אויסלייזונגס־מאָנומענט. די מוזיק שפּילט די מאַרסעליעזע. דאָס געשטעל הייבט זיך אָן צו דרייען, דער בלאָק ברעכט זיך איין און איין מענטש ווערט פאַרוואונדעט. צווישן המון לאָזן זיך שוין הערן שטימען וועגן אַ פאַרראַט. מען שטעלט אָבער גיך אַוועק אַ נייעם בלאָק. פינף אַ זייגער באַווייזט זיך אויף דער באַלוסטראַדע אַן אָפיציר, וועלכער פאָכעט לאַנג מיט אַ דרייפאַרביקע פאָן און פעסטיקט איר שפּעטער צו צו דער פאַרצוימונג. האַלב זעקס הייבט דאָס גע־שטעל זיך ווידער אָן צו דרייען, דער צעזאַר שאָקלט זיך און זיין האַנט, וואָס איז געבענטשט מיט נצחון, איז בחינם אויפגעהויבן אין דער הויך צום הימל. דער זייל בייגט זיך פּאַמעלעך איין און גיט פּלוצלונג אַ פאַל צו דער ערד, מאַכנדיק זיגזאַגן אין דער לופטן. די ערד גיט אַ ציטער ביי דעם פאַלן. דער קאָפּ פונם צעזאַר קייקלט זיך אויף דער ערד, און די האַנט, וואָס האָט גע־טראָגן טויט, ליגט אויפן פּלאַץ, אָפּגעטיילט פונם גוף. געשרייען פון התלהבות רייסן זיך אַרויס פון טויזנטער ברוסטן, ווי פון אַ באַפרייט פאָלק. דער המון וואַרפט זיך אויף די חורבות און פאַרשטעקט מיט פריידיקע אויסגעשרייען אַ רויטע פאָן אויפן פּיעדעסטאַל פונם זייל.

דאָס פאָלק האָט געוואָלט צווישן זיך צעטיילן די שפּלי־טערס פון דעם זייל. די מינצעריי האָט זיך אָבער אנטקעגנגע־שטעלט, מחמת ס'איז איר אַ שאָד געווען דער מאַטעריאַל, וואָס האָט געקענט צונוץ קומען אויף מאַכן קליינע מטבעות. איינער פון די ערשטע אַקטן פון דער זיגרייכער בורזשואַזיע איז געווען דאָס צוריקשטעלן דעם ריזיקן סצעפּטער, דעם סימבאָל פון איר מאַכט. כדי אויפדאָסניי אוועקצושטעלן איר באַפעלער אויף זיין פּיעדעסטאַל, האָט זי באַדאַרפט אריבערשפּרייזן איבער דרייסיק טויזנט טויטע קערפּערס. און וויפל מוטערס פון דער היינטיקער צייט, פּונקט ווי די מוטערס פון דער ערשטער אימפּעריע, קענען ניט אָן טרערן זען די דאָזיקע בראָנזענע סטאַטוע, וואָס האָט זיי אַזוי טייער געקאָסט!

פינף־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל

פּאַריז ערב דעם טויט. — ווערסאַל.

דער פּאַריזער קאָמונע איז נאָך פאַרבליבן בסך־הכּל דריי־טעג צו לעבן. מיר וועלן זיך באַמיען צו פאַראייביקן אין דער געשיכטע איר ליכטיק געשטאַלט.

דער, וואָס האָט געלעבט מיט דיין פיבערדיק לעבן, ווען ס'האַרץ עס האָט געפלאַטערט אויף דיינע בולוואַרן, ווער עס האָט געוויינט אויף דיינע פאָרשטעט, ווער עס האָט באַזונגען דעם באַגינען פון דיינע רעוואָלוציעס און האָט אין עטלעכע וואָכן אַרום געוואַשן הינטער די באַריקאַדן זיינע הענט, וואָס זיינען שוואַרץ געווען פון פולווער, ווער עס הערט די שטימען פון די מאַרטירער פאַר דער אידעע פון הינטער די שטיינערנע טאָוולען און באַגריסט דיינע גאַסן, וואָס האָבן געשאַפן עפּאָכעס אין דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט, פאַר וועמען יעדע גאַס דיינע — איז אַ לעבעדיקער אָדער, — אַפילו דער איז ניט בכּוח דיך גענוג צו שעצן, גרויסע מרידה־שטאָט, אויב ער האָט זיך צו דיר ניט צוגעקוקט מן הצד. די אויסלענדישע פיליסטערן זאָגן מיט אַ מינע פון פאַראַכטונג: „גיט נאָר אַ קוק אויף דעם משוגענעם!" — זיי קוקן אָבער גוט נאָך דיין פּראָלעטאַריער, וואָס האָט אויפגעהאַנגען זיין האַמער. און קוקט זיך צו, זיי האָבן מורא, דיין אויפבררויז זאָל אים ניט אויסלערנען, ווי אַזוי אָפּצונעמען ביי זיי די הויפּט־פּרוזשינע פון זייער מעכטיקייט. די צוציִונגס־קראַפט פון פּאַריז איז געווען אַזוי גרויס, אַז פון אַמעריקע איז מען אַפילו געקומען אַ קוק טאָן אויף דעם וואונדערלעכן בילד; די גרעסטע שטאָט פון דעם אייראָפּעיִשן קאָנטינענט אין די הענט פון די פּראָלעטאַריער. אַפילו פּחדנים האָט די זאַך צוגעצויגן.

די ערשטע טעג מאַי איז צו אונז קיין פּאַריז געקומען אַ פריינד — איינער פון די שרעקעדיקע מענטשן פון דער שרע־קעדיקער פּראָווינץ. די פריינד האָבן אים באַגלייט מיט טרערן אין די אויגן, ווי ער וואָלט זיך אַוועקלאָזן אין גיהינום אריין. ער האָט זיך געווענדט צו אונז מיט דער פראַגע: „וואָס קומט ביי אייך אין דער אמתן פאָר?" — מילא! לאָמיר דורכגיין אַלע פאַר־באָרגענע ווינקעלעך פון פאַרשטויסענעם אָרט.

מיר וועלן אָנהייבן פון באַסטיליע. די יינגלעך שרייען אויפן קול: „דאָס וואָרט פון אָרדענונג!" — פון ראַגיפאָרן, — „פּער־דישען!", „די שטים פונם פאָלק!" פון זשול וואַלעס, — „דער נקמה־נעמער!" פון פעליקס פּיא, — „די קאָמונע!", „די פאָלקס־טריבונע!", „דער באַפרייטער!", „דער אַוואַנגאַרד!", „דער שאַנד־סלופּ פון די בוגדים!" — „אָפּיסיעל" ווערט ווייניק פאַרקויפט, די זשורנאַליסטן פונם ראַט פון דער קאָמונע דערשטיקן אים מיט זייער קאָנקורענץ; איינער פון זיי, וועזיניע, איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט אין דעם „פרייען פּאַריז" אָנגעשריבן וועגן אַ געהיימער זיצונג. „די שטים פונם פאָלק" גייט זיך פונאַנדער אין הונדערט טויזנט עקזעמפּלאַרן. דאָס איז די פריסטע צייטונג, וואָס באַווייזט זיך צוזאַמען מיט די הענער־קרייען. גוט, אַז ס'איז דאָ וואַלעס אַן אַרטיקל, — ער טרעט אָבער אָפּט אָפּ זיין אָרט פּיער דעני, וועלכער איז לאַנגווייליק ביז גאָר. מער ווי איין מאָל זאָלט איר „פּער־דישען" ניט קויפן, הגם ער גייט זיך פונאַנדער אין זעכציק טויזנט עקזעמפּלאַרן. פעליקס פּיאַס אַן אַרטיקל קען דינען אַלס גלענצנד בילד פון פּלאַפּלעריי אָן אַן אָפּהאַלט אין זיין „נקמה־נעמער". „די קאָמונע" איז אַ דאָקטרינערישער אָרגאַן, אין וועלכן עס שרייבט אַמאָל מיליער און אין וועלכן זשאָרזש דישען קריטיקירט הן די אַלטע, הן די יונגע פונם שטאָטראַט מיט שטרענגקייט, אויף וועלכער ער האָט קיין שום רעכט ניט.

אָט זעט מען אין די קיאָסקן קאַריקאַטורן: טיער, פּיקאַר און זשול פאַוור אַלס דריי גראַציעס, וואָס ציען צונויף זייערע פעטע בייכער. דער פיש מיט די בלאָ־גרינע שופּן, וואָס בעט דאָס געלעגער מיט דער קייזערלעכער קרוין — שטעלט פאָר דעם

מאַרקיז גאַליפע. „די צוקונפט", דער אָרגאַן פון דער „ליגע", „דאָס יאָרהונדערט", וואָס איז געוואָרן פיינטלעך געשטימט צו דער קאָמונע זינט שאַדיי איז געוואָרן אַרעסטירט, „דער אמת", וואָס ווערט אַרויסגעגעבן דורך דעם יענקי פּאָרטאַליס, ליגן אויף די שטעלן טרויעריקע און ניט געריַרטע. אַרום דרייסיק ווערסאַלער צייטונגען זיינען פאַרבאָטן דורך דער פּאָליציי־פּרעפעקטור, זיי ווערן אָבער ווייטער אַרויסגעגעבן; דער צייטונגס־פאַרקויפער לייגט זיי אונז טאַקע פאָר.

לייענט, אדרבה, און באַמיט אייך צו געפינען אין די דאָזיקע צייטונגען פון דער קאָמונע אויפרופן צו רציחה, גזילה, צו עפּעס אכזריות. פאַרגלייכט זיי, אדרבה, מיט די ווערסאַלער צייטונגען, וואָס פאָדערן מאַסן־דערשיסונגען תיכף נאָכדעם, ווי די חיילות וועלן פאַרנעמען פּאַריז.

לאָמיר נאָכגיין נאָך דער לוויה, וואָס גייט דורך דער ראָקעט־גאַס. לאָמיר צוזאַמען מיט איר אַריינגיין אויפן בית־הקברות פּער־לאַשעז. אַלע, וואָס שטאַרבן פאַר פּאַריז, איז מען מקבר אין איין גרויסן משפחה־קבר, און די קאָמונע האַלט פאַר אירס אַ כבוד־זאַך צו מאַכן די לוויה אויפן אייגענעם חשבון. איר רויטע פאָן פלאַטערט אויף אַלע פיר זייטן פון דעם קאַטאַפאַלק, נאָך וועלכן עס גייען תמיד חברים פונם באַטאַליאָן און עטלעכע דורכגייער. אַ פרוי באַגלייט דעם טויטן קערפּער פון איר מאַן. נאָך דער מיטה גייט נאָך אויך אַ מיטגליד פון דער קאָמונע. און ער רעדט אויפן קבר וועגן צרות, האָפענונג און נקמה. די אלמנה דריקט צו אירע קינדער צו איר ברוסט און זאָגט צו זיי: „נעמט אייך דאָס אין זינען אַריין און שרייט אוים צוזאַמען מיט מיר: „זאָל לעבן די רעפּובליק! זאָל לעבן די קאָמונע!" — דאָס איז לייטענאַנט שאַטעלעט פרוי, — זאָגט אונז איינער פון די אָנוועזנדיקע.

צוריקוועגס גייען מיר פאַרביי דער מעריע פונם XIטן קרייז, וואָס איז אַרומגעדראַפּירט מיט טרויער־בענדער אַלס זכר נאָך דעם פּלעביסציט פון דער אימפּעריע. די באַפעלקערונג פון פּאַריז, וואָס איז אין דעם פּלעביסציט גאָט די נשמה שולדיק, ווערט אַ קרבן זיינס. דער באַסטיליע־פּלאַץ, וואָס איז באַלעבט פונם

מאַרק, שטעלט פאַר אַ פריילעך בילד. פּאַריז וויל צוליב דער שיסעריי פון האַרמאַטן פון קיין זאַך זיך ניט אָפּזאָגן און האָט אַפילו פאַרלענגערט דעם מאַרק אויף אַ וואָך צייט. עס הוידען זיך די הוידעס, עס סקריפּען די קאַרוזעלן, די קרעמער רופן אויס אויפן קול די שפּילצייג צו דרייסיק סו אַ שטיק, די קונצנמאַכער האַלטן זייערע אַריינפיר-רעדעס און זאָגן צו אַ העלפּט פון זייער הכנסה פאַר די פאַרוואונדעטע. עפּעס אַ נאַציאָנאַלער גוואַרדייער, וואָס קערט זיך אום פון די טראַנשייען, האָט זיך אָנגעלענט אָן זיין ביקס, קוקט אויף דעם בילד פון דער באַלאַגערונג און פון גאַריבאַלדיס אַריינפאָר אין דיזשאָן.

לאָמיר זיך איצט אַראָפּלאָזן אויף די גרויסע בולוואַרן. אינם נאַפּאָלעאָן-צירק זיינען פאַרהאַן פינף טויזנט ערטער, — אַלע זיינען פאַרנומען פון אויבן ביז אַראָפּ. די קליינע פענער לאַדן איין די לאַנדסלייט זיך צו גרופּירן לויט די דעפּאַרטאַמענטן. די פאַרזאַמלונג איז צונויפגערופן דורך עטלעכע האַנדלס-לייט, וואָס לייגן פאָר די בירגער פון די דעפּאַרטאַמענטן אויסצוקלייבן דעלעגאַטן און צו שיקן זיי צו די דעפּוטאַטן אין ווערסאַל; זיי מיינען, אַז אפשר וועט זיך איינגעבן זיי איבערצוצייגן און דורך אויפקלערונגען זיך דערשלאָגן שלום. איין בירגער בעט אַ וואָרט און גייט אַרויף אויף דער עסטראַדע, דאָס איז מיליער. דער עולם אַפּלאָדירט אים. „שלום! מיר אַלע גאַרן אים", — זאָגט ער, — אָבער ווער האָט אָנגעהויבן די מלחמה? ווער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון יעדער פשרה? ווער איז באַפאַלן פּאַריז דעם 18טן מערץ? — טיער. ווער איז באַפאַלן פּאַריז דעם 2טן אַפּריל? — טיער. ווער רעדט וועגן וואָפנשטילשטאַנד און ווער האָט געמאַכט ניט איין מאָל פרווון דערצו? — פּאַריז. ווער האָט זיי כסדר אָפּגעוואָרפן? — טיער. ניט הער דיפאָר * האָט עס געזאָגט: „וואָפנשטילשטאַנד! ניין, מרידה איז ווייניקער פאַרברעכעריש?.." און דאָס, וואָס עס האָבן ניט געקענט אויפטאָן ניט די פראַנק-מאַסאָנען, ניט די ליגעס, ניט די אַדרעסן, ניט די מוניציפּאַלע ראַטן פון דער פּראָ-

---

* דיפאָר — יוסטיץ-מיניסטער אין טיערס קאַבינעט.

ווינץ, וואָרט איר פון דער דעפּוטאַציע, וואָס באַשטייט פון פּאַ־
ריזער איינוואוינער! ווייסט איר דען, אַז אומבאַוואוסטזיניק רייסט
איר דערמיט אַרונטער די פּאַרטיידיקונגען? יין, גענוג דעפּוטאַציעס;
מיר דאַרפן האָבן פאַרבינדונג מיט דער פּראָווינץ; אין דעם איז
אונזער רעטונג!"—איז דאָס דער ווילדער מוליער, מיט וועלכן מען
שרעקט אונז אַזוי אין דער פּראָווינץ!" — האָט אַ געשריי געטאָן
מיין פריינד — „יאָ, און די טויזנטער לייט פון כּל־המינים פּראָ־
פעסיעס, וואָס גאָרן שלום און הערן מיט אַזאַ סבלנות אויס איינער
דעם אַנדערן, ענטפערנדיק אַזוי העפלעך, — דאָס איז דאָס פאָלק,
אין וועלכן ס'איז אַריין אַ טירוף, דאָס איז אָט־דאָס הייפל באַנ־
דיטן, וועלכע האַלטן אין זייערע הענט די הויפּטשטאָט".

ביי דער קאַזאַרמע פונם פּרינץ אייזשען דרייען זיך אַרום
אַנדערטהאַלבן טויזנט זעלנער, וואָס זיינען פאַרבליבן פונם 18טן
מערץ אין פּאַריז, די קאָמונע האַלט זיי אויס, הגם זיי טוען קיין
זאַך ניט; די דאָזיקע פּוסט־און־פּאַסניקעס זאָגן, אַז זיי ווילן זיך
ניט שטעלן אויפן צד פון פּאַריז, ניט אויפן צד פון ווערסאַל.
אויפן מאַזשענט־בולוואַר זיינען צעלייגט אַ סך סקעלעטן פונם
הייליקן לאָורענטיוס־קלויסטער, מען האָט זיי אויסגעלייגט אין דעם
זעלבן סדר, אין וועלכן מען האָט זיי געפונען, אָן טרונעס און
אָן תכריכים. איז דען דאָס מקבר זיין אין די קלויסטערס ניט
געווען שטרענג פאַרבאָטן? דאָך זיינען אַ טייל קירכן, דער עיקר
נאָטר־דאָם־דע־וויקטואַר געווען פול מיט סקעלעטן. איז דען ניט
דער חוב פון דער קאָמונע צו פאַרעפנטלעכן די אַלע אומרעכטן,
הינטער וועלכע עס זיינען אפשר פאַרבאָרגן פאַרברעכנס?

אויף די בולוואַרן, פון באַן־נוווע אָן ביזן בולוואַרד פון דער
אָפּערע, זעען מיר אַלץ נאָך דעם זעלבן, ניט פאַרענדערטן פּאַריז,
וואָס שוועבט אום איבער די געשעפטן, אָדער וואָס זיצט פאַר די
קאַפעס. דראָזשקעס זעט מען זעלטן־וואו, מחמת די באַלאַגערונג
האָט גורם געווען, אַז עס פעלט אויס קאָדמע פאַר די פערד.
מיר גייען דעם 4טן סעפּטעמבער אין גאַס, קומען צו דער בערזע,
וואָס איז באַצירט מיט אַ רויטער פאָן, און צו דער נאַציאָנאַלער
ביבליאָטעק, וועלכע איז פול מיט לעזער. מיר גייען פאַרביי פּאַלע־

דאַיאַל, קומען צו צום לוווער מוזיי. זיינע זייַלן, וואָס זיינען באַצירט מיט בילדער, וועלכע די אַדמיניסטראַציע האָט איבערגעלאָזט דעם 4טן סעפּטעמבער, זיינען אָפּן פאַרן עולם. דאָס שטערט אָבער ניט זשול פאַווערן מיט זיינע צייטונגען צו זאָגן, אַז די קאָמונע פאַרקויפט די נאַציאָנאַלע זאַמלונגען אויסלענדער.

לאָמיר זיך אַראָפּלאָזן אויף דער רי=ריוואָלי. אויף דער קאַסטיליאָנער גאַס שליסט אַ גרויסע באַריקאַדע אָפּ דעם אַרויסגאַנג אויפן וואַנדאָמער פּלאַץ. דער אַרויסגאַנג אויפן קאָנקאָרדיע=פּלאַץ איז אָפּגעשלאָסן דורך דער סען=פלאָרענטיער פאַרשאַנצונג, וואָס ציט זיך פונם ים=מיניסטעריום אָן אַזש ביזן טויִלרי=גאָרטן; אין דער דאָזיקער רעדוטע, וואָס האַלט אַכט מעטער די גרעב, זיינען געמאַכט דריי שלאַכט=פּלעצער, אמת, ניט גוט געבויטע. אַ ברייטער ריוו, וואָס אין דער טיפעניש זיינער זעען זיך אַלע אָדערן פון דעם אונטערערדישן לעבן, טיילט אָפּ דעם פּלאַץ פון דער פאַרשאַנצונג. די אַרבעטער פאַרענדיקן די אַרבעט אַרום אים און באַשיטן אים מיט זשוויר. אַ סך נייגעריקע שטייען און קוקן, און קיין שאָטן פון מרה=שחורה זעט זיך ניט אָן אויף זייערע פּנימער. אַ קונציק געמאַכטער דורכגאַנג פירט אויפן קאָנקאָרדיע=פּלאַץ. די שטרענגע קאָנטורן פון דער שטראַסבורג=סטאַטוע צייכענען זיך אויס אויפן פאָן פון די רויטע פענער. די דאָזיקע קאָמונאַרן, וועלכע מען באַשולדיקט, אַז זיי האָבן קיין זאַך ניט געוואָלט וויסן וועגן פראַנקרייך, האָבן פאַרביטן די קברים=קרענץ, וואָס זיינען אַרויפגעלייגט געוואָרן בעת דער ערשטער באַלאַגערונג צופוסנס פון דער סטאַטוע, מיט יונגע פרילינגס=בלומען.

מיר טרעטן אַריין איצט אין דער שלאַכט=זאָנע. די אַוועניו פון די עליזעיִשע פעלדער האָט זיך איצט אויסגעצויגן אין אַ לאַנגער ווירע, אַ פּוסטער, וואָס איז דורכגעגראָבן פון די בייז=באַשערטע שפּורן פון די מאָן=וואַלעריאַן= און קורבוואַ=גראַנאַטן. די גראַנאַטן דערגרייכן ביז דעם אינדוסטריע=פּאַלאַץ; די אוצרות זיינע ווערן מוטיק אָפּגעהיט דורך די באַאַמטע פון דער קאָמונע. בונדערוווייטנס צייכענען זיך אויס די מאַסיווע קאָנטורן פון דעם טריִומפאַלן בויגן. די נייגעריקע פון די ערשטע טעג זיינען פאַר=

שוואונדן געוואָרן פונם שטערן=פּלאַץ, וואו ס'איז איצט פּונקט אַזוי ספּנהדיק, ווי אויפן פעסטונגס=וואַל. די גראַנאַטן שלאָגן זיך אָפּ אָן דער פאָדערשטער וואַנט, קלאַפּן אָפּ די זעלבע באַריערן וואָס האָבן לויט זשול סימאָנס פּראָיעקט באַדאַרפט דינען אַלס שוץ און זיינען בלינדירט געוואָרן בעת דער פּרייסישער באַלאַגערונג. די קוילן פאַלן פון אַלע זייטן, ווי אַ האָגל פון טויט. דער דורכגאַנג פונם הויפּט=בויגן איז פאַרמויערט, כדי די קוילן זאָלן ניט דורכפליען.

הינטער דער דאָזיקער באַריקאַדע הייבן זיך אויף ספּעציעלע אַפּאַראַטן אויף אויפצוהויבן האַרמאַטן אויף דער פּלאַטפאָרמען, וועלכע הערשט איבער די שכנותדיקע אַוועניוס.

מיר גייען איבער דער פאַרשטאָט סענט=אָנאַרע, באַרג=אַראָפּ די עליזעישע פעלדער. אין דעם פּירעק, וואָס די אַוועניו פון דער גרויסער אַרמיי שאַפט, צוזאַמען מיט דער טערן=אַוועניו, די וואַלן און וואַגראַם=אַוועניו, איז ניטאָ קיין איין הויז, וואָס זאָל ניט זיין באַשעדיקט. מען זעט, אַז טיער „באָמבאַרדירט לחלוטין ניט פּאַריז, ווי עס ווילן אַוודאי זאָגן די לייט פון דער קאָמונע". אויף איין האַלב=חרובער וואַנט זעט מען אָן עפּעס שטיקלעך פון אַ פּלאַקאַט. דאָס איז הער טיערס רעדע קעגן דעם קיניג באָמבע, וואָס איז זייער צו דער צייט איבערגעדרוקט געוואָרן דורך דער פּשרה=גרופּע. „איר ווייסט, חשובע הערן" — האָט ער געזאָגט צו די הערן בורזשואַ אין 1848 יאָר, — „וואָס עס קומט פאָר אין פּאַלערמאָ. איר אַלע האָט אַ ציטער געטאָן פון אימה, בעת איר האָט זיך דערוואוסט, אַז די גרויסע שטאָט איז אין משך פון אכט און פערציק שעה באָמבאַרדירט געוואָרן. און ווער האָט זי באָמבאַרדירט? דער שונא, וואָס האָט זיך באַנוצט מיטן מיליטערישן רעכט? ניין, מיינע הערן, איר אייגענע רעגירונג. און פאַרוואָס? ווייל די אומגליקלעכע שטאָט האָט געפאָדערט פאַר זיך רעכט. וואָס זשע איז געשען! פאַר פאָדערן רעכט האָט מען זי=

באַשטראָפט מיט אַכט=און=פערציק שעה באַ=
שיסן!..״ „גליקלעך פּאַלערמאָ. פּאַריז ווערט שוין
פערציק טעג באָמבאַרדירט דורך זיין אייגענער
רעגירונג״.

אונז וועט זיך אפשר איינגעבן צוצוקומען ביזן פּערעיר=
בולוואַר, אויב מיר וועלן זיך האַלטן לינקס פון דער טערן=אַוועניו.
אויף דעם קליינעם שטח צווישן דער טערן=אַוועניו און די
מאַליאָ=טויערן זיינען אַלע מענטשן אין אַ גלייכער מאָס נאָענט
צום קבר. מיר וואַרטן אויס אויף אַ מינוט פון שטילשטאַנד, גייען
צו צו די טויערן, אָדער ריכטיקער צו דער קופּע שפּליטערס,
וואָס הייבט זיך אויף איבער דעם אָרט, וואו עס זיינען אַמאָל
געווען טויערן. קיין וואָקזאַל איז שוין ניטאָ; דער טונעל איז פאַר=
שאָטן; די וואַלן גיסן זיך צונויף מיט די ריוון. מענטשן, וואָס
דרייען זיך פלינק אַרום, ווי די סאַלאַמאַנדרעס, שמאַיען אַרום
צווישן די חורבות. פאַר די טויערן שטייען דריי האַרמאַטן, מיט
וועלכע עס פירט אָן קאַפּיטאַן לאַ=מאַרסעליעז, רעכטס פון אים געפינט
זיך קאַפּיטאַן ראַשאַ מיט פינף האַרמאַטן, לינקס — קאַפּיטאַן
מאַרטען מיט פיר. שוין פינף וואָכן, ווי גענעראַל מאָנטערע האַלט
זיך אויף דער דאָזיקער וואַך אונטער אָן אומאויפהערלעכן רעגן
פון גראַנאַטן. מאָן=וואַלעריאַן, קורבוואַוואַ און בעקאָן האָבן שוין
אַרויסגעלאָזן העכער אַכט טויזנט קוילן. בסך=הכל פאַרטיידיקן די
צוועלף האַרמאַטן צען מאַן; זיי שביינען נאַקעט ביזן גאַרטל און
די לייבער זייערע זיינען באַדעקט, פונקט ווי די הענט, מיט
אַ שוואַרצער מאַסע פון דעם פּולווער; קראַאָן, וואָס איז געשטאָרבן
אויף דער וואַך, האָט איינער אַליין אָנגעפירט מיט צוויי האַרמאַטן.
באָנאַוואַנטיור, דער איינציקער לעבעדיק פאַרבליבענער פון דער
ערשטער אָפּטיילונג, איז געווען אָן עדות פון דעם, ווי זיינע
חברים זיינען צעריסן געוואָרן אויף פּיץ=פּיצלעך. דאָך האַלטן זיך
די מענטשן, און די האַרמאַטן, וואָס ווערן ניט איינמאָל אַראָפּגע=
שלאָגן פון די לאַפעטן, ווערן ווידער צוריק אַוועקגעשטעלט אויף
זייער אָרט. די ווערסאַלער לייט האָבן שוין אַ סך מאָל געפּרוווט
פאַרכאַפּן זיי און קענען אַלע רגע מאַכן אַ נייעם פּרווו. מאָנטערע

וואכט אָבער בייטאָג און ביינאכט; ער קען, אַן שום באַרימעריי, אָנשרייבן דעם קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלעכער רעטונג, אַז כּל־זמן ער איז דאָ, וועלן די ווערסאַלער לייט דורך די מאַליאָ־טויערן ניט אַריינגיין.

יעדער טריט אין דער ריכטונג צו לאַ־מיועט־צו איז אַן אַרויסרוף דעם טויט. אויפן וואַל, לעבן די מיועט־טויערן, פּאַכעט עפּעס אַן אָפיציר מיט זיין היטל אין דער זייט פונם בולאָנער וואַלד. די קוילן פייפן אַרום אים. דאָס איז דאָמבראָווסקי, וועלכער פאַרוויילט זיך דערמיט, וואָס ער רייצט זיך מיט די ווערסאַלער־לייט וואָס זיצן אין די טראַנשייען. דער גענעראַל פירט אונז אַריין אינם שלאָס מיועט, איינער פון די הויפּט־קוואַרטירן. די ווענט זיינען פון אינעווייניק דורך־און־דורך געלעכערט פון די קוילן. דאָך בלייבט ער דאָרט און לאָזט דאָרט איבער זיינע מענטשן; מען האָט אויסגערעכנט, אַז זיינע אַדיוטאַנטן האָבן דורכשניטלעך געלעבט צו אַכט טעג. אין דער רגע פליט אַריין אַ וואַכמאַן פון בעלוועדער, וואָס אַ גראַנאַט האָט אים געטראָפן. „בלייבט דאָרט“, — זאָגט דאָמבראָווסקי, — „אויב איך איז ניט באַשערט צו שטאַרבן, האָט איר ניט וואָס מורא צו האָבן“. ער איז אַ פאַטאַליסט בטבע און דערמיט לאָזט זיך דערקלערן זיין מוטיקייט. ניט געקוקט אויף זיינע דעפּעשן אינם מלחמה־מיניסטעריום, באַקומט ער ניט קיין שום הילף, האַלט די זאַך פאַר פאַרלאָרן און רעדט צו אָפט וועגן דעם. דאָס איז דער איינציקער פאַרוואורף, וואָס איך וואָלט אים מאַכן. איר וואַרט ניט פון מיר, איך זאָל באַרעכטיקן די קאָמונע, פאַר באַנוצן זיך מיט אויסלענדישע דעמאָקראַטן. איז דען די דאָזיקע רעוואָלוציע — ניט קיין רעוואָלוציע פון אַלע פּראָלעטאַריער? האָבן דען די פראַנצויזן אין אַלע מלחמות ניט גענומען קיין פרייען צוטריט אין זייערע רייען פאַר אַלע גרויסמוטיקע מענטשן פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן, וועלכע האָבן נאָר השק געהאַט מיט זיי צו גיין?

דאָמבראָווסקי גייט צוזאַמען מיט אונז דורך פּאַסי ביז דער סענע און ווייזט מיט אַ טרויעריקן זשעסט אָן אויף די וואַלן, וואָס זיינען כּמעט פאַרלאָזן. די גראַנאַטן צערייסן און מאַכן אַ תּל פון אַלע וועגן, וואָס פירן צו דער אייזנבאַן. דער גרויסער וועג־דורכפירער

איז אין עטלעכע ערטער צעשעדיקט. די בלינדירטע לאָקאָמאָטיוון זיינען גע לעכערט, אומגעקערט. די ווערסאַלער באַטאַריי שיסט פונם אינזל ווילאַנקיר אויף אונזערע קאַנאָניר־שיפלעך איבער דער וואַטער־ליניע, און לאָזט איינס פון זיי, „עסטאַק", אַראָפּ צום גרונט. דאָס וואַך־שיפל נעמט אַראָפּ פון דאָרט דעם גאַרניזאָן און לאָזט זיך אַרויף צו דער סענע־צו אונטערן פייער, וואָס פאַרפאָלגט זי ביז דער יענער בריק.

די גוטע לופט, די לעבנסלוסטיקע זון, די שלווה פון איין זייט און דער אונטערגאַנג פון דער שיף מיט די גראַנאַטן, וואָס שטערן דער רו, פון דער צווייטער זייט. דער טויט אין דער אַטמאָספערע פון דער צעבליטער נאַטור ווייזט זיך אויס נאָך גרויזאַמער. נאָר לאָמיר דערלאַנגען אַ קוק אויף די פאַרוואונדעטע אין פּאַסי. איר ווייסט, אַז לויט טיערס באַפעל, שיסט מען אין די שפּיטעלער פון דער קאָמונע. אויפן פּראָטעסט פון דער אינטער־נאַציאָנאַלער געזעלשאַפט צו העלפן די פאַרוואונדעטע האָט ער געענטפערט: „היות די קאָמונע האָט זיך ניט אָנגעשלאָסן אָן דער זשענעווער קאָנפערענץ, איז די ווערסאַלער רעגירונג אין דעם פאַל ניט מחויב אויסצופירן אירע באַשלוסן". די קאָמונע האָט זיך אָבער יאָ אָנגעשלאָסן אָן דער קאָנווענץ, נאָכמער: ניט געקוקט אויף די אכזריותדיקע מעשים פונם שונא, האָט זי ניט עובר געווען אויף די געזעצן פון מענטשלעכקייט; העր טיער ווידער האָט ווייטער כסדר צוגעהרגעט אויף טויט די פאַרוואונדעטע. גיט אַ קוק אויף זיי. איין מיטגליד פון דער קאָמונע לעפראַנסע האָט באַזוכט דאָק־טאָר דעמאַרקעס שפּיטאָל און אויסגעפרעגט אויפן מצב פון די פאַרוואונדעטע. „איך טייל ניט אייערע אידעען", — האָט אים דער דאָקטאָר געענטפערט, — און איך מאַך ניט פון אייער זאַך קיין גרויס וועזן; נאָר איך האָב קיינמאָל נאָך ניט געזען קיין פאַר־וואונדעטע, וואָס זאָלן אַזוי רויִק איבערטראָגן אָפּעראַציעס. איך שרייב צו די דאָזיקע מוטיקייט דער קראַפט פון זייערע איבער־צייגונגען. דאָס רוב חולאים פרעגט זיך מיט פחד, ווען זיי וועלן שוין ווידער קענען נעמען אויף זיך די דינסט. אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר אַכצן, וואָס מען האָט ביי אים אָפּגעשניטן דעם רעכטן

פוס, הייבט אויף דעם לינקן, און שרייט אויס: — „אָט־אָ־די איז מיר נאָך געבליבן צו דינען דער קאָמונע! איין אָפיציר, וואָס איז שווער פארוואונדעט, זאָגט מען, אז מען האָט זיין געהאלט איבער־געגעבן זיין ווייב און קינדער: „איך האָב ניט געהאט קיין רעכט דערויף",— ענטפערט ער.— אָט, מיין פריינד, זיינען זיי „די שכורע בהמות", וואָס פון זיי באשטייט לויט די ווערטער פון ווערסאל די אַרמיי פון דער קאָמונע!

לאָמיר צוריק זיך אומקערן דורכן מארס־פעלד. זיינע ברייטע באראקן זיינען גאנץ געמיין איינגעאָרדנט. מען וואָלט באדארפט האָבן אנדערע קאדרען, אן אנדערע דיסציפלין לגמרי, אז די באַ־טאליאָנען זאָלן זיך דאָרט האלטן.

פאר דער מיליטערישער שול שטייען הונדערט הארמאטן, זייערע פייערדיקע לופעס זיינען ניט אויסגערייניקט, שטייען אָן ארבעט, — דאָס איז הונדערט און פופציק מעטער פון די וואלן, צוויי טריט פונם קריגס־מיניסטעריום. לאָמיר אָבער לאָזן אָן א זייט די דאָזיקע נעסט פון קריגערייען און מיר וועלן זיך אריינ־כאפן אינם בנין פון דער געזעצגעבערישער קערפערשאפט, וואָס איז פארוואנדלט געוואָרן אין א ווארשטאט. אָנדערטהאלבן טויזנט פרויען נייען זעק אויף ערד, מיט וועלכע מען פארשטאָפט די לעכער. א הויך און שיין מיידל מארטינעט, מיט א רויטער באנד און זילבערנער באשמוק, וואָס די חברים האָבן איר געשענקט א מתנה, טיילט פונאנדער די ארבעט. אונטער די קלאנגען פון פריילעכע לידער פליען די שעהן פון דער ארבעט פארביי אומ־באמערקט. יעדן אָוונט צאָלט מען אויס דעם ארבעטס־לוין און די ארבעטערינס באקומען זייער גאנץ פארדינסט צו אכט סאנטים פאר א זאק; אין דער צייט, ווען דער פריערדיקער אונטערנעמער האָט זיי געצאָלט ניט מער, ווי צו צוויי סאנטים.

לאָמיר זיך אויפהייבן איבער דער שלעפעריקער, תמיד רויִקער ברעגיקער גאס. אין דער וויסנשאפטלעכער אקאדעמיע קומען אלע מאָנטאָג, פונקט ווי אמאָל, פאר זיצונגען. דאָס ווערטל „די רעפובליק דארף ניט קיין געלערנטע" געהערט ניט די אר־

בעטער. דעלאַנע געפינט זיך אויף זיין פארזיץ־שטול. עליאס באַמאַן קוקט דורך די קאָרעספאָנדענץ און לייענט דורך דאָס צעטעלע פון זיין חבר זש. בערטראַן, וואָס איז אנטלאָפן קיין סען־זשערמען; דער דאַזיקער טרוקענער, אומפרוכטבארער מאטעמאטיקער האָט לחלוטין ניט געהאַט קיין שום שעפערישן שוואונג און איז קיינמאָל ניט בכוח געווען משיג צו זיין די טעאָרעמע פון דער נאַטור. מאָרגן וועלן מיר אין „אָפיסיעל" פון דער קאָמונע געפינען אַ באַריכט פון דער דאָזיקער זיצונג.

איידער מיר פאַרלאָזן דעם לינקן ברעג סענע, וועלן מיר אריין אין דער מיליטערישער תפיסה. פרעגט די ווערסאַלער געפאַנגענע, צי זיי האָבן געהערט אין פאריז כאָטש איין דראָונג, איין קללה, — וועלן זיי אייך דערציילן, אז מען באַגייט זיך מיט זיי, ווי מיט חברים, אז זיי פאַלן ארונטער דעם אלגעמיינעם רעזשים, אז מען לאָזט זיי ארויס אויף דער פריי, אויב זיי דריקן נאָר אויס זייער חשק צו העלפן די פאריזער ברידער.

גיט אַ קוק אויף דער גרויסער שטאָט אין אָוונט־צייט. די טעאַטערן ווערן געעפנט, אין דעם „לירישן" — איז אַ גרויסער מוזיקאַלישער אָוונט לטובת די פארוואונדעטע, אין „דער קאָמישער אָפּערע" וועט די טעג פאָרקומען אַ וואוילטעטיקער ספּעקטאַקל. אין „דער אָפּערע", וואו מישאָ זינגט, ווי פריער, איז מאָנטאַג דעם 22טן אַ פייערלעכער אָוונט, אויף וועלכן ראַול פּיניאָ וועט אויספירן האָסעקס הימן. די ארטיסטן פון „גאַיטע", וואָס זיינען פארבליבן אָן אַ דירעקטאָר, פירן אליין דאָס טעאַטער. „זשימנאַס", „שאַטלע", „דאָס פראַנצויזישע טעאַטער", „אַמביגיו־קאָמיק", „דעלאַסמאַן" זיינען יעדן אָוונט געפּאַקט. לאָמיר אָבער איצט גיין אַ קוק געבן אויף אַ פאָרשטעלונג, וואָס פאַריז האָט שוין ניט געגעבן פונם 93טן יאָר אָן.

עס עפענען זיך די טירן פון צען קירכן און פון די קאַטעדרעס לאָזט זיך הערן דאָס פריידיקן די רעוואָלוציע. אינם אַלטן קוואַרטאַל גראַווילע, אין דער קאַטעדרע פונם הייליקן ניקאָלאַי איז אַ געדרויש פון אַ ריזיקן המון. אַן אומגעהייערער בנין, וואָס איז פול־געפּאַקט מיט עולם און איז באַלויכטן דורך אַ צי־

טערדיק פלעמל פון עטלעכע גאַז־לעמפלעך, וואָס וואַרפן שאָטנס אויף קריסטוסעס בילד אין דער טיף פון די וועלבונגען, וואָס איז באַצירט מיט דער באַנד פון דער קאָמונע. דאָס איינציקע העל באַלויכטענע אָרט — איז דאָס טישל קעגנאיבער דער קאַטעדרע, וואָס איז אויך דראַפּירט מיט רויט. דער אָרגל און דער המון זינגען אויף די מאַרסעליעזע. פון דעם רעדנערס מויל, וואָס איז עלעקטריזירט פון דעם פאַנטאַסטישן מיליע, רייסט זיך אַרויס אָפּגעהאַקטע אויסגעשרייען, וועלכע ווערן איבערגעחזרט דורך א הילכיקן רעזאָנאַנס; זיי קלינגען, ווי דראָונגען. ער רעדט וועגן די געשעענישן פונם טאָג, וועגן די אופנים פון פאַרטיידיקונג. ער פאַלט אָן מיט באַסט אויף די מיטגלידער פון דער קאָמונע. די רעזאָלוציעס, וואָס די פאַרזאַמלונג וועט אָננעמען, וועלן מאָרגן געמאָלדן ווערן דעם שטאָטראַט. צייטנווייז בעטן אויך די פרויען א וואָרט; אין באַטיניאָל האָבן זיי זייערס א באַזונדערן קלוב, וואו עס ווערט באַטראַכט די פראַגע וועגן שלום און מלחמה. אמת, אויף די דאָזיקע פאַרזאַמלונגען ווערן אַרויסגעזאָגט ווייניק לייטישע געדאַנקען, פאַרדאָס אָבער זיינען זיי א מקור פון באַגייסטערונג און מוט פאַר א טייל מענטשן.

ניין א זייגער אינאָוונט; מיר קענען נאָך באַוויזן אויפן קאָנצערט אין טויִלרי. ביים אַריינגאַנג שטייען בירגערינס מיט קאָמיסאַרן און זאַמלען געלט לטובת די אלמנות און יתומים פון דער קאָמונע. דאָס ערשטע מאָל זיצן אויף די בענק אינם פּאַלאַץ אָנשטענדיק געקליידטע פרויען. אויף די גאַלערייעס שפּילן דריי אָרקעסטערס. דער צענטער פון דער פייערונג איז אינם מאַרשאַלזאַל. אויף דעם אָרט, וואו ס׳איז מיט צען חדשים צוריק געזעסן באָנאַפּאַרט מיט זיין חברותא, זיצט איצט פרוי אַגאַר, אויף וועלכער די ווערסאַלער צייטונגען טראַכטן אויס פאַרשיידענע געמיינהייטן. זי דעקלאַמירט „לע שאַטימאַן", „לייִדאַל". אַנשטאָט דער אומוועדיקער מוזיק פון דער אימפּעריע, פירט מען איצט אויס מאָצאַרטן, מייערבערן און אַנדערע גרויסע קונסט־ווערק. דורכן מיטלסטן גרויסן פענסטער דרינגען די קלאַנגען פון דער מוזיק אַריין אינם גאָרטן. דאָס ליכט פון די זשיראַנדאָלן און פון ד

פריילעכע קאָלירטע לאַמטערנדלעך פאַלט אויפן גראָז, גליטשט זיך איבער די ביימער, שפּיגלט זיך אָפּ אין דעם וואַסער פון די פאָנטאַנען. פונם גאָרטן הערט זיך דאָס געלעכטער פונם עולם, וואָס שפּאַצירט. און די עליזעיִשע פעלדער, וואָס זיינען פאַרזונקען אין חשכות, ווי זיי וואָלטן פּראָטעסטירט קעגן די דאָזיקע באַלעבאַטים פונם פראָסטן פאָלק, וואָס זיי האָבן קיינמאָל ניט אָנערקענט. ווערסאַל פּראָטעסטירט אויך מיט זיינע שאָסן, וואָס וואַרפן אַ רויטן אָפּגלאַנץ אויפן טריִומפאַלן בויגן, וואו עס גייט אונטער די פינסטערע וועלבונגען די גרויסע בירגער=מלחמה. עלף אַ זייגער באַמערקט זיך לעם דער קאַפּעלע עפּעס אַ מהומה. מען האָט אַרעסטירט שעלכערן. ער איז אַוועק פון ווערסאַל אַ קוק געבן אויף די פאַריזער פייערונגען, אויף די פייערונגען פון דעמזעלבן פאַריז, וואָס ער העלפט מיט זיין פאַלן אין ווערסאַל. מען פירט אים אָפּ אין דער פּרעפעקטור, וואו ראַול ריגאָ מאַכט פון אים אַ ביסל חוזק און לאָזט אים צוריק אָפּ.

די בולוואַרן זיינען איצט פול מיט מענטשן, וואָס קערן זיך אום פון די טעאַטערס. אין קאַפע פעטערס איז אַ סקאַנדאַליעזער צוזאַמענקום פון גאַסן=פרויען און אָפיצירן פונם הויפּטשטאַב אין ווייכע שטיוול מיט רויטע אויסלאָגן, מיט שווערדן, וואָס זיינען קיינמאָל נאָך ניט גענוצט געוואָרן. עס קומט אָן אָפּטיילונג נאַציאָנאַלע גוואַרדייער און פירט זיי אַוועק. צוזאַמען מיט זיי גייען מיר אינם שטאָטראַט; דאָרט נעמט זיי אויף ראַנוויע, — ער דעזשורירט אינם שטאָטראַט. די פּראָצעדור איז אַ קורצע: די פרויען שיקט ער אָפּ אין דער סען=לאַזאַר=תפיסה, די אָפיצירן מיט שופלעס און גראָבאייזנס — אין די טראַנשייען.

איינס ביינאַכט. פאַריז שלאָפט זיך רויִק. אָט אַזוי זעט עס אוים דאָס פאַריז פון די רויבער, מיין פריינד! דו האָסט אים געזען אַ דענקענדיקן, אַ וויינענדיקן, אַ קעמפנדיקן, אַן אַרבעטנדיקן, אַ ברידערלעך געשטימטן, אָבער שטרענגן צו פאַרברעכנס; זיינע גאַסן, אויף וועלכע דו גייסט רויִק ביי טאָג, זיינען ניט ווייניקער זיכער אין די נאַכטישע שטילע שעהן. זינט די פאַריזער באַפעלקערונג פירט אַליין אוים די פאָליציייִשע פליכטן, האָט די

צאָל פאַרברעכנס זיך פאַרקלענערט *. וואו איז דער טריומף פון הפקרות און אויסגעלאַסנקייט? די אַרבעטער, וואָס אין זייערע הענט געפינען זיך מיליאַרדן, לעבן אויף אַ שכירות, וואָס איז אין פאַרגלייך מיט דעם געווינטלעכן פאַרדינסט — נישטיק. די רייכע הייזער פון די אַלע, וועלכע באַמבאַרדירן זיי, זיינען אין זייער רשות; וואו זשע זיינען די חרוב־מאַכערס?

ווען איר וועסט דערקענען, לסוף, פאַריז, דאָס פאַריז, וואָס איז זינט 1789 זיבן מאָל געוואָרן באַשאָסן? דאָס פאַריז, וואָס קאַפּיטולירט ניט, וואָס איז תמיד גרייט אויפצושטיין, כדי מציל צו זיין פראַנקרייך? איצט מוז עס מער אויסשטיין, ווי עס זיינען אויסגעשטאַנען עלזאַס און לאָטאַרינגיע, וועלכע ער איז אויפגעשטאַנען פאַרטיידיקן. דו פרעגסט, אין וואָס עס באַשטייט דאָס פראָגראַם? זוך עס אין דעם, וואָס דו זעסט פאַר דיינע אויגן, ניט אין דעם שטאַטראַט, וועלכער שטאַמלט ביי יעדער וואָרט. די דאָזיקע רוהיקע וואַלן, די אויסברוכן פון העראָיזם, דער אַנטייל פון די פרויען, פון מאַנסליוט, אַן אונטערשייד פון פראָפעסיע, דאָס מיטגעפיל פון די אַרבעטער פון גאַר דער וועלט פאַר אונזער קאַמף, די פאַראייניקונג פון דער בורזשואַזיע פון אַלע לענדער קעגן אונז — איז דען פון דאַנען ניט קלאָר דער עיקר־געדאַנק? זאָגט דען דאָס ניט דיר, אַז דאָ קומט פאַר אַ קאַמף פאַר דער רעפּובליק און פאַר דעם טריומף פונם סאָציאַליזם? קער זיך שנעל אום צו זיך און דערצייל אונז, וואָס פאַריז איז אַזוינס. זאָג דער רעפּובליקאַנישער פּראָווינץ: — „די פאַריזער פּראָלעטאַריער קעמפן פאַר אייך, וועלכע עס וואַרט מאָרגן אויך פאַרפאָלגונג. אויב זיי וועלן פאַלן, וועט איר לאַנג זיין באַהאַלטן אונטער זייערע טויטע קערפּערס".

אין איין ריי מיט פאַריז געפינט זיך זיין קעגנזאַץ — ווערסאַל, — די אייביקע דראָונג. די שטאָט, וועלכע עס איז באַשערט צו זיין די רעזידענץ פון פאַריזס שונאים. אייערנעכטן איז דער שונא געוועזן דער קיניג, נעכטן — ווילהעלם, היינט — טיער.

---

* קלאָר, שעף פון דער ווכערהייטס־פאָליציי בעת דער אימפּעריע. אַנקעטיר... ... אונטן בערך.

און פונם 89טן יאר האבן זיי אלע איין לאזונג, ברעטעילס געדאנק: „אויב מען וועט דארפן פאריז פארברענען, וועט עס פארברענט ווערן!" די אידעע פון פארברענען פאריז געהערט דער פראנצויזישער אריסטאקראטיע.

אין די קיניגלעכע אלעען שטייען הארמאטן. אויף „קור ד'האנער" היטן בראנזענע דאג=הינט, וואס זיצן אויף די הינטערשטע לאפעס, דעם פאלאץ, די נאציאנאל=פארזאמלונג — דעם דאזיקן פינסטערן מקום. אהינקומען קענען בלויז מענטשן אין אָרדערס, דעפוטאטן אדער פאליצייישע שפיאנען; קיינער שטעלט זיך אין ווערסאל ניט אפ, קיינער קען דארט ניט בלייבן, אויב אויב ער איז ניט אריינגעטראגן אין דער רשימה.

דער הויפט=שטאב פון די דארפסלייט האט זיין זיץ=ארט אינם „רעזערוואואר" *, וואו עס קומען זיך צונויף די ראסיקע רעכטע, די שוואלעזשערן **, די ארלעאניסטן, די יעזויטן. דא איז אויך דער אפלייג פון די ארומגעצופטע גרויסע לייט פון דער אימפעריע, פון די דיפלאמאטן, אלא גראמאן, פון די פרעפעקטן, קאמערהערן, לאקייען, אנטלאפענע פונם 4טן סעפטעמבער, פראנקפולערן פון דער באלאגערונג. א טייל פון זיי זאגן: „מיר אנערקענען בלויז דעם קיניג", — אנדערע ווידער: — „מיר אנערקענען בלויז א אימפעראטאר", — דערמיט שעפט זיך אויס זייער כאראקטעריסטיק. די אלע חברה=לייט, וואס זוכן צוזאמען א רעטונג פונם שטורעם אין דער דאזיקער נחם תיבה, געוועזענע גלות=לייט און געוועזענע טרייבער, לויערן איינס אויף דאס אנדערע מיט שנאה, כדי אויסצונוצן די פירות פון די נצחונות.

דאס מיליטער געפינט זיך אויפן צד פון די באנאפארטיסטן, די רעגירונג געפינט זיך אבער ניט אויף זייער צד, און דאס איז אלץ איצט, בעת די דארפישע רעאקציע הערשט אין דער נאצי=

---

* האטעל „רעזערוואואר" — א בנין אין ווערסאל, וואו עס האט אין 71טן יאר אפגעהאלטן אירע זיצונגען דער מאנארכיסטיש געשטימטער טייל פונם פארלאמענט.

** אזוי האבן געהייסן די רייטער=אפטיילונגען, וואס דער קיניג אליין האט מיט זיי אנגעפירט.

אנאל=פארזאמלונג. די כנופיה דעפוטאטן, באאמטע, אפיצירן, הענדלער, וואס הערשט אין דער פארזאמלונג, איז אין זיבעטן הימל פון דער גרויסער מציאה, ווי דאס פארזען מיט פראוויאנט און אמוניציע 130.000 מאן, שוין אפגערעדט פון די גרויסע ארבעטן ארום דעם פארריכטן די וועגן, בריקן, מלוכה=בנינים. די פרעפעקטן, וואס זיינען באאומרויקט פון זייערע דעפארטאמענטן, הערן זיך צו צו די דאזיקע גרופעס, קוקן נאך די דאזיקע געהיימע פארשווערער, וועלכע באשטימען אויף אן אנגעוויזענעם טאג דעם נצחון איבער פאריז. די רעכטע באקוקן פון קאפ ביז די פיס די חשובע לינקע לייט, וואס דינען פאר אן אביעקט פון חוזק פאר די פארזאמלונגען.

טאלען פאדערט פון דער קאטעדרע אראפ ערקלערונגען צוליב די בעל=עפינישע רציחות. ער איז פארבליבן אין ווערסאל, די דאזיקע זייל, די געוועזענע פונם אינטערנאציאנאל, אלס פאר=שטייער פון דעם „אמתן", „גוטן" פאלק, וואס האט ניט קיין שייכות „צו דער וואקכאנאליע פונם פאריזער פעבל". „גענוג! גענוג!" — שרייט מען צו דעם דאזיקן צו=ריינעם מאן: „אלע ווייסן, אז אונזערע אפיצירן, די וואולע, זיינען ניט קיין רוצחים". דער מיניסטער, וועלכער האלט זיך ביים פארלאמענטארישן טאן, ענט=פערט אים: „געערטער הער טאלען"... ביים ווארט געערטער דערהערט זיך א פייפעריי און גרעווי רייסט איבער דעם וויכוח איבער דער פראגע מיט די ווערטער: „ניטא אפילו וואס אפצו=לייקענען אזא געמיין לשון=הרע". אלע זעצן זיך אויף די ערטער, טאלען זעצט זיך אויך און מאכט דעם אנשטעל פון אן אויפגע=בראכטן *.

אין דער צייט, ווען די פארזאמלונג ברומט פון באסט, איז ער מתפלל; מוסר=דרשות גייען פארביי בסירוגין מיט טויט=אור=

* אין 1867 יאר איז טאלען מער פאר אלע געווען קעגן זשול פאוורען, בעת ער האט געמאלדן, אז ער האלט זיך בלויז פאראנטווארטלעך פאר זיין אייגן געוויסן. אין אפריל 1896 האט דער דאזיקער געוועזענער ארבעטער, וואס איז געווארן א גרויסער סענאטאר, אנגעשריבן זיינע ווילער, וועלכע האבן געפאדערט ביי אים א באריכט פון זיין טעטיקייט, אז ער „טוט אלץ אויסשליסלעך, ווי זיין געוויסן הייסט אים".

טיילן. גאוואַרדי פאַדערט, אַז מען זאָל צוציען צום געריכט — די צייט פון שייטער־הויפנס איז שוין אוועק — יעדן איינעם, וואָס וועט לייקענען אין גאָט אָדער אין דער אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה. די פאַרזאַמלונג פּאַרציט אַ ביסל די אָפּשטימונג און גענעראַל דיטאַמפּל רופט זיינע חברים צו אָרדענונג: „מיר צווינגען דעם רבונו־של־עולם צו וואַרטן!"

אחוץ די פאַרזאַמלונגען און די פּאַרטיעס געפאַנגענע, וואָס איינער דעם אַנדערן וויל איבעריאָגן און חוזק מאַכן פון זיי, איז דאָס לעבן פון די דאָרפישע דעפּוטאַטן מאָנאָטאָן און אומעטיק. די רייכסטע פון זיי ווײַלן זיך אין די גרויסע שענקען פון סען־זשערמען; דאָרט אויף דער טעראַסע, וואָס איז באַצירט מיט יונגע גרינס, קומט פאָר אַ מין „לאַנגשאַמפּ"*: עס קלייבן זיך צונויף גרויסוועלטישע פרויען, אַרטיסטן, אַרטיסטינס, שיינע דאַמען פון דער האַלב־וועלט און זשורנאַליסטן, וואָס האָבן איבערגעטראָגן זייער מלאכה קיין ווערסאַל. ס'איז ניטאָ קיין איין צייטונגס־מאַן, וואָס זאָל ניט אויסטראַכטן, אַז ער איז פּונקט, ווי לוי בלאַן, פאַרמשפּט צום טויט דורכן צענטראַל־קאָמיטעט, דורך דער קאָמונע אָדער מיליטערישן געריכט, וואָס ער רופט אייך תיכף אָן זיין פאַרזיצער, — קיין איינער, — וואָס זאָל ניט האָבן די פּינקטלעכסטע ידיעות וועגן די איינצלהייטן פון די געהיימסטע זיצונגען אינם שטאַטראַט, וועגן רציחות, גנבות, גזלות און דערשיסונגען אין פּאַריז. די מאָנאַרכיסטן זאָגן, אַז דער הויפּט־אינספּיראַטאָר פון פון דער קאָמונע — איז דער באַרימטער באָנאַפּאַרטיסט היגעל־מאַן, אַז אינם צענטראַל־קאָמיטעט איז פאָרזיצער גענעראַל פלערי און די באַריקאַדעס ווערן געבויט אונטער דער אָנפירונג פון די פּרייסישע גענעראַלן**. לויט די באָנאַפּאַרטיסטן קומט אויס, אַז מיט די דאָזיקע קאָמונאַרן, וואָס דורך זייער געמיינער עקשנות האָט ביסמאַרק געהעכערט זיינע פאָדערונגען אויף פינף מיליאַרד

---

* „לאָנגשאַמפּ" — אַ גרויסע פאַרוויילונג, וואָס ווערט איינגעאָרדנט אין דער אָסטערן־וואָך אין בולאָנישן וואַלד און אויף די עליזעישע פעלדער.

** „לע סואַר".

און וואָס פּאָדערן, אַז באַזען זאָל צוגעצויגן ווערן צו פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט, פּירט אַן גאַמבעטאַ דורך זיין פריינד ראַנקון. די דאָרפישע דעפּוטאַטן נעמען דאָס אַלץ צו פאַר אַ גוטער מטבע און עס ווייזט זיך זיי אויס פאַר אַ נס, וואָס שעלבערן האָט זיך איינגעגעבן ניצול צו ווערן פון דעם גיהנום, וועלכער איז באַשריבן אין דער אָפיציעלער צייטונג אזוי: „אַ פאַרפעסטעט אָרט, וואָס יעדער איינער שטרעבט צו פאַרלאָזן. די אומגליקלעכע, וואָס זיינען ניט בכוח צו לויפן, זיינען געצוואונגען צו זוכן שטיצע ביי די נייט־ראַלע מלוכות... ווי אין די ווייטע לענדער פון מזרח, וואו מען מוז האָבן פאַר־אַפּמאַכן, כדי צו באַשיצן די איראָפּעער פון די אכזריות מצד די אָרטיקע איינוואוינער". „זייער ריכטיק!" — זידט דער מוטיקער גראַמען־מאַכער, וואָס איז פּשוט אויס פחדנות אַנטלאָפן פון פּאַריז, איבערלאָזנדיק דאָרט די מוטער, שוועסטער און געליבטע — און שליסט זיך אויך אָן אָן דעם כאָר פון דער דאָרפישער חברה. דער דיקער פּראַנסים סאַרסע שרייבט פּלאַך און זעט אַלץ אין רויטע קאָלירן. ער מאַכט נאָך ברעטעימאַן און זאָגט: — „אויב מען זאָל אַפילו דאַרפן די מרידה פאַרגיסן מיט בלוט, אויב מען זאָל זי אַפילו באַדאַרפן מקבר זיין אונטער די חורבות פון דער פאַרברענטער שטאָט, וואָלט מען עס געמוזט טאָן, וואָרעם קיין שום הסכם איז דאָ ניט מעגלעך. ווען מען זאָל היינט אָפּשאָפן דעם עשאַפּאָט, וואָלט מען אים געמוזט איבער־לאָזן פאַר די פּאַרטיידיקער פון די באַריקאַדעס". די קאָמונאַרן צווינגען אים צו שליסן שלום מיט די פּרייסן, „די ערלעכע, באַ־רעדטע מענטשן". ווי אָנגענעם עס איז צו הערן זייער „יאָ", בעת דו גייסט אַרויס פון „דעם טירגאָרטן פון מאַלפּעס און טיגערס". „ס'איז זיך שווער פאַרצושטעלן", — שרייבט „די דרייפאַרביקע פאָן", „וואָס דאָס דאָזיקע „יאָ" האָט געטראַכט וועגן דעם מצב הענינים. דאַכט זיך, ווי עס האָט געזאָגט: „יאָ, אָרעמער פראַנצויז, מיר זיינען דאָ, האָסט ניט וואָס מורא צו האָבן; מען וועט דיך שוין מער אין תפיסה ניט אַריינזעצן; דו וועסט האָבן רעכט פריי צו שפּאַצירן, וועסט שוין מער ניט דאַרפן לייענען די מוסר־דרשות פון זשול וואַלעס אָדער די בלוטיקע פּאַסקווילן פון דעם וואָדעוויל־

שרייבער ראשפאר; דו ביסט אין א פריי לאנד, יא, אויף פריינד-
לעכער טעריטאריע, יא, אונטער דער שוץ פון בייערישע באג-
נעטן, יא... איך קען זיך ניט איינהאלטן, — איך זאל פון מיין
זייט ניט איבערחזרן דעם יא, אז כ'זאל ריכטיק אים ארויסזאגן.
הער „יא" האט ארויסגענומען דאס ליולקעלע פונם מויל און
א זאג געטאן: — „א, פראנצויז, טושור קע. יא! יא!" און מיר
האבן זיך צעלאכט א קוק טוענדיק איינער אויפן אנדערן.

ווערסאל האלט סארסעם טאן פאר פולקום פאסיק. ער וועט
נאך א סך אנדערע אפלאדירן. דעם 16טן מאי, אינם טאג פון די
תפילות, דרוקט „פיגארא" דאס פראגראם פון די רציחות: „מיר
פאדערן פארמעל, אז אלע מיטגלידער פון דער קאמונע, פונם
צענטראל-קאמיטעט און ענלעכע אנשטאלטן, אז אלע זשורנאליסטן,
וואס האבן אוים פחדנות זיך געשטעלט אויפן צד פונם זיגרייכן
אויפשטאנד, אלע אנטלאפענע פאליאקן, וואס האבן אין משך פון
צוויי חדשים געהערשט איבער דער שענסטער און איידלסטער
שטאט אין דער וועלט, אז די אלע לייט, צוזאמען מיט זייערע
אדיוטאנטן, פאלקאווניקעס און אנדערע לומפן אין אקסלבענדער,
זאלן נאך קורצע שהיות אין געריכט, פון דער תפיסה, וואו זיי
וועלן ווערן איינגעזעצט, ארויסגעפירט ווערן אויפן מארס-פעלד
און דארטן, אין קעגנווארט פונם פאלק, דערשאסן".

פאריז לייענט דאס אלץ און לאכט. די ווערסאלער לייט
מאכן אויף אים אן איינדרוק פון מאניאקעס, וואס האבן די פא-
ליקע. זיי ווילן פאריז. עס וועט קיינמאל ניט גלייבן, אז די דא-
זיקע לצים זאלן קענען זיין עקלהאפטע גזלנים.

זעקס־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל

די טויערן פון סען־קלו האָבן זיך נאָר־וואָס איינגעבראָכן. גענעראַל דוע האָט זיך אַריינגעריסן אין פּאַריז.

(הער טיערס דעפּעשע צו די פּרע־פעקטן דעם 21טן מאַי 1871).

די ווערסאַלער לייט טרעטן אַריין אין פּאַריז זונטאָג, דעם 21טן, דריי אַ זייגער בייטאָג. — די פאַרזאַמלונג פון דעם קאָמונע־ראַט ווערט געשלאָסן.

עס דערנענטערט זיך דער מאָמענט פון דער הויפּט־אַטאַקע. דעם 16טן האָט די נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג זיך אָפּגעזאָגט צו אָנער־קענען די רעפּובליק אַלס מלוכה־פאָרם פאַר פראַנקרייך. דעם 17טן שטעלט זי אַוועק באַטאַרייעס מיט באַלאַגערונגס־האַרמאַטן קעגן די טויערן מיועט, אָטעיל, סען־קלו, פּואַן־די־זשור און איסי. די הינטערשטע באַטאַרייען האַלטן ווייטער אין איין צעקלאַפּן די מויערן פון פּלואַן־די־זשור און מאַכן אַ תּל פון פּאַסי. תּחילת מאַכט מען פונם בעקאָן־שלאָס אַ תּל פונם מאָנמאַרטרער בית־עולם, ביז מען קומט צו צום פּלאַץ פונם הייליקן פּעטרוס. פינף קרייזן פון פּאַריז ווערן באַשאָסן מיט גראַנאַטן.

דעם 18טן אינאָוונט באַפאַלן די ווערסאַלער לייט פּלוצלונג די פעדעראַליסטן און נאַרן זיי אָפּ מיט אויסגעשרייען: „זאָל לעבן די קאָמונע!" צום גליק געלינגט צו שטערן זייער ווייטערדיקן גאַנג אויף אָט־בריוער. די דאָמיניקאַנער מאָנאַכן, וואָס האָבן פון זייער קלויסטער אַרקעיל אַרויסגעשיקט אַ ידיעה דעם שונא, אַרעסטירט מען און מען פירט אָפּ אין דעם פאָרט ביסעטר. אויף

אט-בריוער גיט מען איבער איין צוואנציק-יעריקן שפיאן, וואס איז זיך מודה, אז ער, האט אוועקגעטראגן אין ווערסאל א פלאן פון די פאזיציעס פון די פע עראליסטן, צו דעם מיליטערישן געריכט, — מען פארמשפט אים צום טויט און נאך זיין אפזאג צו געבן וועלכע עס איז דערקלערונגען, — פידט מען אויס דעם פסק-דין: דאס איז די דריטע עקזעקוציע פאר דער קאמונע.

דער 19טער מאי. — ניט געקוקט אויף די צוגרייטונגען פון די ווערסאלער לייט צו דער באלאגערונג, ווערט די פארטיידיקונג גארניט באלעבט. די 72טער און 73טער באסטיאנען שיסן זעלטן ווען אויפן דארף און פארט איסי. פון פואן-די-זשור ביז די מאליאטויערן ענטפערן בלויז די הארמאטן פון די דאפין-טויערן אויף די שאסן פון הונדערט ווערסאלער הארמאטן, — בלויז זיי שטערן זייער ארבעט אינם בולאנער וואלד. עטלעכע באריקאדעס ביי די טויערן בינא, אניער און אויפן איטאליענישן בולוואר, צוויי שאנצן אויפן קאנקארדיע-פלאץ און אויף דער קאסטיליאנע-גאס, איין ריוו אויף דער ראיאל-גאס, א צווייטער אין טראקאדערא — אט איז אלץ, וואס דער שטאטראט האט אויפגעטאן פאר דער אינערלעכער שוץ אין משך פון זיבן וואכן. קיין שום ארבעטן אויפן וואקזאל מאנפארנאס, אין פאנטעאן, אויף די הויכן פון מאנמארטר. דעם 14טן האבן צוויי-דריי הארמאטן, וואס זיינען געשטאנען אויף די מאנמארטער הויכן, אנגעהויבן געבן לשון בלויז צוליב דעם, כדי מען זאל מיט עטלעכע אומגעלונגענע שאסן דערהרגענען א פאר פעדעראליסטן אין לעוואלוא. ביי דער טעראסע פון טיוילרי ארבעטן צוועלף גראבאייזנס איבער אן אומנייטיקן ריוו. דער קאמיטעט פון געזעלשאפטלעכער רעטונג זאגט, אז ער קען ניט געפינען קיין מענטשן, אין דער צייט, ווען ער האט אין זיין רשות הונדערט טויזנט מאן און מיליאנען פראנק.

דאס איז דער פעריאד פון אומענדלעכער מידקייט. די קאנקורענץ מיט די מחלוקות האבן צוגענומען אלע כוחות. מיט וואס פארנעמט זיך די קאמונע דעם 19טן? מיט די טעאטערס. וואליאן זאגט, אז די מלוכהס אריינמישן זיך אין טעאטער-ענינים איז געזעצלעך, אז דער בינע-ארבעטער ווערן עקספלאאטירט, אז

דאס טעאטער דארף געבויט זיין אויפן פרינציפ פון א געזעל-שאפט. פעליקס פיא איז קעגן דער מלוכהס אריינמישן זיך אין טעאטער און אין דער ליטעראטור; „די פויערים פון בערי זיינען גארניט מחויב צו צאלן פאר די טענצערינס פון דער אפערע", און ער שיסט אויס מיט א בייסיקער פיליפיק קעגן דער מוזיקא-לישער און מעדיצינישער אקאדעמיע. „וואס האבן מיר אויפגעטאן, ליטישס זינט עס עקסיסטירט „דאס פראנצויזישע טעאטער?" „אויב די פראנצויזישע וויסנשאפט איז אפגעשטאנען, אויב זי שטייט נידריקער, ווי אין אנדערע לענדער, איז דער עיקר שול-דיק אין דעם די שעדלעכע רעגירונג". און מען ענטפערט אים, און ער ענטפערט צוריק, אזוי לאנג, ביז איינער פון די מיטגלידער שרייט אויס: — „ס'איז ניט קיין צייט צו ריידן וועגן טעאטער, בעת מען שיסט אין אונז!" דעמאלט גייט מען איבער צום בא-טראכטן דעם אויפרוף פונם צענטראל-קאמיטעט, וואס האט לויטן „אפמאך", וועלכער איז געשלאסן געווארן מיט א טייל קאמונע-מיטגלידער, פארכאפט אין זיינע הענט די לייטונג אין דעם מלחמה-מיניסטעריום. און באמת, די מיטגלידער פון קאמיטעט האלטן זיך פאר די גאנצע באלעבאטים: איינער פון זיי „לאדט איין" אין א דעקרעט, וואס איז אפגעדרוקט געווארן אין „אפיסיעל", די איינוואוינער פון פאריז אין משך פון אכט-און-פערציק שעה צו קומען צו זיי, „אונטער דער דראונג, אז אלע רענטע-צייגענישן און די הויפט-ביכער זייערע וועלן פארברענט ווערן". דער דאזיקער משוגענער, אומדערהערטער אויספאל גייט דורך אומבאשטראפט.

מילא! זאל ער נעמען אויף זיך די אנפירונג מיטן מלחמה-מיניסטעריום, דער דאזיקער ערגייציקער צענטראל-קאמיטעט, אויב ער איז נאר מסוגל צו האלטן צוזאמען די באטאליאנען, וואס צע-שיטן זיך. אויפן שטח צווישן אניער און נעילי איז געבליבן בסך-הכל צוויי-דריי טויזנט מאן און פיר טויזנט צווישן מיועט און פיטי-וואנוו. די באטאליאנען זיינען באשטימט געווארן פאר די פאסטנס אין פאסי, זיי געפינען זיך אבער עפעס ניט דארט און זיצן אין די הייזער, ווייט פון די וואלן; א סך ווידער פון די אפי-צערן זיינען נעלם געווארן. אויף די באסטיאנען פונם 36טן ביז

70טן, אין סאמע צענטער פונם קאמף, איז דא ארום און ארום צוואנציק ארטילעריסטן. קיין וואכלייט זיינען ניטא.

איז ניטא דערינען עפעס א בגידה? — די פארשווערער האבן אין עטלעכע טעג ארום זיך געריכטעט, אז אדאנק זייערע באמיונגען זיינען די וואלן געבליבן אומבאשיצט. אין דער אמתן אבער לאזט זיך עס ערקלערן מיט דעם שרעקלעכן באמבארדירן. מען קען אבער ניט לייקענען, אז מיר שטויסן זיך דא אגב אן אויף אזא נאכלעסיקייט, וואס מען קען אנרופן פארברעכן. דאמבראווסקי, וועלכן ס'איז שוין אויך נמאס געווארן דער כסדרדיקער קאמף מיט דער אינערטער באציונג מצד דעם מלחמה־מיניסטעריום, קומט שוין אויך ניט אזוי אפט אויף די פאסטנס און גייט צו אפט אוועק צו זיך אין שטאב אריין אויפן וואנדאמער פלאץ. דער קאמיטעט פון דער „געזעלשאפטלעכער רעטונג, וואס ווייס, אז די וואלן זיינען געלאזן אן שוץ, נעמט ניט אן תיכף קיין שום מיטלען, נאר איז מתרה וועגן דעם דאס „מלחמה־מיניסטעריום.

שבת, דעם 20טן מאי, איינס א זייגער בייטאג, טרעטן די באטארייעס צו צו אנטשלאסענע מעשים. דאס געוויש פון די שאסן פון דרייהונדערט באלאגערונגס־און־ים־הארמאטן האט אנגעזאגט, אז דער אנהייב פון דער דראמע קומט ענדגילטיק שוין אן.

דעמזעלבן טאג האט דע־באפאן, וואס האט זיך ניט דערשראקן פאר דעם ארעסט פון לאניע, געשיקט זיין געוויינטלעכן שפיאן אנצוזאגן דעם שעף פונם הויפט־שטאב פון די ווערסאלער לייט, אז די טויערן מאנרוזש, וואנוו, וואזשיראר, פואן־דו־זשור, דאפין זיינען אינגאנצן פארלאזן. מען האט תיכף ארויסגעגעבן א באפעל אראפצוברענגען מיליטער. דעם 21טן, ווי דעם 3טן און דעם 12טן האבן די ווערסאלער־לייט זיך געהאלטן גרייט. דאסמאל איז דער ערפאלג געווען כמעט זיכער. פון די טויערן סענקלו זיינען געבליבן בלויז שפליטערס.

די לעצטע טעג האבן די מיטגלידער פונם קאמונע־ראט ניט איינמאל אנגעוויזן דעם שעף פונם גענעראל־שטאב אויפן דאזיקן חלל. ער האט געענטפערט א לא קלוזערע, אז ער האט אנגענומען די נייטיקע מיטלען, אז ער וועט צופאסן צו די טויערן א בא־

זוועגלעכע, בלינדירטע באריקאדע; ס'איז אָבער קיין זאך ניט געטאָן געוואָרן. זונטאָג האָט לעפראנסע, איבערגייענדיק דורכן ריוו איבער די שפּליטערס פון דער הענגל-בריק, דערהערט און דערזען די ווערסאַלער לייט אין די טראַנשייען. אַן איבערראַשטער, זעענדיק, אַז מען שטייט פּנים אל פּנים מיטן אומקום, האָט ער צוגעשיקט אַ בריוועלע דעלעקליוזן, — דאָס בריוועלע איז אָבער ערגעץ פאַרלאָרן געגאַנגען.

האַלב דריי בייטאָג איז אין די אַלעען פון טיוּלרי פאַרגעקומען אַ קאָנצערט-מאָנסטער לטובת די אַלמנות און יתומים פון דער קאָמונע. אין די גרינע אַלעען האָבן געפינקלט מיט בונטע קאָלירן די פרילינגס-קליידער פון די דאַמען. עס האָבן פריילעך געשאַלט די טרומייטן און אין דער לופט האָט זיך געפילט דער צויבערנדיקער אָטעם פונם פרילינג. דער דאַזיקער פריילעכקייט האָט אָבער, ווי דאָס קראַקען פון קראָען, געשטערט דאָס אויפרייסן זיך פון די ווערסאַלער גראַנאַטן, וואָס האָט זיך געלאָזט הערן פונם קאָנקאָרדיע-פּלאַץ.

נאָכן ענדיקן דעם קאָנצערט איז איין אָפיציר פונם הויפּטשטאַב ארויף אויף דער עסטראַדע פונם דיריזשאָר און געזאָגט: „בירגער, לויט זיין צוזאָג, האָט הער טיער נעכטן באַדאַרפט אַריין אין פאַריז; הער טיער איז נעכטן אין פאַריז ניט אַריין, ער וועט בכלל אין פאַריז ניט אַריין. איך לאַד אייך איין אויפן קומענדיקן זונטאָג, דאָ טאַקע, אויף אונזער צווייטן קאָנצערט לטובת די אַלמנות און יתומים".

די זעלבע שעה, איז דער אוואַנגאַרד פון די ווערסאַלער לייט, אויף אַ שטח פון צוויי ביקסן-שאָסן פון דאַנען, אַריין אין פאַריז.

דער לאַנג געוואַרטער סיגנאַל האָט זיך סוף-כּל-סוף באַוויזן ביי די טויערן פון סען-קלו: איין פּרייוויליקער שפּיאָן, אַ געוויסער דיקאַטעל, וואָס האָט צו די פאַרשווערער ניט געהערט, איז פאַרביי די קוואַרטאַלן און דערזען, אַז אַלץ — די טויערן און וואַלן — זיינען לחלוטין פאַרלאָזן. ער איז אַרויף אויפן 64טן באַסטיאָן, האָט אַ פאָכע געטאָן מיט אַ וויים טיכל און אויסגעשריען צו די זעלנער

אין די טראנשייען: „גייט אריין, קיינער איז ניטא". עס איז ארוים א פלאט-אפיציר, האט אויסגעפרעגט געגוי דיקאטעלן, איז אריבער איבער די שפליטערס פון דער הענגל-בריק און האט זיך איבער-צייגט, אז די באסטיאנען מיט די שכנותדיקע הייזער זיינען פאר-לאזט, — האט ער זיך אומגעקערט אין דער טראנשיי אריין און טעלעגראפירט וועגן זיין אנטדעקונג די גענעראלן, וועלכע האבן זיך געפונען בשכנות מיט אים. די באלאגערונגס-הארמאטן האבן אויפגעהערט צו שיסן; די זעלנער פון די שכנותדיקע טראנשייען זיינען אין קליינע אפטיילונגען ארייגעדרונגען אין דער פעסטונגס-פארצוימונג. הער טיער, מאק-מאהאן און אדמיראל פאטיוא, וואס האבן זיך געפונען אין דער רגע אין מאן וואלעריאן, האבן טעלע-גראפירט אין ווערסאל, אז אלע דיוויזיעס זאלן זיך א ריר טאן פון די ערטער.

דאמבראווסקי, וואס איז עטלעכע שעה ניט געווען אין זיין הויפט-קוואַרטיר אין לא-מיועט, איז אהינגעקומען פיר א זייגער. איין אפיציר איז אים מודיע, אז די ווערסאלער לייט זיינען אריין; דאמ-בראווסקי לאזט דעם אפיציר ענדיקן און רופט זיך אפ מיט זיין אייגנטימלעכער רויקייט, וואס פלעגט נאך מער אויסוואקסן אין קריטישע מאמענטן, צו איינעם פון זיינע מענטשן: — „שיקט, זייט מוחל, אין פלאט-מיניסטעריום נאך דער באטאריי נומ. 7; זייט מודיע די און די באטאליאנען; איך וועל אליין אנפירן". ער שיקט א דעפעש אינם קאמיטעט פון געזעלשאפטלעכער רעטונג און אין מלחמה-מיניסטעריום און לאזט ארוים א באטאליאן פרייוויליקע צו פארנעמען די אטעיל-טויערן.

פינף א זייגער בייטאג מאכן די נאציאנאלע גווארדייער, אן היטלען און ביקסן, אן א בהלה אויף די גאסן פון פאסי. די אפיצירן אנטבלויזן די שווערדן און פרווון זיי ארעסטירן; א טייל לאדן אן די ביקסן, אנדערע ווידער פארזיכערן, אז עס איז א פאל-שער אלארם. דער אנפירער פון די פרייוויליקע זאמלט צונויף און בירט אוועק אלע, וועמען ער קען נאר.

די דאזיקע פרייוויליקע — זיינען א הייפל מענטשן, וואס זיינען פארהארטעוועט געווארן אין שלאכטן. לעבן דער באן-ליניע בא-

מערקן זיי די רויטע הויזן פון די ווערסאלער לייט און באגעגענען זיי מיט ביקסן=שאסן. איין ווערסאלער אפיציר, וואס פרובירט פירן מיט זיך זיינע מענטשן, פאלט טויט אונטער זייערע קוילן. זיינע זעלנער טרעטן אפ. די פעדעראליסטן באפעסטיקן זיך אויפן וועג=דורכפיר און ביים אריינגאנג אינם מיור=בולוואר. דיזעלבע צייט בויען זיי באריקאדעס אויף דער ברעגיקער=גאס, ניט ווייט פון דער יענער בריק.

דאמבראָווסקים דעפּעש איז אָנגעקומען אינם קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלעכער רעטונג זיבן א זייגער אינאָוונט. ניט געקוקט דערויף, וואס די זיצונגען פונם קאָמיטעט זיינען געמאָלדן אלס פּערמאַנענטע, איז דאָרט פאַרהאַן בלויז איין ביליאָרע. נאָכדעם ווי ער האָט דערהאַלטן די דעפּעש, איז ער תיכף אַוועק אינם קאָמונע=ראַט. די פאַרזאַמלונג פונם ראַט איז געווען גראָד פאַרנומען מיטן ענין קליוזערע. עס באַקומען דאָס וואָרט ווערמאָרעל. דער עקס=דעלעגאַט איז געזעסן אויף א שטול, האָט נאַבלעסיק זיך צוגעהערט צום רעדנער,— א מידה, וואס נאַיווע מענטשן פלעגן האַלטן פאַר א סימן פון טאַלאַנט. ביליאָרע קומט אַריין אינגאַנצן בלאַס און זעצט זיך א ווײַלע צו. היות אָבער ווערמאָרעל רעדט ווייטער, שרייט ער צו אים: — „ענדיקט, ענדיקט! איך מוז מאַכן אַן אומגעוויינטלעך וויכטיקע מעלדונג, און פאָדער אויף צו באַטראַכטן זי אויף א געהיימער זיצונג".

ווערמאָרעל: — „איך גיב איבער דאָס וואָרט דעם בירגער ביליאָרע".

ביליאָרע לייענט א פּאַפּיר, וואס ציטערט אין זיין האַנט: „דאָמבראָווסקי צום מלחמה=מיניסטעריום און קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלעכער רעטונג. די ווערסאַלער לייט זיינען אַריין דורך די סען=קלו=טויערן. איך נעם אָן מיטלען זיי אָפּצושטויסן. אויב איר קענט מיר שיקן הילף, בין איך אייך ערוב פאַר אַלץ*.

---

* דער אָריגינאַל פון דער דעפּעשע איז פאַרלאָרן געגאַנגען; מיר האָבן זי געבראַכט לויט דאָמבראָווסקים און א טייל מיטגלידער פון קאָמונע-ראַטס ווערטער.

עס ווערט אַ שטילקייט, וואָס איז פול מיט פּחד; דערנאָך הייבן זיך אָן פראַגן. „די באַטאַליאָנען זיינען שוין געשיקט", — ענטפערט ביליאַרע, — „דער קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלעכער רעטונג איז אויף דער וואַך".

די וויכּוחים ווערן באַנייט; פאַרשטייט זיך, אַז מען מאַכט זיי בקיצור. דער ראַט באַפרייט קליוזערען. ס'איז קיין חידוש ניט! — מיאָס באַשולדיקונגס־אַקט איז צונויפגעשטעלט געוואָרן פון בלעדליי רכילות; מיאָ האָט געלאָזט אָן אַ זייט די איינציקע אינקרימינירטע פאַקטן, קליוזערעס גאָרניט טאָן, בעת ער איז געווען דעלעגאַט, און זיינע פאַרדעכטיקע באַציִונגען. די מענטשן צעטיילן זיך אויף צוויי באַזונדערע גרופּעס, מען לערנט פּשט אויף דער דעפּעשע. דאָמבראָמסקים אמונה, ביליאַרעס פאַרזיכערונגען באַפרידיקן אינגאַנצן די ראָמאַנטיקער. זיי גלויבן אין דעם גענעראַל, אין דער קראַפט פון די באַפעסטיקונגען, אין דער אומשטערבלעכקייט פון דער זאַך גופא. קיינער פון זיי ליגט ניט פּאַר עפּעס באַשטימטס; דער קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלעכער רעטונג טראָגט די אַחריות פאַר אַלץ; זאָל יעדער איינער מאַכן די נייטיקע אויסקונפטן און אויב מען וועט דאַרפן, זאָל ער אַוועק צו זיך אין קרייז.

די גאַנצע צייט האַלט מען אין איין פּלוידערן. ס'איז ניטאָ — ניט קיין פאַרשלאָגן, ניט קיין וויכּוחים. עס שלאָגט אום אַכט אַ זייגער. דער פּאָרזיצער זשול וואַלעס שליסט די זיצונג. די לעצטע זיצונג פונם קאָמונע־ראַט! קיינער פאָדערט ניט, די זיצונג זאָל ווערן געמאָלדן אַלס פּערמאַנענטע, קיינער לייגט ניט פּאָר זיינע חברים צו בלייבן און וואַרטן אויף נאָך ידיעות, אַרויסצורופן אַהער דעם קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלעכער רעטונג. עס געפינט זיך ניט קיין איין מענטש, וואָס זאָל זאָגן, אַז אין דער דאָזיקער רגע פון גורלדיקער אומבאַוואוסטקייט, בעת עס וועט אויסקומען בחיפזון צו שאַפן אַ פאַרטיידיקונגס־פּלאַן, אָנצונעמען אַ וויכטיקן באַשלוס אין פאַל פון אַן אומגליק, — דאָס אָרט פון די פאַרטיידיקער פון פּאַריז איז אינם צענטער, אין דעם הויז פון דער קאָמונע, און ניט אין זייערע קרייזן.

אָט אַזוי האָט דער קאָמונע־ראַט פון 1871 פאַרענדיקט זיין

ראָלע אין דער געשיכטע! אין מאָמענט פון דער גרעסטער סכנה, בעת די ווערסאַלער זיינען שוין אריין אין פאַריז, איז ער אַרוים פון שטאָטראַט.

אינם מלחמה=מיניסטעריום הערשט דער זעלבער תוהו=ובוהו. דער צענטראַל=קאָמיטעט איז אַוועק צו דעלעקליוזן; דער לעצטער איז לפנים געווען זייער רויק און האָט געזאָגט, אַז לויט זיין מיינונג וועט דער איבערוואָג אינם גאַסן=קאַמף זיין אויף דער זייט פון דער קאָמונע, — אַ סך האָבן אַזוי געמיינט. בעת דער שעף פון דער סעקציע פּואַן=די=זשור איז געקומען זאָגן, אַז אַלץ גייט בשלום, האָט דער דעלעגאַט אים געגלויבט אָן שום קאָנטראָל אויפן וואָרט. דער שעף פונם הויפּט=שטאַב האָט ניט געפונען אפילו פאַר נייטיק צו גיין מאַכן פערזענלעך אָן אויסקוק און האָט אַרום אַכט אַ זייגער געהייסן אויסקלעפּן אָט=אָ=די מודעה: „דער באָאָבאַכטונגס=פּאָסט פונם טריומפאַלן בויגן לייקנט אָפּ דעם פאַקט, אַז די ווערסאַלער לייט זאָלן האָבן אַריינגעטרעטן, — ער האָט לכל=הפחות ניט געזען קיין זאַך, וואָס זאָל זיין דערצו ענלעך. דער שעף פון דעם דאָזיקן טייל רענאָ איז נאָר=וואָס אַרוים פון מיין קאַבינעט, ער פאַרזיכערט, אַז עס איז פאָרגעקומען בלויז אַ בהלה און די טויערן פון אָטעיל זיינען ניט גענומען; אויב עטלעכע ווערסאַלער לייט האָבן זיך יאָ באַוויזן, האָט מען זיי אָפּגעשטויסן. איך האָב געשיקט עלף אָפיצירן פון הויפּט=שטאַב נאָך אַזוי פיל באַטאַליאָנען הילף; די אָפיצירן האָבן ניט קיין רעכט צו פאַרלאָזן די באַטאַליאָנען, כל=זמן זיי וועלן זיי ניט דערפירן צום פּאָסט, וואָס זיי מוזן פאַרנעמען.

אין דער זעלבער צייט האָט הער טיער טעלעגראַפירט צו זיינע פּרעפעקטן: „די טויערן סען=קלו זיינען נאָר=וואָס געפאַלן אונטערן פייער פון אונזערע האַרמאַטן. גענעראַל דוע האָט זיך אַריינגעריסן אין פאַריז". אַ טאָפּלטער ליגן. די טויערן סען=קלו זיינען שוין דריי טעג געווען אויפגעפּראַלט, אָבער די ווערסאַלער לייט האָבן ניט געוואָגט אַריינצוגיין; גענעראַל דוע האָט זיך דאָרט אַריינגעגנבעט דורך בגידה און האָט געבראַכט זיינע זעלנער צו איין מענטש.

ביינאַכט איז דעם מיניסטעריום, משמעות, קלאָר געוואָרן

דער גאנצער ענין. די אפיצירן קומען צו גיין נאך באפעלן. דער הויפט=שטאב זאגט זיך אפ צו הייסן שלאגן אויף אלארם אדער א גענעראל=מארש מיטן תירוץ, אז מען דארף ניט באאומרויקן די באפעלקערונג. די מיטגלידער פונם קאמונע=ראט בויגן זיך אריבער איבערן פלאן פון פאריז און שטודירן די סטראטעגישע פונקטן, וועגן וועלכע זיי האבן אין משך פון זעקס וואכן ניט געטראכט אפילו; דער דעלעגאט פארשליסט זיך, כדי אנצושרייבן א פראקלאמאציע.

אין דער צייט, ווען אין דעם רויקן, צוטרוילעכן פאריז ארגאניזירן עטלעכע מענטשן אן זעלנער, אן די נייטיקע ידיעות, א קאמף, דרינגען די ווערסאלער לייט אלץ מער אריין אין פאריז דורך די חללים פון די וואלן. א כוואליע נאך א כוואליע וואקסט אן זייער שטראם, א שווייגנדיקער און פארבארגענער דורך דער נאכט, וואס קומט אן. זיי זאמלען זיך צונויף אלץ מער און מער צווישן דער ארומיקער באן און די באפעסטיקונגען. ניין א זייגער זיינען זיי שוין גענוג דא, אז מען זאל זיך קענען צעטיילן אויף צוויי אפטיילונגען. איינע גייט אוועק לינקס און פארנעמט דעם 66טן און 67טן באסטיאן, די צווייטע דרייט זיך אויס רעכטס אין דער ריכטונג פון דער ווערסאלער וועג. די ערשטע באפעסטיקט זיך אינם צענטער פון פאסי, פארנעמט סענט=פעריז, די קירך און דעם פלאץ אטעיל, צעשטערט די באריקאדע אויף דער ברעגיקער גאס ביי דער גוליאן גאס, וואס די קאמונארן האבן נאר=וואס אנגעהויבן בויען, כאפן זיך אריבער ארום איינס אינדערפרי דורך דער רעינואר=גאס צו טראקאדערא=צו, וואס איז פון דער זייט ניט באפעסטיקט און האט ניט קיין פארטיידיקער.

אינם שטאטראט זיינען סוף=כל=סוף אלע מיטגלידער פונם געזעלשאפטלעכן רעטונגס=קאמיטעט דא. איין ביליארע איז ערגעץ פארפאלן געווארן און זועט זיך שוין מער ניט ווייזן. די צאל און די פאזיציעס פונם מיליטער זיינען ניט באוואוסט, מען ווייסט אבער, אז אין פאסי באוועגן זיך עפעס מאסן. די גענעראלן פונם הויפט=שטאב, וואס זיינען געשיקט געווארן אין לא=מיועט, ברענגען פון דארטן בארויקנדיקע ידיעות. עלף א זייגער גייט אסי אוועק אויף

דער בעטהאָוועןֿגאַס, וואו די לאַמטערנעס זיינען פאַרלאָשן. אינ־גיכן זאָגט זיך זיין פערד אָפּ צו גיין ווייטער, נאָכדעם, ווי עס טרעט אריין אין אַ ברייטער קאַלוזשע בלוט. אראָפּצו פון די מויערן ליגן נאַציאָנאַלע גוואַרדייער, וועלכע זיינען משמעות פאַר־זונקען אין שלאָף. פּלוצלונג שפּרינגען עטלעכע מאַן ארויס און כאַפּן אַסי. דאָס זיינען ווערסאַלער לייט, וואָס האָבן זיך באַהאַלטן אין אַ לאָקער. די נאַציאָנאַלע גוואַרדייער, וואָס האָבן זיך אויס־געוויזן אַסין, אַז זיי שלאָפן, זיינען טויטע קערפּערס פון די פע־דעראַליסטן, וועלכע דער שונא האָט אויסגעהרגעט.

די ווערסאַלער לייט פאַרגיסן פּאַריז מיט בלוט, און פּאַריז האָט אַפילו וועגן דעם קיין השגה ניט. די אויסגעשטערנטע, וואַ־רעמע, בלאָע נאַכט אָטעמט מיט פרילינג־ריחות. אין די טעאַטערס איז פול געפּאַקט. אויף די בולוואַרן שטראָמט אַ רוישיק לעבן. די האַרמאַטן — צום ערשטן מאָל פאַר די לעצטע דריי וואָכן — שווייגן אומעטום. ווען די אַרמיי — די דאָזיקע „בעסטע, לויט די ווער־סאַלער לייטס ווערטער — פון די אַרמייען, וואָס פראַנקרייך האָט ווען עס איז פאַרמאָגט" — וואָלט זיך דרייסט אַ לאָז געטאָן פאַראויס איבער די ברעגיקע גאַסן און בולוואַרן, וואָס זיינען לחלוטין ניט פאַרצוימט מיט קיין באַריקאַדן, — וואָלט זי מיט איין קלאַפּ, אָן אַ שאָס אַפילו, געקענט דערשטיקן די פּאַריזער קאָמונע.

די פּרייוויליקע האַלטן זיך ביז האַלבער נאַכט אויף דער באַן־ליניע. זיי באַקומען ניט קיין שום הילף, זיינען זיי געצוואונגען אָפּצוטרעטן צו לאַ־מיועט־צו. דער גענעראַל קלענשאַן יאָגט זיי נאָך, פאַרנעמט די אָטעיל־טויערן, גייט דורך די פּאַסי־טויערן און לאָזט זיך צו דאָמבראָווסקים הויפּט־קוואַרטיר. פּופציק פּרייוויליקע שיסן נאָך צוריק אַ געוויסע צייט אינם פּאַלאַץ; זיי רינגלט מען אָבער ארום פון מזרח־זייט און עס דראָט זיי שיר ניט צו ווערן אָפּגעשניטן פון דער זייט פון טראָקאַדעראָ, טרעטן זיי אָפּ אין מיטן וועג אויף די עליזעישע פעלדער.

אויפן לינקן ברעג האָט דער גענעראַל סיסיי אַ גאַנצן אָוונט בעזאַמלט זיינע כוחות צוויי הונדערט מעטער פון די וואַלן. האַלב

נאכט גייען זיינע סאפערן אריבער דורך די ריווער, כאפן זיך ארויף אויף די וואלן, ענטפערן ניט אויפן געשריי: „ווער גייט עס?" און עפענען די סעוורער און ווערסאלער טויערן.

דריי א זייגער אינדערפרי פארפלייצן ממש די ווערסאלער לייט, וועלכע דרינגען אריין דורך די פינף יאטערדיקע וואונדן: די טויערן פאסי, אטעיל, סען־קלו, סעוורער און ווערסאלער — גאנץ פאריז. א גרויסע טייל פונם XVטן קרייז איז פארנומען. לא־מיועט איז גענומען. מען האט גענומען גאנץ פאסי און די טראקאדערא־הויך. עס איז גענומען דער פולווער־לאגער אויף דער בעטהאווען־גאס, אויך די ריזיקע קאטאקאמבעס, וואס גייען אונטער דעם XVIטן קרייז און זיינען אנגעפילט מיט דריי טויזנט טאן פולווער, מיליאנען קוילן און טויזנטער גראנאטן. פינף א זייגער פאלט דער ערשטער ווערסאלער גראנאט אינם בנין פונם ערן־לעגיאן. פאריז שלאפט אזוי רויק, ווי עס איז געשלאפן די נאכט פון דער מלוכה־איבערקערעניש, דעם 2טן דעצעמבער.

זיבן־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל

„די גענעראַלן, וואָס האָבן אָנגעפירט
מיטן אַריינטרעטן אין פּאַריז, — זיינען
גרויסע קאָמאַנדירן".

(פון טיערס רעדע אין דער נאַציאָנאַל־
פאַרזאַמלונג דעם 22טן מאַי 1871).

מאָנטאָג — דער 2טער. — די ווערסאַלער פאַרנעמען
די מזרח־קוואַרטאַלן. — פּאַריז הייבט זיך אויף. —

ארום צוויי אַ זייגער ביינאַכט קומט אין שטאָטראַט אַריין דאָמבראָווסקי, אַ בלאַסער, אַן אויסגעמאַטערטער, אַ קאָנטוזירטער אין ברוסט פון אַ קלאַפּ מיט אַ שטיין. ער דערציילט דעם קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלעכער רעטונג וועגן דעם אַריינטריט פון די ווערסאַלער לייט, וועגן דער מהומה אין פּאַסי און וועגן זיינע אומזיסטע באַמיונגען צונויפצוזאַמלען מענטשן. די ידיעה וועגן דעם פּלוצלונגן אַריינקום פון שונא ווערט באַגעגנט מיט גרויס חדוש, — אַזוי ווייניק השגה האָט דער קאָמיטעט געהאַט וועגן דער לאַגע אויפן פראָנט. דאָמבראָווסקי, וועלכער האָט שלעכט אויסגעטייטשט די שטימונג פון דער פאַרזאַמלונג, שרייט אויס: „וואָס! דער קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלעכער רעטונג האַלט מיך פאַר אַ בוגד! מיין לעבן געהערט דער קאָמונע!" זיין פּאָזע, זיין שטים דריקן אויס די גאַנצע ביטערקייט פון יאוש.

עס קומט אָן דער טאָג, פונקט אַזאַ וואַרימער און ליכטיקער, ווי נעכטן. די קלאַנגען פון די פויקן און פון אַלאַרם שטעלן אויף די פיס דריי־פיר טויזנט מאַן, וואָס איילן זיך אין טויִלרי, אין שטאָטראַט אַריין, אין דעם מלחמה־מיניסטעריום. הונדערטער אַנדערע פאַרלאָזן אין דערזעלבער צייט זייערע פּאָזיציעס, וואַרפן

פּאַסי, רוימען אָפּ דעם XVטן קרייז. די פעדעראַליסטן פון פּטי־וואַנוו, וואָס האָבן זיך אומגעקערט אין פּאַריז 5 אַזייגער אינדער־פרי, זאָגן זיך אָפּ צו שיצן די פּאָזיציעס, נאָכדעם, ווי זיי דערזעען די ווערסאַלער לייט ביי טראָקאַדעראָ. אויפן לינקן ברעג סענע, צפון־זייט פון ס.־קלאָטילד, פּרובירן די אָפיצירן זיי אָפּצוהאַלטן. די גוואַרדייער פאַרשטעלן זיי דעם וועג. „עס איז געקומען די צייט זיך צו שלאָגן אויף די באַריקאַדעס", — האָבן זיי געזאָגט, — „יעדער איינער אין זיין קוואַרטאַל!" לעבן פּאַלאַץ פון ערן־לעגיאָן שלאָגן זיי זיך דורך אַוועג. דעלעקליוזס פּראָקלאַמאַציע האָט אריינגעבראַכט אין זייערע רייען אַ דעזאָרגאַניזאַציע.

די דאָזיקע באַרימטע פּראָקלאַמאַציע, וואָס איז אין צופיל עקזעמפּלאַרן צעקלעפּט געוואָרן אויף די מויערן, הייבט זיך אָן אַזוי:

„גענוג מיטן מיליטאַריזם! נידער מיט די גענעראַל־שטאַבן מיט זייערע מונדירן, וואָס זיינען געהאַפטן מיט גאָלד און מיט גאַלונען! מאַכט אַוועג פאַרן פאָלק, וואָס שלאָגט זיך מיט די הוילע הענט! עס איז געקומען די צייט פון אַ רעוואָלוציאָנערער מלחמה... דאָס פאָלק האָט קיין השגה ניט אין די געלערנטע מאַנעוורען. בעת עס האָט אָבער אין דער האַנט אַ ביקס און שטיינער פון דער ברוק אונטער די פיס, האָט עס ניט וואָס מורא צו האָבן פאַר אַלע סטראַטעגן פון דער מאָנאַרכיסטישער שול צוזאַמען".

אויב דער קריגס־מיניסטער אַליין מאַכט אַזוי אַרום אַ תל פון יעדער דיסציפּלין, איז ווער וועט וועלן הערן עפּעס אַ באַפעל? אויב דער קריגס־מיניסטער זאָגט אָפּן אַרויס פאַראַכטונג צו יעדער מין מעטאָד, ווער־זשע וועט זיך נעמען טראַכטן און אויסחשבונען? און באמת, ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, האָבן ניט איינמאָל הונדערטער מענטשן זיך אָפּגעזאָגט צו פאַרלאָזן דעם ברוק פון זייער גאַס, ניט געקוקט דערויף, וואָס דער שכנותדיקער קוואַרטאַל האָט געגאָסן אינם קאַמף, און הונדערטער מענטשן זיינען געבליבן אומבאַוועגלעך, ביז דער שונא האָט זיי ניט אַרומגע־רינגלט פונאַלע זייטן.

פינף אַ זייגער אינדערפרי הייבט זיך אָן דער אָפיציעלער צוריקטריט. דער שעף פונם גענעראַל־שטאַב רוימט בחיפזון אָפּ דאָס מלחמה־מיניסטעריום, און פאַרגעסט דערביי מיטצונעמען מיט זיך אָדער צו פאַרניכטן די פּאַפּירן. זיי פאַלן אריין אין די הענט פון די ווערסאַלער לייט און שטעלן צו טויזנטער קרבנות די מי־ליטערישע געריכטן.

ביים אַרויסגיין פונם מיניסטעריום טרעפט דעלעקליוז בריונעלן. מיט אַ טאָג פריער באַפרייט געוואָרן, האָט ער שוין באַוויזן צונויפצוזאַמלען זיין לעגיאָן און איז געקומען פאַרלייגן זיין דינסט. דאָס איז איינער פון די מענטשן, וואָס זייער געטריי־שאַפט ווערט ניט אָנגערירט אפילו דורך דעם גרעסטן אומרעכט. דעלעקליוז גיט אים אַ באַפעל צו פאַרטיידיקן דעם קאָנקאָרדיע־פּלאַץ. בריונעל גייט אַהין, צעשטעלט אויף דער טויִלרי־טעראַסע און אויפן ברעג 150 שיסער, דריי פירפונטיקע האַרמאַטן, איין צוועלפפונטיקן און צוויי זיבנפונטיקע. די פאַרשאַנצונג פון סען־פּלאַ־רענטען באַקומט איין מאַשינען־געווער און איין פירפונטיקן האַר־מאַט, די פאַרשאַנצונג אויף דער ראָיאַל־גאַס, לעם קאָנקאָרדיע־פּלאַץ — צוויי צוועלפפונטיקע האַרמאַטן.

פאַראויס פון בריונעלן פּרובירן עטלעכע פערזאָן פונם 8טן לעגיאָן אָפּהאַלטן די אַנטלאָפענע אויפן פּלאַץ באָווא, וואָס זיינען אָנגעקומען פון פּאַסי און אָטעיל. זיי געלינגט עס ניט און זיי גרייטן דעריבער דעם קוואַרטאַל צו זעלבסטשוץ. עס ווערן גע־מאַכט באַריקאַדעס אויף דער גאַס פון דער פאַרשטאָט סענט־אָנאָרע, לעם דער ענגלישער באָטשאַפט, אויף דער סיורען־גאַס און דע־לאַ־ווי־ל׳עוועק. עס ווערן אויפגעבויט פאַרצוימונגען אויפן פּלאַץ פונם הייליקן אווגוסטין. פון דער זייט פון דער אַבאַטוטשי־גאַס, וואו עס פאַלט אריין דער בולוואַר האָוסמאַן, און פאַרן בולוואַר מאַלערב באַווייזן זיך ווערסאַלער לייט.

תיכף נאָך האַלבנאַכט האָבן זיי אָנגעהויבן דעם אָנגריף. האַלב זעקס קומען דוע, קלענשאַן און לאַדמיראַ, וועלכע באַוועגן זיך אַראָפּצו ביי די וואַלן, קומען־צו צו דער אַוועניו פון דער גרויסער אַרמיי. די אַרטילעריסטן ביי די מאַליאָ־טויערן קערן זיך אוים

און דערזעען די ווערסאַלער לייט, וועלכע געפינען זיך שוין אַ שעה צען בשכנות מיט זיי. מען האָט ניט צעשטעלט קיין וואַכלייט, וואָס זאָלן באַצייטנס אָנזאָגן וועגן שונאס אָנקום. מאַנמאַרטרע שיקט זיינע מענטשן אוועק דורך טערן, לאָדט אָן איין האַרמאַט פון די מאַליאָ־טויערן, לאָזט אַרויס דעם לעצטן שאָס אינם שונא און גייט זיך בשלום אָפּ צו באַטיניאָל־צו.

דועם אָפּטיילונג הייבט זיך אויף דורך דער אַוועניו אָזש ביז דער באַריקאַדע פאַר דעם טריומפאַלן בויגן און פאַרנעמט זי אָן שום שלאַכט. די פעדעראַליסטן באַווייזן קוים אַוועקצופירן די האַרמאַטן, וואָס מען האָט גערעכנט אַרויסצושטעלן אויפן טריומ־פאַלן בויגן. די זעלנער טרעטן אַרויף אויף דער ברעגיקער גאַס און ניט פאַראויסזעענדיק קיין סכנה, גייען זיי אַרויס אויף דעם פּוסטן, טויט־שטילן קאָנקאָרדיע־פּלאַץ. פּלוצלונג דערהערט זיך אַ שאָס פון דער טויִלרי־טעראַסע. די ווערסאַלער לייט, וואָס זיינען באַשאָסן געוואָרן אויף אַ נאָענטן שטח, ליידן גרויסע פאַר־לוסטן און מאַכן פליטה צום אינדוסטריע־פּלאַץ.

לינקס פאַרנעמען די זעלנער די עליזעישע פעלדער, וואָס די קאָמונאַרן האָבן פאַרלאָזט, און קומען צו דורך דער מאַרני־און אַבאַטוטשי־גאַס צום פּלאַץ פונם הייליקן אַווגוסטין. די באַריקאַ־דעם פון דער לעצטער, וואָס זיינען נאָר־וואָס געוואָרן אָנגעהויבן, זיינען ניט בכּוח אויסצוהאַלטן דעם דראַנג, און האַלב אַכט אַ זייגער פאַרנעמען די ווערסאַלער לייט די קאַזאַרמע דע־לאַ־פּעפּיניער. די פעדעראַליסטן מאַכן אַ צווייטע באַפעסטיקונגס־ליניע, וואָס שניידט דורך דעם בולוואַר מאַלערב אויף דער הייך פון דער בואַסי־ד׳אַנגלואַ־גאַס.

לינקס פון דועם גייען קלענשאַן און לאַדמיראַ אַלץ פאַראויס לענגאויס די וואַלן. די געביִען אין די טויערן בינאָ, קורסעל, אַניער און קלישי, וואָס זיינען געווענדט קעגן די באַפעסטיקונגען, ווערן אומנוצלעך און טערן ווערט פאַרנומען אָן שום שלאַכט. אין דער זעלבער צייט רוקט זיך איין קלענשאַן־דעוויזיע פאַראויס, האַלטנדיק זיך מחוץ די וואַלן. די פעדעראַליסטן, וואָס פאַרנעמען די פּאָסטנס אין נעילי, לעוואַלואַ־פּערע, סענט־אואַן, ווערן פון

הינטן פאַרשאָטן מיט קוילן. די דאָזיקע קוילן ברענגען זיי די ערשטע די ידיעה, אַז די ווערסאַלער לייט זיינען אַריין. אַ סך פעדעראַליסטן זיינען גענומען אין געפאַנגענשאַפט. אַנדערע, וועלכע עס האָט זיך איינגעגעבן דורכצורייסן דורך די בינאַ-, אַניער- און קלישי-טויערן, מאַכן אָן אינם XVIIטן קרייז אַ בהלה און לאָזן אַ קלאַנג וועגן בגידה.

אין באַטיניאָל האָבן די פויקן אַ גאַנצע נאַכט גערופן אויף אַלאַרם און געשטעלט אויף די פיס אַלע, וואָס זיינען פאַרבליבן אין דער היים און די קינדער. איין אינזשענערן-באַטאַליאָן האָט זיך געוואָרפן אַנטקעגן קלענשאַנס שיסער און אָנגעהויבן שיסן לעבן מאָנסאָ-פּאַרק און פון פּלאַץ וואַגראַם; די נאַציאָנאַלע גוואַר-דייער, וואָס זיינען אַריינגעפירט געוואָרן אין אַ טעות דורך די רויטע הויזן, האָבן געגעבן אין אים אַ טויט-שאָס. ער איז אָפּגעטראָטן און געעפנט דעם פּאַרק. די ווערסאַלער לייט האָבן אים פאַרנומען און זיינען אַוועק אין באַטיניאָל. דאָרט שטעלן זיי די באַריקאַדעס אָפּ; לינקס ציען זיי זיך פונם פּלאַץ קלישי ביז דער לעווי-גאַס, אינם צענטער אויף דער לעבוטע, לאַ-קאָנדאַמין דע-דאַם-גאַס. רעכטס זוערן אַוועקגעשטעלט באַפעסטיקונגען אויף לאַ-פּורש, — פונקט אַזאַ וויכטיקע פּאָזיציע, ווי דער קלישי-פּלאַץ. אינגיכן שאַפט באַ-טיניאָל מיט זיך אַ פּאָדערשטע באַפעסטיקונג פון מאָנמאַרטר.

די הויפּט-פעסטונג שווייגט. שוין זיבעצן שעה קוקט זי זיך שטום צו צום אַריינטריט פון די ווערסאַלער חיילות. אין דער פרי האָבן דוע און לאַדמיראָ אָפּטיילונגען זיך אָנגעשטויסן מיט זייערע וועגן און הארמאַטן איינס אויף דאָס אַנדערע און זיך צונויפגעמישט אין איין באַטישער מאַסע אויפן טראָקאַדעראָ-פּלאַץ; מיט עטלעכע קאַנאָנען פון מאָנמאַרטר האָט מען געקענט דעם דאָזיקן המון צעטרייבן, אַז עס זאָל קיין זכר פון אים ניט בלייבן, און די קלענסטע מפלה ביים אַריינטריט פון דעם מיליטער וואָלט די ווערסאַלער לייט דערפירט צו אַ צווייטן 18טן מערץ. די האַר-מאַטן פון דער מאָנמאַרטרער הייך זיינען אָבער געבליבן שטום.

85 האַרמאַטן און אַרום צוואַנציק מאַשינען-געווער האָבן זיך דאָרט געוואַלגערט אין איין קופּע, שמוציקע, אומגערייניקטע.

פאר די גאנצע אכט וואכן האט קיינער קיין טראכט אפילו ניט געטאן, אז מען זאל זיי אויסשטעלן אין איין ליניע. זיבנפונטיקע קאנאנען איז געווען גענוג, עס האבן אבער אויסגעפעלט קוילן; אויף מולען־דע־לא־גאלעט זיינען בלויז דריי 24־פונטיקע הארמאטן געווען פארזען מיט לאפעטן; ס׳איז ניטא ניט קיין ברוסטווערן, ניט קיין בלינדאזשן, ניט קיין פלאטפארמעס. ניין א זייגער אינדערפרי זיינען די הארמאטן נאך ניט גרייט געווען צו שיסן. נאכן ערשטן שאס האבן די לאפעטן צוליב דעם צוריקשטויס זיך איינגעגראבן אין דער ערד און מען האט באדארפט א סך צייט פטרן זיי ארויסצושלעפן. אבער די דריי הארמאטן אפילו האבן אויך געהאט בלויז א קליין ביסעלע קוילן. קיין שום באפעסטיקונגען, קיין שום גראב־ארבעטן. מען האט קוים־קוים אנגעהויבן בויען עפעס באריקאדעס צופוסנס פון די דרויסנדיקע בולווארן. ניין א זייגער געבינט לא־סעסיליא, וועלכער איז געשיקט געווארן אויף מאנמארטר, די פארטיידיקונג אין דער טרויעריקסטער לאגע. ער שיקט דעפעשן אין שטאטראט, באשווערט די קאמונע־מיטגלידער צו קומען אליין, אדער על־כל־פנים שיקן הילף מיט מענטשן און אמוניציע.

דאס זעלבע קומט פאר אויפן לינקן ברעג ביי דער מיליטערישער שול. פון איינס א זייגער בייטאכט רוקן זיך די ווערסאלער לייט פארן ארטילערישן פארק פאראויס צו טראקאדערא־צו, און די הארמאטן פון דער קאמונע האבן זיי ניט באאומרויקט מיט קיין איין שאס אפילו.

כאור קומט לאגוריאנס בריגאדע צו ביז די באראקן אויפן מארס־פעלד. זיי זיינען געווען כמעט פוסט, וואס ווינוא זאל דארט ניט שרייבן. דאך האט מען געהאלטן פאר נייטיק זיי אונטערצוצינדן דורך הארמאטן־שאסן פון טראקאדערא, — דאס איז געווען די ערשטע שריפה, וואס די זעלנער האבן געמאכט אין די מאיטעג און אין דעם זיינען זיך מודה די ווערסאלער לייט אליין. די מיליטערישע שול איז אריינגעפאלן אין זייערע הענט.

דער VIIטער קרייז האט זיך אויפגעהויבן. די ברעגיקע גאס קעגנאיבער דעם ערן־לעגיאן, דער דע־ליל־גאס, אוניווערסיטעט־גאס און בולוואר סען־זשערמען אין דער הייך פון דער סאלפע־

רינאַ=גאַס איז פאַרבאַריקאַדירט. אויף דער די=באַק=גאַס לאָזט זיך פייערלעך אַראָפּ אַ טוץ „ברויסאַרדיע", אונטער דער אָנפירונג פון דיורושו און וורינִיאָ; דער קאָמונע=מיטגליד סיקאַר און עטלעכע פעדעראַליסטן פאַרהאַלטן זיי פאַר דעם קליינעם סען=טאָמאַ. דיורושו פאַלט טויט פון אַ קויל; די באַגלייטער זיינע טראָגן אים אַוועק און נוצן אויס די געלעגנהייט זיך אָפּצורוימען. די גאַסן באָן, ווערנעיל און סען=פער זיינען גרייט צו זעלבסטשוץ; איין באַרי=קאַדע הייבט זיך אויף איבער דער סעוור=גאַס לעבן אַבע=אַ=בוא.

רעכטס לאָזן זיך סיסיים זעלנער אָן שום אָפּהאַלט אַראָפּ דורך וואָזשיראַר=גאַס צו דער די=מען=אַוועניו; אַ צווייטע אָפּטיי=לונג גייט אונטער דורך דער באַן=ליניע און האַלב זיבן קומט זי צו צום מאָנפאַרנאַסער וואָקזאַל. די דאָזיקע הויפּט=פּאָזיציע איז לחלוטין ניט צוגעגרייט צו קיין זעלבסטשוץ. עס פאַרטיידיקן זי אַ צוויי צענדליק מענטשן; היות אָבער די קוילן גייען זיי אויס, זיינען זיי געצוואונגען אָפּצוטרעטן אויף דער רען=גאַס, וואו זיי מאַכן אונ=טערן פייער פונם מיליטער אַ באַריקאַדע אויף דער הייך פון דער וויע=קאָלאָמביע=גאַס. מיט זיין עקסטן רעכטן פלאַנג פאַרנעמט סיסיי די וואַנוו=טויערן און די גאַנצע ליניע פון דער מערבדיקער אייזנבאַן=ליניע.

אונטער די דונערן פון די האַרמאַטן כאַפּט זיך פּאַריז אויף און לייענט דעלעקליוזס פּראָקלאַמאַציע. די געוועלבער ווערן גע=שלאָסן, די בולוואַרן ווערן ליידיק; דער אַלטער מורד גרייט זיך צו דער שלאַכט. די שטאַפעטן פליען איבער די גאַסן. די צע=וואָרפענע טיילן פון די באַטאַליאָנען קומען צו דעם שטאָט=ראַט, וואו עס האָט זיך צונויפגעזאַמלט דער צענטראַל=קאָמיטעט, דער אַרטילערישער קאָמיטעט און די אָפיצירן פון כל=המינים געווער.

אַרום ניין אַ זייגער זיינען זיך צונויפגעקומען צוואַנציק מיט=גלידער פונם ראַט. אַ וואונדער! אָט איז פעליקס פּיאַ, וואָס האָט אינם פרימאָרגן=נומער פון זיין צייטונג „דער נקמה=נעמער" ערשט נאָר=וואָס געררופן: — „צום געווער!" — ער האָט ווידער באַקומען אַ פּנים פון אַ פּאַטריאַרך. — „נו, מיינע פריינד, די לעצטע שעה

אונזערע איז געקומען. א, אויב עס גייט אן מיר, האב איך קנאפ וואס מורא. מיינע האר זיינען גרא, מיין קאריערע איז געענדיקט. קען איך דען זיך ווינטשן א רומפולערן טויט, ווי דאס אומקומען אויף די באריקאדן? בעת איך זע אבער פאר זיך אזוי פיל יונגע בלאנדע קעפ, ציטער איך פאר דער צוקונפט פון דער רעוואַלוציע!..״ ער פאדערט פון אלע אנוועזנדיקע, זיך צו חתמענען אויפן פראטאקאל, כדי עס זאל זיין קלאר, ווער עס איז פארבליבן אויף דער וואך. דער דאזיקער אלטער קאמעדיאנט חתמעט זיין נאמען מיט טרערן אין די אויגן — און נאכדעם, ווי ער פארנייגט זיך פאר די חברים, איילט ער זיך צו באהאלטן אין א גוט ערטל. אין דעם לעצטן פחדנישן צביעות זיינעם האט ער איבערגעשטיגן אלע פריערדיקע געמיינהייטן זיינע.

די פארזאמלונג טראגט אויף זיך דעם שטעמפל פון דער גרעסטער אומפרוכטבארקייט; די ארבעט פון די מיטגלידער באשטייט בלויז אין נייס-אויסטויש. קיינעם קומט אפילו ניט אויפן רעיון צו העלפן דער זעלבסטשוץ, אנצוצייכענען איר א פלאן. די פעדעראליסטן זיינען איבערגעלאזט אויף זייער אייגענעם באראט. אין משך פון דער גאנצער פריערדיקער נאכט האבן ניט דאמבראווסקי, ניט דאס מלחמה-מיניסטעריום, ניט די פארזאמלונג אינם שטאטראט ניט א טראכט געטאן וועגן די באטאליאנען, וואס געפינען זיך אינדרויסן. יעדע אפטיילונג האט זיך געמוזט פארלאזן אויף זיך אליין, אויף דער אייגענער איניציאטיוו, אויף די אייגענע מיטלען, אויף אירע אייגענע קאמאנדירן.

ביי דעם מאנגל פון אנפירונג, פעלן אבער ניט קיין פראקלאמאציעס פונם קאמיטעט פון געזעלשאפטלעכער רעטונג. ביי טאג ווערט צעקלעפט אזא מין אויפרוף:

„זאלן די גוטע בירגער אויפשטיין! אויף די באריקאדן! דער שונא איז אין אונזערע מויערן... אן שום וואקלעניש. פאראויס פאר דער קאמונע און פאר פרייהייט. צום געווער!״

מיט א שעה שפעטער:

„צום פאריזער פאלק.

„...דאס פאלק, וואס האט אראפגעווארפן קיניגלעכע טראנען,

דאָס פאָלק, וואָס האָט חרוב געמאכט באַסטיליע, דאָס פאָלק פונם 89טן און 93טן יאָר, דאָס פאָלק פון רעוואָלוציעס קען ניט אין איין טאָג פאַרלירן די פרוכטן פון דער עמאַנסיפּאַציע פונם 18טן מערץ...
צום געווער! שנעל־זשע צום געווער!

„זאָל פּאַריז זיך ארומרינגלען מיט באַריקאַדן און פון די דאָזיקע אימפּראָוויזירטע באַפעסטיקונגען נאָכאַמאָל אַ וואָרף טאָן דעם שונא אַ מיליטערישן לאָזונג, אַ לאָזונג פון כעס, אַ לאָזונג פון ארויסרוף, אָבער אין דער זעלבער צייט אַ לאָזונג פון נצחון, מחמת פּאַריז מיט זיינע באַריקאַדן איז אומבאַזיגלעך.

שטאָטראַט, דעם 2טן פרעריאַל 79סטן יאָר".

פּראַכטפולע ווערטער, אָבער בלויז ווערטער!

האַלבטאָג. — גענעראַל סיסיי האָט פאַרנומען די עס־פּלאַנאַדע פון די אינוואַלידן און זיינע זעלנער זיינען אריין אין דער גרענעל־סען־זשערמען־גאַס; די שול פונם גענעראַל־שטאַב פּליט ארויף אין דער לופט און צווינגט זיי צו אַנטלויפן. צוויי האַרמאַטן פון די פעדעראַליסטן באַשיסן די אוניווערסיטעט־גאַס. פיר קאַנאָניר־שיפלעך פון אונטער דער פּאָן־ראָיאַל־בריק האַלטן אויפן אויג דעם טייך און באָמבאַרדירן טראָקאַדעראָ. אינם צענטער, אינם VIIIטן קרייז, הייבן די ווערסאַלער לייט אָן צו שיסן אויפן פּלאַץ אין אומאָרדענונג. אין באַטיניאָל רוקן זיי זיך ניט פאָראויס; זייערע קאַנאָנען אָבער מאַכן אַ תל פון דער לעווי־גאַס. די פעדעראַליסטן האָבן גרויסע פאַרלוסטן אויף דער קאַרדינע־גאַס, וואו קינדער שלאָגן זיך מיט דער גרעסטער פאַרביטערונג

מאַלאָן און זשאַקלאַר, וואָס האָבן דאָ אָנגעפירט די פאַר־טיידיקונג, פאָדערן אומזיסט הילף פון אינדערפרי אָן אויף מאָנ־מאַרטר. ארום איינס לאָזן זיי זיך אַליין זוכן הילף. אינם גענעראַל־שטאַב איז קיינער ניט בכוח זיי צו געבן קיין שום אָנווייזונגען. די פעדעראַליסטן בלאָנדזשען ארום אין אומאָרדענונג איבער די גאַסן אָדער פלוידערן צווישן זיך גרופּעסווייז. מאַלאָן וויל זיי מיט זיך אַוועקפירן, זיי זאָגן זיך אָבער אָפּ; לויט זייערע רייד, ווילן זיי פאַרבלייבן דאָ צוליב זייערע קוואַרטאַלן. די האַרמאַטן אויף

די הייכן שווייגן, ווי פריער, צוליב מאנגל אין קוילן. פונם שטאט־ראט שיקט מען, א חוץ ווערטער, קיין זאך ניט צו.

ווי די מעשה זאל ניט זיין, געפינען זיך אויף די הייכן צוויי גענעראלן, קליוזערע און לא־סעסיליא. דער געוועזענער מי־ניסטער, וואס איז פארזונקען אין זיין געווײנלעכער שלעפעריקער אפאטיע, גייט זיך טרויעריק דורך אהין און צוריק. לא־סעסיליא, וועלכן קיינער קען ניט אין דעם קווארטאל, פילט זיך אנמעכטיק.

צוויי אזייגער. — דער שטאטראט האט ווידער באַ־קומען זיין איינדרוקספול מעריציש אויסזען. רעכטס באלאגערט דער המון דעם קאמיטעט פון געזעלשאפטלעכער רעטונג, לינקס — דאס מלחמה־מיניסטעריום. דער צענטראל־קאמיטעט שיקט אומצאליקע באפעלן און דעקלאמירט וועגן דער אומפעיקייט פון די קאמונע־מיטגלידער; ער אליין אבער איז ניט פעיק צו פארמולירן עפעס א באשטימטע אידעע. דער ארטילערישער קאמיטעט איז, ווי פריער, ניט בכוח זיך פונאנדערצוקלייבן אין זיינע הארמאטן, ווייסט ניט, וועמענס פארערונגען צו באפרידיקן, און זאגט אפט־מאל זיך אפ צו שיקן הארמאטן די וויכטיקסטע פאזיציעס.

עס קומען אן דעלעגאטן פונם ליאנער קאנגרעס און לייגן פאר זייער פארמיטלונג. ערשט אייערנעכטן האט טיער זיי געלאזן גיין מיט גארניט, — טא אויף וואס קען מען איצט, נאכן אריינ־טריט פונם מיליטער אין פאריז, האפן?! פארשטייט זיך, אויף קיין זאך ניט. דער קאמיטעט פון געזעלשאפטלעכער רעטונג פארשטייט עס און נעמט אויף די דעלעגאטן גאנץ קאלט. דערצו גלויבן נאך א סך אינם שטאטראט אין נצחון און פרייען זיך כמעט מיט דעם אריינטריט פון די ווערסאלער לייט, רעכענענדיק, אז אזוי ארום וועט זיי לייכטער זיין צו צעמורשטן.

די באריקאדן האבן שנעל אנגעהויבן וואקסן. די באריקאדע אויף דער ריוואלי־גאס, וואס האט באדארפט באשיצן דעם שטאט־ראט, הייבט זיך אויף ביים אריינגאנג אינם סען־זשאק סקווער, אויפן עק סען־דעני. פופציק ארבעטער־פאכלייט מאכן דעם בנין, זיי לייגן שטיינער און יינגלעך ברענגען זיי צו פירן אויף טאטשקעס ערד פונם סקווער. די דאזיקע געביידע, וואס האט געהאלטן עט־

לעבע מעטער אין דער טיף, זעקס מעטער אין דער הייך, מיט ריווער, אמבראזורעס און מיט אן אוואנפאסט, איז פארטיק געווארן אין משך פון עטלעכע שעה און איז ארויס ניט ווייניקער לייטיש, ווי די סען=פלארענטינער פארשאנצונג, ביי וועלכער מען האט זיך געפארעט עטלעכע וואכן צייט, — א ביישפיל, וואס ווייזט, ווי ווייט עס האט געקענט גרייכן די באשיצונג פון פאריז, אויב מען זאל געוועזן באצייטנס און מיט שכל מאכן אנשטרענגונגען. אינם Xטן קרייז, אויף דער אבע גאס, שאסע=ד׳=אנטען, שאטאדען, אויף דער גאסן=קרייצונג פון מאנמארטרער פארשטאט, אויף נאטרדאם=דע=לארעט, טריניטע, מארטיר ברעכט מען אויף גיך אויס דעם ברוק. עס זיינען באריקאדירט אלע גרויסע גאסן, וואס געפינען זיך בשכנות: קאפעלע, ביט=שאמאן, בעלוויל, מאנילמאנטאן, ראקעטגאס פון באסטיליע, וואלטער=בולוואר און רישאר=לענואר, דער פלאץ שאטא=ד׳א, די גרויסע בולווארן, דער עיקר פאר די סען=דעני טויערן; אויפן לינקן ברעג זיינען באריקאדירט: דער סען=מישעל=בולוואר, ווי גרויס ער איז, דער פאנטעאן, די סען=זשאקגאס, גאבעלען און די הויפט=אווענויס פונם VIIIטן קרייז. א סך פון די דאזיקע פארצוימונגען זיינען געבליבן ניט פארענדיקט.

אין דער צייט, ווען פאריז שטרענגט אן אלע זיינע כוחות צום לעצטן קאמף, איז וועלסאל שיכור פון שמחה. די פארזאמלונג עפנט זיך אין דער געוויינלעכער צייט. קיינעם פון זיינע מיניסטארן האט טיער ניט געוואלט אפטרעטן דעם כבוד צו ברענגען די פריילעכע בשורה, אז אין פאריז שטיקן מענטשן איינס דאס אנדערע. ער גייט ארויף בכבודו ובעצמו אויף דער טריבונע און ווערט באגעגנט מיט א ווילדער התלהבות. „דער יושר, ארדענונג, מענטשלעכקייט און ציוויליזאציע טריומפירן!" — קוויטשעט דאס קליינע מענטשעלע, — „די גענעראלן, וואס האבן אנגעפירט מיט דעם ארייננטריט אין פאריז, זיינען גרויסע קאמאנדירן... די אויסלייזונג וועט קומען אין דער פולער מאס. זי וועט קומען אין נאמען פון געזעץ, דורכן געזעץ און מיטן געזעץ".

דאס געזעצגעבערישע הויז הערט אויס דעם דאזיקן צוזאג פון א בלוטיקער שחיטה און שטימט פה אחד, ביי א רירנדיקער

איינשטימיקייט פון די רעכטע און די לינקע, צענטער און די קלעריקאלן — אויסצודריקן דאנקבארקייט דער ווערסאלער ארמיי און דעם ראש פון דער אויספיר-מאכט פאר די ספּעציעלע פארדינסטן זייערע לגבי דעם פאטערלאנד.

די זיצונג איז איבערגעריסן. די דעפּוטאטן לאָזן זיך צו לאנטערן-דע-דיאָגען, צו שאטיליאָן, צו מאָן-וואלעריאָן, פון וועלכע מען האָט געקענט, ווי פון די טרעפּ פון אַ גראנדיעזן קאָליזיי, זיך צוקוקן רויִק צום גאנג פון דער פאריזער שחיטה. זיי באגלייט אַן עולם ליידיקגייער און אויפן ווערסאלער וועג שפּילן אָפּ די דעפּוטאטן מיט די פּראָסטיטוטקעס, מיט די גרויסוועלטישע דאמען, מיט די זשורנאליסטן, באאמטע, וואָס זיינען אלע באַהערשט פון אַ באסט-פּאראָקסיזם, — פאר די אויגן פון די פּרייסן און גאנץ פראנקרייך אַן אמת ביזאנטישע סאטורנאליע.

אינדערפרי האָט טיער טעלעגראפירט צו זשול פאוורען: „איך קום איצט פון פאריז, וואו מיר איז אויסגעקומען צו זען עטלעכע שרעקלעכע סצענעס. קומט, מיין פריינד, צו פאָרן טיילן מיט אונז דעם יום-טוב". און באמת טאקע, האָט ער געקענט זען עטלעכע מאסן-עקזעקוציעס, אנדערש גערעדט, דאָס אויסהרגענען די געפאנגענע; דאָס האָט זיך אָנגעהויבן גראָד דעם טאָג; און מיסתמא האָט די בבלישע קאזארמע אָנגעהויבן די דאָזיקע בלוטיקע וואָך. דאָ אויפן הויף האָט מען דערשאָסן זעכצן פעדעראַליסטן, וואָס זיינען געכומען געוואָרן אין געפאנגענשאפט אויף דער די-באָק-גאָס.

ביז אכט אַ זייגער האָט זיך די ארמיי אין ערגעץ ניט גערוקט פאראויס, אחוץ אינם VIIIטן קרייז, וואו מען האָט די באַריקאדע, לעבן דער ענגלישער באָטשאפט, אויסגעמיטן און מען איז געגאנגען דורך די גערטענער. אַן ענערגישן ווידערשטאנד שטעלט די ליניע פון דער סען-זשערמענער פאָרשטאָט פון דער סענע אָן ביזן מאָנפּארנאסער וואָקזאל, וואָס ווערט באשאָסן פון די פעדעראליסטנס הארמאטן.

ביינאכט ווערט די שיסעריי שטילער, אָבער די קאנאָנאדע גייט נאָך אלץ. אַ רויטע לאנגע זעט זיך אָן איבער דער די-ריוואָלי.

עס ברענט דאָס פינאַנץ־מיניסטעריום. א גאנצן טאָג זיינען דאָרט אריינגעפאלן קוילן, וואָס מען האָט באשטימט פאר דער טוילרי־טעראסע. האָבן זיך אָנגעכאפט די פאפירן, וועלכע זיינען געווען אָנגעוואָרפן אויפן בוידעם. די פייערלעשערישע קישקעס פון דער קאָמונע האָבן שוין אפילו געהאט פארלאָשן די שריפה, וואָס האָט געשטערט דער פארטיידיקונג פון דער סען־פלאָרענטינער פארשאנצונג; אינגיכן אָבער האָט דאָס פייער ווידער ארומגעכאפט דעם בנין און דאָס מאָל שוין אזוי שטארק, אז עס איז שוין שווער געווען עס צו פארלעשן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן די ערשטע פון די זיבן שרעקלעכע נעכט. דאָס רעוואָלוציאָנערע פאריז שטייט אויף די פיס. די באַטאַליאָנען, צו צוויי הונדערט מוטיקע לייט אין יעדן איינעם, גייען צו צום שטאָטראט מיט רויטע פענער און מיט מוזיק אין דער שפיץ. אַנדערע ווידער שטעלן זיך אוים אויף די ברייטע גאסן, די אָפיצירן קומען צו לויפן אויף די פראָנטן און צעטיילן קוילן; די מארקיטאַנערינס לויפן אונטער בליץ־שנעל, שטאָלץ דערפון, וואָס זיי טיילן גלייך מיט אַלעמען די סכנה. דער ערשטער איינדרוק איז געווען א שרעקלעכער; א סך האָבן געמיינט, אז דאָס מיליטער געפינט זיך שוין אינם הארץ פון פאריז. עס קומען אָנצולויפן אַלע, ווער עס איז נאָר פעיק זיך צו שלאָגן. איר זעט ביקסן אויף די אקסלען פון א סך אזעלכע, וואָס זיינען פריער פארבליבן אָן א זייט, וועלכע קיינער האָט פריער ניט געוואָלט הערן. איצט איז ניטאָ קיין צייט אויף פוסטע קריגערייען. די זעלנער וועלן דאָך ניט וואַרפן די פענער צוליב דער באגרעניצטקייט פון די קאָמאנדירן!

פאריז פון 1871 האָט ארויסגערוקט קעגן די ווערסאַלער לייט די סאָציאַלע רעוואָלוציע אין איר גאנצן פארנעם. מען דאַרף באשליסן „פאר אָדער קעגן“, אומאָפהענגיק פון די אָפּגעטאָנענע פעלערן; אפילו די אַלע, וואָס מאַכן זיך ניט קיין שום אילוזיעס בנוגע דעם מעגלעכן ערפאָלג פונם קאַמף, ווילן אויך פאראייביקן זייער זאך דורך פאראכטונג צום טויט.

נ י י ן א ז י י ג ע ר. — שטאָטראט. א המון שרעקלעך אויפ־

גערעגטע פעדעראליסטן האט נאר־וואס געבראכט דאמבראווסקין. דער גענעראל, וואס האט אינדערפרי געווארפן די קאמאנדע, איז צוזאמען מיט זיינע אפיצירן אוועק אויף די אוואנפאסטנס פון סענט־אואן. זעענדיק, אז זיין ראלע איז אפגעשפילט, האט ער בייגאכט זיך געוואלט דורכרייסן רייטנדיק דורך דער ליניע פון די פרייסן און אריבער די גרעניץ. איינער פון די קאמאנדירן, וועילאן, וועלכן מען האט אין א טאג ארום דערשאסן אלס בוגד, האט אויפגעהעצט זיינע מענטשן קעגן דעם גענעראל, — באשולדיקנדיק אים אין בגידה. דאמבראווסקין האט מען געבראכט צופירן צום קאמיטעט פון געזעלשאפטלעכער רעטונג און ער האט, ווי א טאג פריער, געקענט בלויז א געשריי טאן: — „מיך באשולדיקט מען אין בגידה!" די מיטגלידער פונם קאמיטעט בארויקן אים און פראטעסטירן שארף קעגן אזא מין חשד. דאמבראווסקי גייט אוועק, קומט אפעסן מיטאג ביי איין טיש מיט אלע אפיצירן און נאך מיטאג דריקט ער די הענט אלע זיינע חברים שווייגנדיק. אלע האבן פארשטאנען, אז ער האט באשלאסן צו שטארבן.

אינם שטאטראט קומען אן ידיעות פון אלע שלאכט־פונקטן. א גרויסע צאל גווארדייער און אפיצירן זיצן געבויגן איבער די לאנגע טישן און גרייטן צו באפעלן מיט דעפעשן. די הויפן זיינען פול מיט וועגן און פורלעך; די פערד, אין פולן געשפאן, עסן אדער שלאפן אין די ווינקלען. עס ווערן אוועקגעפירט און געבראכט אמוניציע. עס באמערקט זיך לחלוטין ניט קיין מוטלאזיקייט אדער אפילו אומרו; אומעטום רוישט א לעבהאפטיקע, כמעט פריילעכע ארבעט.

די גאסן און בולווארן זיינען באלויכטן, ווי תמיד, אחוץ די קווארטאלן, וואס זיינען פארנומען דורכן שונא. פאר דער מאנמארטרער פארשטאט לעשט זיך פלוצלונג אויס די באלייכטונג; דאס ארט זעט אויס ווי א ריזיקער שווארצער חלל. אויף דער גרעניץ פון דעם חשכות געפינען זיך די וואכפאסטנס פון די פעדעראליסטן, וואס שרייען פון צייט צו צייט אויס זייער: „פאסע־א־לארזש!" אויף דער צווייטער זייט גרעניץ הערשט א מרה־

שחורהדיק שווייגן. די נאַכט־שאָטנס ווערן מוראדיק גרויס; אַלע באַוועגן זיך ווי אין עפּעס אַ קאָשמאַר; די מוטיקסטע הערצער ציטערן אויף פּאַר שרעק.

עס זיינען געווען נאָך רוישיקערע, נאָך גראַנדיעזערע נעכט, בעת דער פינסטער־געוואָרענער הימל האָט אויפגעשיינט מיט בליצן, בעת די שריפות און די קאַנאָנאַדע האָבן אָנגעפילט מיט זיך גאַנץ פּאַריז. אָבער קיין איין נאַכט האָט זיך אַזוי שווער ניט געלייגט אויפן האַרץ. די נאַכט פון דער לעצטער קאָנצענטרירונג, די נאַכט פון באַוואָפנטן וואכזיין. מענטשן האָבן זיך איינס דאָס אַנדערע געזוכט אויף די פינסטערע גאַסן, האָבן זיך שטילערהייט דורכגעשמועסט, האָבן געוועקט אין זיך האָפענונג, אויפגעפלאַמט זי אין אַנדערע. אויף די גאַסן־ראָגן באַראַטן זיך הייפלעך איינס מיט דאָס אַנדערע, קלערן זיך אויף די פּאָזיציעס און דערנאָך פאַר דער אַרבעט! מיט גראָבאייזנס אויף די ברוקן! זאָלן אַרויסוואַקסן גרודעס ערד דאָרט, וואו עס וועלן פאַלן גראַנאַטן. זאָלן באַהאַלטן די קעמפנדיקע די מאַטראַצן, וואָס זיינען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון די הייזער; עס וועט דאָך אויף זיי מער ניט אויסקומען צו שלאָפן. זאָלן די שטיינער, וואָס זיינען צעמענטירט מיט שנאה, זיך צונויפדריקן, ווי עס דריקן זיך צונויף ברוסט צו ברוסט די קעמפער אויפן שלאַכטפעלד. די ווערסאַלער זיינען אָנגעפאַלן אומדערוואַרט, האָבן זיי ניט אָנגעטראָפן אויף קיין ווידערשטאַנד. מאָרגן וועלן זיי זיך אָנשטויסן אויף סאַראַגאָסע און מאָסקווע.

צו יעדן איינעם פון די פאַרבייגייער ווענדט מען זיך מיטן רוף:

„צו אונז, בירגער! לאָמיר פאַרטיידיקן די רעפּובליק!" דער באַסטיליע־פּלאַץ און די אינעווייניקסטע בולוואַרן זיינען פול געפּאַקט מיט עולם, וואָס אַרבעטן; אַ טייל גראָבן די ערד, אַנדערע ווידער ברענגען צו טראָגן שטיינער. די קינדער טראָגן זיך אום מיט לאָפּעטעס און גראָבאייזנס, וואָס זיינען אַזוי גרויס, ווי זיי אַליין. פרויען באַלאַגערן מיט געבעטן און תחנונים די מאַנסלייט. אַ צאַרטע האַנט פון אַ יונג מיידל הייבט אויף אַ שווערע שופלע. זי פאַלט אַראָפּ מיט אַ טרוקן געקלימפּער און קנאַקט אַרויס אַ פונק. מען

דארף האבן צייט, כדי ווי עס געהער צו זיין די ערד אויסצו־גראבן; מילא? ס'איז נאך דא א גאנצע נאכט צייט.

„אויף דעם בלאנש־פלאץ", — האט צומארגנס געשריבן מאראטא אין דער צייטונג „די געזעלשאפטלעכע רעטונג", — „איז דא א באריקאדע, וואס איז גלענצנד אויסגעבויט און איז געשיצט דורך א באטאליאן פרויען, אן ערך 120 פערזאן. בעת איך בין אהין צוגעגאנגען, האט א שווארצע פיגור זיך אויסגעטיילט פון דעם חלל פון איין טויער אין א הויז. דאס איז געווען א יונג מיידל אין א פריגיש היטל, וואס איז געווען אראפגערוקט אויפן אויער, מיט א ביקס און פאטראנען־טאש ביים גארטל: „שטיי, בירגער! ניטא קיין דורכגאנג!" דינסטאג, אינאווענט, אויף דער באריקאדע, וואס טיילט אפ דאס סעדל סען־זשאק פונם סעוואסטאפאלער בולוואר, האבן א סך פרויען פונם גאל־קווארטאל לאנג געארבעט, אנפילנדיק מיט ערד די זעקלעך און די קיישלעך פון הושענא־צווייגן.

דאס זיינען ניט קיין געוויינלעכע פארשאנצונגען פון צוויי גארן די הייך. די באריקאדע, וואס איז אימפראוויזירט געווארן אין די מאי־טעג, באשטייט פון א ביסל ברוק־שטיינער, וואס דער־גרייכן קוים ביז דער הייך פון א מענטשן. הינטן געפינט זיך אמאל א הארמאט אדער א מאשינען־געווער. אינמיטן — א פארשטעקטע צווישן צוויי שטיינער רויטע פאן, פון דער נקמה־פארב. הינטער די דאזיקע ארעמע באפעסטיקונגען—גרופעס מורדים, צו צוויי־דריי מענטשן, וואס האבן אפגעהאלטן גאנצע פאלקן. ווען ס'זאל כאטש וועלכער עס איז ניט פלאן געווען געבן די כוחות א ריכטונג, ווען די מאנמארטר־און פאנטעאן־הארמאטן וואלטן איינס דאס אנדערע געהאלפן, — וואלט די ווערסאלער ארמיי שנעל געמאכט פליטה. היות די פעדעראליסטן זיינען אבער איבערגעלאזט געווארן אן שום אנפירונג, און זיינען ניט באקאנט געווען מיט מלחמה־ענינים, — האבן זיי וועגן קיין זאך ניט געדאגהט מחוץ די גרעניצן פון זייער קווארטאל און אפילו פון זייער גאס. אנשטאט צוויי הונדערט סטראטעגיש געבונדענע צווישן זיך באריקאדן, וואס עס וואלטן געקענט פארטיידיקן א זיבן־אכט טויזנט מאן, זיינען צעזייט גע־

וואו ן אין אומארדענונג א סך הונדערטער באריקאדן, וועלכע עס האבן אויסגעפעלט פארטיידיקער. דער אלגעמיינער טעות איז, אחוצדעם, באשטאנען אין דעם, וואס אלע האבן געווארט אויף אן אטאקע פונם פראנט, בשעת די ווערסאלער לייט זיינען אומע־טום אונטערגעגאנגען פון די פלאנגען.

אוונט־צו האט די ליניע פון די ווערסאלער לייט זיך אויס־געשפרייט פונם באטיניאל־וואקזאל ביזן עק פון דער מערבדיקער אייזנבאן־ליניע דורכן וואקזאל סען־לאזאר, דער קאזארמע פעפי־ניער, דער ענגלישער באטשאפט, דעם אינדוסטריע־פאלאץ, דעם געזעצגעבערישן קארפוס, בורגאנער גאס, אינוואלידן־בולוואר, וואק־זאל מאנפארנאס.

פאר די אנפאלער זיינען געשטאנען אנהייבן פון בא־ריקאדעס. עס איז געגוג געווען דורך א געמיינזאמען אנדראנג איבערצורייסן די ליניע, וואס איז נאך געווען גאר שוואך, — און זיי וואלטן פארכאפט דעם צענטער, וועלכער איז להלוטין געווען ניט פארטיידיקט. הונדערט דרייסיק טויזנט מאן האבן ניט גע־וואגט צו טאן אזא שריט. די זעלנער און אפיצירן האבן געצי־טערט פאר פאריז. זיי האט זיך געדאכט, אז די גאסן וועלן זיך שפאלטן אונטער זייערע פיס און די הייזער וועלן זיי אויף די קעפ ארויפפאלן. די דאזיקע שרעק האט זיך פארקערפערט אין דער באבע־מעשה וועגן די טארפעדעס און מינעס אין די רינ־שטאקן, וואס איז שפעטער אויסגעטראכט געווארן, כדי צו פאר־ענטפערן די אומאנטשלאסנקייט פונם מיליטער. מאנטאג אינאוונט, נאכן פארנעמען א באדייטנדן טייל שטאט, האבן זיי אליץ נאך מורא געהאט פאר עפעס א שרעקלעכן סורפריז. זיי האבן בא־דארפט האבן די גאנצע שלווה פון דער נאכט, כדי צו זיך צו קומען פונם נצחון און זיך איבערצוציוגן, אז די פארטיידיקונגס־קאמי־טעטן האבן גארניט פאראויסגעזען און קיין זאך ניט צוגעגרייט.

אַכט־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל

דינסטאָג דעם 23טן מאַי. — מאָנמאַרטר איז גענומען. — די ערשטע מאַסן־שחיטות. — פּאַריז ברענט. — די לעצטע נאַכט פון דער רעוואָלוציאָנערן שטאָטראַט.

די פאַרטיידיקער פון די באַריקאַדעס שלאָפן אויף זייער ברוק. די אוואַנפּאָסטן פונם שונא זיינען אויף. אין באַטיניאָל פאַלט די אויסשפּיר־אָפּטיילונג פון די ווערסאַלער לייט אָן אויפן וואכמאַן. דער פעדעראַליסט שרייט מיט אַלע כוחות אויס: „זאָל לעבן די קאָמונע!" און אַזוי אַרום גיט ער צו וויסן זיינע חברים וועגן שונאס אָנקום. ער ווערט אויפן אָרט דערשאָסן.

צוויי אַ זייגער ביינאַכט ברענגט לאַ־סעסיליא, אין דער באַ־גלייטונג פון די קאָמונע־מיטגלידער לעפראַנסע, ווערמאָרעל און זשאַקלאַר און די זשורנאַליסטן אַלפּאָנס עמבער און מאַראָטאַ, הילף אין דער צאָל פון הונדערט מאַן. אויף מאַלאָנס פאַרוואורפן בנוגע דעם קוואַרטאַל, וואָס איז אַ גאַנצן טאָג געבליבן אָן הילף, ענטפערט דער גענעראַל: „מען האַרכט מיך ניט".

דריי אַ זייגער. אויף די באַריקאַדן! די פרישע פרי־מאָרגן־לופט בלאָזט אויף די פאַרמאַטערטע פּנימער און וועקט האָפענונג. דער שונא סאַלוטירט דעם ניי־אָנגעקומענעם טאָג דורך אַ קאַנאָנאַדע אויף דער גאַנצער ליניע. די קאָמונע־אַרטילעריע ענטפערט פון אַלע זייטן, פון מאָנפּאַרנאַס אָן ביז די מאָנמאַר־טרער הייכן, וואָס האָבן, משמעות, אַ ביסל אָפּגעלעבט.

לאַדמיראָ, וואָס איז אַ טאָג פריער געבליבן כמעט אומבאַ־וועגלעך, שיקט זיינע זעלנער פאָראויס איבער דער גאַנצער ליניע מיט באַפעסטיקונגען, אָנפאַלנדיק אויף אַלע טויערן, פון נעילי אָן ביז סענט־אואַן. רעכטס פון אים אַטאַקירט קלינשאַן גלייכצייטיק די באַטיניאָלער באַריקאַדן. די קאַרדינע־גאַס פאַלט אריין אין די

הענט פון די ווערסאַלער לייט, דערנאָך גייען די גאַסן נאָלע, טריופאָ, קאָנדאַמין און קלישי־אַווענין. פלוצלונג עפענען זיך די סענט־אואַן־טויערן און לאָזן אַרויס ווערסאַלער לייט; דאָס איז — מאָנטאָדאָנס דיוויזיע, וואָס איז פון נעכטן אָן געווען טעטיק פון אויסוויינינק. די פרייסן האָבן איבערגעגעבן אין זייער רשות די נייטראַלע זאָנע. ביי ביסמאַרקס מיטהילף רינגלען קלענשאַן מיט לאַדמיראָ אַרום די הייכן פון ביידע פלאַנגן.

מאַלאָן, וואָס איז שיר ניט אַרומגערינגלט געוואָרן אין דער מעריע פונם XVIIטן קרייז, הייסט אָפּטרעטן אויפן מאָנמאַרטר. מען שיקט אַהין אויך אָן אָפּטיילונג פון פינף־און־צוואַנציק טויזנט פרויען, וואָס האָבן, אונטער דער אָנפירונג פון די בירגערינס דמיטריעוואַ און לויִזאַ מישעל, פאַרגעלייגט דער קאָמונע זייער דינסט. מאַלאָנען און זיינע פריינד גיט זיך איין צו געפינען אַן אויסוועג און זיך צו באַהאַלטן.

קלענשאַן גייט ווייטער אַראָפּ גאַס און שטויסט זיך אָן אויף דער באַריקאַדע אויפן קלישי־פּלאַץ. כדי צו פאַרכאַפּן די די קופּע אָנגעוואָרפענע שטיינער, הינטער וועלכע עס שלאָגן זיך קוים אַ פופציק מאַן, האָט מען באַדאַרפט האָבן די פאַראייניקטע אָנשטרענגונגען פון די ווערסאַלער לייט פון דער פּעטערבורגער גאַס מיט זייערע שיסערס פון שאַפּטאַל־קאָלעזש. די פעדעראַליסטן האָבן שוין ניט געהאַט מער קיין קאַנאָנען, האָט מען אָנשטאָט זיי אָנגעלאָדן די האַרמאַטן מיט שטיינער און זשוויר; נאָכדעם, ווי דער גאַנצער פּולווער איז אויסגעגאַנגען, האָבן זיי זיך צוריקגערוקט אויף דער קאַריער־גאַס. לאַדמיראָ, וועלכער האָט פאַרנומען די סענט־אואַן אַוועניו, מיידט אויס די באַריקאַדע און גייט זי אום פון דער זייט פונם מאָנמאַרטרער בית־הקברות. אַרום צוואַנציק גוואַרדייער זאָגן זיך אָפּ אונטערצוגעבן. די ווערסאַלער לייט דערשיסן זיי.

הינטן שלאָגט זיך נאָך דערווייל אַ קורצע צייט דער קוואַרטאַל עפּינעט. ביסלעכווייז אָבער שטאַרבט אָפּ יעדער ווידערשטאַנד, און אַרום ניין אַ זייגער גייט באַטיניאָל איינגאַנצן אַריבער אין די הענט פון דער אַרמיי.

אינם שטאַטראַט האָט מען קיין זאַך ניט געוואוסט וועגן די ערפאָלגן פונם מיליטער, בעת ווערמאַרעל איז אָהינגעקומען אַרויסצובאַקומען לעבנסמיטל פאַר מאָנמאַרטר. ער איז אַוועק צו־זאַמען מיטן וואָגן; צוקומען צו די מאָנמאַרטרער הייכן האָט ער אָבער שוין ניט געקענט, מחמת זיי זיינען שוין געווען אַרומגע־רינגלט דורך די ווערסאַלער לייט.

נאָכדעם, ווי די ווערסאַלער לייט האָבן שוין געהאַט באַ־טיניאָל אין זייער רשות, האָט מען באַדאַרפט בלויז די האַנט אויסשטרעקן, כּדי צו פאַרנעמען מאָנמאַרטר. די הייכן ווייזן אויס צו זיין טויט. איבער נאַכט האָט זיך דאָרט פאַרשפּרייט אַ בהלה. די באַטאַליאָנען זיינען צעגאַנגען געוואָרן, פאַרשוואונדן. דער קאָ־מאַנדיר פונם 18טן לעגיאָן מיליער, וועלכער האָט געהאַט דעם זעלבן פאַמיליע־נאָמען, וואָס דער דעפּוטאַט, איז ניט מסוגל אַרויס־צוּווייזן קיין שטאַרקע איניציאַטיוו. פאַרדעכטיקע לייט, וועלכע מען האָט אין עטלעכע טעג אַרום געזען אין די רייען פון דער אַרמיי, האָבן פאַרשפּרייט פאַלשע קלאַנגען, פאַרהאַלטן אַלע מינוט ציווילע און מיליטערישע קאָמאַנדירן, באַשולדיקנדיק זיי אין בגידה. בלויז אַ הונדערט מאַן אַן ערך פאַרטיידיקן די צפונדיקע זייט. ביינאַכט האָט מען אָנגעהויבן בויען עטלעכע באַריקאַדן, מען האָט אָבער געאַרבעט זייער פויל; בלויז די פרויען האָבן אַרויסגעוויזן התלהבות.

קליוזערע איז, ווי זיין שטייגער, פאַרפאַלן געוואָרן. ניט גע־קוקט אויף זיינע דעפּעשן און די הבטחות פונם שטאַטראַט, האָט האָט לאַ־סעסיליאַ ניט באַקומען ניט קיין הילף, ניט קיין אַמוניציע. פון ניין אַ זייגער אָן הערט מען שוין ניט אויף די הייכן קיין איין האַרמאַטן־שאָס; די קאַנאָנירן זיינען נעלם געוואָרן. די פליטים, וואָס זיינען נאָר ניין געקומען פון באַטיניאָל, האָבן בלויז פאַר־שטאַרקט די בהלה. איצט האָבן די ווערסאַלער לייט געהאַט אַ ריינעם וועג; קיין צוויי הונדערט מאַן איז אפילו ניט געבליבן, וואָס זאָל בכוח זיין צו שטעלן עפּעס אַ ווידערשטאַנד

דאָך האָט מאַק־מאַהאָן ניט געוואַגט צו מאַכן קיין אָנגריף, כּל־זמן ער האָט ניט צונויפגעזאַמלט די בעסטע כּוחות, — אַזאַ אימה האָט אויף אים געוואָרפן די פּאָזיציע און דער שם פון

מאַנמאַרטר. צוויי שטאַרקע אָפּטיילונגען האָבן אַטאַקירט מאַנ־מאַרטר פון דער זייט פון לעפּיק־גאַס, מאַרקאַדע און קליניאַנקור. פון צייט צו צייט הערן זיך שאָסן פון איינצלנע הייזער אַרויס. די אָפּטיילונגען שטעלן זיך תּיכּף אָפּ און מאַכן אַ ריכטיקע באַ־לאַגערונג. דאָס פּילטויזנטדיק חייל, וואָס האָט אַרומגערינגלט מאַנמאַרטר פון אַלע זייטן און איז געוואָרן געשטיצט דורך אַ שטאַרקער אַרטילעריע, האָט דריי שעה באַדאַרפט האָבן, כּדי צו פאַרנעמען די פּאָזיציעס, וואָס האָבן זיך פאַרטיידיקט אָן שום סיסטעם דורך עטלעכע טוץ שיסער.

עלף אַ זייגער איז דאָס בית־הקברות געווען. אַרום אים הערט זיך וואו ניט וואו אַ ביקסן־שיסעריי. די עטלעכע עקשנים, וואָס האָבן זיך נאָך אַלץ געשלאָגן, זיינען אויסגעהרגעט אָדער זיינען אַפּגעטראָטן, זעענדיק, אַז זייערע איינצל־אָנשטרענגונגען האָבן ניט קיין האָפּט. די ווערסאַלער לייט הייבן זיך אויף אויף די הייכן דורך אַלע שיפּועס, וואָס פירן אַ הין, און שטעלן זיך אין האַלבן טאָג אָפּ ביי דער גאַלעט־מיל, לאָזן זיך אַראָפּ צו דער מע־ריע, אויפן סען־פּיער־פּלאַץ, אָן שום ווידערשטאַנד, און פאַרנעמען דעם גאַנצן VIIIטן קרייז.

אַזוי אַרום זיינען אָן שום שלאַכט, אַפילו אָן די קלענסטע פּרוּוון צו שטעלן אַ פאַרביטערטן ווידערשטאַנד, אָפּגעגעבן געוואָרן די אומצוטריטלעכע הייכן, אויף וועלכע עטלעכע הונדערט אַנט־שלאָסענע לייט וואָלטן בכוח געווען צו פאַרהאַלטן די גאַנצע ווערסאַלער אַרמיי און צווינגען די פאַרזאַמלונג צו פירן אונטער־האַנדלונגען. דאָס צווייטע מאָל אין משך פונם XIXטן יאָרהונדערט האָט די פעסטונג אָפּגענאַרט די האָפענונגען פון פּאַריז.

דער גענעראַל־שטאַב פון די ווערסאַלער לייט האָט זיך נאָר־וואָס געהאַט באַפעסטיקט אויפן מאָנמאַרטר, און שוין האָבן זיי גענומען פּייערן די בלוטיקע סעודה נאָך לעקאָנטס און קלעמאָן טאָמאָס נשמות. צוויי און פערציק מאַנסלייט, דריי פרויען און פיר קינדער, וואָס זיינען צופעליק אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די זיגער, זיינען אָפּגעפירט געוואָרן צום הויז נום. 6 אויף דער ראָזיע־גאַס און זיינען מיט די בלויזע קעפּ אוועקגעשטעלט געוואָרן

אויף די קני צופוסנס ביי דער וואנט, וואו מען האט דעם 18טן מערץ דערשאסן די גענערעלער. דערנאך האט מען זיי אלע געשאסן. איין פרוי מיט א קינד אויף דער האנט זאגט זיך אפ צו שטעלן אויף די קני און שרייט צו אירע חברים: „ווייזט די דאזיקע אומגליקלעכע, אז איר זייט בכוח שטייענדיק, פנים אל פנים זיך צו באגעגענען מיטן טויט".

צומארגנס הרגעט מען ווייטער. יעדע גרופע געפאנגענע ווערט פריער אפגעשטעלט ביי דער וואנט, וואס איז אויסגעזעצט מיט קוילן. דערנאך דערשיסט מען זיי צוויי טריט פון דאנען, אויף דער הויכקייט, וואס הערשט אויפן וועג קיין סען=דעני.

באטיניאל און מאנמארטר זיינען געווען עדות פון די ערשטע מאסן=הריגות. אין יוני פון 48טן יאר האט מען געשאסן די מורדים, וועלכע מען האט געכאפט אויף די באריקאדן, — אנגרא. אין מאי פון 71טן יאר האט מיט דער שחיטה אנגעפירט דער ווילקיר פון די זעלנער. דינסטאג, לאנג נאך פאר די שריפות, האבן די ווערסאלער לייט אנגעהויבן שיסן יעדן דורכגייער אינם סעדל פון באטיניאל, אויפן שטאטראט=פלאץ, ביי די קלישי=טויערן. דער מאנסא=פארק איז געווארן דאס ארט פון דער הויפט=שחיטה אינם XVIIטן קרייז. אין מאנמארטר איז דער צענטער פון די הריגות געווען די הייכן, עליזע, וואס יעדער טרעפ זיינער איז געמאכט פון טויטע קערפערס, און אויך די דרויסנדיקע בולווארן.

צוויי טריט פון מאנמארטר האט מען נאך קיין השגה ניט וועגן דער קאטאסטראפע. אויפן בלאנש=פלאץ האלט זיך נאך א געוויסע צייט די באריקאדע, וואס די פרויען פארטיידיקן, — און ווארפן אפ קלענשאנס זעלנער. די פארטיידיקערינס טרעטן דערנאך אפ הינטער דער פיגאל=באריקאדע, וואס פאלט ארום צוויי א זייגער. דער קאמאנדיר אירער ווערט געבראכט צום אפיציר פון די ווערסאלער לייט. „ווער זייט איר?" — „לעוועק, א מולער=ארבעטער, מיטגליד פונם צענטראל=קאמיטעט". — „א, איצט האבן מולערס גאר חשק צו זיין קאמאנדירן!" — ענטפערט דער ווערסאלער מאן און לאדט אוים זיין רעוואלווער אויפן קאמונארם קאפ.

אויפֿן צווייטן ברעג סענע איז דער ווידערשטאַנד אַ געלונ־
גענער. וואָרלען האַלט אָפּ די ווערסאַלער לייט אויף דער גאַסן־
קרייצונג קרוא־רוזש, — אַן אָרט, וואָס האָט זיך באַדעקט מיט
אומפאַרוועלקטן רום אין די טעג פֿון דער זעלבסטשוץ פֿון פּאַריז.
די גאַסן, וואָס געפֿינען זיך בשכנות, זיינען באַריקאַדירט און דער
דאָזיקער פּונקט גיט זיך ערשט דעמאָלט אונטער, ווען די שריפֿה
מיט די גראַנאַטן האָבן געמאַכט פֿון אים אַ תּל־עולם. פֿון ביידע
זייטן טייך, אויף דער אוניווערסיטעט־גאַס, סען־דאָמיניק און גרע־
נעל, ווייזן דער 67טער, 135טער, 138טער און 147טער באַטאַליאָן,
וואָס ווערן געשטיצט דורך די „אַנפּאַן פּערדיי" און די שיסער,
אַ פּאַרעקשנטן ווידערשטאַנד. אויף דער רען־גאַס און די שכנותדיקע
בולוואַרן גוססן די ווערסאַלער לייט. די וואַווען־גאַס, וואו די ווי־
דערשטאַנד־ענערגיע איז ממש אויף חידושים, איז דער אַריינטריט
פֿון די ווערסאַלער לייט אינם לוקסעמבורג־ער פּאַלאַץ אָפּגעהאַלטן
אויף צוויי טעג.

ווייניקער געלונגען זיינען די מעשׂים פֿון די קאָמונאַרן
אויף דעם עקסטן, לינקן פֿלאַנג. די ווערסאַלער לייט האָבן באַ־
צייטנס אַרומגערינגלט דאָס מאָנפּאַרנאַס־בית־הקברות, וואָס איז
פֿאַרנומען דורך אַ הייפֿל מענטשן. לעבן דעם רישפּיאַ־רעסטאָראַן
לאָזן די פֿעדעראַליסטן דעם שונא צוקומען נאָענט און הייבן אָן
אים באַשיסן פֿון מאַשינען־געווער. אַלץ איז בחינם. די ווערסאַ־
לער לייט, וועלכע זיינען באַדייטנד מער אין דער צאָל, זיינען
מנצח די פֿעדעראַליסטן. פֿון דאַנען לאָזן זיי זיך איבער דער
וואַלן־ליניע פֿונם XIVטן קרייז, ביז זיי קומען צו צום סען־פּיער־
פּלאַץ. די באַפֿעסטיקונגען פֿון דער איטאַליענישער אַוועניו און
פֿון דעם וועג אין שאַטיליאָן, וואָס זיינען אויפֿגעבויט געוואָרן
מיט גרויסער זאָרגפֿולקייט — בלויז אָבער פֿון דער זייט פֿון
די וואַלן — זיינען גענומען הינטן־אַרום, פֿון דער זייט פֿון דעם
מען־שאָסיי. דרייסיק מאַן האַלטן זיך דאָרט אין משך פֿון עטלעכע
שעה. דער פּאַטראָנען־רעזערוו לאָזט זיך סוף־כּל־סוף ביי זיי אויס
און די דרייפּאַרביקע פֿאָן הייבט זיך אויף איבער דער מעריע
אין דערזעלבער רגע, ווען זי האָט פֿאַרכאַפּט אויך די מאָנ־

מארטרער הייכן. איצט איז דער וועג אפן ביזן ד'אנפער=פלאץ.
די ווערסאלער לייט פארנעמען אים אונטערן פייער פון דער
אבסערוואטאריע, וואו עטלעכע פעדעראליסטן האבן זיך געמאכט
א פאזיציע.

הינטער די דאזיקע ליניעס, וואס זיינען פארנומען דורכן
שונא, הייבן זיך אויף די באפעסטיקונגען, וואס זיינען אויפגעבויט
געווארן אונטער וורעבלעווסקים אנפירונג. מיט א טאג פריער, ווען
ער האט באקומען א באפעל אפצורוימען די פארטן, האט ער געענט=
פערט: „וואס איז דאס אזוינס — בגידה, צי א מיספארשטייע=
ניש? בכל אופן, איך זאג זיך אפ צו עוואקוירן". נאכדעם,
ווי מאנמארטר איז שוין גענומען געווארן, איז דער גענעראל גע=
קומען צו דעלעקליוזן, כדי אויף אים צו ווירקן, אז דער קאמף
זאל איבערגעטראגן ווערן אויפן לינקן ברעג. די סענע, די פארטן,
דער פאנטעאן, ביעווער זיינען, לויט זיין מיינונג, א זיכערע שוץ,
אחוצדעם, איז דא פארהאן א פרייער ארויסגאנג — אפצוטרעטן
פון דער שטאט אין די ארומיקע פעלדער. די מאטיוון זיינען
געווען זייער ריכטיקע, ווען ס'זאל געווען גיין אין רעגולער חייל.
אבער איבערטראגן לויט דער קאמאנדע דעם צענטער פון דער
מרידה פון איין ארט אויפן אנדערן — איז אן אוממעגלעכע
זאך און וואס ווייטער, אלץ איינגעשפארטער פאדערן די פעדע=
ראליסטן, אז יעדער זאל פארטיידיקן זיין קווארטאל.

וורעבלעווסקי האט זיך אומגעקערט אין זיין הויפט=קוואר=
טיר, האט צונויפגעזאמלט די קאמאנדירן פון די פארטן, ארויס=
געגעבן אלע נייטיקע פארארדענונגען בנוגע דער פארטיידיקונג
און איז אוועק איבערנעמען די אנפירונג מיטן לינקן ברעג, וואס
האט געהערט צו אים לויט די פריערדיקע דעקרעטן. בעת ער
האט געשיקט זיינע באפעלן אין פאנטעאן, האט מען אים געענט=
פערט, אז דא פירט אן לעסבאן. וורעבלעווסקי איז אבער דערפון
ניט געפאלן ביי זיך און ענערגיש זיך גענומען צוגרייטן צו זעלבסט=
שוץ דעם ראיאן, וואס איז פארבליבן אין זיינע הענט. ער האט
אוועקגעשטעלט א באטאריי פון אכט הארמאטן און צוויי באטא=
רייעס צו פיר הארמאטן אויף ביט=א=קאיל, א פאזיציע, וואס

הערשט צווישן דעם פּאַנטעאָן און די פּאַרטן, האָט באַפעסטיקט דעם איטאַליענישן, שפּיטאַליקן און וואָקזאַל־בולוואַרן, האָט גע־מאַכט זיין הויפּט־קוואַרטיר אין דער מעריע פון די גאָבעלענען, זיינע רעזערוון אַוועקגעשטעלט אויפן איטאַליענישן פּלאַץ, אויף זשאַנאַ־ד׳אַרק און בערסי.

דער צווייטער עק פּאַריז, דער XIXטער און XXטער קרייז, גרייטן זיך צו דער פּאַרטיידיקונג. דער מוטיקער פּאַסדוע האָט פּאַרביטן ביסאָנען, וועלכער האָט אַלץ נאָך געהאַט די העזה אַרויסצוטרעטן אַלס קאָמאַנדיר פון ווילעטער לעגיאָן. די גרויסע קאַפּעלע גאַס, הינטער דער שטראַסבורגער באַן־ליניע, די ד׳אָבער־ווילע־גאַס, דע פלאַנדר און דער קאַנאַל זיינען באַריקאַדירט, אַזוי, אַז עס האָבן זיך באַקומען פינף פּאַרטיידיקונגס־ליניעס, וועלכע זיינען געשיצט געוואָרן פון די פלאַנגען דורך בולוואַרן און באַפעסטיקונגען. איין האַרמאַט האָט מען אַוועקגעשטעלט אויף דער ריקע־גאַס, אין דער גאַז־פאַבריק. פונם וואַל האָט מען אויף די הענט אַרויפגעטראָגן די האַרמאַטן אויף די שאָמאָן־הייכן; אַנדערע האָט מען געשיקט אויף דער פּיעבל־גאַס. אַ באַ־טאַריי פון זעקס האַרמאַטן פּאַרט אַריין אויפן בית־עולם פּיער־לאַשעז און פילט אָן פּאַריז מיט איר קנאַלן.

פּאַריז איז פּוסט און שטום. פּונקט ווי נעכטן, זיינען די געוועלבער פּאַרהאַקט. די גאַסן, וואָס זיינען באַגאָסן מיט אַ ווייסער זון־ליכטיקייט, האָבן אַן אויסזען פון חרוב־געמאַכטע און דראָענ־דיקע. דאָס שווייגן ווערט איבערגעריסן בלויז דורך די שטאַפּעטן, וואָס פליען שנעל, דורך דעם גאַלאָפּ פון דער אַרטילעריע, וואָס בייט די פּאָזיציעס, און דורך די מורדים־אָפּטיילונגען, וואָס טראָגן זיך איבער פון איין אָרט אויפן אַנדערן

צייטנווייז דערהערן זיך צווישן דער אַלגעמיינער שטילקייט קולות: „עפנט די געוועלבער, הייבט אויף די זשאַלוזיעס!" איבער די פענסטער־נישעס, נאָכדעם, ווי מען באַקוקט זיי, קלעפּט מען צו ספּעציעלע צייכנס. צוויי צייטונגען „די פאָלקס־טריבונע" און „די געזעלשאַפטלעכע רעטונג" זיינען אַרויס, ניט געקוקט אויף די

גראנאטן, וואס זיינען געפאלן אויפן בנין פון דער דרוקעריי אויף דער ד'אבוקיר=גאס.

אינם שטאטראט טוען עטלעכע מענטשן אלץ, אז די טאג=טעגלעכע באדערפענישן זאלן ווערן באפרידיקט. קודם=כל דארף מען האבן לעבנסמיטל פאר די קעמפנדיקע. דער קאמיטעט פון געזעלשאפטלעכער רעטונג בעט די באנק ארויסצוגעבן 500.000 פראנק. די באנק גיט מיטן גרעסטן פארגעניגן ארויס דאס געלט; זי איז גרייט מיליאנען אפילו ארויסצוגעבן. איין דעקרעט באפול=מעכטיקט די קאמאנדירן פון די באריקאדעס צו מאכן רעקוויזי=ציעס אויף לעבנסמיטל און די נייטיקע מכשירים. א צווייטער דעקרעט גיט ארויס א באפעל, אז אלע הייזער, פון וועלכע מען וועט שיסן אויף די פעדעראליסטן, דארפן פארברענט ווערן. נאך מיטאגצייט צעקלעפט דער קאמיטעט איבער די גאסן אן אויפרוף „צו די זעלנער פון דער ווערסאלער ארמיי".

„דאס פאריזער פאלק וועט קיינמאל ניט גלויבן, אז איר זייט מסוגל אנצוווענדן קעגן אים אייער געווער, אויב איר וועט זיך מיט אים צונויפטרעפן פנים=אל=פנים; קיין איין האנט וועט זיך ביי אייך ניט אויפהייבן צו הרגענען ברידער.

„איר זייט די זעלבע פראלעטאריער, וואס מיר... איר וועט נאכאמאל טאן דאס זעלבע, וואס איר האט געטאן דעם 18טן מערץ... קומט צו אונז, ברידער, קומט צו אונז, מיר שטרעקן אייך אויס אונזער האנט".

דער צענטראל=קאמיטעט פון זיין זייט האט געשריבן: „מיר זיינען פאטערס פון משפחות... איר וועט מיט דער צייט אויך ווערן פאטערס. אויב איר וועט היינט שיסן אינם פאלק, וועלן אייך די קינדער זייערע פארשילטן, פונקט ווי מיר פארשילטן איצט די זעלנער, וואס האבן געפייניקט דאס פאלק אין יוני 1848 און דעצעמבער 1851. מיט צוויי חדשים צוריק האבן די ברידער אייערע געשלאסן מיטן פאלק א ברידערלעכן בונד; לערנט זיך פון זיי אראפ א מוסר=השכל". א קינדישע, הגם איידעלע אילוזיע. אין דעם פרט האט דאס גאנצע פאריזער פאלק געטיילט די הא=פענונגען פון זיינע באפולמעכטיקטע. ניט געקוקט אויף די ווילדע

מעשים פון דער פאַרזאַמלונג, אויף דעם דערשיסן פאַרוואונדעטע. אויף דעם לוסטיק מאַכן זיך איבער געפאַנגענע, אין משך פון די לעצטע זעקס וואָכן, ניט געקוקט אויף דעם אַלעם, האָבן די אַר־בעטער ניט געקענט דערלאָזן, אַז די קינדער פונם פאָלק זאָלן זיך אַנטשליסן צו „פייניקן" דאָס זעלבע פאָריז, וואָס קעמפט פאַר זייער באַפרייונג.

דריי אַ זייגער קומט באַנוואַלע מיט אַנדערע מיטגלידער פון דער „ליגע פון די רעכט פון פאַריז" אין שטאָטראַט אַריין, וואו עס נעמען זיי אויף אַ טייל קאָמונע־מיטגלידער און פונם קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלעכער רעטונג. זיי קרעכצן פון אימה פון דעם קאַמף, וואָס קאָכט אַרום זיי, לייגן פאָר אַרויסצוטרעטן אַלס פאַרמיטלער, וואָס זיי האָבן שוין מיט אַזאַ ערפאָלג דורכ־געפירט בעת דער באַלאַגערונג, ווילן אויסגיסן פאַר העך טיערן זייער געפיל פון טרויער. סוף־כל־סוף, גיבן זיי זיך איבער אין רשות פונם שטאָטראַט. „גלענצנד", — זאָגט מען זיי, — „נעמט ביקסן און גייט אויף די באַריקאַדעס!"

די „ליגע" זעט, אַז דער ענין שטייט אויף אַ קאַנט, טראָגט זי זיך אָפּ און פאַררופט זיך אויפן צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס איז געוועזן אויף אַזוי פיל נאַיוו און זי אויסגעהערט.

פירן אונטערהאַנדלונגען אין רעכטן ברעג פון דער שלאַכט! די ווערסאַלער לייט ווילן אויסנוצן זייער ערפאָלג אויפן מאָנמאַרטר, וואַרפן זיך צום בולוואַר אָרנאָ און צום צפונדיקן וואָקזאַל. צוויי אַ זייגער זיינען די באַריקאַדן אויפן קליניאַנקור־שאָסיי אַריבער אין דעם שונאס הענט. מיראַ דאָמבראָווסקי פאַלט אַ שטערבלעך פאַרוואונדעטער אויף דער גאַס, צוזאַמען מיט ווערמאָרעלן. אינ־דערפרי האָט אים דעלעקליוז געזאָגט, אַז ער האָט געטאָן אַלץ, וואָס עס איז מעגלעך, קעגן די ווערסאַלער לייט, וועלכע האָבן פאַרנומען מאָנמאַרטר. אָן האָפענונג, אָן זעלנער, אין חשד פון דער ערשטער רגע אָן, וואָס די ווערסאַלער לייט זיינען אַריין, האָט דאָמבראָווסקי ניט געזען פאַר זיך קיין אַנדער אויסוועג, ווי טויט. און אין צוויי שעה אַרום הויכט ער אויס די נשמה אינם לאַ־ריבואַזיער־שפּיטאָל. זיין קערפער האָט מען אַריבערגעטראָגן אין

שטאטראט אריין; די באריקאדן, דורך וועלכע מען האט אים פארבייגעטראגן, האבן סאלוטירט מיט געווער.

קלענשאן, א פרייער פונם לינקן פלאנג, לאזט זיך אויפן אלטן קרייז. איין אפטיילונג לאזט זיך אראפ אויף דער פאנטען־סען־זשארזש־גאס, אויף דער לארעטער נאטר־דאם־גאס און איז געצוואונגען זיך אפצושטעלן אויפן ראג. א צווייטע אפטיילונג באמ־בארדירט דעם ראלען־קאלעזש און לאזט זיך דערנאך טיפער צו דער טריודען־גאס, וואו מען פארהאלט זי ביזן אוונט.

נענטער צום צענטער אויפן בולוואר האוסמאן מאכט דוע אן אנגריף אויף דער באריקאדע לעבן דעם מאגאזין „פרענטאן". דורך הארמאטן־שאסן צעיאגט ער די פעדעראליסטן, וואס האבן פארנומען די קירך פון דער הייליקער דרייאייניקייט, און שטעלט אוועק ביים אריינגאנג פינף הארמאטן קעגן דער פעסט־געבויטער באריקאדע, וואס שליסט אפ דעם אנטקעגנער שאסיי ביים ארייג־גאנג אויפן בולוואר. איין אפטיילונג לאזט זיך אין די שאטאדען־און לאפאיעט־גאסן. אויף ראג מאנמארטער פארשטאט פארהאלט אים די באריקאדע, א מעטער די הייך, וואס ווערט פארטיידיקט דורך א צענדליק מענטשן ביז נאכט.

דועם רעכטער פלאנג קען נאך אלץ זיך קיין עצה ניט געבן מיט דער ראיאל־גאס. שוין צוויי טעג, ווי בריונעל האלט דא אונ־טער די שלאכט, וואס איר גלייכן זיינען בלויז די שלאכטן אויף ביט־א־קאיל, אויפן באסטיליע־פלאץ און ביי שאטא־ד'א. דער מאלערב־בולוואר איז איינגאנצן דורכגעגראבן פון קוילן. איבער דער הויפט־באריקאדע, וואס שניידט דורך אין דער קרים די גאס, הערשן די הייזער פון לינקס, פון וואנען די ווערסאלער לייט דער־שיסן די פעדעראליסטן. בריונעל פארשטייט די גאנצע וויכטיקייט פון דער פאזיציע, וואס מען האט אים אנפארטרויט, און ער הייסט דעריבער אונטערצינדן די הייזער, וואס שיקן דאס פייער פון טויט. דעם פעדעראליסט, וועלכן מען האט איבערגעגעבן אויסצו־פירן דעם באפעל, לעכערט א קויל דורך אן אויג; ער פאלט טויט מיט א אויסגעשריי צו זיין קאמאנדיר: „איך האב באצאלט מיט מיין לעבן פאר דעם אויפטראג, וואס איר האט מיר געגעבן. זאל

לעבן די קאמונע!" די הייזער, פון נום. 13 אן אזש ביז דער גאס פון דער סענט=אנארע=פארשטאט זיינען ארומגעכאפט דורך א פייער. דא האבן די ווערסאלער ליים זיך אפגעשטעלט.

די טיוילרי=טעראסע, וואס ארבעט ענערגיש גאנצע טעג און נעכט לינקס פון בריונעלן, פארטאפלט די קראפט פון זיין ווידערשטאנד. זעכציק ארטילערישע הארמאטן פון דער קעי=ד'ארסע, פון פאסי, פונם מארס=פעלד און פונם שטערן=פלאץ האבן פאראייניקט זייער פייער אויף דער דאזיקער טעראסע און באריקאדע סער=פלארענטען. א טוץ פעדעראליסטישע הארמאטן שלאגט אפ דעם דאזיקן אנדראנג. דער קאנקארדיע=פלאץ, וואס ווערט פון אלע זייטן געשלאגן דורך דעם געקרייצטן פייער, ווערט באדעקט מיט שפליטערס פאנטאנען, לאמטערנס, סטאטועס. די ליל=סטאטוע איז געבליבן אן א קאפ, פון דער שטראסבורג=סטאטוע איז א תל געווארן דורך די קאנאנען.

אויפן לינקן ברעג מאכן די ווערסאלער לייט זיך א וועג פון הויז צו הויז. די איינוואוינער פון דעם קווארטאל גייען זיי נאך און שיסן פון הינטער זייערע זשאלוזיעס אפער אין די פעדעראליסטן. די לעצטע ווארפן זיך אויף די פארדעטערישע הייזער און צינדן זיי אונטער. פון די ווערסאלער גראנאטן פלאקערן אויף שריפות; באלד ווערט דער גאנצער קווארטאל ארומגעכאפט מיט פייער. דאס מיליטער גייט כסדר פאראויס, עס פארנעמט דאס מלחמה=מיניסטעריום, די טעלעגראף=דירעקציע, קומט צו צו דער בעלשאס=קאזארמע און צו דער אוניווערסיטעט=גאס. זייערע גראנאטן מאכן א תל פון די באריקאדעס אויף דער ברעגיקער גאס און גאס די=באק. דער באטאליאן פעדעראליסטן, וואס האט אין משך פון צוויי טעג זיך געהאלטן אינם פאלאץ פון דעם ערן=לעגיאן, איז געצוואונגען אפצוטרעטן אויפן קעי — דעם איינציקן וועג, וואס איז אים נאך געבליבן אפצוטרעטן. פינף א זייגער פארלאזט ער דעם בנין, נאכדעם, ווי ער ווערט פריער אונטער=געצונדן.

זעקס א זייגער פאלט די באריקאדע אויפן ד'אנטען=שאסיי. דער שונא, וואס האט זיך גערוקט פאראויס דורך זייטיקע גאסן,

האט פארנומען די נייע אפערע, וואס קיינער האט זי ניט פארטיידיקט.
מאטראסן, וואס זיינען געווען באוואפנט מיט ביקסן, האבן פון
די דעכער אראפ די באריקאדע באשאסן. אנשטאט נאכצוטאן זייער
ביישפיל און צו פארנעמען הייזער, האלטן זיך די פעדעראליסטן,
פונקט ווי אין אנדערע ערטער, פארעקשנט הינטער זייערע בא=
ריקאדעם פון ברוק=שטיינער.

אכט א זייגער גיט זיך די באריקאדע אויף דער נעוו=דע=
קאפוסין=גאס אונטער צוליב דעם פייער פון די פירפונטיקע
הארמאטן, וואס זיינען צעשטעלט אויף דער קאמארטען=גאס. די
ווערסאלער לייט גייען צו צו דעם וואנדאמער פלאץ, וועלכן עס
פארנעמט נאך אלץ פאלקאוניק ספינוי.

אין אלע פונקטן האט די ארמיי געמאכט גרויסע ערפאלגן.
איצט גייט די ליניע פון די ווערסאלער לייט פונם צפון=וואקזאל
אן איבער דער ראשעשואר=גאס, קאדא, דרוא, וואו ס'איז געגנו=
מען די מעריע, דורך דעם איטאליענישן בולוואר, מאכט אן
ארייננבויג אינם וואנדאמער פלאץ אריין און אין קאנקארדיע=פלאץ,
שלענגלט זיך איבער דער די=באק=גאס צו אבע=א=בוא, צום ד'אנ=
פיער=בולוואר און פארענדיקט זיך ביים 81טן באסטיאן. דער
קאנקארדיע=פלאץ און די ראיאל=גאס, וואס זיינען געשלאסן פון
ביידע פלאנגן, זעען אויס, ווי א קאפ אינמיטן דעם שטורעמ=
דיקן ים. לאדמירא שטייט פאר ווילעט; רעכטס פארנעמט
קלענשאן דעם IXטן קרייז; דוע באוויזט זיך אויפן וואנדאמער
פלאץ; ווינוא האלט אונטער סיסייען, וועלכער אפערירט אויפן
לינקן ברעג. אין די הענט פון די פעדעראליסטן בלייבט ניט קיין
גאנצע העלפט פאריז.

אין די איבעריקע טיילן פאריז הערשט רציחה און גזילה.
אין איין עק גאס שלאגט מען זיך און אין דעם צווייטן פארנו=
מענעם עק גייט א פאגראם. ווי צו דעם, וואס מען געפינט ביי=
אים געווער, אוניפארמען, אדער אזוי גערופענע „גאדילאט", וואס
די פאריזער איינוואוינער האבן געטראגן אויף די פיס זינט דער
באלאגערונג אן; ווי צו דעם, וואס וועט ארויסווייזן אן אומעטיק
געזיכט, ווי צו דעם, וועלכן ס'האט געמסרט זיינס א פאליטישער

אָדער פערזענלעכער שונא. די אַלע מענטשן ווערן תיכּף אוועק־געפירט דורך די זעלנער. יעדער אָפּטיילונג האָט זיך איר אָבער־תליון, אין דער פערזאָן פון א פּרעוואָ *, וואָס ווערט באַשטימט דורך דעם הויפּט־קוואַרטיר; כּדי די זאַך זאָל צוגיין שנעלער, זיינען אויף א טייל גאַסן באַשטימט נאָך צוגאָב־פּרעוואָס. צו זיי ווערן געבראַכט די קרבנות און אָן לאַנגע שהיות דערשיסט מען זיי.

תיכּף ווי דער קוואַרטאַל ווערט נאָר פאַרנומען דורכן מי־ליטער, קריכן אַרויס אויף דער ליכטיקער שיין די אָרדענונגס־לייט, העצן די זעלנער און באַנוצן זיך מיט זיי אויף חשבּונען זיך מיט פּערזענלעכע שונאים און נקמה. נאָך די רציחות גייען גזילות. פון די געוועלבער, וואָס האָבן צוגעשטעלט סחורה דער קאָמונע, אָדער וואָס ווערן באַשולדיקט דערינען דורך זייערע קאָנ־קורענטן, ווערט א תל־געמאַכט. די זעלנער ברעכן דאָס מעבל, רויבן צו לוקסוס־זאַכן. טייערע שטיינער, וויין, ליקערן, לעבנסמיטל, וועש, פּערפּומעס ווערן נעלם אין די זעלנערישע טאָרניסטערס אַריין.

בעת טיער האָט זיך דערוואוסט, אַז מאָנמאַרטר איז געפאַלן, האָט ער געמיינט, אַז דער קאַמף איז פאַרענדיקט, און האָט צע־שיקט וועגן דעם דעפּעשן צו זיינע פּרעפעקטן. אין משך פון זעקס וואָכן האָט ער ניט אויפגעהערט צו טענהן, אַז די מורדים וועלן מאַכן פּליטה, וויבאַלד דאָס מיליטער וועט נאָר פאַרנעמען די וואַלן. קעגן דער רגילות פון די העלדן פון סעדאַן, מעץ און דער נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג, האָט פּאַריז פאַרטיידיקט יעדע גאַס און האָט גיכער געוואָלט פאַרברענט ווערן איידער זיך אונטערגעבן.

אינמיטן דער נאַכט צעגיסט זיך א פייער, וואָס פאַרבלענדט אויג. עס ברענט טיולרי, דער בנין פונם ערן־לעגיאָן, דער מלוכה־ראַט, די אויסרעכענונגס־קאַמער. א שרעקלעך געוויש הערט זיך פון דער זייט פון די פּאַלאַצן פון די קיניגין; די מויערן פאַלן און די ריזיקע קופּאָלס ווערן אַראָפּגעשליידערט. פון הונדערטער

---

* א ליימער.

פענסטער־לעכער רייסט זיך ארויס דאס פייער, וואס לעקט פויל די מויערן, אדער שניידט דורך מיט שנעלע לעבהאפטע פייער־צונגען די לופט. דאס רויט־געווארענע וואסער פון דער סענע שפיגלט אפ די בנינים און פארטאפלט דאס בילד פון דער שריפה. דאס אויפגעהעצטע פייער, וואס ווערט געיאגט דורך א מזרח־ווינט, רוקט זיך אן קעגן ווערסאל און מעלדעט דעם זיגער פון פאריז, אז פאר אים איז שוין דא קיין ארט ניט פארהאן, אז זיינע מאנארכישע דענקמעלער וועלן שוין ניט בכוח זיין צו זיין א מקום־מקלט פאר דער מאנארכיע. אויף דער די־באק־גאס, ליל, קרוא־רוזש הייבן זיך אויף אינדערהויך גאנצע פייערדיקע זיילן. פון דער ראיאל־גאס אן ביז סען־סיולפיס ציט זיך איין לאנגע פייער־וואנט, וואס ווערט איבערגעהאקט דורך דער סענע. די וואלקנס רויך פארציען די גאנצע מערבדיקע זייט פון פאריז; די פייערדיקע ספיראלן, וואס הייבן זיך אויף פון די גיגאנטישע שייטערהויפנס, פאלן אראפ אויף די שכנותדיקע קווארטאלן מיט א רעגן פון פונקען.

עלף א זייגער. שטאטראט. די וואך־פאסטנס, וואס זיינען ארויסגערוקט ווייט פאראויס, זיינען מתרה וועגן יעדער אומדער־ווארטער זאך. דא און דארט צאנקען די גאז־לאמטערנס אינמיטן דער אלגעמיינער חשכות. אויף א סך פון די באריקאדעס ברענען פאקעלן און ביוואאק־פייערן. די באריקאדע אויף סען־זשאק־סקווער אנטקעגן דעם סעוואסטאפאלער בולוואר, וועלכע איז געמאכט פון אפגעהאקטעביימער, וואס די צווייגן זייערע שאקלט דער ווינט, רוישט און וויגט זיך צווישן דעם אומעטיקן חושך ואפלה.

די פאדערשטע מויער פונם קאמונאלן הויז איז באלויכטן דורך דעם אפגלאנץ פון דעם ווייטן פלאם. די סטאטועס, אויף וועלכע עס שפילט דער אפשיין, זעען אויס, ווי זיי וואלטן זיך גערירט אין זייערע נישעס. אין דער מעריע פונם IXטן קרייז ווערן עוואקוירט וועגעלעך, אמניבוסן, וואס זיינען באלאדן מיט אמוניציע. מיט א געקלימפער קייקלען זיי זיך אונטער די שמאלע וועלבונגען. מען ברענגט פארוואונדעטע. לעבן און טויט, קרעכצן און געלעכ־טער שטויסן זיך אן איינס אויף דאס אנדערע אויף די טרעפ.

די אינעווייניקסטע דורכגענג זיינען פול מיט נאציאנאלע גווארדייער, וואס זיינען צוגעדעקט מיט זייערע קאלדרעס. די פאר־וואונדעטע קרעכצן און בעטן א טרונק; די בעטלעך, וואס שטייען לענג אויס דער וואנט, טריפן אראפ טראפנס בלוט. מען ברענגט דעם קאמאנדיר מיט א שרעקלעך צעקאליעטשעט געזיכט; א קויל האט אים דורכגעלעכערט די באק, אפגעריסן די ליפן און אויסגעהאקט די ציין. ער קען קיין ווארט ניט ארויסריידן, פאכעט ער, דער מוטיקער מאן, מיט א רויטער פאן, וועלנדיק אזוי ארום צוגעבן מוט די יעניקע, וואס דארפן אים פארבייטן אינם קאמף.

אין וואלענטינע האוסמאנס צימער ליגט אויף א בלא זיידן געלעגער דאמבראווסקים טויטער קערפער. אן איינציק ליכט ווארפט זיין שוואכע שיין אויף דעם העלד, דעם זעלנער. זיין פנים, וואס איז ווייס ווי שניי, טראגט אויף זיך דעם שטעמפל פון רו; פון דער טונקל טיילט זיך אויס זיין דין געשניצטע נאז, די איידעלע ליניע פונם מויל, זיין קליין בלאנד בערדל, וואס איז אונטן פאר־שפיצט. צוויי אדיוטאנטן דעזשורירן ביי אים שטום, פארזעסן אין די פינסטערע ווינקלען. א דריטער צייכנט שנעל די שטריכן פון זיין גענעראל.

די טאפלטע מארמאר־טרעפ, וואס פירן אין די אפיציעלע אפארטאמענטן, זיינען פול געפאקט מיט נאציאנאלע גווארדייער, וואס א טייל פון זיי גייען אריין, אנדערע ארויס. די וואכלייט היטן מיט גרויס מי אפ דעם דעלעגאטס קאבינעט. דעלעקליוז שרייבט אונטער באפעלן, א בלאסער, א שטומער, ווי א געשפענסט. די פיין פון די לעצטע טעג האבן פון אים ארויסגעצויגן די לעצטע ביסל לעבנסזאפטן. זיין שטים קלינגט, ווי דאס גסיסה־כארכלען, בלויז די אויגן און דאס הארץ לעבן נאך.

צוויי־דריי אפיצירן, וואס זיינען נאך פארבליבן קאלטבלוטיק, גרייטן צו באפעלן, לייגן צו די חתימות און שיקן אוועק דעפעשן. א גרויסע צאל נאציאנאלע גווארדייער רינגלען ארום דעם טיש. מען פירט ניט קיין וויכוחים; א טייל ריידן קופקעלעכווייז אין דער שטיל. אויב די האפענונג איז טונקל געווארן, האט זיך די אנטשלאסנהייט ניט פארקלענערט.

ווער זיינען אָבער די אָפיצירן, וואָס האָבן געביטן די אוניפאָרמען, אָט די מיטגלידער פון דער קאָמונע, די באַאַמטע, וואָס האָבן אָפּגעגאָלט די בערד? וואָס ווילן זיי דאָ צווישן די מוטיקע לייט? ראַנוויע האָט געטראָפן איבערגעטאָן צוויי פון זיינע חברים, וואָס זיינען זינט דער באַלאַגערונג באַזונדערס דעמאָנסטראַטיוו ארויסגעטראָטן אַלס קאָמונע=אָנהענגער; ער האָט געדראָט זיי תיכּף אויפן אָרט צו דערשיסן, אויב זיי וועלן אָן שום עיכּוב ניט אוועק אין זייערע קרייזן.

אַ ביסל הארבע רייד וואָלט בכלל ניט געשאַדט. די דימיספּלין פאַלט פון שעה צו שעה. דערווייל לאָזט דער צענטראַלקאָמיטעט, וואָס האַלט זיך פאַר דער מאַכט נאָכן אָפּזאָג פונם ראַט, ארויס אַ מאַניפעסט, אין וועלכן עס ווערן ארויסגעשטעלט אָט=וואָסערע באַדינגונגען: פונאַנדערטרייבן די נאַציאָנאַלפאַרזאַמלונג און די קאָמונע; די אַרמיי ארויספירן פון פּאַריז; די רעגירונגס=מאַכט איבערגעבן צייטווייליק די דעלעגאַטן פון די גרויסע שטעט, וואָס דאַרפן צונויפרופן אַ גרינדונגס=פאַרזאַמלונג; קעגנזייטיקע אַמנעסטיע. — אַזאַ אולטימאַטום קען ארויסשטעלן בלויז אַ זיגער. די דאָזיקע נאַיִווע חלומות זיינען וואו=ניט=וואו צעקלעפּט געוואָרן אויף די מויערן און האָבן אריינגעטראָגן אַ נייעם תּוהו=ובוהו אין דער פאַרטיידיקונג.

פון צייט צו צייט דערהערט זיך פונם פּלאַץ אַ הויך געשריי. אנטקעגנאיבער דער באַריקאַדע אויף דער וויקטאָריע=אַוועניו דערשיסט מען אַ שפּיאָן. אַ טייל פון זיי האָבן געוואַגט אריינצודרינגען אין די רעכטע טיפענישן פון די אַנשטאַלטן פון דער קאָמונע. אַזוי למשל, קומט אינאַוונט אינם קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלעכער רעטונג, וואָס האָט געשיקט בערזשערען אַ מונדלעכע ערלויבעניש אונטערצוציגדן טוילרי, אַ פּאַרשוין מיט אַ פאָדערונג, אַז דער באַפעל זאָל באַשטעטיקט ווערן שריפטלעך. אינמיטן דערינען קומט אריין בערזשערע. „ווער האָט אייך געשיקט?" — פרעגט ער דעם פּאַרשוין. — „בערזשערע". — „וואו האָט איר אים געזען?" — „דאָ ניט ווייט, איך האָב זיך נאַר=וואָס מיט אים געטראָפן".

ביינאַכט, צוויי אַ זייגער, קומט ראַול ריגאָ אָן שום פּול=

מאַכטן און אַן אַ באַראַטונג מיט זיינע חברים אין דער סען=פּעלאַזש= תּפיסה, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן דורך ראַנוויעס אַ ברודער, אַ מענטש מיט אַ פיבערהאַפטן עקזאַלטירונגס=כאַראַקטער, וואָס האָט זיך צוּמאָרגנס אויפגעהאַנגען. ראַוּל ריגאָ פאַררופט זיך כלומרשט אויף עפּעס אַ פּאַרשריפט, הייסט זיך ברענגען שאַדייען און זאָגט אים, אַז מען וועט אים תּיכּף שיסן. שאַדיי האָט ניט געוואָלט גלויבן און אָנגעוויזן אויף זיין רעפּובליקאַנישער און סאָציאַליסטי= שער פאַרגאַנגענהייט. ריגאָ האָט אים פאָרגעוואָרפן דאָס דערשיסן דעם 22טן יאַנואַר. שאַדיי האָט געשוואָרן, אַז ער איז דערינען ניט שולדיק, הגם ער איז אין דער צייט געווען די איינציקע איינפלוסרייכע פּערזאָן אינם שטאָטראַט. אַלע זיינע פּראָטעסטן זיינען ניט בכּוח געווען צו ענדערן ריגאָס לאַנג=פאַרטראַכטן באַ= שלוס, מחמת ער האָט ניט געקענט פאַרגעסן זיין פריינד סאַפּיאַ, וואָס איז לעבן אים געפאַלן אַ טויטער. מען האָט שאַדייען אַרויס= געפירט אויף אַן אַרומיקן וועג און דערשאָסן צוזאַמען מיט דריי זשאַנדאַרמען, וואָס זיינען געכאַפּט געוואָרן דעם 18טן מערץ. נאָכן 31טן אָקטאָבער האָט ער געזאָגט פערען און די אָנהענגער פון דער קאָמונע, וואָס האָבן געפאָדערט, אַז לויזע מישעל מיט אירע חברים זאָלן באַפרייט ווערן: „די שטאַרקערע פון אייך וועלן דערשיסן די לעצטע”. איז אין זיין טויט ניט מקוים געוואָרן אַמאָל די דאָזיקע נביאות?

ניין־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל

„אונזערע מוטיקע זעלנער האָבן זיך אַזוי אויפגעפירט, אַז זיי האָבן געוואונען די גרעסטע אַכטונג און די גרעסטע באַוואונדערונג בײַ די אויסלענדער".

(טיערס רעדע אין דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג דעם 24טן מאַי 1871).

די סאָציאַלע מניעות זיינען ערליידיקט אָדער זיי געפינען זיך אויפן וועג צו ווערן ערליידיקט).

(די צייטונג „לע סיעקל", דעם 21טן מאַי 1871).

מיטוואָך דעם 24טן מאַי — די קאָמונע־מיטגלידער רוימען אָפּ דעם שטאָטראַט. — דער פּאַנטעאָן איז גענומען. — די ווערסאַלער לייט דערשיסן מאַסנווייז די פּאַריזער איינוואוינער. — די פעדעראַליסטן דערשיסן די ערבות־לייט. — אַ נאַכט־קאַנאָנאַדע.

די פאַרטיידיקער פון די באַריקאַדעס האָבן שוין ניט געהאַט מער קיין הילף, ניט קיין לעבנסמיטל, זיינען געבליבן אָן פּראָוויאַנט און זיינען אינגאַנצן געווען אָנגעוויזן אויף די מיטלען, וואָס מען האָט געקענט אַרויסבאַקומען פון די איינוואוינער פון די אַנטשפּרעכנדיקע קוואַרטאַלן. אַ סך פון זיי, אינגאַנצן אויסגעמאַטערטע, לאָזן זיך זוכן עפּעס עסנוואַרג. ווען זיי קערן זיך ניט אום, פאַלן זייערע חברים אַריין אין יאוש, — די קאָמאַנדירן פון די באַריקאַדעס באַמיען זיך זיי אָפּצוהאַלטן.

ניין אַ זייגער אינאָוונט האָט בריונעל באַקומען אַ באַפעל צו עוואַקוירן די ראָיאַל־גאַס. דאָך האַלט ער נאָך ווייטער זיינע

פּאָזיציעס. האַלב נאַכט שיקט דער קאָמיטעט פון געזעלשאַפט־לעכער רעטונג ווידער אַ באַפעל, אַז ער זאָל אָפּטרעטן. ער איז געצוואונגען צו פאַרלאָזן די פּאָזיציע, וואָס ער האָט אַזוי גלענצנד געגען פאַרטיידיקט אין משך פון צוויי טעג. בריונעל עוואַקויִרט תחילת די פאַרוואונדעטע, שפּעטער די האַרמאַטן אויף דער סען־פלאָרענטען־גאַס. די פעדעראַליסטן טרעטן אָפּ; אויף דער קאַסטי־ליאָן־גאַס פאַלן זיי אַרונטער אונטער שאָסן.

די ווערסאַלער לייט האָבן נאָכן פאַרכאַפּן די שלום־גאַס און נעוו־דע־קאַפּוסין, זיך אַריינגעריסן אויף דעם וואַנדאָמער פּלאַץ, וואָס איז איצט געווען אינגאַנצן פאַרלאָזן, און זיינען דורך דעם האָטעל די־רען אַרומגעגאַנגען די באַריקאַדע אויף דער קאַסטי־ליאָן־גאַס. בריונעלס פעדעראַליסטן גיבן אָפּ די ריוואָלי־גאַס, ברעכן אויס דעם פּאַרקאַן פונם טויִלרי־גאָרטן, לאָזן זיך לענג־אויס דער ברעגיקער גאַס און קומען צו ביזן שטאָטראַט. דער שונא האָט ניט געהאַט קיין העזה זיי נאָכצויאָגן און ערשט באַ־גינען האָט ער פאַרנומען דאָס מלחמה־מיניסטעריום, וואָס איז שוין לאַנג געווען פּוסט.

דעם איבעריקן טייל נאַכט האָבן די האַרמאַטן געשוויגן. אינם שטאָטראַט איז אָפּגעשטאָרבן די געוויינלעכע לעבהאַפטיקייט. די פעדעראַליסטן שלאָפן אויפן פּלאַץ; אין ביורא איילן די קאָ־מיטעט־מיטגלידער מיט די אָפיצירן אויסצונוצן די עטלעכע מינוט פון אָפּרו. דריי אַ זייגער קומט אַן אָפיציר פונם גענעראַל־שטאַב פון דער נאָטר־דאַם־דע־פּאַרי, וואָס איז פאַרנומען דורך אַן אָפּ־טיילונג פעדעראַליסטן, וועלכע האָבן געמאַכט אַ פייער פון די שטולן און בענק פון קלויסטער. ער זאָגט אָן דעם קאָמיטעט פון געזעל־שאַפטלעכער רעטונג, אַז דאָס פייער קען זיך לייכט פאַרשפּרייטן אויפן שפּיטאָל, אין וועלכן עס געפינען זיך אַכט הונדערט חולאים. דער קאָמיטעט הייסט עוואַקויִרן דעם קלויסטער, כדי ניט צו שטעלן זיי אין סכנה; אין משך פון די וויטערדיקע טעג איז קיין איין קויל פון די פעדעראַליסטן אויף דעם אָרט ניט געפאַלן.

פאַר די שטראַלן פון דער אויפגייענדיקער זון ווערט די שיין פון די שריפות בלאַסער. עס ווערט טאָג, אָבער די ליכטיקע

שיין ברענגט ניט מיט זיך קיין איין שטראל האפענונג אפילו פאר דער קאמונע. פאריז האט פארלארן זיין רעכטן פליגל, דער לינקער איז דורכגעריסן, קיין שום אנגריף איז ניט מעגלעך. עס שלאגט זיך שוין ניט מער, נאר שלאגט אפ בלויז די קלעפ, וואס שיטן זיך אויף אים.

שוין אינדערפרי הייבן די ווערסאלער לייט אן אן אנגריף אויף אלע פונקטן פון שונא, אויפן לוווער, אויף פאלע=ראיאל, אויף דער באנק, אפרעכענונגס=קאמער, אויפן מאנטאלאן=סקוועער, אויפן ארנאנא=בולוואר און אויף דער צפנדיקער באן=ליניע. פיר א זייגער הייבט מען אן באמבארדירן פאלע=ראיאל, ארום וועלכן די פעדעראליסטן הייבן אן צו שיסן פון ביקסן. ארום זיבן האבן זיי שוין פארנומען די באנק, דעם בערזע=פלאץ און לאזן זיך אראפ צו דער קירך פונם הייליקן עוסטאכוס, וואו דער ווידערשטאנד ווערט געפירט מיט גרויס ענערגיע. דא פארגרעסערן אויך די קינדער מיט זיך די צאל מלחמה=האלטער. בעת די פעדעראליסטן זיינען געוועזן ארומגערינגלט און צעקלאפט אויפן ארט, האבן די קינדער געהאט דעם כבוד צו טיילן דעם אלגעמיינעם גורל.

אויפן לינקן ברעג פארנעמט דאס חייל מיט שוועריקייט די ברעג=גאסן און דעם גאנצן טייל VIטן קרייז, וואס געפינט זיך בשכנות מיט דער סענע. אינם צענטער איז אין משך פון דער נאכט עוואקוירט געווארן די באריקאדע אויף קרוא=רוזש, פונקט ווי די באריקאדע אויף דער רען=גאס, וועלכע דרייסיק מאן האבן פארטיידיקט אין משך פון צוויי טעג. איצט באקומען די ווערסאלער לייט א צוטריט צו דער ד׳אסא=גאס און צו נאטר=דאם=דע=שאן. אויף עקסט רעכטן פליגל פארנעמט מען וואל=דע=גראס און מען מאכט אן אנגריף אויפן פאנטעאן.

אכט א זייגער האבן א מאן פופצן קאמונע=מיטגלידער, וואס זיינען זיך צונויפגעקומען אינם שטאטראט, באשלאסן אים צו עוואקוירן. בלויז צוויי האבן זיך ארויסגעזאגט קעגן. דער IIIטער קרייז, וואס איז געוועזן דורכגעשניטן מיט שמאלע, גוט באריקאדירטע גאסן, איז א גוטע שוץ פארן שטאטראט פונם פלאנג, בעת אן אנגריף פון פראנט און פון די ברעגיקע גאסן איז

לחלוטין אוממעגלעך. אפטרעטן ביי אזעלכע פארטיידיקונגס־תנאים,— הייסט ליופן, הייסט אפנעמען ביים קאמיטעט פון געזעלשאפט־לעכער רעטונג דאס ביסל השפעה, וואס ער פארמאגט נאך. אבער דער קאמיטעט ווייזט ארויס, פונקט ווי מיט צוויי טעג צוריק, א פולקומע פארווירונג. ער האט מורא פאר אלץ, מחמת ער איז ניט מסוגל קיין זאך לייטיש צו באטראכטן. דער קאמאנדיר פון פאלע־ראיאל האט שוין באקומען א באפעל צו עוואקוירן דעם בנין, נאכדעם, ווי ער וועט אים אונטערצינדן. ער פראטעסטירט, טענהט, אז ער קען זיך נאך האלטן. דער באפעל ווערט אויפ־דאסניי איבערגעחזרט. די מהומה איז אזוי גרויס, אז איין מיט־גליד לייגט פאר אפצוטרעטן אין בעלוויל. אין דעם שטעקט פונקט אזא שכל, ווי פארלייגן, אז מען זאל תיכף־ומיד אפגעבן שאטא־ד׳א און די באסטיליע־פלעצער. ווי דער שטיינער, גייט די צייט אוועק אויף פוסטע דיבורים. דער שעף פונם שטאטראט, וועלכן דאס פלוידערייי איז נמאס געווארן, שפאצירט אומגעדולדיק אהין און צוריק.

ארום צען א זייגער האט זיך באוויזן א פלאם אויף דעם וואך־טורעם. נאך איין שעה און דער שטאטראט וואלט פארוואנדלט געווארן אין א שייטערהויפן. דאס אלטע הויז, וואס איז געווען אן עדות פון אזוי פיל בגידות, דאס הויז, וואו דאס פאלק האט אזוי פיל מאל אוועקגעזעצט די דורך אים אויסדערוויילטע מאכט, וועלכע האבן עס שפעטער דערשאסן מיט קאנאנען, איז געפאלן צוזאמען מיט זיין באלעבאס. צום געוויש פון די פראנטאנען, וואס זיינען געפאלן, פון די וועלבונגען און קאמינען, צום געקלימ־פער און געקנאל פון דעם בנין, וואס איז געווארן איינגעלייגט, האבן זיך פאראייניקט די טרוקענע קלעפ פון דער הארמאטן־שיסעריי פון דער באריקאדע סען־זשען, וועלכע האט געהערשט אויף דער רי־ריוואלי.

דאס מלחמה־מיניסטעריום מיט אלע קאנצעלאריעס האבן זיך איבערגעטראגן פון דער ברעגיקער גאס אין דער מעריע פונם IXטן קרייז. דעלעקליוז האט פראטעסטירט קעגן דעם פארלאזן

דעם שטאטראט און האט פאראויסגעזען, אז דער צוריקטריט וועט מאכן א פיינלעכן רושם אויף די מורדים.

צומארגנס האט מען פארלאזן די מלוכה=דרוקעריי, אין וועלכער די אפיציעלע קאמונע=צייטונג איז דאס לעצטע מאל ארויס דעם 22טן. אלס סאלידער אפיציעלער ארגאן, האט דער נומער צייטונג לויט זיין אינהאלט פארשפעטיקט אויף א טאג. עס זיינען דארט געדרוקט געווען פראקלאמאציעס, וואס זיינען ארויס=געגעבן געווארן מיט צוויי טעג צוריק און א טייל איינצלהייטן פון דער שלאכט, וועלכע האבן געשטאמט ניט שפעטער, ווי פון דינסטאג אינדערפרי.

דאס אפגעבן דעם שטאטראט צעשפאלט די קאמונארן אויף צוויי טיילן און באשווערט נאך מער די פארקער=מניעות. די אפיצירן פונם גענעראל=שטאב — פארשטייט זיך, יענע, וואס זיינען נאך פארבליבן אויף דער וואך — קומען קוים=קוים צו צו זייער נייער קווארטיר. מען פארהאלט זיי אויף די באריקאדן און מען צווינגט זיי צו טראגן שטיינער פון ברוק. אויב זיי ווייזן די דעפעשן זייערע, פאררופן זיך אויף דעם, אז זייערע ענינים קענען ניט ווערן אפגעלייגט, ענטפערט מען זיי: „די זכיות פון די אויס=גענייטע מונדירן זיינען שוין איצט בטל". די אומצופרידנהייט, וואס זיי האבן שוין פון לאנג אן ארויסגערופן, פארשטארקט זיך נאך מער דעם פרימארגן. אויף דער סעזאן=גאס האט מען איין אפיציר פונם גענעראל=שטאב, גראף באפאר, דערקענט, אז ער האט עס מיט עטלעכע טעג צוריק געדראט די גווארדייער פונם 166טן באטאליאן. בעת מען האט אים פארהאלטן פאר א פרוּוו עובר צו זיין אויף א באפעל, וואס איז אפגעגעבן דער שמירה, האט באפאר געזאגט, אז ער וועט אפריינקן דעם באטאליאן. מיט א טאג פריער האט דער באטאליאן, וואס האט זיך געפונען ניט ווייט פון דער מאגדאלענע=קירך, פארלארן זעכציק מאן — און דאס האט מען צוגעשריבן אויפן חשבון פון באפארס פאראָרדע=נונגען. מען האט אים ארעסטירט, אפגעפירט אינם מיליטערישן געריכט, וואס האט זיך געפונען ניט ווייט פון דער מעריע, אין איינעם פון די געוועלבער פונם וואלטער=בולוואר, — און דא האט

ער מיט ראיות דערוויזן, אַז ער איז אין קיין זאַך ניט שולדיק. דאָך האָבן די ריכטער געפּסקנט, אַז ער דאַרף זיך אומקערן אין באַטאַליאָן אַלס פּשוטער גוואַרדייער. אַ טייל פון די קאָמאַנדירן, וואָס געפינען זיך דאָ, מאַכן אים תיכף צוריק פאַר קאַפּיטאַן. ער גייט אַרויס מיט גרויס טריומף. דער המון, וואָס ווייס ניט וועגן די ערקלערונגען, וועלכע ער האָט געגעבן, מורמלט, בעת ער דערזעט אים ווידער אויף דער פריי; איין גוואַרדייער וואַרפט זיך אויף אים. באָפּאָר איז געווען אומפּאַרזיכטיק און האָט זיך געכאַפּט פאַרן רעוואָלווער. מען האָט אים תיכף געכאַפּט און ווידער אַריינגעשטופּט אינם געוועלב אַריין. דער שעף פונם גענעראַל-שטאַב אַנטשליסט זיך ניט צו קומען זיין אָפּיציר צו הילף. עס קומט אים צו הילף דעלעקליוז; ער פּרובירט איבערצייגן, אַז מען דאַרף אָפּלייגן דעם פּראָצעס, שווערט, אַז מען וועט באָפּאָרן משפּטן. דער המון וויל קיין זאַך ניט הערן. מען מוז מסכּים זיין, כּדי ס'זאָל ניט קומען צו קיין שרעקלעכן צוזאַמענשטויס. מען נעמט באָפּאָרן, מען פירט אים אַוועק אויפן פּלעצל הינטער דער מעריע און מען דערשיסט.

צוויי טריט פון דאַנען, אויפן בית-הקברות פּער-לאַשעז גיט גיט מען אָפּ דעם לעצטן כּבוד דאָמבראָווסקיס טויטן קערפּער. מען האָט אים אהער געבראַכט ביינאַכט, דערביי האָט אויפן באַסטיליע-פּלאַץ זיך אָפּגעשפּילט אַ רירנדיקע סצענע. די פעדעראַליסטן, וואָס האָבן זיך געפונען אויף זייערע באַריקאַדעס, האָבן אָפּגעשטעלט די פּראָצעסיע און האָבן אַוועקגעלייגט דעם בר-מינן צופוסנס ביי דעם יוני-זייל. מענטשן מיט פאַקעלן אין די הענט האָבן געבילדעט אַרום אים אַ מין פייערדיקע קאַפּעלע און די פעדעראַליסטן האָבן איינס נאָך דאָס אַנדערע געגעזעגנט צו אים, כּדי צו פאַראייביקן אויף זיין שטערן דעם לעצטן קוש. אין דער זעלבער צייט האָבן די פּויקן אויסגעפּויקט דעם מלחמה-מאַרש. דערנאָך האָט מען דעם קערפּער, וואָס איז געווען איינגעהילט אין אַ רויטער פאָן, מקבר געווען. ווערמאָרעל, דעם גענעראַלס ברודער, די אָפּיצירן און צוויי הונדערט גוואַרדייער שטייען אַרום מיט אַנטבלויזטע קעפּ. „אָט איז ער", — האָט אַ געשריי געטאָן

וורמאָרעל, — „דער, וועלכן מען האָט באַשולדיקט אין בגידה! ער האָט איינער פון די ערשטע אָפּגעגעבן זיין לעבן פאַר דער קאָמונע. און מיר, וואָס טוען מיר אָנשטאָט נאָכצוטאָן אים?" ווייטער מוסרט ער פאַר דעם פּחדנות און די בהלה, וואָס האָבן באַהערשט די פעדעראַליסטן. זיין רעדע, וואָס פלעגט געוויינטלעך זיך פאַרהאַלטן, האָט זיך איצט, אונטערן איינפלוס פון דער ליידנ-שאַפט, וועלכע האָט אים באַהערשט, זיך געגאָסן, ווי אַ שטראָם צעלאָזענער מעטאַל. „לאָמיר שווערן, אַז מיר וועלן דאָס אָרט פאַרלאָזן בלויז, כּדי צו שטאַרבן!" דאָס איז געווען זיין לעצט וואָרט. און ער האָט עס געהאַלטן. צוויי טריט פון אים האָבן די האַרמאַטן, פון צייט צו צייט, פאַרטויבט זיין שטים דורך זייער קנאַלן. צווישן די אָנוועזנדיקע האָבן גאָר ווייניק זיך געקענט איינ-האַלטן פון וויינען.

גליקלעך זיינען יענע, וועמען דער גורל באַשענקט מיט אַזאַ לוויה; גליקלעך זיינען יענע, וואָס וועלן ווערן באַערדיקט אינמיטן שלאַכט ביי סאַלוט-שאָסן פון זייערע האַרמאַטן, באַוויינטע דורך זייערע פריינד.

אין דערזעלבער צייט איז דערשאָסן געוואָרן וועסע, די וורסאַלער-לייטס אגענט, וואָס האָט זיך גערימט, אַז ער האָט אונטערגעקויפט דאָמבראָווסקין.

אַרום מיטאָגצייט האָבן די ווערסאַלער לייט פאַרשטאַרקט די ענערגיע פון זייער אָנדראַנג אויפן לינקן ברעג און האָבן פאַר-נומען די קונסט-שול, דעם אינסטיטוט און די מינצערייַ. פערע האָט מורא געהאַט, ער זאָל ניט אַרומגערינגלט ווערן אויפן נאָטר-דאַם-אינזל, — האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו עוואַקויִרן די די פּאָליציי-פּרעפעקטור און זי צו צעשטערן. פאַר דעם האָט מען אַרויסגעלאָזט אויף דער פריי 450 אַרעסטאַנטן, וואָס זיינען באַ-שולדיקט געווען אין קליינע פאַרברעכנס. מען האָט איבערגעלאָזט בלויז איין אַרעסטאַנט וואַסע, וועלכן גיטצינגערס אידעען-חברים האָבן מיט אַ טאָג פריער געהאַט אַרויסגעגעבן. מען האָט אים דער-שאָסן אויף פּאָן-נעף, פאַר הייגריך דעם IVטנס סטאַטוע. פאַרן

טויט האָט ער ארויסגעזאָגט אָט־אָ־די מאָדנע פראזע: — „פאר מיין טויט וועט איר טראָגן די אחריות פאַרן גראף פאַבריס״ *.
די ווערסאַלער ליים האָבן קיין אכט ניט געלייגט אויף דער פּרעפּעקטור און האָבן זיך געלאָזן צו דער טאראַן־גאַס און אַלע אנדערע, וואָס געפינען זיך מיט איר בשכנות. ארום צוויי א זייגער האָט מען זיי אָפּגעשטעלט אויפן אַבאַנטום־פּלאַץ דורך א באַרי־קאַדע, וועלכע די אַרטיקע רעאקציאָנערן האָבן זיי געהאָלפן ארומ־גיין. אַכצן פעדעראַליסטן האָט מען דערשאָסן. רעכטס איז דאָס מיליטער אריינגעדרונגען אויפן פּלאַץ סען־סיולפּיס, וואו עס האָט פארנומען די מעריע פונם VIטן קרייז. פון דאַנען זיינען זיי טייל־ווייז אַוועק אויף דער סען־סיולפּיס־גאַס, טיילווייז אויף דער וואָ־זשיראַר־גאַס און אינם לוקסעמבורגער גאָרטן. נאָך צוויי שעה שלאַכט זיינען די פעדעראַליסטן אויף דער וואווען־גאַס אָפּגעטראָטן, נאָכדעם ווי זיי האָבן אויפגעריסן דעם פּולווער־סקלאַד אינם לוקסעמבורגער גאָרטן. די אויפטרייסלונג האָט איבער אויף א רגע די שלאַכט. דער פּלאַץ פארטיידיקט זיך ניט. עטלעכע זעלנער שניידן דורך דעם גאָרטן, ברעכן די פּאַרקאַנעס, וואָס גייען ארויס אויף דער סופלאָ־גאַס, שניידן דורך דעם בולוואַר און פארנעמען די ערשטע באַריקאַדע אויף דער גאַס.
דריי באַריקאַדעס שטייען פארן פּאַנטעאָן. די ערשטע ביים אריינגאַנג אויף דער סופלאָ־גאַס; זי איז נאָר־וואָס גענומען געוואָרן. די צווייטע — אינדערמיטן; די דריטע גייט פון דער מעריע פונם Vטן קרייז ביז דער יורידישער שול. וואַרלען און ליסבאָן, וואָס זיינען קוים ניצול געוואָרן פון טויט אויף קרואַ־רוזש און וואווען־גאַס, גייען ווידער אַנטקעגן דעם שונא. צום אומגליק, ווילן די פעדעראַליסטן ניט האָרכן זייערע קאָמאַנדירן, האַלטן זיך פארעקשנט ביי דעפענזיווע, אָנשטאָט אָנצופאַלן אויף דעם הייפל זעלנער, וואָס האָט געוואַגט זיך צו ווייזן ביים אריינגאַנג אויף דער סופלאָ־גאַס, — און דאָס גיט א מעגלעכקייט די זעלנער זיך צו דער־נענטערן.

---

* קאָמאַנדיר פונם דייטשן מיליטער.

די הויפּט־מאַסע פון די ווערסאַלער לייט קומט צו צום בולוואַר סען־מישעל פון די זייטן פון ראַסין־גאַס און דער מעדי־ציניִשער שול, וואָס זיינען געשיצט דורך פרויען. אויף דער סען־מישעל־בריק ווערט די שיסעריי איבערגעריסן, צוליב מאַנגל אין אַמוניציע; איצט האָבן די זעלנער באַקומען אַ מעגלעכקייט מאַסנ־וויז איבערצושניידן דעם בולוואַר און צוצוקומען צום מאָבער־פּלאַץ. רעכטס טרעטן זיי ווידער אַריין אין דער מופּעטאַר־גאַס. פיר אַ זייגער איז דער באַרג פון דער הייליקער זשענעוויעווע כמעט איינגאַנצן פאַרלאָזן דורך די פעדעראַליסטן, — און ווערט דעריבער פון אַלע זייטן פאַרנומען. דאָס ביסל פאַרטיידיקער זיינע צעשיט זיך. דער פּאַנטעאָן איז געפאַלן, פּונקט ווי מאָנמאַרטר, כמעט אָן אַ שלאַכט. ווי אויפן מאָנמאַרטר, האָבן זיך אויך דאָ תיכּף אָנגעהויבן דערשיסונגען. פערציק געפאַנגענע ווערן דערשאָסן איינס נאָך דאָס אַנדערע לויטן באַפעל פונם פאָלקאָווניק און אין זיין קעגנוואַרט.

דאָ איז אויך געטויט געוואָרן ראַול ריגאָ. ער האָט ניט נאָר זיך ניט באַמיט צו באַהאַלטן, ווי עס האָבן געטאָן אַ סך פון זיינע חברים, זינט דאָס חייל איז אַריין, נאָר האָט, אַנשטאָט זיינע ציווילע מלבושים, זיך אָנגעטאָן אין אָפיצירישע קליידער. בעת זיין קוואַרטאַל איז געוואָרן אַרומגערינגלט און גענומען, איז אים גע־בליבן זוכן בלויז אַ מקום־מקלט. די זעלנער האָבן דערזען, אַז אַ פעדעראַליסטישער אָפיציר קלאַפּט אין אַ הויז אויף דער קוי־לוסאַק גאַס, האָבן זיי גענומען שיסן אויף אים, אָבער ניט גע־טראָפן. די טיר האָט זיך געעפנט און ריגאָ איז אַריין אינעווייניק. די זעלנער האָבן אונטער דער אָנפירונג פון אַ סערזשאַנט אים נאָכגעיאָגט, געכאַפּט דעם באַלעבאָס, וועלכן עס האָט זיך איינגע־געבן צו לעגיטימירן, — און זיך גענומען זוכן ריגאָן. דער לעצ־טער איז אַרויס און אויסגעשריען צו די זעלנער: „וואָס דאַרפט איר? זאָל לעבן די קאָמונע!״ דער סערזשאַנט האָט אים געהייסן צושלעפן צו דער וואַנט און שיסן. דעם קערפּער האָט מען צוגע־דעקט מיטן מאַנטל. אין דער זעלבער צייט איז צוגעגאַנגען דער גע־הילף־לייטענאַנט נאַפּאָלעאָן נעי און דערקענט ריגאָן, וואָס איז געווען זיינס אַ קאָלעזש־חבר. ס'איז שוין געווען אָבער צו שפּעט, אים

איז בלויז געבליבן צו מאַכן דעם סערזשאַנט אַ פּאַרוואורף פאַר זיין ווילקירלעכן דערשיסן אים.

אין דער מעריע פונם XIטן קרייז איז דאָס אָפּגעבן דעם פּאַנטעאָן, וועלכער האָט אַזוי פאַרצווייפלט זיך פאַרטיידיקט אין יוני 1848, אָנגערופן געוואָרן בגידה. וואָס־זשע האָבן אָבער געטאָן דאָס מלחמה־מיניסטעריום מיטן קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלעכער רעטונג, אַז די דאָזיקע וויכטיקע פּאָזיציע זאָל ווערן באַשיצט? גאָרניט. אין דער מעריע, פונקט ווי אין שטאָטראַט, האָט מען זיך פאַר־נומען בלויז מיט חקירה.

דער XIטער קרייז האָט אָנגעהויבן ווערן אַ מקום־מקלט פאַר באַטאַליאָנען־שפּליטערס פון אַנדערע קרייזן. צעזעצט אָדער צעלייגט אינם שאָטן פון די באַריקאַדעס, האָבן זיך מענטשן איינם דאָס אַנדערע אָנדערצײלט וועגן די שלאַכטן און מוראדיקע זאַכן, וואָס זיי איז אויסגעקומען איבערצולעבן; קיין שום פאַראָרדענונגען האָט מען זיי ניט אַרויסגעגעבן. דאָך האָבן צוויי אַ זייגער די קאָמונע־מיטגלידער, דער צענטראַל־קאָמיטעט, די העכערע אָפיצירן און די קאָמאַנדירן זיך צונויפגעזאַמלט אינם ביבליאָטעק־זאַל. עס איז געוואָרן אַ טויטע שטילקייט, בעת דעלעקליוז האָט אָנגעהויבן צו ריידן, מחמת דער קלענסטער פּיפּס וואָלט פאַרטויבט זיין שטים, וואָס מען האָט קוים־קוים געהערט. ער האָט געזאָגט, אַז ס׳איז נאָך ניט אַלץ פאַרלאָרן, אַז מען דאַרף פּרוּוון מאַכן אַן ענערגישע אָנשטרענגונג, אַז מען דאַרף זיך האַלטן ביז דער לעצ־טער מעגלעכקייט. עס רייסן אים איבער אַפּלאָדיסמענטן. „איך לייג פאָר", — זאָגט ער, — „אַז די מיטגלידער פון דער קאָמונע זאָלן זיך אָנטאָן זייערע גאַרטלען, אַרוים אויפן וואָלער־בולוואַר און מאַכן אַן אינספּעקציע פון די באַטאַליאָנען, וואָס מען קען נאָך צונויפזאַמלען. מיר וועלן זיך דערנאָך שטעלן בראש פון זיי און וועלן זיך אַ לאָז טאָן צו די פּאָזיציעס, וועלכע ס׳איז נאָך דאָ אַ האָפענונג, אַז מען קען זיי מציל זיין פונם שונא".

די דאָזיקע אידעע האָט פאַרכאַפּט אַלע אָנוועזנדיקע. זינט דער זיצונג, אויף וועלכער דעלעקליוז האָט געזאָגט, אַז אַ טייל פאַרשטייער פונם פאָלק וועלן מסוגל זיין צו שטאַרבן אויף זייער

וואך, האט קיין איין רעדע זיינע ניט געמאכט אזא רושם אויף די צוהערער. קלאנגען פון ביקסן־שיסעריי, פון הארמאטן־קנאלן אויף פער־לאשעז, דאס גערויש פון די באטאליאנען, וואס רינגלען ארום דעם שטאטראט, רייסן זיך אריין פון צייט צו צייט אין זאל אריין. גיט א קוק אויף דעם זקן, וואס איז געבליבן שטאנדהאפ־טיק, בעת אלע זיינען געלאפן, מיט זיינע פינקלדיקע אויגן, מיט דער אויפגעהויבענער רעכטער האנט, וואס ווארפט אן ארויסרוף דעם בייזן גורל; גיט א קוק אויף די דאזיקע באוואפנטע לייט, וואס האבן נאך ניט באוויזן זיך אפצוקילן פון דער שלאכט, הערן זיך צו מיט א פארכאפטן אטעם צו זיין שטים, וועלכע מאכט אן איינדרוק, ווי זי וואלט זיך פון קבר ארויס הערן; ס'איז ניט געווען קיין טראגישערע סצענע צווישן די פילצאליקע טראגעדיעס פון דעם טאג.

איין פארשלאג קומט נאכן צווייטן. אויפן טיש שטייט אפן א גרויסער קאסטן דינאמיט. איין אומפארזיכטיקע בארירונג, — און די מעריע קען ארויפפליען אין דער לופטן. מען לייגט פאר חרוב צו מאכן די בריקן, אונטערמינירן די קאנאלן. צו וואס די אלע קלינגענדיקע ווערטער! עס פילט זיך א מאנגל אין גאר עפעס אנדערש. וואו איז דער קאמאנדיר פון די אינזשענערישע אפטיי־לונגען, וואס קען, ווי ער האט זיך אליין אויסגעדריקט, מיט איין באוועגונג עפענען די תהומען? ער איז נעלם געווארן. — ס'איז אויך נעלם געווארן דער שעף פונם גענעראל־שטאב פונם מלחמה־מיניסטעריום. נאך באפארס טויט האט ער דערפילט, אז עס האט א בלאז געטאן אן אומגינסטיקער ווינט פאר זיינע אקסלבענדער. מען הייבט ווייטער אן דרשענען אן א סוף און אן עק. דער צענ־טראל־קאמיטעט איז מסכים זיך אונטערצווווארפן דעם קאמיטעט פון געזעלשאפטלעכער רעטונג. משמעות, אלע זיינען סוף־כל־סוף מסכים, אז דער לעגיאנען־קאמאנדיר דארף צונויפזאמלען אלע פעדעראליסטן, וואס זיינען זיך צעלאפן אינם XIטן קרייז אריין. עס שיינט אויף די האפענונג, אז די אפטיילונגען, וועגן וועלכע דעלעקליוז האט גערעדט, זאלן ווערן צוריקגעשטעלט.

דער דעלעגאט באטראכט די באפעסטיקונגען. לייטישע הכנות

זיינען געמאַכט געוואָרן אויפן באַסטיליע־פּלאַץ. די סענט־אַנטואַן־גאַס איז ביים שליסן זיך מיטן פּלאַץ פאַרצוימט דורך אַ באַריקאַדע, וואָס ווערט געשיצט פון דריי אַרטילערישע האַרמאַטן. אַ צווייטע באַריקאַדע דעקט די שאַרענטאָן־גאַס און ראָקעט. דאָך זיינען דאָ די פליגלען אויך ניט באַוואָרנט. די קוילן און קאַנאָנען ליגן כּסדר לענגאויס די הייזער, וואָס זיינען אָפן פאַר דעם שונאס האַרמאַטן. מיט דער גרעסטער שנעלקייט ווערן פאַרצוימט דורך באַריקאַדן אַלע צוגענג צום IXטן קרייז. אויפן ראָג וואָלטער־בולוואַר און רישאַר־לענואַר איז אויפגעשטעלט אַ באַריקאַדע פון פעסער, פון ברוק־שטיינער און גרויסע באַלן פּאַפּיר. דאָס דאָזיקע געביי, וואָס איז אומצוטריטלעך פונם פראָנט, קען אָבער לייכט ווערן אומגעגאַנגען. פאָראויס, ביים אַריינגאַנג אויפן וואָלטער־בולוואַר, אויפן פּלאַץ שאַטאָ־ד'אָ איז אויסגעבויט אַ מויער פון קיזלשטיינער אָנדערטהאַלבן מעטער די הייך. הינטער דער נישטי־קער באַפעסטיקונג, וואָס ווערט געשיצט בסך־הכּל דורך צוויי האַרמאַטן, האָבן די פעדעראַליסטן אין משך פון 24 שעה פאַר־האַלטן די אָפּטיילונגען פון די ווערסאַלער לייט, וואָס האָבן גע־מאַכט אַן אָנגריף פון שאַטאָ־ד'אָ. רעכטס זיינען די אונטערשטע טייל גאַסן אָבערקאַמף, אַנגולעם, די גאַסן פון דער פאָרשטאָט טאַמפּל, ווי אויך די גאַסן פאָנטען־אָ־רואַ און די אַוועניו אַמאַדיע גוט באַוואָרנט. ווייטער, אינם Xטן קרייז, געפינען מיר בריונעלן, וואָס איז צו דער צייט צוהערגעקומען פון דער ראַיאַל־גאַס און ווי וואָרלען געגאַרט זיך צו שטעלן פּנים אל פּנים מיט נייע סכּנות. אַ גרויסע באַריקאַדע שליסט אָפּ די גאַסן־קרייצונגען פונם סע־וואַסטאָפּאָלער בולוואַר און דעם מאַזשענטאַ־בולוואַר; די שאַטאָ־ד'אָ־גאַס איז אויך באַריקאַדירט; די באַרצוימונגען ביי די טויערן סען־דעני און סען־מאַרטען, הינטער וועלכע די פעדעראַליסטן האָבן געאַרבעט טעג און נעכט, ווערן געשיצט אויסשליסלעך דורך ביקסן־בייער.

ארום איינס געלינגט די ווערסאַלער לייט צו פאַרנעמען דעם צפונדיקן וואָקזאַל, דורך אַרומגיין די סטעפענסאָן־גאַס און די באַריקאַדעס אויף דער דענקערק־גאַס. די שטראַסבורגער באַן־

ליניע, די צווייטע פארטיידיקונגס־ליניע פון דער ווילעט־פארשטאט, האלט אוים זייער אנדראנג און ברענגט אריין א שרעקלעכן באם אין זייערע רייען. אויף די הייכן שאמאן האט ראנוויע, וועלכער פירט אן מיט דער פארטיידיקונג פון די דאזיקע קווארטאלן, אוועקגעשטעלט דריי צוועלפפונטיקע הויביצעס, צוויי זיבנפונטיקע הארמאטן לעבן דער סיבילע־קירך און צוויי זיבנפונטיקע אויפן אונטערשטן בערגל. פינף הארמאטן זיינען אנגעשטעלט אויף דער פיעבל־גאס און שיצן די ראטאנדע. אויף דער הויך קאריער־ד'אמעריק זיינען אוועקגעשטעלט צוויי באטארייען פון דריי הארמאטן. די הארמאטן פון פער־לאשעז באשיסן די קווארטאלן, וואס דער שונא האט פארנומען, זיי שטיצן אונטער די הארמאטן פון גרויסן קאליבר, וואס זיינען אוועקגעשטעלט אויפן 24טן באסטיאן.

אינם נייעטן קרייז קאכט כסדר פון דער ביקסן־שיסעריי. די פעדעראליסטן פארלירן א באדייטנדיק שטיק פלאץ אויף דער פואסאניער־פארשטאט. פון דער צווייטער זייט, ווידער, קענען די ווערסאלער לייט, ניט געקוקט אויף זייערע ערפאלגן אויפן מארק, ניט נעמען דעם 14טן קרייז, וואס איז ארומגערינגלט דורכן סעוואסטאפאלער בולוואר און דורך דער טורביגא־גאס. דער צווייטער קרייז, וואס איז שוין דריי פערטל פארנומען, פארטיידיקט זיך נאך אלץ אויף די ברעגעס סענע ביי פאן־נעף. די באריקאדעס אויף דער וויקטאריא־אוועניו און אויף דער קעי־זשעוור האבן זיך געהאלטן ביז אין דער נאכט אריין. די שאנצן זיינען געלאזן פוסט. דער שונא פארכאפט זיי און שטעלט דארט ווידער אריין הארמאטן.

בלויז אויף ביט־א־קאיל האט די פארטיידיקונג ערפאלג. אדאנק זוראבלעווסקים ענערגיע גייען די פארטיידיקער אריבער אין אנגריף. אין משך פון דער נאכט האבן די ווערסאלער לייט פעסטגעשטעלט זייערע פאזיציעס און תיכף באגינען זיך געווארפן אין אטאקע. די פעדעראליסטן האבן ניט געווארט און זיך געלאזט אנטקעגן. פיר מאל האט מען די ווערסאלער לייט אפגעווארפן; פיר מאל האבן זיי באנייט דעם אנפאל און פיר מאל זיינען זיי

אָפּגעטרעטן און די זעלנער, וואָס זיינען געוואָרן אַנטמוטיקט, האָבן אויפגעהערט צו האָרכן די אָפיצירן.

אויב ווילעט און ביט=אַ=קאַיל, צוויי עקסטע פּונקטן, האַלטן אויס מיט ערפאָלג דעם אָנדראַנג, — סאַר אַ תל איז אָבער געמאַכט געוואָרן אויף דער גאַנצער איבערגעבליבענער ליניע פון גאַנץ פּאַריז, וואָס האָט זיך געפונען אין די הענט פון די פעדעראַליסטן, זיינען איצט פאַרבליבן ביי זיי בלויז דער XI, XII, XIX, XX קרייז און ביי אַנדערע טיילן פון III, V און XIII קרייז.

אין דעם טאָג גרוילט ממש פון די הריגות און אין משך פון עטלעכע שעה זיינען זיי לויט דער צאָל שוין געוועזן גרעסער, ווי די קרבנות פון דער באַרטאָלאָמיי=נאַכט. ביז איצט האָט מען דערהרגעט בלויז פעדעראַליסטן אָדער אַזעלכע, אויף וועמען עס האָבן אָנגעוויזן מוסרים; איצט הרגעט מען יעדן איינעם, וואָס קומט אויף די אויגן פון אַ זעלנער; די רעוויזיעס פון די הייזער ווערן באַגלייט מיט פולקומע פּאָגראָמען. „דאָס זיינען שוין ניט מער קיין זעלנער, וואָס פירן אויס זייער חוב", — האָט געשריען מיט שרעק „פראַנקרייך", דאָס זיינען ברואים, אין וועלכע עס האָט אויפגעוואַכט אַ אינסטינקט פון אַ טיגער. ס'איז אַ סכנה אַרויסצוגיין פון דער היים נאָך עסנוואַרג, מחמת מען קען דערהרגעט ווערן. די ווערסאַלער לייט הרגענען צו אויף טויט מיט די קאָלבעס די פאַרוואונדעטע, באַזוכן די מתים — מאַכן „די לעצטע רעוויזיע", ווי די אויסלענדער האָבן זיך איראָניש אויסגעדריקט. אין דעם זעלבן טאָג האָט טיער געדרשנט אין דער נאַציאָנאַל = פאַרזאַמלונג: „אונזערע מוטיקע זעלנער האָבן דורך זייער אויפפירונג געוואונען די גרעסטע אַכטונג און די גרעסטע באַוואונדערונג מצד די אויסלענדער".

אַחוצדעם האָט מען אויסגעטראַכט די באַרימטע לעגענדע וועגן די „פּעטראָלעום=גיסערינס", אַ לעגענדע, וואָס די פרעסע האָט צעבלאָזן און האָט אָפּגעקאָסט הונדערטער לעבנס פון אומגליקלעכע פרויען. מען האָט פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז עפּעס מכשפות וואַרפן אין די קעלערס פון די הייזער כלים מיט ברענענדיקן נאַפט. יעדע אָרעם=געקליידעטע פרוי, וואָס איז געגאַנגען

מיט אַ קריגל מילך, מיט אַ פלעשל אָדער אַ לײדיקער פלאַש, האָט געהײסן אַ פעטראָלעום־גיסערין. מען פלעגט זי כאַפּן אויף אַ געמײנעם אופן, צושלעפן צו אַ מויער און לייגן טויט מיט אַ רעוואָלווער־שאָס.

די אַלע, װעמען עס האָט זיך אײנגעגעבן ניצול צו װערן פון די קװאַרטאַלן, װאָס די װערסאַלער לײט האָבן פאַרנומען, דערצײלן זיך אָן װעגן די שחיטות אין דער מעריע פונם XIטן קרײז. דאָ הערשט דער זעלבער תוהו־ובוהו און די זעלבע מהומה, װאָס פריער אינם שטאָטראַט, אָבער אויף אַ קלענערן שטח און אַ נאָך מער סכנותדיקע. די ענגע הויפן זײנען געפּאַקט. אויף יעדן טרעפּ פון די הויפּט־שטיגן זיצן פרויען און גרײטן צו זעק פאַר די באַריקאַדעס. די קאָמיסיע פון „געזעלשאַפטלעכער זיכערהייט" געפינט זיך אינם זאַל, װאָס איז באַשטימט אויף שליסן חתונה־אַקטן; פערע באַקוקט דאָ מיט דער הילף פון צװײ סעקרעטאַרן די דורכגאַנגס־שײנען, פרעגט אויס די לײט, װאָס מען איז חושד אין שפּיאָנאַזש, — און גיט אַרויס פאַראָרדענונגען מיט אַ רויִקער שטים.

זיבן אַ זײגער האָט אַ רוישיקער עולם זיך צונויפגעזאַמלט פאַר דער ראָקעט־תּפיסה, װאוהין מען האָט מיט אַ טאָג פריער געבראַכט צו פירן 300 אַרעסטאַנטן, װעלכע זײנען ביז דער צייט געזעסן אין מאַזאַס. דאָ זײנען געװען עטלעכע זשאַנדאַרמען און פּאָליצײ־לײט, װאָס זײנען דעם 18טן מערץ גענומען געװאָרן און זײנען מיט אַ װאָך צוריק איבערגעגעבן געװאָרן דעם געריכט פון דער באַשולדיקונגס־קאַמער, װעלכע איז געגרינדעט געװאָרן אויפן סמך פונם דעקרעט פון 5טן אַפּריל. זײ האָבן זיך צו פאַרטײדיקן געקענט בלויז זאָגן, אַז זײ האָבן זיך אונטערגעװאָרפן די באַפעלן פון דער מאַכט זײערער. די איבעריקע חברה אַרעסטאַנטן איז באַשטאַנען פון גלחים, פאַרדעכטיקע אין בגידה, אַלטע שװינדלער. צום המון נאַציאָנאַלע גװאַרדײער, װאָס זײנען אויפגעבראַכט פון די שחיטות איבער די קאָמונאַרן, גײט צו דער דעלעגאַט פון דער קאָמיסיע פון געזעלשאַפטלעכער זיכערהייט, זשאַנטאָן, אַן אַלטער רעװאָלוציאָנער, װאָס איז נאָך אין יוני 1848

צופעליק ניצול געוואָרן פון טויט, בעת מען האָט אים געפירט אין דער פּאָליציי-פּרעפּעקטור שיסן. שפּעטער איז ער, אַלס פּאַר-ברענטער בלאַנקיסט, באַרימט געוואָרן דורך זיין קאַמף מיט דער אימפּעריע. ער האָט זיך מוטיק געשלאָגן בעת דער מלחמה, בעת דער קאָמונע. „היות די ווערסאַלער לייט שיסן אונזערע לייט" — זאָגט זשאַנטאָן, — „וועלן זעקס ערבות-לייט תיכף ווערן דערשאָסן. ווער וויל צונויפשטעלן דערויף אַ פּלוטאָן?"

„איך, איך", — הערן זיך קולות פון אַלע זייטן. איינער טרעט אַרויס פאַראויס און זאָגט: „איך בין זיך נוקם פאַר מיין פאָטער". — אַ צווייטער: „איך בין זיך נוקם פאַר מיין ברודער". — „און ביי „מיר", — זאָגט איין גוואַרדייער, — „האָבן זיי דער-שאָסן דאָס ווייב". יעדער איינער שטעלט אַרויס זיין רעכט אויף נקמה. זשאַנטאָן נעמט דרייסיק מאַן און גייט מיט זיי אין תפיסה אריין. ער הייסט זיך ברענגען אַ רשימה פון די אַרעסטירטע און באַצייכנט דעם אַרציבישאָף דאַרבוא, דעם פּרעזידענט באָנזשאָן, זשעקערן, די יעזויטן אַלאַר, קלערק, דיוקודרע. די לעצטע מינוט איז זשעקער פאַרביטן געוואָרן דורכן גלח דעגערי. דאָס איז שוין ניט דער שטאָלצער פּריידיקער, וואָס האָט גערימט דעם 2טן אָקטאָבער; ער שטאַמלט: — „איך בין כּלל ניט קיין שונא פון דער קאָמונע, איך האָב געטאָן, וואָס כ'האָב געקענט; איך האָב צוויי מאָל געשריבן אין ווערסאַל". ער ווערט אַ ביסל ביי זיך תּקיפער, בעת ער זעט, אַז דער טויט איז אומפאַרמיידלעך. באָנזשאָן האַלט זיך קוים אויף די פיס. אין אים איז שווער צו דערקענען דעם אַמאָליקן פאַרברענטן שונא פון די יוני-מורדים. — „ווער האָט אונז געמשפּט?" — פרעגט ער. — „דאָס געריכט פון פאָלק". — „אָ, דאָס איז אַ שלעכט געריכט". ווערטער, וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ ביוראָקראַט. מען פירט די ערבות-לייט אויף דעם אַרומיקן וועג. עטלעכע מאַן פון דער אָפּ-טיילונג קענען ניט איינהאַלטן זייער כּעס; זשאַנטאָן הייסט זיי שווייגן. איין גלח וואַרפט זיך אין ווינקל פון וואַך-שטיבל, אָבער מען פאַראייניקט אים מיט אַלע אַנדערע. מען דרייט זיך אויס אויפן ראָג און מען שטעלט זיי אויס אין איין שורה ביי דער

וואנט. סיקאר פירט די קאמאנדע. „גיט אונז", — זאגט ער, — „דארפט איר באשולדיקן אין אייער טויט, נאר די ווערסאלער לייט, וואס דערשיסן אונזערע". ער גיט א צייכן און עס דערהערט זיך א קנאל. פינף ערבות־לייט פאלן אין איין ריי אויף א גלייכן שטח איינער פונם אנדערן. דארבוא בלייבט שטיין, פארוואונדעט אין קאפ. א צווייטער שאס לייגט אים טויט. די קערפערס האט מען מקבר געווען ביינאכט. זשאנטאן האט זיך אומגעקערט אויף די באריקאדעס, וואו ער איז צומארגנס שווער פארוואונדעט געווארן.

אכט א זייגער קומען צו די ווערסאלער לייט צו דער באריקאדע ביי די סען־מארטען־טויערן. זייערע גראנאטן האבן שוין לאנג אונטערגעצונדן דאס טעאטער; די פעדעראליסטן, וועלכע די שריפה האט געצופט, זיינען געצוואונגען אפצוטרעטן.

דיזעלבע נאכט האבן די ווערסאלער לייט געמאכט זיך א ביוואואק פאר דער שטראסבורגער באן־ליניע, אויף דער סען־דעני־גאס, אויפן פלאץ פון שטאטראט, וואס ווינואס מיליטער האט ארום 9 א זייגער פארנומען פאר דער פאליטעכנישער שול, אין מאדעלאנעט און אינם פארק מאנסורי. זיי מאכן א פיגור, ווי א פעכער, וואס זיין אומבאוועגלעכער פונקט שאפט פאנט־א־שאנזש, דער לינקער ברעג פונם XIIIטן קרייז, די גאסן פון דער פארשטאט סען־מארטען און דער לינקער ברעג פלאנדר, און די ברייט־אנטוויקלטע זייט פון דער ליניע פון די באפעסטיקונגען. דער פעכער פארענדיקט זיך אין בעלוויל, וואס עס פארנעמט דער צענטער.

פאריז האלט נאך אלץ אין ברענען. די סען־מארטען־טויערן, די קירך פון הייליקן עוסטיכיוס, די ראיאל־גאס, די ריוואלי־גאס, טויִלרי, פאלע־ראיאל, דער שטאטראט, דער ליריק־טעאטער און דער גאנצער לינקער ברעג פונם בנין פון ערן־לעגיאן ביזן יוסטיץ־פאלאץ און דער פאליציי־ישער פרעפעקטור טיילט זיך אויס מיט שארלאך־רויטע פלעקן אויפן שווארצן פאן פון דער נאכט. דאס קאפריזע שפיל פון דער שריפה שאפט פלאמענדיקע פיגורן אין דער פארם פון בויגנס, קופאלן, פאנטאסטישע געביידעס. די ריזיקע גלאנצנדיקע שוואמען, וואלקנס פונקען, וואס הייבן זיך אויף

באזונדערס הייך, באצייכענען די ערטער, וואו עס זיינען פארגעקומען שטארקע אויפרייסן. אלע מינוט פלאמען אויף שטערנס און ווערן ווידער פארלאשן אויפן האריזאנט; דאס זיינען די פעדעראליסטישע הארמאטן אויף ביסעטר, פער=לאשעז און אויף די שאמאן=הייכן, וואס באשיסן די קווארטאלן, וועלכע זיינען פארנומען דורך די ווערסאלער לייט. די ווערסאלער באטארייען ענטפערן ביים פאנטעאן, ביי טראקאדערא, אויפן מאנמארטר. אמאל הערן זיך די שאסן איינס נאך דאס אנדערע רעגלמעסיק, אמאל גיסן זיי זיך צונויף אין איין הילך. די הארמאטן קנאלן אן אויפהער, די אומגעדולדיקע גראנאטן צערייסן זיך אינמיטן וועג. דאכט זיך, אז די גאנצע שטאט ווערט ערגעץ=וואו אוועקגעטראגן, אן אונטערגעכאפטע דורכן ריזיקן שטורעם פון פלאמען און רויך.

וויפל מוט פארמאגט עס דאס הייפל מענטשן, וואס פארטיידיקן אן מדריכים, אן האפענונג צו האבן ערפאלג, אן א מעגלעכקייט אפצוטרעטן יעדן שריט פון זייער ברוק, גלייך אויף זייער צד וואלט געווען דער נצחון. די רעאקציאנערן האבן זיי געמאכט שולדיק אין די שריפות, גלייך בעת מלחמה וואלט דאס פייער ניט געווען קיין נאטירלעך געווער, גלייך די גראנאטן פון די ווערסאלער לייט וואלטן וויניקער אונטערגעצונדן הייזער, איידער די גראנאטן פון די פעדעראליסטן, גלייך שפעקולאציע, גיריקייט, פארברעכנס פון אנדערע גאטספארכטיקע בירגער וואלטן קיין אנטייל ניט גענומען אין דעם דאזיקן צעשטערן. דיזעלבע בורזשוא, וואס האבן בעת דער באלאגערונג געשריען, אז מען דארף „אלץ פארברענען“, רופן איצט אן פארברעכער דאס פאלק בלויז דערפאר, וואס עס האט געוואלט בעסער באגראבן ווערן אונטער די חורבות, איידער צו פארראטן זייער משפחה, דאס געוויסן, דעם גאנצן זין פון לעבן.

וואס=זשע איז אזוינס פאטריאטיזם, אויב ניט פארטיידיקונג פון אייגענע רעכט, אייגענע זיטן, די אייגענע היים קעגן אנדערע געטער, אנדערע געזעצן און זיטן, וואס ווילן אונז אונטערווארפן זייער יאך? איז דען דאס רעפובליקאנישע פאריז, וואס קעמפט פאר דער רעפובליק און סאציאלע רעפארמען, ניט געווען א שונא פונם פעאדאלן ווערסאל אין דעמזעלבן זין, אין וועלכן ער איז

געווען א שונא פון די פרייסן, און וועלכן די שפאניער און רוסן זיינען געווען נאפאלעאן דעם I שונאים?

עלף א זייגער אינאוונט זיינען צוויי אפיצירן אריין אין קאבינעט, וואו דעלעקליוז האט געארבעט, און אים מודיע געווען וועגן דער עקזעקוציע איבער די ערבות-לייט. ער האט אויסגעהערט, קיין איין אויסגעשריי ניט געטאן בעתן דערציילן די מעשה מיט א שטאמלענדיקער שטים און בלויז יעפרעגט: — „ווי אזוי זיינען זיי געשטארבן?" בעת די אפיצירן זיינען אוועק, האט ער זיך געווענדט צו זיין פריינד, וואס האט געארבעט לעבן אים, פאר-שטעלנדיק דאס פנים מיט די הענט, מיט די ווערטער: — „וויפל שרעקלעכע זאכן עס קומען פאר אין דער מלחמה, וויפל שרעק-לעכע זאכן!" ער איז אבער צו גוט באקאנט געווען מיט רעוואלו-ציעס, ער זאל זיך פארלירן אין אומנייטיקע באדויערונגען, ער האט דעריבער באהערשט די רעיונות און אויסגעשריען: — „מיר וועלן קענען שטארבן!"

אין משך פון א גאנצער נאכט קומען אן איינס נאך דאס אנדערע שלוחים. זיי פאדערן הילף מיט הארמאטן און מענטשן, אניט דראען זיי אפצוגעבן די אדער יענע פאזיציע.

וואו-זשע נעמט מען אבער הארמאטן? אגב, ווערן מענטשן אויך זעלטענער פון איידעליץ מיטאלן.

דרייסיקסטער קאַפּיטל

דאָנערשטאָג דעם 25סטן מאַי. — דער נאָנצער לינקער ברעג איז אין די הענט פונם מיליטער. — דעלעקליוזס טויט. — די „בראַסאַרדיע״ פירן אָן מיט די הריגות. — די מעריע פונם XIטן קרייז איז אָפּגעגעבן דעם שונא.

עטלעכע טויזנט מאַן, — אויף יעדן פעדעראַליסט קומט איצט אויס 12 ווערסאַלער לייט, — קענען ניט אָן א סוף האַלטן אין זייערע הענט די שלאַכט־ליניע, וואָס האָט זיך צעצויגן אויף א סך קילאָמעטערס. ווען עס קומט בייטאַכט, זיינען א סך אינגאַנצן פאַר־מאַטערט און פאַרלאָזן די באַריקאַדעס, כּדי זיך כאַטש א ביסל אָפּ־צורוען. די ווערסאַלער לייט פאַרנעמען די פאַרלאָזענע באַפעסטי־קונגען און באַגינען פלאַטערט שוין די דרייפאַרביקע פאָן דאָרט, וואו עס האָט מיט א טאָג פריער, אינאָוונט, געשטעקט א רויטע פאָן.

אונטערן צודעק פון דער פינסטערניש ווערט א באַדייטנדיקע טייל פונם Xטן קרייז עוואַקויִרט און די האַרמאַטן ווערן פון דאָרט איבערגעפירט אין שאַטאָ־ד'אָ. בריונעל און די מוטיקע קינדער פון דער קאָמונע פאַרטיידיקן נאָך אַלץ די מאַניאַן־גאַס און דעם קעי־זשעמאַפּ, בעת דאָס מיליטער פאַרנעמט דעם אייבערשטן טייל פון מאַזשענט־בולוואַר.

אויפן לינקן ברעג האָבן די ווערסאַלער לייט אָוועקגעשטעלט באַטאַרייען אויפן פּלאַץ ד'אַנפער, אין לוקסעמבורג, אויפן 81טן באַסטיאָן. 50 האַרמאַטן און מאַשינען־געווער זיינען אַרויסגערוקט פאַר ביוט־אָ־קאַיל. סיסיי האָט זיך שוין מייאש געווען צו פאַר־נעמען די פּאָזיציע מיט שטורעם, ווייל ער זי צעמורשטן מיט אַר־טילעריע. וורובלעווסקי פאַרלירט ניט בחינם קיין צייט. אחוץ דעם 175טן און 176טן באַטאַליאָן, האָט ער נאָך אין זיינע רייען דעם לעגענדאַרן 101טן באַטאַליאָן, וואָס איז פאַר דער קאָמונע געווען דאָס זעלבע, ווי פאַר דער איטאַליענישער אַרמיי די 32טע

בריגאַדע. פונם 3טן אַפּריל אָן האָט דער באַטאַליאָן קיין איין מאָל זיך ניט צוגעלייגט. טעג און נעכט מיט די ביקסן, האָבן זיי פאַרבראַכט אין די טראַנשייען, אין די דערפער, אויפן פעלד. די ווערסאַלער לייט האָבן אין אַניער, אין נעילי אַ סך מאָל געמאַכט פאַר זיי פּליטה. ער האָט אָפּגענומען ביים שונא דריי האַרמאַטן, וואָס זיינען אומעטום אים נאָכגעגאַנגען, ווי דרעסירטע לייבן. דאָס זיינען אַלץ קינדער פונם XIIIטן קרייז און פונם מופּעטאַר-קוואַרטאַל, אומדיסציפּלינירטע און אומדיסציפּלינירלעכע, ווילדע, רויע אין צעריסענע בגדים און מיט צעריסענע פּאָנעס, וואָס האָרכן בלויז איין קאָמאַנדע-אויסגעשריי: „פאָראויס!" וואָס ס'איז זיי לאַנגווייליק זיך אָפּצורוען, וועלכע רייסן זיך אונטער די קוילן, תיכּף, ווי זיי גייען נאָר אַרויס פון סכּנה. סעריזיע פירט מיט זיי אָן, אָדער ריכטיקער באַגלייט זיי, מחמת דער אמתער קאָמאַנדיר פון די טייוולאָנים — איז זייער אייגענע קריגס-התלהבות. בעת זיי מאַכן אָנגריפן פונם פראָנט, פאַרכאַפּן די פיינטלעכע פאָרפּאָסטנס און מאַכן אָן אַ בהלה צווישן די זעלנער, באַמיט זיך וורּאָבלעווסקי, וועלכער איז אָפּגעזונדערט אויפן רעכטן פליגל, זיינט דער פּאָנטעאָן איז גענומען, — צו פאַרצוימען זיין באַרירונגס-ליניע מיט דער סענע דורך אַ באַריקאַדע אויף דער אויסטערליצער בריק, און שטעלט אַוועק האַרמאַטן אויפן זשאַנע-ד'אַרק-פּלאַץ, כּדי אָפּצושטויסן די זעלנער, אויב זיי וועלן אָנפאַלן אויפן האַפן.

דעם זעלבן טאָג האָט הער טיער טעלעגראַפירט אין דער פּראָווינץ, אַז מאַק-מאַהאָן לייגט פאַר צום לעצטן מאָל זיך אונטערצוגעבן. דאָס איז געווען כּזב-ושקר. ער האָט דווקא געשטרעבט ווייטער זיך צו שלאָגן. ער האָט געוואוסט, אַז זיינע גראַנאַטן פאַרברענען פּאַריז, אַז די שחיטה איבער די געפאַנגענע און פאַרוואונדעטע וועט אומפאַרמיידלעך גורם זיין, מען זאָל הרגענען די ערבות-לייט. וואָס גייט אים אָבער אָן דער גורל פון עטלעכע גלחים און זשאַנדאַרמען? וואָס גייט עס אָן די העכערע בורזשואַזיע, וואָס איר טריומף איז מעגלעך בלויז אויף חורבות, אויב זי וועט אויף די דאָזיקע חורבות קענען אָנשרייבן: „מיטן סאָציאַליזם איז פאַרענדיקט און פאַרענדיקט אויף לאַנג!"

נאָכדעם ווי זיי האָבן פאַרכאַפּט אין זייערע הענט אַלץ, וואָס איז פאַרבליבן נאָכן שטאַטראַט, לאָזן זיי דאָס מיליטער פאַראויס איבער די בּרעגיקע גאַסן און דער סענט־אַנטואַנער גאַס מיטן תּנאי, אַז עס זאָל דאָרט פון דער זייט מאַכן אַן אָנגריף אויף דעם גוט־באַפעסטיקטן באַסטיליע־פּלאַץ. אויפן דאָזיקן פּלאַץ, אויף ביוט־אָ־קאַיל און שאַטאָ־ד׳אָ, איז קאָנצענטרירט איצט דער אָנגריף פון די ווערסאַלער לייט. פיר אַ זייגער באַנייט ווידער קלענשאַן זיין אָנגריף אין דער ריכטונג פון שאַטאָ־ד׳אָ. איין אָפּטיילונג, וואָס איז אַרויס פון דער פּאַראַדיז־גאַס, לאָזט זיך ווייטער איבער דער שאַטאָ־ד׳אָ־גאַס און באָנדי; אַ צווייטע דערנענטערט זיך צו די באַריקאַדעס אויפן מאַזשענט־בולוואַר און אויפן שטראַס־בורגער בולוואַר, בעת אַ דריטע גייט צו פון דער זשענער־גאַס צווישן די בולוואַרן און טיורביגאָ־גאַס. דועס אָפּטיילונג שטיצט פון רעכטס דעם אָנגריף און באַמיט זיך אַריינצודרינגען אינם ווייטן קרייז דורך דער שאַרלאָ־גאַס און סענטאַזש. ווינוא גייט צו פונם באַסטיליע־פּלאַץ דורך די קליינע גאַסן, וואָס צווייגן זיך פונאַנדער פון דער סענט־אַנטואַנער גאַס און דורך די בּרעגיקע גאַסן פונם רעכטן און לינקן בּרעג סענע. סיסיי באַנוגנט זיך מיט אַ באַשיידענערער סטראַטעגיע און באָמבאַרדירט ביוט־אָ־קאַיל, פאַר וועלכער זיינע זעלנער זיינען אַזוי פיל מאָל אָפּגעטראָטן.

שרעקלעכע סצענעס שפּילן זיך אָפּ אין די פּאַרטן. ווראָבּלעווסקי, וואָס זיי שיצן זיין לינקן פליגל, האָט זיך פאַרלאָזט אויף אַ קאָמונע־מיטגליד, וועלכער איז ספּעציעל געשיקט געוואָרן אָרגאַניזירן די פאַרטיידיקונג פון די פּאָרטן. דערווייל האָט מיט אַ טאָג פריער, אינאָוונט, דער קאָמענדאַנט מאָנרוזש פאַרלאָזן דעם פּאָרט און איז מיטן גאַרניזאָן אָפּגעטראָטן קיין ביסעטר. אָבער דער פּאָרט ביסעטר האָט זיך אויך לאַנג ניט געקענט האַלטן. די באַטאַליאָנען מעלדן, אַז זיי ווילן אַריין אין שטאָט און פאַרטיידיקן זייערע קוואַרטאַלן. לעאָ מעליע איז ניט בכּוח איינצוהאַלטן די אָנפירער פון דער דאָזיקער באַוועגונג און דער גאַרניזאָן טרעט אַריין אין שטאָט, נאָכדעם, ווי ער האָט פריער פאַרקלאַפּט די האַרמאַטן. די ווערסאַלער לייט פאַרנעמען ביידע פאַרלאָזטע

פארטן און שטעלן אוועק דארט באטאריען, וואס ווערן געווענדט קעגן דעם פארט איווּרי און ביוט=א=קאיל.

די גענעראל=אטאקע פון דער לעצטער פאזיציע האט זיך אנגעהויבן ערשט מיטאג=צייט. די ווערסאלער לייט זיינען געגאנגען פאראוים לענגאוים דער ליניע פונם פעסטונגס=וואל ביז דער איטאליענישער אוועניו און דער גאס שואזי, האבנדיק פאר זיך דעם איטאליענישן פלאץ, וואס זיי האבן אויך אטאקירט פון דער גאבעלען=זייט. די איטאליענישע אוועניו און די שואזי=גאס זיינען געשיצט דורך שטארקע באריקאדעס, וועלכע מען דארף אפילו ניט טראכטן צו נעמען מיט שטורעם; די באריקאדע פונם סען=מארסעלער=בולוואר אבער, וואס איז פון איין זייט געשיצט דורך דער שריפה אויף גאבעלען, קען אבער פון דער צווייטער זייט לייכט ווערן אומגעגאנגען, אדאנק דער גרויסער צאל גערטנער, וואס שניידן דורך דעם דאזיקן קווארטאל. דער דאזיקער לעצטער אומשטאנד האבן טאקע מיט ערפאלג אויסגענוצט די ווערסאלער לייט. זיי האבן קודם=כל פארנומען די קארדיער=סען=מארסעל=גאס, וואו צוואנציק פעדעראליסטן, וואס האבן זיך אפגעזאגט אונטערצוגעבן, זיינען דערהרגעט געווארן; דערנאך זיינען זיי אריין אין די גערטנער. אין משך פון דריי שעה קאכט פון דער פארצווייפלטער ביקסן=שיסעריי ארום ביוט=א=קאיל, וואס ווערט א תל פון די ווערסאלער הארמאטן, וועלכע זיינען לויט דער צאל זעקס מאל גרעסער פון ווראבלעווסקים הארמאטן.

דער איווּרי=גארניזאן קומט אן ארום איינס בייטאג. נאכן פארלאזן דעם פארט האט ער אונטערגעצונדן א מינע, וואס האט אויפגעריסן צוויי באסטיאנען. די ווערסאלער קאוואלעריע איז אריין אינם פארלאזענעם פארט און ס'האט דעריבער ניט געקענט פארקומען קיין שום צוזאמענשטויס, ווי עס האט געשריבן הער טיער אין זיין ביולעטען.

אויפן רעכטן ברעג זיינען די ווערסאלער לייט ארום צען א זייגער צוגעטראטן צו דער באריקאדע פון דער סען=דעני=פארשטאט לעבן דער סען=לאזארער תפיסה, זיינען זי אומגעגאנגען און האבן ארומגערינגלט זיבעצן פעדעראליסטן.

אויף דעם פאַרשלאַג זיך אונטערצוגעבן, וואָס איז עטלעכע מאָל געוואָרן איבערגעחזרט, האָבן די לעצטע כסדר געענטפערט מיט איין אויסגעשריי: „זאָל לעבן די קאָמונע!" איינער פון זיי האָט דערביי געהאַלטן די רויטע פאָן פון דער באַריקאַדע. פּנים־אל־פּנים מיט אזא מין התלהבות האָט דער אָפיציר פון די ווערסאַלער לייט דערפילט זיך אַ ביסל ניט גוט; ער האָט זיך אויסגעקערט צום המון, וואָס איז זיך צונויפגעלאָפן פון די שכנות־דיקע הייזער — און עטלעכע מאָל איבערגעחזרט, ווי ער וואָלט זיך ווען פאַרענטפערן: „זיי זיינען אליין שולדיק! זיי זיינען אליין שולדיק! פאַרוואָס גיבן זיי זיך ניט אונטער?" ווי אַ גרויסער טייל געפאַנגענע וואָלט ניט דערשאָסן געוואָרן אָן שום רחמנות.

נאָך דער תפיסה האָבן די ווערסאַלער לייט פאַרנומען די באַריקאַדעס סען־לאַזאַר אויפן עק סעוואַסטאָפּאָלער בולוואַר, האָבן דאָרט אוועקגעשטעלט אַ באַטאַריי, וואָס איז געווענדט געווען קעגן שאַטאָ־ד'אָ, און זיינען דורך דער רעקאָלע־גאַס אוועק אויפן וואַלמי. רעכטס ווערט זייער אָנגריף דורכן סען־מאַרטענער בולוואַר פאַרהאַלטן דורך דער לאַנקרי־גאַס, וועלכע זיי באַשיסן פון אַמביגיו־קאָמיק־טעאַטער. אינם דריטן קרייז פאַרהאַלט מען זיי אויף די גאַסן מעלע, נאַזאַרעט, ווער־בוא, שאַלאָ, סען־טאָנזש; דער צווייטער קרייז, וואָס איז פון אַלע זייטן ארומגערינגלט, ווערט נאָך אַלץ פאַרטיידיקט פאַרן שונא דורך דער געדרייטער מאָנט־אָרגעיל־גאַס. נענטער צו דער סענע געלינגט ווינואַן דורך זייטיקע גאַסן צוצוקומען צו גרעניע־ד'אַבאָדאַנס. כדי אים פון דאָרט ארויסצושטויסן, צינדן די פעדעראַליסטן אונטער דעם בנין, וואָס הערשט אויבן באַסטיליע־פּלאַץ.

דריי אַזייגער. די ווערסאַלער לייט פאַרפלייצן אַלץ מער און מער דעם XIIIטן קרייז. זייערע גראַנאַטן פאַלן אריין אין דער תפיסה אויף דער איטאַליענישער אַוועניו. די פעדעראַליסטן לאָזן ארויס אויף דער פריי אַלע ארעסטירטע, צווישן וועלכע עס געפינען זיך דאָמיניקאַנער פון ארקעיל, וואָס דער ביסעטרער גאַרניזאָן האָט אהער געבראַכט. די מאָנאַכן מאַכן וואָס גיכער פּליטה דורך דער איטאַליענישער אַוועניו. די פעדעראַליסטן דער־

זעען די ווייסע בגדים, פאַלן זיי אַריין אין באַסט; זיי לאָזן אָפּ אַן שום באַפעל די צינגלעך און אַ טויז אַפּאָסטאָלן פון דער אינקוויזיציע פאַלט פון די קוילן.

וורובלעווסקי האָט נאָך אינדערפרי באַקומען אַ באַפעל אָפּצוטרעטן אינם XIטן קרייז אַריין. ער האַלט אָבער אַלץ נאָך פאַרעקשנט זיינע פּאָזיציעס, אָפּרוקנדיק דעם פאַרטיידיקונגס-צענטער אַ ביסל צוריק, צום פּלאַץ פון זשאַנע-ד׳אַרק. די ווערסאַלער לייט, וואָס האָבן פאַרנומען די גאָבעלען-אַוועניו, לעבן דער מעריע פונם XIIIטן קרייז, האָבן זיך פאַראייניקט מיט די אָפּטיילונגען, וועלכע זיינען אָנגעקומען פון דער איטאַליענישער אַוועניו און שואַזי. איינע פון זייערע אָפּטיילונגען גייט אַלץ נאָך פאַראויס לענג-אויס דעם וואַל און קומט צום אָרלעאַנער באַן-אָנשיט. אינגיכן באַווייזן זיך די רויטע הויזן אויך אויפן סען-מאַרסעלער בולוואַר. וורובלעווסקי איז, אונטער דער דראָונג צו ווערן פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט, געצוואונגען איינצוגיין אויף צוריקטריט; דערביי האָבן אַלע צווייטראַנגיקע קאָמאַנדירן שוין באַקומען אַ באַפעל אָפּצוטרעטן. דער קונציקער פאַרטיידיקער פון ביוט-אָ-קאַיל, וואָס איז געשטיצט געוואָרן דורכן פייער פון דער אויסטערליצער בריק, איז מיט אַלע זיינע האַרמאַטן און טויזנט מאַן חייל אין דער פולער אָרדענונג אָפּגעטראָטן צו דער סענע-צו. אַ טייל פעדעראַליסטן, וואָס האָט ניט געוואָלט פאַרלאָזן דעם XIIIטן קרייז, איז גענומען אין געפאַנגענשאַפט.

ניט געקוקט דערויף, וואָס אַ טייל סען-מאַרסעלער בולוואַר געפינט זיך אין די הענט פון די ווערסאַלער לייט, אויך דער אָרלעאַנער "בולוואַר, דער וואָקזאַל, — און וואָס די קאַנאָנירשיפלעך הייבן זיך שוין אַרויף איבער דער סענע, אַנטשליסן זיי זיך דאָך נאָך ניט נאָכצוגעבן וורובלעווסקין. ביים אַריינפאַל פונם סען-מאַרטענער קאַנאַל ווערן די קאַנאָניר-שיפלעך אַ ביסל פאַרהאַלטן, אָבער זיי זיינען גובר די מניעות, פאַרשטאַרקן דעם דאַמף און אָוונט-צו נעמען זיי שוין אָנטייל אין דער אַטאַקע פונם XIטן קרייז.

איצט געהערט דער גאַנצער לינקער ברעג צום שונא. באַסטיליע און שאַטאָ־ד'אָ ווערן דער צענטער פון דער שלאַכט.

אויפן וואַלטער־בולוואַר קען מען איצט אַנטרעפן כמעט אַלע מיליטער־לייט, וואָס זיינען נאָך געבליבן לעבן און וואָס זייער אַנוועזנהייט איז אין זייערע קוואַרטאַלן גאָרניט נייטיק. אָט איז ווערמאָרעל, וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַזוי פיל מוט און קאַלטבלוטיקייט. ער איז אַרומגעגאַרטלט מיט אַ רויטן שאַרף, פאָרט אַרום די באַריקאַדעס, גיט צו מוט, זוכט און ברענגט הילף.

מיטאָג־צייט איז אין דער מעריע פאַרגעקומען אַ זיצונג. עס האָבן אָנטייל גענומען צוויי־און־צוואַנציק קאָמונע־מיטגלידער און דער צענטראַל־קאָמיטעט. אַרנאָלד האָט געמאָלדן, אַז נעכטן אינאָוונט איז הער וואַשבערנס סעקרעטאַר, דעם אַמבאַסאַדאָר פון די פאַראייניקטע שטאַטן, געקומען צו פאָרן מיט אַ פאָרשלאָג פון דייטשער פאַרמיטלונג. דער סעקרעטאַר איז געוואָרן אַריינגעפירט אין זאַל און האָט איבערגעחזרט זיין פאָרשלאָג. „די קאָמונע", — האָט ער געזאָגט, — „דאַרף בלויז שיקן אין ווענסען קאָמיסאַרן, כדי אויסצואַרבעטן תנאים פון וואָפנשטילשטאַנד". דעלעקליוז האָט זיך באַצויגן דערצו ניט מיט גרויס חשק. וואָס האָט אַרויסגערופן ביי דער אויסלענדישער מלוכה, אַז זי זאָל זיך אַריינמישן? די שטרעבונג אַ סוף צו מאַכן צו די שריפות און אָפּצוהיטן דאָס פאַרמעגן, וואָס גאַראַנטירט די רווחים פון די פּאַפּירן, — זאָגט מען אים. אָבער פאַר אויסלאַנד איז די בעסטע ערבות דאָך די ווערסאַלער רעגירונג, וואָס איר נצחון, זעט מען דאָך באַשיינפערלעך, איז געזיכערט. אַנדערע האָבן מיט גדלות פאַרזיכערט, אַז די פאַרביטערטע פאַרטיידיקונג פון פאַריז האָט ביי די פרייסן אַרויסגערופן גרויס חידוש. קיינער האָט ניט געפרעגט, צי עס שטעקט אַמאָל ניט עפּעס אַ שפּיצל הינטער דעם אומזיניקן פאָרשלאָג און צי איז דער בלומרשטער סעקרעטאַר ניט געווען אַמאָל אַ שפּיאָן. מען האָט זיך אָן אים אָנגעכאַפּט, ווי אין אַ שטרוי. אַרנאָלד האָט אפילו אויסגערעכנט די תנאים פונם וואָפנשטילשטאַנד, וואָס זיינען צונויפגעפאַלן מיט די תנאים פונם צענטראַל־קאָמיטעט. ער, ווערמאָרעל, וואַליאַן, דעלעקליוז האָבן באַראַפּט

אלס דעלעגאטן מיטפארן מיטן אמעריקאנער באטשאפטער אין ווענסען.

דריי א זייגער זיינען זיי געווען ביי די ווענסענער טויערן. דער פאליציי־קאמיסאר האט זיך אפגעזאגט זיי ארויסצוגעבן א דורכפאר־שיין. זיי האבן געוויזן זייערע בענדער, די קארטעס. דער קאמיסאר האט געפאדערט אלס באשטעטיקונג א דורכגאנגס־שיין. בינו־לבינו זיינען צוגעקומען די פעדעראליסטן. — „וואוהין?" — האבן זיי געפרעגט. — „אין ווענסען". — „צו וואס?" — „מיט אן אויפטראג". עס האט זיך אנגעהויבן אן אומאנגענעמער סיכסוך. די פעדעראליסטן האבן געמיינט, אז די קאמונע־מיטגלידער האבן געוואלט אנטלויפן פונם שלאכטפעלד. די באציונג צו זיי איז שוין געווארן א פיינטלעכע, — פלוצלונג האט אבער עמעצער דערקענט דעלעקליוזן. זיין נאמען האט מציל געווען די איבעריקע, דער פא־ליציי־מאן האט אבער דאך געפאדערט א דורכפאר־שיין.

איין דעלעגאט איז געלאפן אים ברענגען פון דער מעריע פונם Xטן קרייז. אבער אפילו אויף פערעס באפעל האט די שמירה זיך אפגעזאגט אראפצולאזן די הענגל־בריקן. דעלעקליוז האט געזאגט, אז עס גייט וועגן מציל זיין די געזעלשאפט. אבער ניט די איבערצייגונגען, ניט די דראונגען זיינען ניט בכוח געווען אראפצונעמען דעם חשד אין בגידה. דעלעקליוז איז צוריק אוועק אין דער מעריע אריין און האט אנגעשריבן דארט א בריוו, וואס ער האט אנגעטרויט א זיכערן פריינד.

„טייערע שוועסטער, איך קען ניט און וויל ניט זיין קיין קרבן און שפילצייג אין די הענט פון דער רעאקציע, וואס איז מנצח. אנטשולדיק, וואס איך גיי אוועק פריער פאר דיר, וואס האסט מיר אפגעגעבן דיין גאנץ לעבן, מיר פעלט אבער מוט, איך זאל איבערטראגן נאך א נייע מפלה נאך אזוי פיל מפלות, וואס איך האב זיך אנגעליטן. מיין לעצטע דערמאנונג פארן אוועק־גיין אין דער אייביקייט וועט זיין דאס געדענקען דיך. איך בענטש דיך, מיין היים־געליבטע שוועסטער, דיך, וואס האסט מיר פאר־ביטן די משפחה נאכן טויט פון אונזער מוטער נעבעך. אדיע. איך

נעם דיך ארום נאָך אַמאָל. דיין ברודער, וואָס וועט דיך ליב האָבן ביזן לעצטן הויך".

ביים ארייננאַנג אין דער מעריע האָט דער עולם געקאָכט ארום די מיט אָדלערס באַקרוינטע פענער, וואָס מען האָט, ווי זיי האָבן געזאָגט, נאָר-וואָס געהאַט אָפּגענומען ביי די ווערסאַלער לייט — אַ קינדערשע המצאה, וואָס איז געברויכט געוואָרן אויף אונטערצוהאַלטן מוט. פון באַסטיליע האָט מען געבראַכט צו פירן פּאַרוואונדעטע. די דמיטריעוואַ, אַליין אַ פּאַרוואונדעטע, האָט אונטערגעהאַלטן פּראַנקעלן, וואָס איז פּאַרוואונדעט געוואָרן אויף דער באַריקאַדע פון דער סענט-אַנטואַנישער פּאָרשטאָט. ווראָבלעווסקי איז געקומען פון ביוט-אָ-קאַיל. דעלעקליוז האָט אים פּאָרגעלייגט די אַלגעמיינע קאָמאַנדע: „איר האָט עטלעכע טויזנט דרייסטע מענטשן?" — האָט געפרעגט ווראָבלעווסקי. „העכסטנס עטלעכע הונדערט", — האָט געענטפערט דער דעלעגאַט. ביי אַזעלכע ניט גלייכע באַדינגונגען האָט ווראָבלעווסקי קיין שום אחריות אויף זיך ניט געקענט נעמען און האָט זיך ווייטער געשלאָגן, אַלס פּשוטער זעלנער. ער און נאָך איין און איינציקער גענעראַל פון דער קאָמונע דאָמבראָווסקי האָבן ארויסגעוויזן פעיִקייטן פון קאָרפּוס-קאָמאַנדירן. ער האָט כסדר געהאַלטן אין איין בעטן, מען זאָל אים שיקן די באַטאַליאָנען, פון וועלכע אַנדערע זאָגן זיך אָפּ — און איז באמת מסוגל געווען זיי אויסצונוצן. די אַטאַקירנדיקע דערנענטערן זיך אַלץ מער צו שאַטאָ-ד'אָ.

דער דאָזיקער פּלאַץ *, וואָס די אימפּעריע האָט באַשטימט אויף איינצוהאַלטן די פּאָרשטעט, און פון וועלכן עס גייען זיך פונאַנדער, ווי שטראַלן, זיבן ברייטע גאַסן, איז אין דער אמתן גיט געווען באַפעסטיקט. די ווערסאַלער לייט פּאַרנעמען פּאַלידראַמאַטיק און די שאַטאָ-ד'אָ-גאַס און נעמען אים אַטאַקירן, אויסמיידנדיק די קאַזאַרמעס. אַ הויז נאָך אַ הויז רייסן זיי ארוים די מאַניאַן-גאַס פון די הענט פון די קאָמונע-קינדער. אין משך פון פיר טעג איז בריונעל געשטאַנען פּנים-אל-פּנים מיטן שונא און פּאַלט סוף-כל-סוף מיט אַ דורכגעשאָסענער זייט. די חברים טראָגן אים אַוועק אויף אַ בעטל דורך דעם שאַטאָ-ד'אָ-פּלאַץ.

---

* איצט „פּלאַץ פון דער רעפּובליק".

פון דער מאניאן=גאס גייען די ווערסאלער לייט שנעל אריבער אין דער קאזארמע. די פעדעראליסטן, וואס זיינען צו ווייניק, כדי צו פארטיידיקן אזא גרויסן בנין, זיינען געצוואונגען אים צו פארלאזן. דאס פארלירן די דאזיקע פאזיציע עפנט אויף די טיורביגא=גאס. פון דער רגע אן קענען די ווערסאלער לייט פארנעמען דעם גאנצן טייל פונם IIIטן קרייז און ארומרינגלען דעם קונסט=און=האנטווערקער=מוזיי. נאך א גאנץ לאנגן ווידערשטאנד פארלאזן די פעדעראליסטן די באריקאדע פונם מוזיי און לאזן דארט איבער אן אנגעלאדן מאשינען=געווער. בעת די זעלנער קומען צו גאר נאענט, לאזט א פרוי, וואס איז דארט געבליבן, ארויס אויף זיי די קוילן.

פון דער רגע אן מוזן דער וואלטער=בולוואר און דער בולוואר פונם דעזשאזע=טעאטער אויסהאלטן דאס פייער פון די קאזארמעס פונם פרינץ אייזשען, פונם מאזשענט=בולוואר, פונם סען=מארטענער בולוואר, פון דער טאמפל=גאס און פון דער טיורביגא=גאס. די פעדעראליסטן, וואס זיינען שלעכט באפעסטיקט, טראגן מוטיק אריבער דעם האגל פון קוילן. וויפל מענטשן די געשיכטע האט עס א נאמען געגעבן העלדן, מענטשן, וועלכע האבן ניט ארויסגעוויזן קיין הונדערט=חלק פשוטן, אן טעאטראלע עפעקטן מוט, וואס איז אין די טעג אנטפלעקט געווארן אין טויזנטער פאלן. אויף דער דאזיקער בארימטער באריקאדע שאטא=ד'א, וואס האט גערינט אלם שליסל צו די וואלטער=בולוואר, איז אן אכצניעריק יינגל דער פאנענטרעגער, און בעת ער פאלט שוין כמעט א טויטער, כאפט א צווייטער די פאן, לויפט ארויף אויף די קויל=שטיינער און ווייזט א פויסט דעם שונא, וואס ער זעט ניט פאר זיך, פארן טויט פון זיין פאטער. ווערמארעל, טעיס, זשאקלאר, ליסבאן הייסן אים ארופגיין; ער זאגט זיך אפ און בלייבט דארט אזוי לאנג, ביז א קויל לייגט אים ניט טויט. ווי עפים א חותם פון כישוף ליגט אויף דער באריקאדע: א ניינצניעריק מיידל, מארי מ..., א ליבע, ראזע, מיט שווארצע צעווייעטע האר, אנגעטאן ווי א פלאט=שיסער, שלאגט זיך דארט אין משך פון א גאנצן טאג. א קויל אין קאפ דערהרגעט איר טרוים. א ליי=

טענאַנט איז דערהרגעט לעבן דער באַריקאַדע. אַ פּופּצניעריק קינד שפּרינגט אַריבער איבער די קיזלשטיינער און ברענגט אונ־טער די קוילן צו טראָגן דאָס היטל פונם פאַרשטאָרבענעם צו זיינע חברים.

אין דעם דאָזיקן גאַסן־קאַמף, ווי אינם אָפענעם פעלד, האָבן די קינדער זיך אַרויסגעוויזן מוטיקער פאַר די דערוואַקסענע. אויף איינער פון די באַריקאַדעס פון דער טאַמפּל־פאָרשטאָט איז דער אומדערמידלעכסטער שיסער געווען אַ קינד. נאָכן נעמען די באַריקאַדע זיינען אַלע פאַרטיידיקער אירע געוואָרן צוגענעגלט צו דער וואַנט. אַ קינד בעט דריי מינוט פּראָלאָנגאַציע: „זיין מו־טער וואוינט אַנטקעגנאיבער; אויב מען זאָל אים לאָזן איר אָראָפּ־טראָגן זיין זילבערן זייגערל, וועט זי, לכל־הפּחות, נאָך ניט אַלץ האָבן פאַרלאָרן". דער אָפיציר, וואָס ווערט ניט־ווילנדיק צערו־דערט, לאָזט אים אָפּ, מיינענדיק, אַז ער וועט זיך שוין ניט אומ־קערן. „און אָט בין איך!" — דערהערט זיך אין דריי מינוט אַרום אַ קול. דאָס קינד לויפט אַרויף אויפן טראָטואַר און שטעלט זיך פלינק אַוועק אין איין שורה מיט די טויטע קערפּערס פון זיינע דערשאָסענע חברים. פּאַריז איז אומשטערבלעך, כּל־זמן עס וועלן אין אים געבאָרן ווערן אַזעלכע מענטשן.

פון דעם פּלאַץ שאַטאָ־ד'אָ איז אַ תּל געוואָרן פון דעם שטורעם פון קאַנאָנען און קוילן. ריזיקע שטיקער שטיינער זיינען אָפּגע־בראָכן: די לייבן אויפן פאָנטאַן זיינען דורכגעלעכערט אָדער אָראָפּגעשליידערט; דער באַסיין, וואָס געפינט זיך פון אויבן, האָט זיך אויסגעקרימט. דאָס פייער רייסט זיך אַרוים פון די הייזער. די ביימער שטייען אָן בלעטער און זייערע צעבראָכענע צווייגן הענגען, ווי צעבראָכענע גלידער, וואָס ווערן בלויז אונטערגעהאַלטן דורך די שטיקער פלייש. די האַנט פונם טויט האָט געטראָפן יעדן שטיין.

אַרום זיבן אַ זייגער האָבן מיר באַמערקט לעבן דער מעריע דעלעקליוז, זשורדן און נאָך אַ מאָן פּופּציק פעדעראַליסטן, וואָס זיינען געגאַנגען אין דער ריכטונג פון שאַטאָ־ד'אָ. דעלעקליוז איז אין זיינע געוויינלעכע מלבושים, אין זיין הוט, זשאַקעט און שוואַרצע

הויזן געגאַנגען אָן געווער, אָנגעלענט אויף אַ שטעקן; די רויטע באַנד אַרום דעם גאַרטל האָט מען קוים אָנגעזען. ער פלעגט אַלע מאָל זי אַזוי טראָגן. מיר האָבן מורא געהאַט אין שאַטאָ-ד׳אָ פאַר אַ בהלה, זיינען מיר אַוועק נאָכן דעלעגאַט, נאָכן פריינד. אַ טייל פון אונז האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעבן דער קירך פונם הייליקן אַמבראָזיוס, כדי צו פאַרבאַפן קוילן מיט זיך. מיר האָבן געטראָפן אָן עלזאַסער סוחר, וואָס איז מיט פינף טעג צוריק געקומען קעמפן קעגן דער ווערסאַלער פאַרזאַמלונג, וועלכע האָט פאַרראַטן זיין לאַנד; ער האָט זיך אומגעקערט פון די באַריקאַדעס מיט אַ דורכ-געשאָסענער זייט. ווייטער האַלטן ווערמאָרעל, טעיס, זשאַקלאַר אונטער דעם פאַרוואונדעטן ליסבאָן. ווערמאָרעל פאַלט אויך אָן ערנסט פאַרוואונדעטער; טעיס מיט זשאַקלאַרן הייבן אים אויף און טראָגן אים אַוועק אויף אַ בעטל; דעלעקליוז גיט צו האָפענונג דעם פאַרוואונדעטן און דריקט אים די האַנט. עטלעכע גוואַרדייער, וואָס האָבן באַגלייט דעלעקליוזן, לאָזן אים איבער אַ מעטער פופ-ציק פון דער באַריקאַדע, מחמת די קוילן לאָזן ניט אַרויפגיין אויפן בולוואַר.

די זון האָט זיך געזעצט הינטערן פּלאַץ. דעלעקליוז איז זיך געגאַנגען ווי אַלע מאָל און זיך ניט אומגעקוקט, צי מען גייט אים נאָך; ער איז געווען דאָס איינציקע לעבעדיקע נפש אויפן ברוק פונם בולוואַר. ער איז צו צו דער באַריקאַדע, האָט אַ קוק געטאָן לינקס און זיך אויפגעהויבן אויף דעם אָנשיט. זיין שטאַלט, מיט גראָע האָר באַזוימט פנים האָבן מיר דאָס לעצטע מאָל געזען, בעת ער האָט געקוקט דעם טויט אין די אויגן אריין. פלוצלונג איז דעלעקליוז נעלם געוואָרן. ער איז געפאַלן אַ דערשאָסענער אויפן פּלאַץ שאַטאָ-ד׳אָ.

עטלעכע מאָן האָבן אים געוואָלט אויפהייבן; דריי צי פיר זיינען אַנידערגעפאַלן. מען האָט געמוזט אַ טראַכט טאָן בלויז וועגן דער באַריקאַדע, זיך באַמיען צו פאַראייניקן די ווייניקע פּאַרטיי-דיקער אירע. אינמיטן גאַס, שרייט זשאַנאַר, שאָקלענדיק מיט דער ביקס און וויינענדיק פון כעס, צו די ביז טויט דערשראָקענע פעדעראַליסטן: „ניין! איר זייט ניט ווערט צו זיין פאַרטיידיקער

פון דער קאָמונע!" עס איז געוואָרן נאַכט. מיר האָבן זיך אומ־געקערט, איבערלאָזנדנק דעם קערפּער פונם אָרעמען פריינד נעבעך, דעם שונא אויף שאַנד און שפּאָט, וואָס האָט אפילו פאַרן טויט קיין יראת־הכבוד ניט געהאַט.

ער האָט קיינעם ניט אָנגעזאָגט, אַפילו זיינע נאָענטסטע. בלויז זיין שטרענגן געוויסן האָט ער זיך אָנפאַרטרויט, דעלעקליוז, און איז שטום אַוועק אויף דער באַריקאַדע, ווי עס פלעגן גיין אויפן עשאַפאָט די מאָנטאַניאַרן. דאָס לאַנגע לעבן האָט פון אים אַלע כּוחות אויסגעזויגן. ער איז בכּוח געווען בלויז צו באַ־גייסטערן; און דאָס האָט ער טאַקע געטאָן. ער האָט געלעבט בלויז מיט יושר; ער איז געווען דער טאַלאַנט, דאָס געוויסן זיינס, דער וועגוויייזערישער שטערן פון זיין לעבן; אין משך פון דרייסיק יאָר, אין גלות, אין תּפיסות, צווישן באַליידיקונגען האָט ער גערופן און אים געפּריידיקט, באַציענדיק זיך מיט פאַראַכטונג צו די פאַר־פאַלגונגען, וואָס האָבן אַ תל געמאַכט פון זיינע כּוחות. ער האָט אים פאַרטיידיקט און איז געפאַלן צוזאַמען מיט סאָציאַליסטן, אַליין אַ יאַקאָבינער. זיין שכר איז געווען דער טויט פאַרן יושר, מיט פרייע הענט, ביי דער ליכטיקער שיין, אָן דעם העסלעכן תּליון *.

אַ גאַנצן אָוונט פאַלן די ווערסאַלער לייט מיט פאַרביטערונג אָן אויפן אַריינגאַנג אינם וואָלטער־בולוואַר, וואָס איז געשיצט דורך דער שריפה פון צוויי ראָגיקע הייזער. פון דער באַסטיליע־זייט זיינען זיי דערגאַנגען בלויז ביזן ראָיאַל־פּלאַץ און דורכגעשניטן דעם XIIטן קרייז. ביי טאָג זיינען זיי, געשיצטע דורך די מויערן פון דעם ברעגיקער גאַס, אַריין אונטער דער אויסטערליצער בריק, און אינאָוונט, אונטער דער שוץ פון די קאַנאָניר־שיפלעך און די באַטאַרייען פונם באָטאַנישן גאָרטן, זיינען זיי שוין צוגעגאַנגען צו מאַזאַס־צו.

* אַווגוסט 1870 האָט ער מיר אין בריסל, וואו מיר זיינען געווען צוזאַמען אין גלות, געזאָגט: „יאָ, די רעפּובליק איז נאָענט, אָבער פריער וועט זי פאַר־כאַפּן די הייינטיקע לינקע, דערנאָך וועט זיך אָנהייבן די רעאַקציע. איך וועל שטאַרבן אויף דער באַריקאַדע, בעת זשול סימאָן וועט זיצן אין מיניסטעריום".

אונזער רעכטער פליגל שטעלט א פארעקשנטן ווידערשטאנד. די ווערסאלער לייט זיינען ניט בכוח געווען צו גיין וויטער פון דער באן-ליניע. מיט דער הילף פון די ראטאנדע-הארמאטן אטא-קירן זיי פונדערווייטנס די אבערוויל-גאס. ראנוויע באמבארדירט ענערגיש מאנמארטר פון די שאמאנער הייכן אראפ, בעת ער האט באקומען א דעפעש, אז א רוויטע פאן האט ווידער אנגעהויבן פלאטערן אויף דער גאלעט-מיל. ראנוויע האט ניט געהאלטן פאר מעגלעך צו גלייבן דער דאזיקער ידיעה און האט ניט אויפגעהערט צו שיסן.

אינאוונט בילדן די ווערסאלער לייט פאר די פעדעראליסטן א דורכגעריסענע ליניע, וואס הייבט זיך אן ביי דער מזרח-באן, גייט פארביי שאטא-ד'א, דעם באסטיליע-פלאץ און פארענדיקט זיך ביי דער ליאנער באן. ערשט איצט געפינען זיך דער XIXטער קרייז אינגאנצן אין די הענט פון דער קאמונע און אן ערך א העלפט פונם Iטן און XIIטן קרייז.

אין די הענט פון די ווערסאלער לייט האט פאריז פאר-לארן יעדן סימן פון ציוויליזאציע. „דאס איז דער אומזין פון באסט", — שרייבט די צייטונג „דאס יארהונדערט" פונם 26טן. „מען מאכט ניט קיין חילוק צווישן מער שולדיקע און אומשולדיקע. אין יעדן בליק זעט מען אן חשד. מסירות א וועלט. דאס לעבן פונם בירגער איז גארניט ווערט. פאר דעם קלענסטן ווארט, וואס ווערט ארויסגעזאגט ניט אויפן ארט, — ארעסט און דערשיסונג". אלע חללים, וואס פירן אין די קעלערן, זיינען פארמויערט לויטן באפעל פון דער ווערסאלער ארמיי, וואס באמיט זיך מיט אלע כוחות אונטערצו-האלטן די באבע-מעשה וועגן די פעטראלעום-גיסערינס. די נאציאנאלע גווארדייער פון דער ארדענונגס-פארטיי קריכן ארויס פון זייערע לעכער, ווייזן פאר יעדן איינעם זייערע בענדער, שטעלן זיך אונטער דער קאמאנדע פון די אפיצירן, מאכן רעווי-זיעס אין די הייזער, דערשלאגן זיך, ווי עפעס א באזונדער מין כבוד, אז מען זאל זיי באשטימען דורכצופירן די דערשיסונגען.

אינם Xטן קרייז פירט דער געוועזענער מער דיובאיל מיט דער הילף פונם קאמאנדיר פונם 109טן באטאליאן, בראש פון

זעלנער אויף די בירגער אגעיעג. אדאנק דער מיטהילף פון די „בראסארדיע״ וואקסט די צאָל געפאנגענע אזוי ווייט אויס, אז עס קומט אויס צו צענטראליזירן די שחיטה־פלעצער, כדי צו באַווייזן מיט אלעמען זיך אפצורעכענען. די קרבנות ווערן אריינגעטריבן אין די הויפן פון די מעריעס, די קאזארמעס, געזעלשאפטלעכע הייזער, וואו עס זיצן כסדר פּרעוואָטאלע געריכטן, און דערנאָך ווערן זיי מאסנווייז דערשאָסן. וואו עס פעלן אויס ביקסן, לאָזט מען אין גאנג מאשינען־געווער. ניט אלע שטארבן מיטאמאָל, און ביינאכט הערן זיך פון דער קופּע מתים, וואָס זיינען אנגעוואָרפן איינס אויף די אַנדערע, פון צייט צו צייט די שרעקלעכע כאָרכלערייען פון גסיסה.

די ווערסאלער לייט באגנוגענען זיך ניט דערמיט, וואָס זיי הרגענען צו אויף טויט די פארוואונדעטע אינם גאסן־קאמף, — זיי זוכן אויס די פארוואונדעטע מחוץ פאריז, אין די שפּיטעלער. צווישן די לעצטע האָט זיך איין שפיטאָל, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן דורכן דאָקטאָר פאנאַ, זיך באצויגן צו די קאָמונארן מיט גרויס סימפּאַטיע. פּלוצלונג קומט אהער אַן אָפיציר. „פאַרהאַן דאָ פעדעראליסטן?״ — „יאָ״, — ענטפערט דער דאָקטאָר, — „אָבער די פארוואונדעטע געפינען זיך ביי מיר שוין לאנג״. — „איר פּילט מיט די דאָזיקע געמיינע לייט!״ — זאָגט דער אָפיציר. פאנאַ ווערט דערשאָסן. אסך פעדעראליסטן זיינען געפּטרט געוואָרן אין דעם שפּיטאָל גופא. שפּעטער האָט דער דאָזיקער איידעלער אָפיציר זיך פאררופן דערויף, אז עפּעס אפארוואונדעטער האָט אויף אים געשאָסן. די תּלינים פון דער אָרדענונג האָבן זעלטן־ווען אזא מוט, וואָס זאָל זיין גלייך צו זייער פארברעכערישקייט.

אויפן פּאַן פון דער נאכט קומען די שריפות אויס העלישער. דאָרט, וואו פאר דער ליכטיקער שיין האָבן זיך אָנגעזען בלויז וואָלקנס טונקעלן רויך, פלאַקערט איצט אפייער. „גרעניע ד׳אבאַדאנס״ באלייכט די סענע ווייט־ווייט הינטער דער באפעסטיקונגס־ליניע.

דער יולי־זייל, וואָס איז דורכגעלעכערט פון גראנאַטן,

וועלכע האבן אונטערגעצונדן די באַצירונג פון אויסגעטריקנטע צווייגן און פענער, פלאַקערט ווי אַ גיגאַנטישער פאַקעל; דער וואַלטער=בולוואַר האט זיך אנגעכאַפּט פון דער שאַטאָ=ד'אָ=גאַס.

דעלעקליוזס טויט איז פאָרגעקומען אזוי פּשוט און אזוי שנעל, אַז אַפילו די מעריע פונם XIטן קרייז, וואו ווערמאַרעל איז געוואָרן איבערגעטראָגן, האט זיך אויפגערודערט. עטלעכע חברים האבן אים ארומגערינגלט. פערע האט אים ארומגענומען און ווערמאַרעל האט זיך געווענדט צו אים בזה הלשון: „איר זעט, אַז די מינדערהייט קען אויך שטאַרבן פאַר דער רעוואָלוציע". ארום האַלבנאַכט אַנטשליסן זיך אַ טייל מיטגלידער פון דער קאָמונע צו עוואַקוירן די מעריע. וואָס? ווידעאַמאָל און נאָכאַמאָל די שרעקלעכע בהלה פאַר די קוילן! איז דער באַסטיליע=פּלאַץ דען גענומען? געפינט זיך דען דער וואַלטער=בולוואַר נאָך ניט אין די הענט פון דער קאָמונע? די גאַנצע סטראַטעגיע פונם קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלעכער רעטונג, דער גאַנצער פּלאַן פון דער קאָמפּאַניע באַשטייט אין אָפּטרעטן! בעת מען האט צוויי אַ זייגער אינדערפרי באַדאַרפט האבן דעם קאָמונע=מיטגליד, כדי אונטערצוהאַלטן די באַריקאַדע אויף שאַטאָ=ד'אָ, האט זיך אויסגעוויזן, אַז קיינער איז ניטאָ דאָרט, אחוץ גאַמבאָנען, וואָס איז אַנטשלאָפן געוואָרן ביי זיך אין ווינקעלע. דער אָפיציר וועקט אים און אַנטשולדיקט זיך. דער אַלטער רעפּובליקאַנער ענטפערט: „מילא, איך בין פונקט אזוי גוט, ווי יעדער אַנדערער; איך האָב שוין גענוג געלעבט", — און גייט אַוועק אויף דער וואַך. דערווייל פאַרשיטן די קוילן שוין דעם וואַלטער=בולוואַר אַזש ביז דער קירך פונם הייליקן אַמבראַזיוס. דעלעקליוזס באַריקאַדע ווערט אָפּגעגעבן.

איין=און=דרייסיקסטער קאַפּיטל

דער ווידערשטאַנד ווערט קאָנצענטרירט אין בעלוויל. — פרייטאָג, דעם 26טן, דערשיסט מען אויף דער אַקסאָ=גאַס אַכט=און=פערציק ערבות=לייט. — שבת, דעם 27טן, איז דער גאַנצער XXטער קרייז פאַרנומען דורכן מיליטער. — פּער=לאַשעז איז גענומען. — די שלאַכט ענדיקט זיך זונטאָג, אַרום עלף אַ זייגער אינדערפרי.— מאָנטאָג, דעם 29טן, ניט דער ווענסענער פאָרט זיך אונטער.

די זעלנער מאַכן ווייטער נאַכט=אָנפאַלן און רוקן זיך פּאַמעלעך צו צו די חרובע באַריקאַדעס אויף דער ד׳אָבערוויליע=גאַס און אויפן קאַפּעלע=בולוואַר. אויפן וועג צום באַסטיליע=פּלאַץ פאַרנעמען זיי די באַריקאַדע אויף דער סענט=אַנטואַן=גאַס, עקסקאַסטע=גאַס, דעם ליאָנער וואָקזאַל, די מאַזאַסער תּפיסה; אינם IIIטן קרייז – די פאַרלאָזענע באַפעסטיקונגען אויפן מאַרק=פּלאַץ און דעם סקווער די=טאַמפּל. זיי דערגייען ביז די פאַדערשטע הייזער אויפן וואָלטער=בולוואַר און באַפעסטיקן זיך אין „מאַגאַזין=רעני".

אונטער דער שוץ פון דער נאַכט האָבן די גוואַרדייער פון די פאַרפּאָסטנס אויפן באַסטיליע=פּלאַץ געכאַפּט דעם ווערסאַלער אָפיציר סעגוא און דערשאָסן „אַן שום אַכט אויף די געזעצן פון מלחמה=צייט", ווי עס האָט צומאָרגנס געזאָגט הער טיער. ווי טיער אַליין וואָלט אין משך פון די פיר טעג, וואָס ער האָט אומבּרחמנותדיק דערשאָסן טויזנטער געפאַנגענע זקנים, פרויען, קינדער, זיך געהאַלטן ביי אַנדערע געזעצן, איידער דעם געזעץ פון די ווילדע מענטשן.

צומאָרגנס ווערן די אָנפאַלן באַנייט. אין לאַוואַלעט גייען די ווערסאַלער לייט דורך דער ד׳אָבערווילע=גאַס, קערן זיך אום

צו די גאז-וואָרשטאַטן און פאַרנעמען זיי; אינם צענטער פאַר-כאַפּן זיי דעם נאַפּאָלעאָן-צירק. רעכטס, אינם XIIטן קרייז פאַר-נעמען זיי אָן שום קאַמף די באַסטיאָנען, וואָס געפינען זיך האַרט בײַם טײַך. איין אָפּטײלונג גייט פאַראויס לענג-אויס דעם װענ-סענער באַן-אָנשיט און פאַרנעמט דעם וואָקזאַל, א צווייטע — דורכן מאַזאַס-בולוואַר (איצט דידראָ-בולוואַר) און דרינגט אַריין אין דער סענט-אַנטואַנער פאָרשטאָט. אַזוי אַרום טרעטן זיי צו צום באַסטיליע-פּלאַץ פון רעכטס, און פון לינקס גרייפן אָן די חיילות פונם ראָיאַל-פּלאַץ, וועלכע גייען דורכן באָמאַרשע-בולוואַר.

פרייטאָג באַווייזט זיך ניט א גאַנצן טאָג קיין איין זונען-שטראַל. די שיסערײַ אין משך פון פינף טעג פון האַרמאַטן האָט אַרויסגערופן א רעגן, וואָס עס געשעעט זייער אָפט נאָך גרויסע שלאַכטן. די אָפּגעריסענע קלאַנגען פון ביקסן-שיסערײַ זײַנען פאַר-וואַנדלט געוואָרן אין א טויב געררויש. די מענטשן זײַנען געווען טויט-מיד און פיטשנאַס, אַז זיי באַמערקן קוים אינם פייכטן נעפּל דאָס פינטעלע פון וואַנען עס שטאַמט דער אָנגריף. די גראַנאַטן פון דער ווערסאַלער באַטאַריי, וואָס איז אַוועקגעשטעלט אויפן אָרלעאַ-אַנער וואָקזאַל, מאַכן א תל-עולם פון דעם שלאַגבוים פון דער סענט-אַנטואַנער פאָרשטאָט. אַהין אײַלט מען עס מיט די האַר-מאַטן. די פאָרשטאָט מוז זיך פאַר יעדן פּרייז האַלטן, אָדער דער באַסטיליע-פּלאַץ איז פאַרלאָרן.

זי האַלט זיך פעסט. ד׳אַליגר-גאַס און לאַקע װילן אײַנם דאָס אַנדערע איבערשטײַגן אין העלדישקייט. די פעדעראַליסטן האָבן זיך באַפעסטיקט אין די הײַזער, זיי גיבן זיך ניט אונטער און טרעטן ניט אָפּ. אַדאַנק זייער מסירות-נפש, וועט באַסטיליע נאָך אין משך פון זעקס שעה קענען פאַרטיידיקן די רעשטלעך פון זייערע באַריקאַדעס און די הײַזער זייערע, וואָס זײַנען דורכ-געלעכערט פון קוילן. אין דעם דאָזיקן צענטער פון דער רעוואָ-לוציע האָט יעדער שטיין זײַן מסורה. דאָס בראַנזענע אויג, וואָס איז געבליבן שטעקן אין דער וואַנט — דאָס איז א קאַנאָן, וועל-כער איז אַהער אַרײַנגעשאָסן געוואָרן פון דער פעסטונג אין 1789. אָנגעשפּאַרט אָן די דאָזיקע מויערן שלאָגן זיך די זין

פון די יוני־קעמפער פאַר די זעלבע שטיינער פון ברוק, ווי זייערע פאַטערס. דאָ האָבן די קאָנסערוואַטאָרן פון 48טן יאָר פונקט אַזוי אָפּגעטאָן ווילדע מעשים, ווי איצט אינם 71טן יאָר. דאָס דאָזיקע הויז פון דעם באָמאַרשע־און רושאַר־לענואַר־בולוואַרן, דער לינקער ראָג לאַ־ראָקעט און ראָג שאַראַנטאָן־גאַס לאָזן זיך אַראָפּ פאַר אונזערע אויגן, ווי אַ טעאַטער־דעקאָראַציע. צווישן די דאָזיקע חורבות, אונטער די ברענענדיקע באַלקנס, לאָרן מענטשן אָן די האַרמאַטן און הויבן צען מאָל אויף די רויטע פאָן, וואָס איז צען מאָל אַראָפּגעשאָסן געוואָרן דורך די ווערסאַלער קאַנאָנען, דער אַלטער, רומפולער פלאַץ איז ניט בכוח מנצח צו זיין אַ גאַנצע אַרמיי, וויל ער לכל־הפּחות שטאַרבן באַרימט.

וויפל זיינען זיי געווען ביי טאָג? הונדערט, מחמת אינאָוונט ליגן הונדערט טויטע קערפּערס אויף דער הויפּט־באַריקאַדע. זיי זיינען געפאַלן אויף דער קראָזאַטיע־גאַס, זיי זיינען געפאַלן אויף דער ד'אַליגר־גאַס, דערהרגעטע בעתן קאַמף אָדער נאָך דער שלאַכט. און נאָך ווי זיינען זיי געשטאָרבן! אָט באַווייזט זיך אויף קראָזאַטיע־גאַס אָן אַרמייִשער אַרטילעריסט, וואָס איז דעם 18טן מערץ אַריבער אויפן צד פונם פאָלק. מען רינגלט אים אַרום. „מען וועט דיך באַלד דערשיסן!" — שרייען צו אים די זעלנער. ער צוקט מיט די אַקסלען: „מען שטאַרבט בלויז איין מאָל". וויי־טער ערגעץ רייסט זיך אָן אַלטער מאַן אַרויס פון די זעלנער. אוים ראַפינירטער אכזריות וויל דער אָפיציר אים דערשיסן אויף אַ קופּע מיסט. „איך האָב זיך מוטיק געשלאָגן", — זאָגט דער אַלטער: — „איך האָב רעכט צו שטאַרבן ניט אויפן מיסט".

איבעריקנס, שטאַרבט מען אומעטום העלדיש. דעמזעלבן אָוונט אָרעסטירט מען מיליערן אויפן לינקן ברעג סענע און מען ברענגט אים צו פירן אינם הויפּט־שטאַב פון גענעראַל סיסיי. דער דאָזיקער גענעראַל פון דער אימפּעריע, וואָס האָט זיך פאַרפלאָנטערט אין מיאוסע חובות און האָט שפּעטער אַלס מלחמה־מיניסטער דורך זיינער אַ געליבטער — אַ דייטשקע — אויסגעגעבן דעם פּלאַן פון איינעם פון די נייע פּאַריזער פאָרטן, האָט פאַרוואַנדלט לוקסעמ־בורג אין אַ שחיטה־פלאַץ פאַרן לינקן ברעג סענע. מיר האָבן

אויבן געזען, אַז מיליער האָט געשפּילט אין דער קאַמונע אַ ראָלע פון אַ פּשרה־מאַן און זיינע פּאָלעמישע אַרטיקלען אין די צייטונגען זיינען געווען געשריבן אין זייער אַ דערהויבענעם סטיל. ער האָט אין דער שלאַכט קיין אָנטייל ניט גענומען, מען האָט אים אָבער באַמיט זיך צונויפצומישן מיטן באָמבאַרדיר פונם 18טן לעגיאָן, אויף אים האָבן געלויערט די שנאה פון די באָנאַפּאַרטיסטישע אָפיצירן און פון זשול פּאַווּרען. זיין תליון, דער קאַפּיטאַן פונם הויפּט־שטאַב גאַרסען — איצט אַ גענעראַל — האָט מיט אַ הויך־אויפגעהויבענעם קאָפּ דערציילט וועגן דעם פאַרברעכן. די געשיכטע דאַרף אים געבן אַ וואָרט, כּדי צו ווייזן, וויפל מענטשלעכע געמיינהייט עס האָבן אַרויסגעוויזן די נקמה־נעמער פאַר דער געשטערטער אָרדענונג.

„מען האָט געבראַכט צו פירן מיליערן. איך מיטן גענעראַל האָבן דעמאָלט געגעסן פרישטיק אינם טורנאָן־רעסטאָראַן, לעבן לוקסעמבורג. מיר האָבן דערהערט אַ שטאַרקן גערויש און זיינען אַרויס אַ קוק טאָן אין וואָס עס האַנדלט זיך. „דאָס איז מיליער",— האָט מען מיר געזאָגט. איך האָב אַכטונג געגעבן, דער המון זאָל ניט מאַכן קיין זעלבסטגעריכט. ער איז ניט אַריין אין לוקסעמבורג, מען האָט אים פאַרהאַלטן ביים טויער. איך האָב זיך געווענדט צו אים און אַ זאָג געטאָן: „זייט איר עס טאַקע מיליער?" — „יאָ, נאָר אייך איז אוודאי באַוואוסט, אַז איך בין דעפּוטאַט". — „מעגלעך, איך מיין אָבער, אַז איר האָט שוין אייער חשיבות אַלס דעפּוטאַט פאַרלאָרן". איבעריקנס, געפינט זיך צווישן אונז איין דעפּוטאַט, הער דע־קענסאָנאַ, וואָס קאָן אייך דערקענען"

דערנאָך האָב איך געזאָגט מיליערן, אַז דער גענעראַל האָט געהייסן אים שיסן. „פאַרוואָס?" — האָט ער מיך אַ פרעג געטאָן. איך האָב אים געענטפערט: „איך קען בלויז אייער נאָמען, איך האָב אָבער געלייענט אייערע אַרטיקלען, וואָס האָבן מיך אויפגעבראַכט; איר זייט אַ שלאַנג, וואָס מען דאַרף מיטן פוס צעטרעטן. איר האָט פיינט די געזעלשאַפט". ער

* דער דאָזיקער קענסאָנאַ איז געווען מיטגליד פון דער „רוצחים־קאָמיסיע".

האט מיך אפגעשטעלט און נעענטפערט פילדרייטיק: „א, יא! איך האב פיינט די געזעלשאפט". — „זייער גוט, זי רייסט אייך „ארויס פון אייערע טיפענישן, מען וועט אייך שיסן". — „דאס איז א ווילדע נקמה, דאס איז בארבארישקייט, דאס איז אוממענטש־לעך". — „און די אלע אכזריות, וואס איר האט אפגעטאן, זיי רעכנט איר גארניט? בכל־אופן, פון דער רגע אן, וואס איר האט אייך מודה געווען, אז איר זייט מיליער, האבן מיר ניט וואס צו ריידן מער".

דער גענעראל האט געהייסן אים שיסן ביים פאנטעאן, אויף די קני, ווי ער וואלט מחילה בעטן ביי דער געזעלשאפט פאר דעם שלעכטס, וואס ער האט אפגעטאן. ער האט זיך אפ־געזאגט צו שטעלן אויף די קני. איך האב אים דאן געזאגט: „אזוי האט מען געהייסן, מען וועט אייך שיסן ניט אנדערש, ווי אויף די קני". ער האט געפרוווט שפילן א קאמעדיע, האט צעריסן די בגדים אויף זיך, געוויזן די זעלנער זיין ברוסט. איך האב אים געזאגט: „איר מאכט סצענעס, איר ווילט, מען זאל נאכדערציילן, ווי אזוי איר זייט געשטארבן; שטארבט פשוט, אזוי וועט בעסער זיין". — „אין מיינע אייגענע אינטערעסן און אין די אינטערעסן פון מיין זאך טו איך אזוי, ווי מיר געפעלט". — „זאל זיין אזוי. שטעלט אייך אויף די קני". — דאן האט ער צו מיר געזאגט: „איך וועל אויף די קני זיך ניט שטעלן". איך האב אים געהייסן אוועקשטעלן אויף די קני און מען איז צוגעטראטן צו דער עק־זעקוציע. ער האט אויסגעשריען: „זאל לעבן די מענטשהייט!" ער האט געוואלט נאך עפעס א געשריי טאן, נאר ער איז געפאלן האלב־טויט.

עפעס א מיליטער־מאן האט זיך אויפגעהויבן אויף די פאנ־טעאן־טרעפ, איז צוגעגאנגען צום טויטן קערפער און אויסגעשאסן פון זיין שאספא אין זיין לינקן שלייף. מיליערס קאפ האט זיך א ווארף געטאן אויף צוריק, און שווארץ פונם פולווער האט זיך געדאכט, אז ער קוקט אויפן פראנט פונם בנין. „זאל לעבן די מענטשהייט!" אין די דאזיקע ווערטער איז געווען א צווייי־קער זין: „די פרייהייט פון אנדערע פעלקער איז מיר אזוי טייער, ווי

די פרייהייט פון פראנקרייך", — האט געזאגט איין פעדעראליסט צו א רעאקציאנער. אין 1871, ווי אין 1793 שלאגט זיך פאריז פאר אלע אונטערדריקטע.

צוויי א זייגער גיט זיך באסטיליע אונטער. לא-וואלעט קעמפט נאך אלץ. אינדערפרי גיט דער קאמענדאנט אפ זיין באריקאדע אויפן עק בולוואר און דער פלאנדרישער גאס. די פעדעראליסטן קאנצענטרירן זיך הינטן ארום אויף דער סטראטעגישער ליניע פונם קאנאל און באריקאדירן די קרימער גאס. די ראטאנדע, וואס דארף אויסשטיין דעם הויפט-אנגריף, איז געשיצט דורך דער באריקאדע, וואס איז אויפגעשטעלט אויפן לוארער קעי.

דער 269טער באטאליאן, וואס קעמפט שוין צוויי טעג מיטן שונא, באנייט איצט ווידער דעם קאמף אויף די נייע פאזיציעס. היות די לא-וואלעט-ליניע איז זייער א לאנגע, גייען ראנוויע און און פאסעדוע אוועק אינם XXטן קרייז נאך הילף; דארט געפינען זיך רעשטלעך פון אלע באטאליאנען

זיי פילן אן די מעריע, וואו מען פארטיילט בילעטן אויף וואוינונגען און עסנווארג. צו דער קירך קומען אנצופארן הילכיק וועגן און פערד. די הויפט-קווארטיר און פארשיידענע אנדערע אמטן געפינען זיך אויף דער אקסא-גאס, אין וועלכן, וואס שטעלט מיט זיך פאר א ריי בנינים, וועלכע זיינען ארומגערינגלט מיט גערטענער

כמעט אלע פילצאליקע באריקאדעס, וואס זיינען אויסגעבויט אינם לאבירינט פון די מענימאלטאן-גאסן, זיינען געווענדט קעגן דעם בולוואר. די סטראטעגישע ליניע, וואס הערשט אין דעם פונקט איבער פער-לאשעז, די שאמאן-הייכן און די דרויסנדיקע בולווארן, איז געבליבן אן שום שוץ.

פון די הייכן פונם וואל זעט מען אן די באוואפנטע פרייסן. לויט דעם אפמאך, וואס איז פריער געשלאסן געווארן צווישן דער ווערסאלער רעגירונג און דעם זאקסישן פרינץ, האט די דייטשע ארמיי פון מאנטאג אן באלאגערט פאריז פון צפון און מזרח. זי האט אפגעשניטן דעם צפון-וואקזאל, האט באפעסטיקט די קאנאל-ליניע פון דער סען-דעני-זייט, האט אוועקגעשטעלט וואכלייט פון

סען=דעני ביז שאַרענטאָן און האָט אויף אַלע מיליטערישע וועגן באַפעסטיקט די באַריקאַדן. דאָנערשטאָג, פינף אַ זייגער אינאָוונט האָבן פון פאָנטענע נאָזשאַן און שאַרענטאָן זיך אַראָפגעלאָזט פינף טויזנט בייערן און זיי האָבן געשאַפן אַן אומדורכדרינגלעכן קאָרדאָן פון דער מאַרנע ביז מאָנטרעיל. שפּעטער אינאָוונט האָט אַ צווייטער קאָרפּוס פון פינף טויזנט מאַן מיט אַכציק אַרטילערישע האַרמאַטן פאַרנומען ווענסען. ניין אַ זייגער האָבן די פּרייסן באַלאַגערט דעם פּאָרט און אַנטוואָפנט די פעדעראַליסטן, וואָס האָבן געפּרוווט זיך אַריבערכאַפּן קיין פּאַריז. זיי זיינען נאָך ווייטער געגאַנגען, זיי האָבן פאַרהאַלטן מענטשן, כדי זיי איבערצוגעבן אַלס קרבנות פון ווע.סאַל. נאָך אין דער צייט, וואָס די קאָמונע האָט געהערשט, האָבן די פּרייסן אַרויסגעוויזן אַן אומדירעקטע מיטהילף דער ווערסאַלער אַרמיי. זייער אָפּמאַך מיט די פראַנצויזישע קאָנסערוואַטאָרן איז געוואָרן גאַנץ אָפן אין דער מאַי=וואָך. פון הער טיערס אַלע פאַרברעכנס בלייבט דאָס געמיינסטע, וואָס ער האָט פראַנקרייכס באַזיגער אַריינגעצויגן אין די בירגערישע קריגערייען און האָט געבעטן ביי זיי הילף, כדי צו מאַכן אַ תּל פון פּאַריז.

אַרום האַלבטאָג ברעכט אויס מזרח=זייט פון די לאַ=וואַלעט=דאָקן אַ שריפה. דאָרט געפינט זיך אַ ריזיקער נאַפט=לאַגער און אַ לאַגער פון עקספּלאָדירנדיקע פליסיקייטן און אויפרייס=מאַטעריאַלן. די שריפה האָט זיך גענומען דערפון, וואָס פון ביידע זייטן זיינען אַהין אַריינגעפאַלן גראַנאַטן. דורך דער דאָזיקער שריפה איז אַ תּל געוואָרן פון די באַריקאַדעס אויף דער פלאַנדרישער און ריקעגאַס. די ווערסאַלער לייט באַמיען זיך אַריבערצוכאַפּן אויף אַ שיפל דורכן קאַנאַל, די באַריקאַדעס פון דער קרימער גאַס און פון דער ראָטאָנדע האַלטן זיי אָפּ.

ווינואַ דרינגט אַלץ ווייטער אַריין אינם XIIטן קרייז; אויפן באַסטיליע=פּלאַץ האָט ער איבערגעלאָזט די נייטיקע צאָל מענטשן צו מאַכן רעוויזיעס און צו דערשיסן. די באַריקאַדע אויף דער רעילי=גאַס, עק טענט=אַנטואַנער פאָרשטאָט האַלט זיך עטלעכע שעה אונטערן פייער פון די זעלנער, וואָס באַשיסן זי פונם מאַ=

זאַס=בולוואַר. די ווערסאַלער לייט גייען דורכן בולוואַר און פּיקפּוס=גאַס, לאָזן זיך צום טראָן=פּלאַץ, וואָס זיי ווילן אומגיין דורך די וואַלן. די אַרטילעריע גרייט צו און פאַרטיידיקט יעדע באַוועגונג זייערע. געוויינטלעך לאָדן זיי אָן די האַרמאַטן זייערע אויף די עקן פון יענע גאַסן, וואָס זיי ווילן פאַרנעמען, דערנאָך רוקן זיי אַרויס פאַראויס די האַרמאַטן, שיסן און רוקן זיי ווידער אָפּ אונטער שוץ. די פעדעראַליסטן וואָלטן געקענט דערלאַנגען אַ קלאַפּ דעם אומגעזעענעם שונא, ווען זיי זאָלן שיסן בלויז פון די הייכן; ס'איז אָבער אוממעגלעך צו קאָנצענטרירן דאָרט די קאָמונע=אַרטילעריע. יעדע באַריקאַדע וויל האָבן איר האַרמאַט, אומאָפּהענגיק דערפון, וואו די קוילן וועלן אַריינפאַלן.

איצט איז שוין מער ניטאָ קיין שום אויטאָריטעטן. אויף דער אַקסאַ=גאַס שטופּן זיך אָן שום אָרדענונג אָפיצירן און וועגן דער באַוועגונג פונם שונאס חיילות דערוויסן זיי זיך ערשט פון די רעשטלעך באַטאַליאָנען, וואָס קומען צוריק. די מהומה איז אַזוי גרויס, אַז אויף דעם אָרט, וואו דער טויט וואַרט זיכער אויף די בוגדים, באַווייזט זיך פּלוצלונג די=ביסאָן אין אַ מונדיר; מען האָט אים אַרויסגעטריבן פון לאַ=ווילעט. אינם XXטן קרייז דרייען זיך אום עטלעכע קאָמונע=מיטגלידער, שלעפּן זיך אום אָן אַ ציל, קיינער לייגט אויף זיי קיין אכט ניט; זיי האָבן זיך אָבער ניט אָפּגעזאָגט נאָך פון באַטראַכטן די לאַגע. פרייטאָג נעמען זיך צוועלף מאָן פון דער קאָמונע צונויף אויף דער אַקסאַ=גאַס, וואוהין עס קומט דער צענטראַל=קאָמיטעט און פאָדערט, אַז עס זאָל איינגעפירט ווערן אַ דיקטאַטור. מען גיט איבער דעם צענטראַל=קאָמיטעט די דיקטאַטאָרישע מאַכט, בתנאי, אַז ער זאָל אַריינגעמען אינם באַשטאַנד אירן אויך וואַרלענען. וועגן קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלעכער רעטונג דערמאָנט אַפילו קיינער ניט מער.

די איינציקע גרויסע פּערזענלעכקייט צווישן דעם עולם איז געוועזן ראַנוויע; ער האָט אַרויסגעוויזן אָן אומגעהייערע ענערגיע אין די שלאַכטן. אין די גסיסה=טעג איז ער געוועזן די נשמה פון לאַ=ווילעט און בעלוויל, האָט צוגעגעבן מוט די קעמפנדיקע און אַליין וועגן אַלץ געזאָרגט. דעם 26טן האָט ער געהייסן אָפּדרוקן

אַט־אַ־די פּראָקלאַמאַציע: „בירגער פונם XXטן קרייז! איר וויסט, וואָסער גורל עס וואַרט אויף אייך, אויב מיר וועלן זיך אונטער־געבן... צום געווער!.. זייט אויף דער וואַך, דער עיקר ביי־נאַכט... איך פאָדער פון אייך, אַז איר זאָלט פּינקטלעך אויס־פירן די באַפעלן. האַלט אונטער דעם XIXטן קרייז, העלפט אים אַפּצושטויסן דעם שונא. אין דעם ליגט אייער אייגענע רעטונג. וואַרט ניט ביז מען וועט שוין אָנהייבן באַפאַלן בעלוויל. דעמאָלט וועט בעלוויל נאָכאַמאָל אָנהייבן טריומפירן... פאָראויס... זאָל לעבן די רעפּובליק!" דאָס איז געווען די לעצטע פּראָקלאַמאַציע פון דער קאָמונע.

צי לייענען זי דען אַ סך, מען קוקט זיך דען אויף איר אום? דאָס פייפן פון די מאַנמאַרטרער גראַנאַטן, וואָס שטורעמען פון נעכטן אָן בעלוויל און מענילמאָנטאַן, די קולות, דאָס אויסזען פון די פאַרוואונדעטע, וואָס דרייען זיך פון הויז צו הויז און בעטן הילף — די אַלע שוין צו קלאָרע סימנים פונם נאָענטן סוף מאַכן נאָך שטאַרקער דעם איינדרוק פון דעם אומפאַרמיידלעכן חורבן. די בליקן ווערן ווילד. יעדער איינער, וואָס גייט ניט אין קיין אוניפאָרם, קען ווערן דערשאָסן, אויב ער קען ניט אָנרופן עפּעס אַ באַקאַנטן נאָמען. די קלאַנגען פון פּאַריז פאַרשטאַרקן נאָך מער די אויפרייצונג. מען זאָגט, אַז די ווערסאַלער לייט האָבן אַ געזעץ צו דערהרגענען די געפאַנגענע, אַז זיי טויטן זיי אין די שפּיטע־לער; אַז אין ווערסאַל האָט מען געבראַכט טויזנטער מענטשן, — מאַנסלייט, ווייבער, קינדער און זקנים מיט אַנטבלויזטע קעפּ, אַז מען דערהרגעט זיי אויף די גאַסן, אַז ס'איז גענוג צו געהערן צו די פּאַריזער קעמפער, אָדער באַהאַלטן עמעצן פון זיי, אַז מען זאָל קריגן דעם זעלבן פּסק. מען דערציילט וועגן די עקזעקוציעס איבער די פּלומרשטע אונטערצינדערינגס.

פרייטאָג, זעקס אַ זייגער אינדערפרי, באַווייזט זיך אויף דער אַקסאַ־גאַס אַ גרופּע זשאַנדאַרמען, גייסטלעכע און ציווילע לייט אונטער דער שמירה פון פּאָלקאָווניק גואַם אַפּטיילונג. זיי זיינען געקומען פון ראָקעט און האָבן אויף אַ מינוט זיך אָפּגע־שטעלט אין דער מעריע. ראַנוויע האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט זיי

אויפצונעמען. מען נעמט זיי תחילת אַן פּאַר זעלנער, וואָס זיינען נאָר=וואָס געגומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט און מען לאָזט זיי רויק פאַרבייגיין. אָבער אינגיכן פאַרשפּרייט זיך אַ קלאַנג, אַז דאָס זיינען ערבות=לייט און אַז מען פירט זיי אויף עקזעקוציע. דאָס זיינען געווען פיר און דרייסיק זשאַנדאַרמען, וואָס זיינען אַרעסטירט געוואָרן דעם 18טן מערץ אין בעלוויל און אין מאָנמארטר, צען יעזויטן, מאָנאַכן, גלחים און פיר שפּיאָנען: ריוואָ, וועלכער איז פאַרמישט אין דער פאַרשווערונג פון דער „קאָמישער אָפּערע", לאַרזשיליער, וואָס איז פאַרמשפּט געוואָרן אין יוני, גרעף, דער אָרגאַניזאַטאָר פון ציווילע לוויות, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן געהילף פונם שעף פון דער זיכערהייטס=פּאָליציי, לאַגראַנזש און דאַרעסט, אַ בריגאַדע=קאָמאַנדיר. מען האָט געפונען די אַקטן פון זייער פּראָצעס און פאַרעפנטלעכט אין דער צייט פון דער באַלאַגערונג.

דער המון וואַקסט, באַשיט די ערבות = לייט מיט זילזולים, איינעם פון זיי שלאָגט מען. דערנאָך רייסט זיך דער המון אַריין אין וועגסען, די טויערן פאַרמאַכט מען און מען וואַרפט די ערבות-לייט אַריין אין אַ ריוו, וואָס איז אויסגעגראָבן לעבן דער וואַנט. עס קומט אָנצולויפן אַ מיטגליד פון דער קאָמונע, סעראַליע. — „וואָס טוט איר! דאָרט איז דאָך דער פולווער = סקלאַד, — איר וועט דאָך אונז אַלע אינדערלופטן אויפרייסן!" ער האָט געהאָפט דערמיט אָפּצולייגן די עקזעקוציע. וואַרלען, לוי און אַנדערע זיינען קעגן דעם המון און ווירקן מיט אַלע כוחות, וועלנדיק דערמיט געווינען צייט. מען שטופּט זיי אַפּ אַן אַ זייט, מען דראָט זיי און בלויז אַדאַנק וואַרלענס פּאָפּולאַריטעט געלינגט זיי מיט גרוים מי ניצול צו ווערן פונם טויט.

די שאַספּאָ שיסן אַליין, אָן שום קאָמאַנדע; די ערבות=לייט פאַלן אַנידער אויף דער ערד. עפּעס עמעץ שרייט: „זאָל לעבן דער קיסר!" אים דערשיסט מען אויך. די גאַס אַפּלאָדירט. דערוויל זיינען די זעלנער, וואָס זיינען געגומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט נאָכן אַריינטריט פונם מיליטער, שוין צוויי טעג געגאַנגען איבער בעלוויל און קיין שום תרעומות אויף זיך ניט אַרויסגע=

רופן; אָבער די זשאַנדאַרמען, די פּאָליציי=לייט, די גלחים, וואָס האָבן אין משך פון גאַנצע צוואַנציק יאָר געפּייניקט פּאַריז, זיינען געווען פאָרשטייער פון דער אימפּעריע, פון דער העכערער בור=זשואַזיע, פון רוצחים אין זייער פיינטלעכסטן געשטאַלט.

אינדערפרי האָט מען דערשאָסן מאָרנים מיטהעלפער — זשעקערן. די קאָמונע האָט אים ניט געמשפּט, נאָר דער „פּאָלקס"=יושר האָט זיך מיט אים אָן עצה געגעבן. עטלעכע מאָן, — זשאַנ=טאָן, פראַנסואַ, אַ פּאָליציי=קאָמיסאַר זיינען אַוועק נאָך אים אין דער לאַ=ראָקעט תּפיסה. ער האָט זיך תּיכּף אונטערגעגעבן, ווי אַן אמתער אַוואַנטוריסט, וואָס האָט זיין לעבן פּונקט אַזוי פאַראַכט, ווי פרעמדס. מיט ניט קיין געבונדענע הענט איז ער אַריין אינמיטן גרופּע, וואָס האָט זיך געלאָזט צו פּער-לאַשעז. אויפן וועג האָט זשעקער דערציילט וועגן דער מעקסיקאַנישער עקספּעדיציע, וואָס האָט אים אָוועקגעפּטרט; „אָ, ניין, איך האָב גאָרניט געמאַכט קיין גוטן עסק; די דאָזיקע לייט האָבן מיך באַגנבעט", — ער האָט פונם ערעסט אָן כסדר דאָס געחזרט. בעת מען איז צו צו דער וואַנט, וואָס גייט אַרוים אויף דער שאַראָנע, האָט מען אים גע=פרעגט: „דאָ, וואָס?" — „ווי איר ווילט!" ער איז געשטאָרבן רויִק. מען האָט זיין פּנים צוגעדעקט מיטן הוט, אויף וועלכן מען האָט צוגעטשעפּעט אַ בלעטל מיט זיין נאָמען.

דעם טאָג זיינען קיין גרויסע טראַנסלאָקאַציעס פונם מילי=טער ניט פאָרגעקומען. דועס און קלענשאַנס אָפּטיילונגען שטייען אויפן רושאַר=לענואַר=בולוואַר. די צווייִקע באַריקאַדע הינטערן באַטאַקלאַן שטערט, אַז דער וואָלטער=בולוואַר זאָל פאַרנומען ווערן. אויף דער סען=סעבאַסטיאַן=גאַס דערהרגעט מען איין ווער=סאַלער גענעראַל. דער פּלאַץ פאַרטיידיקט זיך נאָך אַלץ מיט דער הילף פון די פיליפּ=אַווגוסט=באַריקאַדעס. די ראָטאָנדע און דער לאַ=ווילעט=טאָל האַלט זיך נאָך. אָוונט=צו פאַרשפּרייט זיך די שריפה אויף דעם טייל ראָקן, וואָס געפינען זיך האַרט ביי דער מעריע.

אָוונט=צו שטופּט די אַרמיי אָפּ די ווידערשטענדיקע אינם שטח צווישן די באַפעסטיקונגען און דער קרומער ליניע, וואָס פירט פון די שחיטה=פּלעצער אין לאַ=ווילעט ביז צו די ווענסענער

טויערן, און האקט איבער דעם סען־מארטענער קאנאל, דעם בולוואר רישאר לענואר און די גאס פון דער סענט־אנטואנער פארשטאט. פון די פליגל גרייפן אן לאדמירא און ווינוא, אינם צענטער — דוע קלענשאן.

מעניל־מאנטאן און בעלוויל, וואס זיינען פארפייניקט דורך די גראנאטן, לעבן איבער א פיבערדיקע נאכט. די באאמטע, וואס זיינען געבליבן לעבן, האבן פארלאזן דעם פארגאסענעם מיט בלוט וועגסען; זשורד האט באהאלטן אין א גוט ערטל א ביסל געלט, וואס איז אים נאך פארבליבן, כדי אפצוצאלן די גווארדייער שכירות. שוין פיר טעג, ווי די פעדעראליסטן לעבן פאר די פינף מאל הונדערט טויזנט פראנק, וואס זיינען פארבליבן אין באנק, פאר די רעשטלעך אין דער קאסע און די שטייערן, וואס עס ברענגען נאך די איבערגעגעבענע און מוטיקע באאמטע, — איינער פון די זאמלער פון די שטאטישע שטייערן איז דורכגעגאנגען דורך א האגל קוילן, כדי איבערצוגעבן די קאמונארן דאס געלט, וואס ער האט צונויפגעזאמלט איבערן טאג.

ביי יעדן ראג גאס פאדערן די פאטרולן א פאראל (בושאט־בעלוויל); אפטמאל איז דאס אויך וויניק. מען דארף דערוויזן, אז מען האט פולמאכטן, און יעדער באריקאדע־קאמאנדיר האלט זיך פאר בארעכטיקט צו פארווערן דעם דורכגאנג.

די צעקלאפטע באטאליאנען קערן זיך אום אין גרויס בהלה, דאס רוב געפינט ניט קיין מקום־מקלט, צעלייגט זיך אונטערן פרייען הימל, אונטער דעם האגל פון גראנאטן, וואס ווערן כסדר באגריסט מיט דעם אויסגעשריי: „זאל לעבן די קאמונע!"

דורך דער גרויסער גאס ציען זיך נאציאנאלע גווארדייער מיט מיטות אויף די צונויפגעקרייצטע ביקסן. אייניקע גייען מיט פאקלען. מען שלאגט אין פויקן. די דאזיקע קעמפער זיינען פול מיט רירנדיקער מאיעסטעט; זיי זיינען מקבר שטום די חברים זייערע, בעת זיי אליין שטייען אויפן שוועל פון טויט.

איבער נאכט זיינען די באריקאדעס פון דער דייטשער גאס אפגערוימט געווארן. אויף זיי האבן אין משך פון צוויי טעג ניט מער ווי טויזנט קעמפער זיך געשלאגן מיט פינף און צוואנציק

טויזנט לאדמיראס זעלנער. זיי זיינען אלע כמעט געווען ארטיקע־איינוואוינער.

שבת באלייכטן די ערשטע שטראלן פון דער אויפגייענדיקער זון דאס בילד פון טויט. אלץ איז איינגעהילט אין א געדיכטן נעפל, וואס נעמט דורך; די ערד איז צעווייקט פון רעגן. די קנוילן ווייסער רויך שלאגן זיך קוים דורך דורכן רעגן; דאס גייט א שיסעריי. פון באגינען אן זיינען די באריקאדעס פון דער סטראטעגישער ליניע, די מאנטרעיל־און באניאלע־טויערן פארנומען דורכן מיליטער, וואס שטייט איין אינם שאראנע־קרייז, — און באגעגנט ניט דארט קיין ווידערשטאנד. ארום זיבן אינאווונט פארנעמען זיי דעם טראן־פלאץ, וואו די באפעסטיקונגען זיינען שוין געבליבן אן שוץ. אנהייב וואלטער־בולוואר שטעלן די ווערסאלער ליים אוועק א באטאריי פון זעקס הארמאטן, וואס איז געווענדט קעגן דער באריקאדע פון דער מעריע פונם XIטן קרייז, וואו עס שטייען צוויי הארמאטן, וועלכע ענטפערן פון צייט צו צייט אויף דער שיסעריי. די אפיצירן, וואס זיינען זיכער אין זייער נצחון, ווילן דערגרייכן א רוישיקן טריומף. קיין איין גראנאט פאלט ניט אין דער וואלטער־סטאטוע *, און זיין סארקאסטישער שמייכל האט אזוי ווי דערמאנט זיינע אייניקלעך וועגן דעם אנגענעמען ספעקטאקל, וואס ער האט זיי צוגעזאגט.

אין לא־ווילעט גייען די זעלנער פון אלע זייטן אראפ פונם הויפט־וועג, לאזן זיך לענגאויס די באפעסטיקונגען, אטאקירן די פיועבל און די קרימער גאס. זייער לינקער פליגל, וואס איז פארנומען נאך אויף די הייכן פונם Xטן קרייז, באמיט זיך צו פארנעמען די גאסן פון דעם קרייז, וועלכע געפינען זיך בשכנות מיטן לא־ווילעט־בולוואר. דאס פייער פון די באטארייעס, וואס זיינען אוועקגעשטעלט אויף דער פלאנדרישער גאס, אויף די וואלן און דער ראטאנדע, גיסן זיך צונויף מיטן פייער פון די באטארייעס אויפן מאנמארטר און פארשיטן מיט גראנאטן די שאמאן־הייכן.

ארום צען א זייגער גיט זיך די באריקאדע אויף דער פיועבל־גאס אונטער. דארט איז פארבליבן בלויז איין מאטראס; ער האט

* איצט דער מאנזש־סקווער.

זיך באהאלטן הינטער די ברוק=טאוולען, ווארט אויף די ווערסא=לער לייט אוןווארפט זיך אויף זיי מיט רעוואלווער=שאסן און מיט א האק אין דער האנט. דער שונא צעשיט זיך איבער די שכנותדיקע גאסן אזש ביז דער מענאדיע-גאס, וואס ווערט שטארק באוואכט דורך די קאמונארן=שיסער. פונם חגא=פלאץ באשיסן צווי הארמאטן די קרימער גאס און באשיצן אונזער רעכטן פליגל.

עלף א זייגער קומט פאר אויף דער אקסא=גאס א זעונג פון ניין=צען מיטגלידער פונם ראט. זשול אליקס, וואס איז איצט נאך מער משוגע, ווי אלעמאל, קומט אן א שיינענדיקער. נאך אים, קומט אוים, אז אלץ גייט אויפן בעסטן אופן; די צענטראלע קווארטאלן זיינען שוין אפגערוימט פון מיליטער, איצט דארף מען בלויז אנהייבן א מאסן=ארויסטריט. אנדערע מיינען, אז זיי וועלן בכוח זיין צו מאכן א סוף צו דער שחיטה, דורך אונטערגעבן זיך די דייטשן, וואס וואלטן, פארשטייט זיך, זיי ארויסגעגעבן ווער=סאל. א טייל זאגן, אז די האפענונג איז אן אומזיסטע, אז די פעדעראליסטן וועלן קיינעם פון דער שטאט ניט ארויסלאזן; מען הערט זיי ניט און זשול וואלעס גרייט זיך צו שרייבן א מאניפעסט. עס קומט אן ראנוויע, ער זוכט מענטשן צו פארטיידיקן די שא=מאן=בערג. „גייט זיך שלאגן אנשטאט צו פירן וויכוחים!" — שרייט ער צו זיי. די דאזיקע ווערטער פון א מענטשן מיט א שכל הישר רייסן איבער די פלוידערייען. יעדער איינער גייט זיך אוועק אין זיין זייט אריין; אזוי האט אויסגעזען די לעצטע זיצונג פון די פארפאלענע פילפול=לייט.

די רגע טאקע האבן די ווערסאלער לייט פארכאפט דעם 16טן באסטיאן. האלבטאג פארשפרייט זיך א קלאנג, אז דאס מיליטער האט אנגעהויבן אריינצודרינגען דורך די פאריזער גאסן און וואלן. א המון מאנסלייט און פרויען, וואס די גראנאטן האבן זיי ארויסגעטריבן פון די הייזער, באלאגערן די ראמענוויל=טויערן, — זיי ווילן ארויספארן הינטער דער שטאט. איינס א זייגער לאזט מען אראפ די הענגל=בריק, כדי צוריק דורכצולאזן די זעקס מא=סאנען, וואס זיינען אוועק צו די פרייסן, מיט א בקשה, אז זיי זאלן לאזן די פעדעראליסטן ארויסגיין פון שטאט; דער המון

לאָזט זיך דורך די טויערן אין דער ריכטונג פון די הייזער פונם דאָרף לילאַ און פּרובירט דורכגיין די פּרייסישע באַריקאַדע, וואָס איז אַוועקגעשטעלט אינמיטן וועג. דער זשאַנדאַרמען־בּרי־גאַדיר פון ראַמענוויל שרייט צו די פּרייסן: „שיסט, שיסט די דאָזיקע מנוולים!" איין פּרייסישער זעלנער שיסט אויס און פאַר־וואונדעט עפּעס אַ פּרוי.

אַרום פיר אַ זייגער הייסט עפּעס איינער, וואָס רופט זיך אַן פּאַלקאָווניק פּאַראַן, אַראָפּלאָזן פאַר זיך די ענגל־בּריק. דאָס איז איינער פון די מענטשן, וואָס קומען פּלוצלונג אַן פון ערגעץ אין אַן עת־צרה און מאַכן אַן איינדרוק מיט זייער פּערזאָן. אַן שום פולמאַכטן לאָזט ער זיך צום פּרייסישן מיליטער פאָדערן אַ דורכגאַנג־שיין פאַר די פעדעראַליסטן. די דייטשן ענטפערן, אַז זיי וועלן איבערגעבן די פעדעראַליסטן אין רשות פון דער ווערסאַלער מאַכט.

אין דערזעלבער צייט איז איין קאָמונע־מיטגליד — אַרנאָלד, וואָס האָט — ניט געקוקט אויף קיין זאַך — אַלץ נאָך געגלייבט, אַז אַמעריקע וועט זיך אַריינמישן, אַוועק אויף די דייטשע פאַר־פּאָסטנס מיט אַ בריוו צום אַמבּאַסאַדאָר וואָשבּערן, וועלכער איז, אַלס דאַרבּואַס פריינד, געוועזן געשטימט צו דער קאָמונע נאָך פיינדלעכער, ווי אַלע מאָל. אַרנאָלד איז געוואָרן גאַנץ קאַלט אויפגענומען און מען האָט אים צוריקגעשיקט מיט דעם צוזאָג, אַז דער בריוו וועט ווערן דעם באַטשאַפטער אָפּגעגעבן.

בּינו־לבינו האָבן עטלעכע ווערסאַלער באַטאַליאָנען זיך אַרי־בערגעכאַפּט דורך דער סטראַטעגישער ליניע צו דער קרימער גאַס, — מען האָט זיי אָבער פאַרהאַלטן אויף דער בעלוויו־גאַס. דריי האַרמאַטן האַלטן אונטער פונם מאַרק־פּלאַץ דאָס פייער פון די האַרמאַטן, וואָס שטייען אויפן חגא־פּלאַץ, כּדי צו באַשיצן די שאָמאָן־הייכן. אין משך פון אַ גאַנצן טאָג האָבן די דאָזיקע האַר־מאַטן באַדינט בּסך־הכּל פינף אַרטילעריסטן, וואָס האָבן זיך ניט גענייטיקט אין קיין באַפעלן און אין קיין קאָמאַנדיר. פיר אַ זייגער זיינען די האַרמאַטן אַנטשוויגן געוואָרן, מחמת מאַנגל אין קאַ־

צאָנען. זייערע קאַנאָנירן זיינען אַוועק העלפן די שיסער פון די גאַסן מענאַדיע, פעסאַר און אַנעלע.

פינף אַ זייגער ברענגט פערע צו פירן אויף דער אָקסאָ=גאַס רעגולער מיליטער פון דער קאַזאַרמע פונם פרינץ אייגען; פון מיטוואָך אָן האָבן זיי זיך געפונען אין דער קליינער ראָקעט, וואָס איז נאָר=וואָס עוואַקוירט געוואָרן, פונקט ווי די גרויסע. דער המון קוקט אויף זיי אָן דראָונגען; דאָס פאָלק האָט ניט קיין רעכט אויף די זעלנער, וואָס זיינען דאָך פונקט אַזוי פונם פאָלק, ווי זיי גופא. מען צעשטעלט זיי אין דער בעלוויל=קירך. זייער אָנקום האָט אַן אַנטשיידנדיקע באַדייטונג. אַלע לויפן זיי אַנטקעגן און דער חגא=פּלאַץ בלייבט אָפּגערוימט. די ווערסאַלער לייט כאַפּן זיך דערווייל אַהין אריין, פאַרנעמען דעם פּלאַץ און די לעצטע פאַרטיידיקער פון די הייכן ווערן אַראָפּגעצויגן צו דער טאַמפּל=פאַרשטאָט און צו דער פאַריזער גאַס.

בעת די פעדעראַליסטן טרעטן אָפּ פון פאָרנט, גרייפט מען זיי אָן פון הינטן. פון פיר אַ זייגער ביטאָג באַלאַגערן די ווער=סאַלער לייט פער=לאַשעז, וואו עס האָבן זיך אָפּגעשלאָסן אַרום צוויי הונדערט פעדעראַליסטן, ניט דיסציפּלינירטע און זאָרגלאָזע; די אָפיצירן האָבן ניט געקענט ביי זיי פועלן, אַז מען זאָל אויף די מויערן פונם בית=הקברות אָנשלאָגן אייזערנע שוץ=האָקנס. די ווערסאַלער לייט רינגלען אַרום פון אַלע זייטן די דאָזיקע פעס=טונג=פאַרצוימונג, און די קאַנאָנען פון דער באַסטיאָנען=אַרטילעריע דערלאַנגען ביז אין בית=עולם אַריין. די קאָמונע=האַרמאַטן האָבן שוין כמעט פון אָוונט אָן קיין קוילן ניט. זעקס אַ זייגער הייבן אָן די ווערסאַלער לייט, וואָס האָבן ניט געוואַגט, ניט געקוקט אויף זייער גרויסער צאָל, צו נעמען מיט שטורעם דאָס בית=הקברות,— צו באַשיסן דעם גרויסן טויער. דער טויער פאַלט אינגיכן, ניט געקוקט דערויף, וואָס ער איז געשטיצט דורך אַ באַריקאַדע. אונטערן שוץ פון די מצבות פאַרטיידיקן די פעדעראַליסטן טריט ביי טריט זייער מקום=מקלט. מען שלאָגט זיך אין די משפּחה=קברים מיט קאַלט פייער. מענטשן=שונאים פאַלן און שטאַרבן אויף

איין און דעם זעלבן קבר. דאָס חשכות שטערט גאָר־ניט דעם פאַרביטערטן קאַמף.

שבת אינאָוונט בלייבן ביי די פעדעראַליסטן אין די הענט בלויז צוויי שטיקער, IXטער און XIIטער קרייז. די ווערסאַלער לייט צעשטעלן זיך אויפן חגא־פּלאַץ, אויף דער פעסאַר־גאַס, פּראַדיע ביז דער רעבעוואַל־גאַס, אָבער דאָרט פאַרהאַלט מען פּונקט אַזוי זייער אָנגריף, ווי אויפן בולוואַר. דער פירעק, וואָס בילדעט זיך צווישן די גאַסן פון דער טאַמפּל־פאָרשטאָט, פּאָלי־מעריקור, ראַקעט און די דרויסנדיקע בולוואַרן, איז טיילווייז פאַרנומען דורך די פעדעראַליסטן. דוע און קלענשאַן וואַרטן אויפן רושאַר־לענואַר־בולוואַר, אַז ווינוא און לאַדמיראַ זאָלן נעמען די הייכן און אַז די לעצטע מורדים זאָלן אַרונטערפאַלן אונטער זייערע קוילן.

עס גייט אַ שלאַקסרעגן. די שריפה אין לאַ־ווילעט באַלייכט די חשכות מיט איר בלענדנדיק פייער. די גראַנאַטן שיטן זיך נאָך אַלץ אויף בעלוויל, קומען צו ביז באַניאָלע און פאַרוואונדן פריי־סישע זעלנער. די פאַרוואונדעטע קומען צו לויפן אין דער מעריע פונם XXטן קרייז, וואו ס'איז ניטאָ קיין דאָקטאָר, ניט קיין רפואות, ניט קיין צודעקן; די אומגליקלעכע גוססן און באַקומען ניט קיין שום הילף. עס קומען צו גיין „פלוראַנס נקמה־נעמער" בראש מיט זייער קאַפּיטאַן, אַ הויכן שיינעם בחור; ער איז פאַר־וואונדעט און וואַקלט זיך אויף זיין זאָטל. אַ מאַרקיטאַנערין מיט אַ פאַרבלוטיקטן קאָפּ, וואָס איז אַרומגעבונדן מיט אַ טאַשן־טיכל, רופט פון היץ צונויף אירע זעלנער מיט אַ שטים פון אַ פאַר־וואונדעטער לייביכע. די ביקסן שיסן פון זיך אין די ציטערדיקע פון כעס הענט. דאָס געוויש פון די פורן, די דראָונגען, די קרעכצן, די שאָסן, דאָס זשומען פון די גראַנאַטן — אַלץ גיסט זיך צונויף אין עפּעס אַ ווילדן סדום, פון וועלכן ס'איז ממש משוגע צו ווערן. יעדע רגע גיט צו וויסן וועגן אַ ניי אומגליק. עס קומט צו לויפן אַ גוואַרדייער מיט אַ געשריי: „די באַריקאַדע פּראַדיע האָט זיך אונטערגעגעבן!" עפּעס אַן אַנדערער שרייט: „מען דאַרף האָבן מענטשן אויף דער רעבעוואַל־גאַס!" אַ דריטער: „פון דער פרעסע־גאַס מאַכט מען פּליטה!" אויפן אָרט זיינען פאַרהאַן בסך־הכל

זעקס־זיבן קאמונע־מיטגלידער, וועלכע הערן דעם לוויה־קלונג: טרענקע, פערע, ווארלען, ראנוויע, זשורד. זיי זיינען פול מיט יאוש און הילפלאזיקייט, זיינען טויט פארמאטערט פון די לעצטע זעקס טעג אן א רגע אפרו און די שטארקסטע אפילו זיינען ניט בכוח צו באהערשן זייער טרויער.

באגינען לאזן ווינוא מיט לאדמיראן זייערע פאלקן לענג־אויס די וואלן אויף דער סטראטעגישער ליניע, וואס איז געבליבן אן שוץ און פאראייניקן זיך ביי די ראמענווילער טויערן. ארום פינף א זייגער פארנעמען די חיילות די באריקאדע אויף דער רעבעוואל־גאס, גייען דורך די ווענסאן־גאס און דעם רענאר־פאסאזש און אטאקירן פון הינטן די לעצטע באריקאדעס פון דער פאריזער גאס. ערשט ארום אכט א זייגער געלינגט זיי צו פארנעמען די מעריע פונם XXטן קרייז. די באריקאדע אויף דער פאריזער גאס, אויפן ראג בולוואר פארטיידיקט דער קאמענדאנט פונם 191טן באטאליאן מיט פינף־זעקס גווארדייער, וואס האלטן זיך ביז עס שעפן זיך אויס ביז לעצט די קוילן.

ארום ניין אינדערפרי לאזט זיך איין ווערסאלער אפטיילונג פונם פיליפ־אווגוסט־בולוואר צו ראקעט, דרינגט אריין אין דער תפיסה און באפרייט א הונדערט־און־פופציק פאליציי־לייט, זשאנדארמען, גלחים, כלערליי קעגנער פון דער קאמונע, וועלכע קיינער האט לחלוטין ניט גערירט. ווינוא האט שוין מיט אן אוונט פריער, אלס באלעבאס פון פער־לאשעז, געקענט נעמען די תפיסה, וואס איז א סך פריער איבערגעלאזט געווארן אויף הפקר דורך די וואכלייט פון דער נאציאנאלער גווארדיע. ער האט זיך אבער געהאלטן ביי הער טיערס שיטה, אז קדושים איז קיינמאל ניטא צופיל. א סך ארעסטירטע, וואס זיינען מיט א טאג פריער ארויס פון דער תפיסה — בתוכם דער בישאף דע־סיורא און צוויי גלחים—האט דער המון געכאפט און דערשאסן ביי די באריקאדעס; מען האט געקענט האפן, אז דער זעלבער גורל וועט אויך טרעפן די איבעריקע און וועט ווי בארעכטיקן די רעפרעסיעס.

צען א זייגער ווערט דער קאמף געפירט בלויז אויפן קליינעם פירעק, וואס עס בילדן די גאסן פון דער פארשטאט טאמפל,

טרוא=בּאָרן, טרוא=קוראָן און דער בולוואַר בעלוויל. עס שטעלן נאָך אַ ווידערשטאַנד צוויי=דריי גאַסן פונם XXטן קרייז, בתוכם די ראַנפּאָנאָ=גאַס. איין קליינע אָפּטיילונג, וואָס ווערט אָנגעפירט דורך וואַרלענען, פערע און גאַמבאָנען מיט רויטע בענדער בײַ די פּאַסן און מיט שאַספּאָ אויף די פּלייצעס, לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער שאָן=גאַס און גייט אַרויס פונם XXטן קרייז אויפן בול=וואַר. עפּעס אַ גאַריבאַלדייער, אַ ריזיק=הויכער, טראָגט אַ גרויסע רויטע פאָן. זיי טרעטן אַריין אינם XIטן קרייז. וואַרלען מיט זיינע חברים גייען פאַרטיידיקן די באַריקאַדע אויף דער גאַס פון דער טאַמפּל=פאָרשטאָט און פאָנטען=אָ=רוא. זי איז אומצוטריטלעך פון פראָנט; די ווערסאַלער לייט, וואָס אין זייערע הענט געפינט זיך דאָס סען=לוי=שפּיטאָל, געלינגט זי אומצוגיין פון דער זייט פון סען=מאָר=גאַס און בישאַ.

עלף אַ זייגער האָבן די פעדעראַליסטן שוין כּמעט מער קיין האַרמאַטן ניט און צוויי דריטל אַרמיי רינגלען זיי אַרום. אויף די גאַסן פון דער פאָרשטאָט טאַמפּל, אָבערקאַמפּף, סען=מאָר, פּאַר=מאַנטיע גייט נאָך אַלץ דער קאַמף. דאָרט זיינען נאָך פאַראַן באַ=ריקאַדעס, וועלכע מען קען ניט אומגיין און הייזער, וואָס האָבן גיט קיין דורכגענג. די ווערסאַלער אַרטילעריע באַשיסט זיי אַזוי לאַנג, ביז די פעדעראַליסטן האָבן שוין ניט מיט וואָס צו שיסן. בעת זיי האָבן שוין ניט קיין איין קויל אַפילו, גיבן זיי זיך אונ=טער דער מאַכט פון די ביקסן, וואָס רינגלען זיי אַרום.

די שיסעריי ווערט שטילער; עס קומען פאָר לאַנגע הפסקות. זונטאָג דעם 28סטן מאַי האַלבטאָג דערהערט זיך פון דער פּאַריזער גאַס, וואָס איז גענומען דורך די ווערסאַלער לייט, דער לעצטער האַרמאַטן=שאָס פון די פעדעראַליסטן. דער האַרמאַט, וואָס איז אָנגעלאָדן אין צווייען, לאָזט אַרויס עפּעס אַ מין לעצטן זיפץ פון דער פּאַריזער קאָמונע.

די לעצטע באַריקאַדע פון די מאַי=טעג — איז אויף דער ראַנפּאָנאָ=גאַס. אין משך פון אַ פערטל שעה פאַרטיידיקט זי בלויז איין פעדעראַליסט. דריי מאָל געלינגט אים אָפּצוברעכן דאָס העלצל פון דער ווערסאַלער פאָן, וואָס איז אַריינגעשטעקט אויף דער באַ=

ריקאַרדע פון דער פּאַריזער גאַס. אַלס שכר פאַר זיין מוטיקייט געלינגט דעם דאָזיקן לעצטן זעלנער פון דער קאָמונע ניצול צו ווערן פונם שונא.

איינס אַ זייגער איז אַלץ געענדיקט. דער קאָנקאָרדיע־פּלאַץ האָט זיך געהאַלטן צוויי טעג, ביוט־אָ־קאַיל — אויך צוויי טעג, לאַ־ווילעט — דריי; דער וואָלטער־בולוואַר — פערטהאַלבן טעג. פון די 79 קאָמונע־מיטגלידער, וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין דער אַקציע, איז דעם 21טן איין דעלעקליוז געשטאָרבן אויף די באַריקאַדעס, צוויי — זשאַק דיוראַן און ראַאול ריגאָ—זיינען דערשאָסן געוואָרן; צוויי — בריונעל און ווערמאָרעל — זיינען געוואָרן שטאַרק פאַר־וואונדעט; דריי—פּראָטאָ, אודע און פראַנקעל—זיינען לייכט פאַר־וואונדעט. די ווערסאַלער לייט האָבן געליטן ווייניק; די פעדעראַ־ליסטן האָבן געהאַט 3.000 דערהרגעטע און פאַרוואונדעטע. די פאַרלוסטן פון דער אַרמיי אין יוני 48סטן יאָר און דער ווידערשטאַנד פון די מורדים זיינען לפי־ערך געווען גרעסער. די יוני־מורדים זיינען אָבער געשטאַנען פנים־אל־פנים מיטן שונא, וואָס האָט בסך־הכל געהאַט דריי טויזנט מאַן; די מאַי־מורדים – קעגן הונדערט און דרייסיק טויזנט מאַן. אין יוני האָט דער קאַמף געדויערט בלויז דריי טעג; די פעדעראַליסטן האָבן געקעמפט אין משך פון זיבן וואָכן. ערב דער יוני־שלאַכט איז די רעוואָלוציאָנערע אַרמיי גע־ווען גאַנץ, דעם 20טן מאַי — איז פון איר געוואָרן אַ תל. די מוטיקסטע פאַרטיידיקער אירע זיינען געפאַלן אויף די פאָדערשטע פּאָזיציעס. וואָס וואָלטן אַלץ ניט געקענט אויפטאָן אין פּאַריז אויפן מאָנמאַרטר,ביים פּאַנטעאָן, פופצן טויזנט מוטיקע לייט פון נעילי, ד׳אַניער, ד׳איסי, וואַנוו און קאַשאַן!

מאָנטאָג, דעם 29סטן, האָבן די ווערסאַלער לייט פאַרנומען דעם ווענסענער פאָרט. דער דאָזיקער פאָרט, וואָס איז געווען אַנטוואָפנט, האָט קיין שום אָנטייל אין דער שלאַכט ניט געקענט נעמען. זיין גאַרניזאָן איז באַשטאַנען פון 350 מאַן און 24 אָפיצירן אונטער דער קאָמאַנדע פונם לעגיאָן־שעף פאַלטאָ, אַ וועטעראַן פון די פוילישע מלחמות, און גאַריבאַלדין, איינעם פון די ענער־גישסטע טוער פונם 18טן מערץ. מען האָט אים פאַרגעלייגט

אַ זיכער באַהעלטעניש. האָט ער געענטפערט, אַז זיין ווערדע ער־לויבט אים ניט צו פאַרלאָזן זיינע געוועזענע־חברים.

שבת איז קיין פּאַריז געקומען אַ פּאַלקאָווניק פונם ווער־סאַלער גענעראַל־שטאַב, כּדי צו פירן אונטערהאַנדלונגען וועגן אונטערגעבן זיך. פאַלטאַ האָט געפּאָדערט אַ פרייען דורכגאַנג־שיין ניט פאַר זיך אַליין בלויז, נאָר אויך פאַר עטלעכע אויסלענדישע אָפיצירן. פאַלטאַ האָט געמאַכט אַ פעלער, בעת ער האָט נאָך די ווערסאַלער לייטס אָפּזאָג מיט דער זעלבער בקשה זיך געווענדט צו די דייטשן. מאַק־מאַהאָן, וואָס האָט פאַראויסגעזען די באַלאַ־גערונג, האָט נאָך פריער געבעטן שטיצע ביים זאַקסישן פּרינץ און דער דאָזיקער דייטש איז געווען אויפן צד פון זיין נייעם פריינד. בעת די דאָזיקע אונטערהאַנדלונגען, האָט ווינוא אָנגע־קניפּט באַציִונגען מיט דער שטאָט, וואו עס האָבן זיך געפונען עטלעכע קאָמפּראָמיטירטע לייט, וועלכע האָבן פאַרגעלייגט צו נעמען אין קלעם די פאַרעקשנטע פעדעראַליסטן. צו די לעצטע האָט געהערט מערלע, אַ גענעראַל פון די אינזשענערישע חיילות און פון דער אַרטילעריע, אַ געוועזענער אונטעראָפיציר, וואָס האָט פעסט באַשלאָסן גיכער אויפצורייסן דעם פּלאַץ, איידער אים אונ־טערצוגעבן. אינם פּולווער־לאַגער האָבן זיך געפונען 10.000 קילאָ פּולווער און 40.000 קוילן.

זונטאָג, אכט אַ זייגער אינדערפרי, האָט זיך פון מערלעס צימער דערהערט אַ שאָס. מען איז געקומען צו לויפן. ער איז גע־לעגן אויף דער ערד, דעם קאָפּ דורכגעשאָסן מיט אַ רעוואָלווער. אין צימער איז געווען אַן אומאָרדענונג, די ריכטונג פון דער קויל האָט עדות געזאָגט וועגן קאַמף. איין קאַפּיטאַן, אַן אַדיוטאַנט־מאַיאָר פונם 99טן באַטאַליאָן, אַ געוויסער באַיאַר, אַ הייסער אָנ־הענגער פון דער רעוואָלוציע בעת דער קאָמונע, וועלכער איז באַפרייט געוואָרן דורך די ווערסאַלער לייט, האָט זיך בלויז מודה געווען אין דעם, אַז ער האָט צעוואָרפן די עלעמענטן פון דער באַטאַריי, וואָס מערלע האָט צוגעגרייט, כּדי אויפצורייסן דעם פאָרט.

מאָנטאָג האָט דער ווערסאַלער פּאָלקאָווניק ווידעראַמאָל געמאַכט זיין פאָרשלאָג. דער קאַמף אין פּאַריז האָט זיך געענ־

דיקט. די אפיצירן האבן זיך באראטן און האבן באשלאסן צו עפענען די טויערן. דריי א זייגער זיינען די ווערסאלער לייט אריין אין דער שטאט. דעם אנטוואפנטן גארניזאן האט מען איינגע־ארדנט אין דער טיף פונם הויף. ניין אפיצירן האט מען פאר־שלאסן באזונדער.

ביינאכט האט מען די ניין אפיצירן דערשאסן אין די ריוועך, הונדערט מעטער פון דעם ארט, וואו עס איז געפאלן דער ענגי־ענישער פירשט. איינער פון זיי, פאלקאוויק דעלארם, האט זיך געווענדט צו דעם ווערסאלער, וואס האט אנגעפירט מיט דעם דערשיסן, מיט אט־א־די ווערטער: „טאפט נאר אן מיין דופק, גיט א קוק — צי כ׳האב עפעס מורא?"

צוויי-און-דרייסיקסטער קאַפּיטל

„מיר זיינען ערלעכע לייט; דאָס גע-ריכט וועט געפירט ווערן לויט די גע-ווינלעכע געזעצן. מיר וועלן זיך האַלטן אויסשליסלעך ביים געזעץ".
(טיער. די רעדע אין דער נאַציאָ-נאַל-פאַרזאַמלונג דעם 22 מאַי 1874).

„איך קען אייך מבטיח זיין, אַז די צאָל עקזעקוציעס איז געווען גאָר אומ-באַדייטנד".
(מאַק-מאַהאָן. אַנקעטע וועגן דעם 18טן מערץ).

די ווערסאַלערס מוראדיקע מעשים. — די שחיטות. — די פּרעוואָטאַלע געריכטן. — וואַרלענס טויט. — די עפּידעמיע. — די לוויות.

אין פּאַריז איז געוואָרן אַן אָרדענונג. אומעטום חורבות, מתים, אַן אימהדיק געקלימפּער פון שאָסן. די אָפיצירן זיינען שטאָלץ אַרוים איבער די גאַסן, געקלונגען מיט די שווערדן און בכלל זיך געהאַלטן חוצפּהדיק; די אונטעראָפיצירן האָבן זיי נאָכ-געטאַנצט אין גאווה. אויף אַלע גרויסע שליאַכן זיינען געווען צע-שטעלט אין ביוואואַקן זעלנער; אַ טייל, וואָס זיינען טעמפּ געוואָרן פון מידקייט און דער שחיטה, זיינען געשלאָפן אויף די טראָטואַרן, אַנדערע ווידער האָבן, זינגענדיק לידער, געקאָכט פאַר זיך זופּ.

ביי אַלע פענסטער האָבן געפלאַטערט דריי-פאַרביקע פאָנעס, וואָס זיינען אַרויסגעהאַנגען געוואָרן מחמת פּחדנות, כּדי זיך צו פאַרהיטן פון רעוויזיעס. אויף די גאַסן, אין די אַרבעטער-פאָר-שטעט האָבן זיך געוואַלגערט קופּעס געווער, פּאַטראָנטאַשן, מונ-

דירן, וואס די איבערגעשראקענע איינוואוינער האבן ארויסגעווארפן פון די פענסטער אדער בײנאכט געבראכט צו טראגן. ביי די שוועלן פון די הייזער זיינען געזעסן די ארבעטער-פרויען; זיי האבן אנגעשפארט די קעפ, געקוקט פאר זיך מיט אן אומבאוועגלעכן בליק און געווארט — ווער אויף א זון, ווער אויף א מאן, וועלכע ס'איז שוין מער ניט באשערט געווען צוריקצוקומען.

די ווערסאלער עמיגראנטן, פארשיידענע לומפן, וואס שווימען תמיד ארויס בעת די מאנארכיסטישע נצחונות, האבן פארשריען די בולווארן מיט זייערע הפקרדיקע קולות. פון מיטוואך אן האט דאס דאזיקע גאנצע פעבל זיך נאכגעשלעפט נאך די געפאנגענע, האט באגלייט מיט טריומף-אויסגעשרייען די רייטער-זשאנדארמעריע — עס האבן זיך געפונען דאמען, וואס האבן זיי געקושט די שטיוול — האט ארומגערינגלט די אפיצירן, וואס האבן דערציילט וועגן זייערע גרויסע מעשים אויף די קאפע-טעראסעס, ארומגערינגלט דורך גאסן-פרויען. די ציווילע לייט האבן זיך געמיט אריבערצושטייגן די מיליטער-לייט אין הפקרות. מענטשן, וואס זיינען אפילו ניט פארבייגעגאנגען די מאנמארטר-גאסן, האבן באשריבן דאס נעמען שטאט-ד'א, האבן זיך גערימט יעדער באזונדער, אז זיי האבן אויך דערשאסן א טוץ פעדעראליסטן. עלעגאנטע דאמען האבן זיך געמאכט פריילעכע שפאצירגענג, זיינען אוועק באטראכטן די מתים, און חוזק מאכנדיק פון די טויטע העלדן, מיט די שפיצן פון זייערע שירמען אויפגעהויבן ביי זיי די בגדים.

„איינוואוינער פון פאריז!" — האט אויסגעשריען דעם 28סטן מאי מאק-מאהאן. — „פאריז איז באפרייט! היינט איז דער קאמף פארענדיקט. ארדענונג, ארבעט און זיכערהייט וועלן ווידער אנהייבן הערשן".

„דאס באפרייטע פאריז" איז אפגעגעבן געווארן אונטער דער קאמאנדע פון פיר גענעראלן: ווינוא, לאדמירא, סיסיי, דועי, און עס איז דארט ווידער איינגעשטעלט געווארן דער רעזשים פון באלאגערונגס-צושטאנד, וואס די קאמונע האט מבטל געמאכט. אין פאריז איז געווען בלויז איין רעגירונג — די ארמיי, וואס

האָט אָנגעטאָן עינויים. מען האָט די פאַרביי־גייער געצוואונגען צעליי־גן
די באַריקאַדעס און יעדע אומגעדולדיקע באַוועגונג איז געוואָרן
באַשטראָפט מיט אַרעסט, יעדע קללה — מיט טויט. מען האָט
געמאָלדן, אַז יעדער איינער, וואָס פאַרמאָגט געווער, וועט תיכף=
ומיד איבערגעגעבן ווערן צום מיליטערישן געריכט; אַז אויב פון
עפּעס אַ הויז וועט זיך דערהערן אַ שאָס, וועלן די איינוואוינער
פאַרמשפט ווערן צום טויט. עלף אַ זייגער האָבן אַלע עפנטלעכע
אַנשטאַלטן זיך געמוזט שליסן; בלויז אָפיצירן אין אוניפאָרם
האָבן געהאַט רעכט צו שפּאַצירן פריי איבער די גאַסן; ביינאַכט
זיינען אומעטום אַרומגעריטן רייטער=פּאַטרולן. דער אַריינפאָר אין
פּאַריז איז געווען זייער באַשווערט, דער אַרויסגאַנג — אוממעג=
לעך. היות מען האָט די גערטענירער ניט געלאָזט אין שטאָט אַריין,
האָט געדראָט, אַז עס זאָל זיך אויסלאָזן לעבנסמיטל פאַר דער באַ=
פעלקערונג.

די שלאַכט איז פאַרענדיקט און די אַרמיי איז איצט פאַר=
וואַנדלט געוואָרן אין אַ ריזיקער שטראָף=אָפּטײלונג. יוני 1848 האָט
קאַוועפּיאַק, וועלכער האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט אַלעמען מוחל
זיין, — איינגעאָרדנט אַ שחיטה; הער טיער האָט זיך געשוואָרן
מיטן געזעץ און געלאָזט די אַרמיי פראַנק=און=פריי טאָן, וואָס זי
וויל. ער איז געווען פאַר „דער גרעסטער שטרענגקייט", כּדי צו
האָבן אַ מעגלעכקייט שפּעטער צו זאָגן זיין באַרימט ווערטל:
„מיטן סאָציאַליזם האָט מען שוין אויף לאַנג פאַרענדיקט". שפּע=
טער האָט ער געטענהט, אַז עס איז אוממעגלעך געווען אָפּצו=
האַלטן די זעלנער — אַן אַנטשולדיקונג, וואָס לאָזט זיך בשום
אופן ניט נעמען אין באַטראַכט, מחמת די שרעקלעכסטע שחיטה
איז פאָרגעקומען שוין נאָך דער שלאַכט *.

* זונטאָג אינדערפרי האָבן מיר דערזען, ווי צו איין וויינהענדלער פונם
וואָלטער-פּלאַץ איז אַריין אַ גרופּע גאָר יונגע זעלנער-מאַטראָסן פונם אַרויסלאָז
פון 1871. „וואָס, אַ סך הרוגים?" — האָבן מיר זיי אַ פרעג געטאָן. — מיר האָבן
באַקומען אַ באַפעל ניט צו נעמען אין געפאַנגענשאַפט, אַזוי האָט געהייסן דער
גענעראַל (זיי האָבן ניט געקענט אונדז אָנרופן דעם נאָמען פון גענעראַל). ווען
איי זאָלן זיך ניט געוען פאַרנעמען מיט אונטערצינדן, וואָלט מען זיך מיט זיי אַזוי

זונטאג, דעם 28טן, נאכן ענדיקן די שלאכט, האט מען אין די געגנטן פון פער=לאשעז אויפגעקליבן עטלעכע טויזנט מאן און זיי אפגעפירט אין דער ראקעט=תפיסה. ביים אריינגאנג איז געשטאנען דער באטאליאן=קאמאנדיר, באטראכט די געפאנגענע און געזאגט וואס אים איז נאר איינגעפאלן: „רעכטס!" אדער „לינקס!" לינקס האט מען געשטעלט די אלע, וואס זיינען באשטימט געווארן צום דערשאסן ווערן. מען האט זיי אויסגעליידיקט די קעשענעס, דערנאך געשטעלט צו דער וואנט און דערהרגעט. אנטקעגנאיבער דער וואנט האבן צוויי גלחים אונטערגעברומט באגלייט=תפילות.

פון זונטאג ביז מאנטאג אינדערפרי האט מען בלויז אין איין ראקעט דערהרגעט ניינצן הונדערט נפשות און בלוט האט זיך טייכנווייז געגאסן אין די רינשטאקן פון דער תפיסה. אין מאזאס, אין דער מיליטערישער שול, אינם פארק מאנסא זיינען אויך פארגעקומען אזעלכע שחיטות.

ס'קען זיין, אז נאך שרעקלעכער זיינען געווען די פרעוואטאלע געריכטן, וואו מען האט געמאכט דעם אנשטעל, אז מען משפט. זיי זיינען נים געווען קיין צופאל=זאך, נאר א פועל=יוצא פון די פריערדיקע שרעקלעכע מעשים פון דער שלאכט. נאך א סך פריער פאר דעם אריינטריט אין פאריז איז אין ווערסאל שוין באשטימט געווארן זייער צאל, דאס ארט פון די זיצונגען, די פולמאכטן און די יורידיקציע. איינס פון די אנגעזעענסטע געריכטן האט געמשפט אין שאטעלע. דעם פארזיץ האט געפירט דער פאלקאווניק פון דער נאציאנאלער גווארדיע לוי וואבר, איינער פון די אנטיילנעמער פונם 31טן אקטאבער און דעם 18טן מערץ. דאס איז געווען א דיקער חזיר מיט א פיגור פון א סען=גארדיסט*. אין

ניט באגאנגען, היות אבער זיי האבן אונטערגעצוגדן, דארף מען זיי הרגענען". (בוכשטעבלעך). דערנאך האט איינער פון זיי געזאגט צום חבר: „היינט אינדערפרי (ער האט אנגעוויזן אויף דער באריקאדע אין דער מעריע) קומט איין בלוזע-מאן. „איר וועט דאך מיך נים שיסן" — האט ער א זאג געטאן. — „א, ניין! צו וואס". מיר האבן אים געלאזן פארבייגיין;—און פאף... פאף... ער האט א דריגע געטאן מיט די פיס.

* קייזערלעכע ערן-וואך.

דער געשיכטע זיינען פארבליבן די פראטאקאלן פון אבעם רציחות אין דער צייט האבן די געפאנגענע, אפילו די גאר=באריםטע, זיך געקענט נאך פארטיידיקן. די פאריזער לייט פון 1871 האבן אפילו קיין געריכט פון מאליארן ניט געהאט. טויזנטער געפאנגענע, וואס מען האט געבראכט צו פירן אינם טעאטער שאטעלע, האט מען תחילת געלאזן אין זאל אונטער דער שמירה פון זעלנער. דערנאך האט מען זיי געשטופט פון קארידאר צו קארידאר, ווי א טשערעדע שאף, אלץ נענטער צום פאיע, וואו עס איז געווען וואבר, וועלכער איז געווען ארומגערינגלט פון אפיצירן פון דער ארמיי און נאציאנאלער גווארדיע פון „דער ארדענונגס=פארטיי", מיט די שווערדן צווישן די פיס און פאפיראסן אין די ציין. די אויספארשונג האט געדויערט צו פערטל מינוט. „איר האט געהאט געווער? איר האט געדינט דער קאמונע? ווייזט די הענט!" ווער עס האט זיך געהאלטן אנטשלאסן, אדער ווער עס האט געהאט אן אומדאנקבאר אויסזען, איז געווארן פארמשפט. מען האט ניט געפרעגט ניט קיין נאמען, ניט קיין פראפעסיע, מע; האט אים ניט פארצייכנט אין קיין רשימה. „איצט איר", — האט מען זיך תיכף געווענדט צו זיין שכן, און אזוי כסדר ביזן סוף פון דער ריי. די אלע, וועמען עס האט מציל געווען עפעס א קאפריז, האט מען אנגערופן „געוויינטלעכע" און מען האט זיי געלאזן פאר ווערסאל. קיין איינעם האט מען ניט באפרייט. די „פארמשפטע" האט מען תיכף איבערגעגעבן אין די הענט פון די תלינים, וואס האבן זיי אפגעפירט אין דער לאבא=קאזארמע. עס האט ניט באוויזן זיך צוצוקלאפן נאך זיי די טיר, ווי די זשאנדארמען האבן אנגעהויבן באשיסן זייערע קרבנות — און זיי אפילו אין קיין רייען ניט אויסגעשטעלט. א טייל אומגעלונגען פארוואונדעטע זיינען געלאפן לענגאויס די מויערן. די זשאנדארמען האבן זיך נאך זיי געיאגט, ווי נאך חיות, געשאסן אין זיי ביז דעם לעצטן הויך. בעת איין שחיטה אזא איז געפאלן עדוארד מארא. מען האט אים ארעסטירט אויף דער ריוואלי=גאס און אפגעשיקט אין שאטעלע. זיין ווייב האט אים באגלייט ביז דער טיר פון דער לאבא=קאזארמע און האט געהערט דעם קנאק פון די שאספא, וואס האבן דערהרגעט איר מאן.

אין לוקסעמבורג האָט מען די קרבנות פון די פּרעוואָטאַלע געריכטן אריינגעשליידערט תחילת אין עפּעס אַ קעלער אריין, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ לאַנגע קישקע, וואוהין די לופט האָט געקענט אריין בלויז דורך אַן ענג לעכל. די אָפיצירן זיינען געזעסן און געמשפּט אינם זאַל פונם פּאַרטער, וואָס איז געווען פול מיט „בראַסאַרדיע", פּאָליציי־אַגענטן, פּריווילעגירטע בורזשואַ, וואָס האָבן געלעכצט נאָך שטאַרקע איבערלעבונגען. פונקט ווי אין שאַטעלע, איז קיין שום אויספאָרשונג ניט פאָרגעקומען, קיין שום פאַרטיידיקונג. נאָך דער דאָזיקער פּראָצעדור האָט מען די געפאַנגענע ווידער אַוועקגעפירט אין קעלער אָדער אין גאָרטן, און דאָרט קעגן דער טעראַסע זיי דערשאָסן. אויף די ווענט האָבן זיך אָנגעזען די געהירן פון די הרוגים און די זעלנער זיינען געקראָכן אין קאַלוזשעס בלוט.

אזוי ארום זיינען אָפּגעטאָן געוואָרן די פּרעוואָטאַלע רציחות אין דער פּאָליטעכנישער שול, אין דער דיופּלעי־קאַזאַרמע, אויפן צפונדיקן און מזרחדיקן וואָקזאַל, אין באָטאַנישן גאָרטן, אין אַ סך קאַזאַרמעס; די געריכטן האָבן עפּעס קאָנקורירט מיט די שווייגנדיקע שחיטה־פּלעצער. די קרבנות זיינען אומגעקומען פּשוט, אָן שום אַרטיסטישע שטיק. אַ סך האָבן צונויפגעלייגט די הענט אויף דער ברוסט און אַנדערע האָבן אַליין געגעבן די קאָמאַנדע צו שיסן. פרויען און קינדער זיינען נאָכגעלאָפן די מענער און פּאַטערס און געשריען: „דערשיסט אונז צוזאַמען מיט זיי!" עס האָבן זיך געטראָפן פרויען, וואָס האָבן אין דער שלאַכט קיין אָנטייל ניט גענומען, נאָר האָבן, אוים שגעון פון די ווילדע מעשים, געשאָסן איצט אין די אָפיצירן און דערנאָך זיך געוואָרפן צו די ווענט און געוואַרט אויפן טויט.

פאַר די אָפיצירן, וואָס דאָס רוב פון זיי זיינען געווען באָנאַפּאַרטיסטן, זיינען רעפּובליקאַנער געווען געוואונטשענע קרבנות. גענעראַל דע־לאַקרעטעל האָט באַפוילן צו שיסן טשערנוסקין, וואָס האָט מנדב געווען צוויי מאָל הונדערט טויזנט פראַנק אויף דער קאַמפּאַניע, וועלכע עס איז געווענדט געווען קעגן פּלעביסציט. אויף דעמזעלבן אופן האָט מען פאַרמשפּט צום טויט דעם דאָקטאָר

טאַני מואַלען, אַ רעדנער, ניט אים אַליין, — ווי זיי האָבן ער־קלערט — מחמת ער גופא האָט קיין שום שלעכטס ניט געטאָן, עס זאָל אים קומען אַזאַ שטראָף, נאָר אַלס רעפּובליקאַנער, אַלס איינער פון „יענע מענטשן, פון וועלכע מען דאַרף פּטור ווערן". די לינקע רעפּובליקאַנער, — אפילו יענע, וואָס האָבן בפירוש אַרויסגעוויזן שנאה צו דער קאָמונע — האָבן ניט געוואָגט אַריינ־צושמעקן אין פּאַריז, אויס מורא, אַז מען זאָל זיי אויך ניט אַריינשלעפּן צווישן דער חברה, וואָס מען טייט.

ניט אַלעמען האָט זיך איינגעגעבן אַריינצופאַלן אין די פּרע־וואָטאַלע געריכטן און קעפּ־ערטער. אַ סך האָט מען דערהרגעט אין די הויפן און פאַר די טירן פון זייערע הייזער, וואו עס האָט זיך נאָר געלאָזן, — אַזוי, למשל, האָט מען דעם ד"ר נאַפּיאַ־פּיקע דערשאָסן אויף דער ריוואָלי־גאַס און זיין טויטער קערפּער האָט זיך דאָרט אָפּגעוואַלגערט אַ גאַנצן טאָג, דערביי האָבן די זעלנער אָראָפּגענבעט ביי אים די שטיוול; אויף אַזאַ אופן האָט מען אויך דערהרגעט דעם פּרעזידענט פונם קלוב סען־סולפּיס, וועלכן מען האָט אַרויסגעפירט אינם שלאָפראָק. די אַרמיי האָט אָן שום באַשטימטע תקנות, אָן שום פאַקטן געהרגעט אויף רעכטס און אויף לינקס, און זיך גערעכנט דערביי אויסשליסלעך מיט דער שנאה פון די „בראַסאַרדיע", מיט מסירות, אָדער אָנווייזן פון באַאַמטע, וואָס האָבן געוואָלט פאַרגלעטן עפּעס זייערע אייגענע מעשים.

מען האָט דערשאָסן יעדן איינעם, וואָס עפּעס אַ באַקאַנטער האָט אַ רוף געטאָן ביים נאָמען, אויב עס האָט געקלונגען ווי דער נאָמען פון עפּעס אַ באַקאַנטן רעוואָלוציאָנער. אין גרענעל האָט מען דערהרגעט עפּעס איינעם אַ בלומרשטן ביליאַרע, ניט געקוקט אויף זיינע מוראדיקע פּראָטעסטן; אויפן וואַנדאָמער פּלאַץ — עפּעס אַ בריונעל אין דער דירה פון פּרוי פּולד. „גאָלואַ" האָט פאַרעפנטלעכט אַ באַריכט פון אַ מיליטערישן כירונג, וואָס האָט געקענט וואָלעסן און איז ביי־געווען ביי זיין עקזעקוציע. עס האָבן זיך געפונען עדי־ראיה, וואָס האָבן געזאָגט, אַז זיי האָבן אַליין געזען, ווי מען האָט מיטוואָך לעבן דער באַנק־גאַס דערשאָסן

לעפראנסע. דעם אמתן ביליארע האט מען געמשפט אין אווגוסט. וואלעס, בריונעל און לעפראנסע זיינען אנטלאפן קיין אויסלאנד. אזוי ארום האט מען די קאמונע-באאמטע אפטמאל צו עטלעכע מאל געשאסן אין די פערזאנען פון מענטשן, וואס מען האט אנ-גענומען, אז דאס זיינען זיי.

צום אומגליק, איז ווארלענען ניט באשערט געווען ניצול צו ווערן. זונטאג, דעם 28טן, האט אים דערקענט אויפן קאדע-פלאץ איינער א גלח, וואס איז תיכף געלאפן נאכן אפיציר. אויף וואר-לענען האט זיך א ווארף געטאן לייטענאנט סיקר, האט אים פאר-בונדן די הענט אויף הינטן און אוועקגעפירט צו די בערג, וואו עס האט זיך געפונען גענעראל לאוואקופע. א שעה נאכאנאנד האט מען געשלעפט דעמזעלבן ווארלענען, וואס האט איינגעשטעלט דאס לעבן, כדי מציל צו זיין די ערבות-לייט אויף דער אקסא-גאס, דורך די געדרייטע גאסן. אונטער א האגל קלעפ איז זיין יונגער קאפ פון א דענקער, אין וועלכן עס זיינען קיינמאל קיין אנדערע געדאנקען, ווי די אידעע פון ברודערשאפט, ניט געווען, פארוואנדלט געווארן אין געהאקט פלייש; איין אויג איז אים ארויס פון אויגן-לאך. בעת מען האט אים דערפירט ביז דער ראזיע-גאס, צום הויפט-שטאב, האט ער שוין מער קיין כוח ניט געהאט צו גיין; מען האט אים געטראגן. מען האט אים אוועקגעזעצט צום שיסן. די זעלנער האבן מיט די באגנעטן אים צעשענדט שוין טויטערהייט. סיקר האט ביי אים צוגעגנבעט דעם זייגער און זיך געמאכט דערפון א שמוק-זאך.

אויפן „בארג פון די קדושים" איז קיין רומפולערער קדוש ניט געווען. זאל זיין אנדענק בלייבן אייביק אינם גרויסמוטיקן הארץ פונם ארבעטער-קלאס! ווארלענס גאנץ לעבן קען דינען אלס מוסטער. ער איז צו אלעם אליין געקומען, אדאנק זיין פאר-עקשנטן ווילן, אפגעבנדיק זיך מיט אינטעלעקטועלער ארבעט אין די אוונט-שעהן, וואס ער האט געהאט פריי נאך דער ארבעט אינם ווארשטאט, און געלערנט זיך — ניט כדי צו האבן כבוד, ווי די קארבאנס און די טאלענס, נאר כדי אויפצוקלערן און באפרייען דאס פאלק.

ער איז געווען די נשמה פון די ארבעטער-ארגאניזאציעס ביים סוף פון דער אימפעריע. ער איז געווען בטבע אן אומדער-מידלעכער, א באשיידענער, א שווייגער, וואס פלעגט זיך בלויז אנ-רופן אין א נייטיקן פאל — און אויפקלערן מיט איין ווארט עפעס א פארפלאנטערטן וויכוח. ער האט געהאט אין זיך רעוואלוציאנערן גייסט, וואס ווערט אזוי אפט אפגעטעמפט ביי די אינטעליגענטע ארבע-טער. איינער פון די ערשטע דעם 18טן מערץ, תמיד ביי דער ארבעט בעת דער קאמונע, איז ער ביז דער לעצטער רגע פארבליבן אויף די באריקאדעס. דער דאזיקער בר-מינן האט אינגאנצן געהערט צו די ארבעטער.

די ווערסאלער זשורנאליסטן האבן באשפיגן זיין טויטן קערפער, האבן דערציילט, אז מען האט אויף אים געפונען הונ-דערטער טויזנטער פראנק, ניט געקוקט דערויף, וואס אינם אפי-ציעלן ראפארט איז בפירוש געשטאנען: „א בייטעלע מיט 284 פר. 15 ס." די דאזיקע צייטונגס-לייט, וואס האבן זיך אומגעקערט אין פאריז און זיך נאכגעשלעפט נאכן עק פון דער ארמיי, האבן ווי שאקאלן געוואיעט און ווי די חזירים זיך געפארעט ביי די מתים. די אלע סארטעס האבן פארגעסן, אז אין בירגער-מלחמות שטייען אלע דערהרגעטע שונאים ווידער אויף תחית-המתים, און האבן געשריבן בלויז אויף איין טעמע: הרגע! זיי האבן פאר-עפנטלעכט די נעמען און ערטער פון די באהאלטענע, וואס דארפן דערשאסן ווערן, און ארויסגעוויזן אומאויסשעפלעכע המצאות אויף אונטערצוהעצן די בורזשואזיע. נאך יעדן שאס האבן זיי געשריען: „נאך! מען דארף גיין אויף גיעג אויף די קאמונארן, אזוי ווי אויף חיות" („די טובת-הכלל"). — „די דאזיקע לייט, וואס האבן געהרגעט און געגנבעט אוים ליבע צו קונסט, זיינען סוף-כל-סוף אין אונזערע הענט, — ווען מיר דען ענטפערן זיי: רחמנות! די דאזיקע עקלהאפטע פרויען, וואס האבן מיט מעסערס געהאקט די ברוסטן ביי די אפיצירן, זיינען איצט אין אונזערע הענט, ווען מיר דען ענטפערן זיי: רחמנות!" („דאס פאטערלאנד"). — „וואס איז אזוינס א רעפובליקאנער? א ווילדע חיה... פאראויס, ערלעכע לייט! דרייסטער, נאך איין לעצטער אנגריף, כדי איינמאל פאר

אלעמאל צו מאכן א סוף צו די דעמאקראטישע און אינטערנא־ציאנאלע לומפן" („פיגארא"). „ס'האט זיך געענדיקט די הערשאפט פון די אויסוואורפן. עס וועט אויף אייביק בלייבן אומבאקאנט, מיט וואסער ראפינירטער אכזריות און ווילדקייט זיי האבן געפייערט זייער פארברעכערישע און בארבארישע ארגיע... צוויי חדשים גזילה, רויב, רציחה און אונטערצינדונגען! („די געזעלשאפטלעכע מיינונג"), — „קיין איין אויסוואורף, וואס אין זייערע הענט האט זיך געפונען פאריז אין משך פון צוויי חדשים, טאר מען ניט האלטן פאר קיין פאליטישן פארברעכער; מען וועט זיך מיט אים באגיין ווי מיט א רויבער, ווי זיי זיינען געווען אין דער אמתן, ווי מיט שרעקלעכע פארזעעניש, וואס די געשיכטע האט נאך אזוינס ניט געזען. א סך צייטונגען ראטן צו באנייען דעם עשאפאט, וואס איז דורך זיי פארניכט געווארן, כדי ניט אנצוטאן זיי דעם כבוד פון דערשיסן". („אלגעמיין ידיעות = בלאט"). — איין ענגלישער מעדיציניסער זשורנאל האט דעם 27טן מאי געפאדערט, אז מען זאל די געפאנגענע אפגעבן צו מאכן אויף זיי וויוויסעקציעס.

כדי צוצוגעבן מוט די זעלנער, האט די פרעסע, בעת מען האט באדארפט, זיי באשאנקען מיט לארבער־קרענץ. „ווי פראכט־פול אונזערע אפיצירן און זעלנער האבן זיך עס געהאלטן! האט געשריבן „פיגארא". — „נאר א פראנצויזישער זעלנער קען אזוי שנעל און אזוי גיך צו זיך קומען". — „סאר א רום!" — האט אויסגעשריען „זשורנאל דע־דעבא":—„אונזער ארמיי האט אירע מפלות אויסגעגלייזט מיט אן אומדערשאצלעכן נצחון".

אזוי האט די ארמיי זיך אפגערעכנט מיט פאריז פאר אירע מפלות. פאריז איז געווען פונקט אזא שונא ווי פרייסן, און קיין רחמנות האבן אויף אים האט מען ניט באדארפט, מחמת די ארמיי האט אויפדאסניי באדארפט געווינען איר פרעסטיזש. כדי צו מאכן עס ענלעך צו א נצחון, האט מען געמאכט א פייערונג. די רוימער האבן עס קיינמאל ניט געטאן נאך די בירגער־מלחמות. הער טיער האט געמאכט א פאראד די פרייסן אין די אויגן, וועלכע ער האט, אלס רעוואנש, געווארפן די טויטע קערפערס פון די פאריזער איינוואוינער.

איז דען אַ חידוש, וואָס ביי אַ זעלכע קאָמאַנדירן האָט דער באָסט פון די זעלנער דערגרייכט אַזוי ווייט, ביז אַזאַ שיכּרות, אַז דאָס בלויזע זען אַ בר-מינן האָט זיי אויפגעהעצט. זונטאָג, דעם 28טן, האָבן מיר ביי די ווענט פון דער מעריע פונם IXטן קרייז, וואו עס זיינען געלעגן מתים, באַמערקט איין מאַטראַס, וואָס האָט אויפן באַגנעט אַרויפגעצויגן די געדערים פון אַ פרוי, וואָס זיינען אַרויס פון איר בויך; די זעלנער האָבן זיך געוויילט אויף אַזאַ אופן: זיי האָבן אויף דער ברוסט פון די פעדעראַליסטן צוגעטשעפעט אַט-אַזעלכע מינים אויפשריפטן — רוצח, גנב, שיכּור און אַריינגעשטעקט זיי אין מויל אַריין העלזלעך פון פלאַשן.

מיט וואָס לאָזן זיך ערקלערן די דאָזיקע ראַפינירטע באַר-באַרישע מעשים? לויט מאַק-מאַהאָנס אָפיציעלן באַריכט זיינען פונם 3טן אַפּריל ביזן 28טן מאַי געווען 877 דערהרגעטע ווער-סאַלער. הייסט עס, אַז מיט נקמה-רעכט לאָזן זיך די ווילדע מעשים ניט ערקלערן. בעת אַ הייפל צערייצטע מענטשן נעמען נקמה פאַר זייערע ברידער און דערשיסן דריי און זעכציק ערבות-לייט * פון אַן ערך דריי הונדערט, וואָס געפינען זיך ביי זיי אין די הענט, — פּראָטעסטירט די רעאַקציע מיט שוידער אין נאָמען פון יושר. וואָס זאָל מען אָבער זאָגן וועגן דעם יושר פון יענע לייט, וואָס דערשיסן סיסטעמאַטיש, אָן שום מורא פאַרן אויס-גאַנג פון קאַמף און, דער עיקר, שוין פאַרענדיקטן קאַמף — צוואַנ-ציק טויזנט מענטשן, אויף דריי פערטל אַזעלכע, וואָס האָבן לחלוטין קיין שום אָנטייל אין דער שלאַכט ניט גענומען. דאָך האָבן די זעלנער אַרויסגעוויזן לכל-הפּחות אויפבליצן פון מענטש-לעכקייט: זיי האָבן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ זיך אומגעקערט פון די עקזעקוציעס. די באַנאַפּאַרטיסטישע אָפיצירן אָבער זיינען געווען אומברחמנותדיק אין זייער אַכזריות. שוין נאָך זונטאָג האָבן זיי אַליין דערהרגעט געפאַנגענע. די מוטיקייט פון די קרבנות האָבן זיי אָנגערופן „חוצפּה, פאַרלאַנג בעסער צו שטאַרבן, איידער צו

* פיר — אין סען-פעלאַזש, זעקס — אין לאַ-ראָקעט, אַכט-און-פערציק — אויף דער אַקסאָ-גאַס, פיר — אין די גענגטן פון קליין ראָקעט.

לעבן און ארבעטן". ניט אנצוזעטיקן אין זיין אכזריות איז געווען פריודאם.

„די ערד איז פול מיט זייערע טויטע קערפערס", — האט הער טיער דעפעשירט צו זיינע פרעפעקטן: — „זאל דאס שרעקלעכע בילד דינען זיי פאר א לערע". מען האט דאך פארט באדארפט מאכן א סוף צו דעם אנשוילעכן מעטאד פון לערנען אויך. עס איז געגאנגען ניט אין מיטגעפיל, נאר אין דער סכנה צו ווערן אנגעשטעקט. טויזנטער פארפעסטע פליגן האבן זיך געדרייט אויף די צעפוילטע קערפערס פון די מתים. די גאסן זיינען באדעקט געווארן מיט געפגרטע פייגל. „די פרייע צוקונפט" האט געליבט אין הימל ארײַן מאק-מאהאנס פראקלאמאציעס און אנגעווענדט צו אים פלעשיעס ווערטער: „ער באהאלט זיך, אבער זיין רום אנטפלעקט אים". אפילו די סענע האט עדות געזאגט וועגן דעם רום פון טיורען פון 1871: א לאנגער בלוטיקער פאס האט באפארבט איר שטראם אונטערן צווייטן בויגן פון דער טיוילרי-בריק. די מתים האבן איצט נקמה גענומען פאר דער בלוטיקער וואך און פארפעסט די לופט אין די סעדלעך, אויף די פוסטע פלעצער, אין די הייזער, וואס בויען זיך, וועלכע האבן געדינט אלס אפלאג פאר די שהיטה-פלעצער און פרעוואטאלע געריכטן. „ווער איז בכוח, אויב ער איז לכל-הפחות איין מאל אין משך פון עטלעכע מינוט געווען אין א סעדל, אדער, ריכטיקער, אינם לאגער פון מענטשן-פלייש סען-זשאק, צו פארגעסן ווען עס אין וועגן דעם בילד! פון דער פריש צעגראבענער מיט לאפעטעס ערד האבן דא און דארט ארויסגעטארטשעט קעפ, הענט, פיס. די מתים זיינען געלעגן גלייך אויף דער ערד — דאס איז געווען עקלהאפט. א שוידערלעכער, אומדערטרעגלעכער ריח האט זיך דערטראגן פונם גארטן. ערטערווייז האט זיך געפילט אן אמתער עיפוש" *. אין פארק מאנסא, פארן אינוואלידן-הויז זיינען די מתים צעפוילט געווארן פון זון און רעגן און זיינען ארוים פון זייערע ערדישע דינע בגדים. א סך זיינען נאך פארבליבן ניט באגראבן,

* „טאן".

נאָר באַשיט מיט כלאָריק קאַלך. אין דער סענט־אַנטואַנער פאָרשטאָט האָבן זיי זיך געוואַלגערט קופּעסווייז, „ווי שמוץ“, — האָט געשריבן איין צייטונג פון דער „אָרדענונגס“־פּאַרטיי. אין דער פּאָליטעכנישער שול האָבן זיי פאַרנומען אַ שטח פון הונדערט מעטער די לענג און דריי מעטער די הויך. אין פּאַסי, וואָס איז ניט געווען גראָד דאָס צענטראַל־אָרט פון די עקזעקוציעס, לעבן טראָקאַדעראָ, זיינען געלעגן עלף הונדערט מתים. פון די טייכלעך אויף די שאָמאָנער הייכן האָט מען אַרויסגעשלעפּט דריי הונדערט מתים, וואָס זיינען אַהין אַריינגעוואָרפן געוואָרן. זיי זיינען אויך געלעגן געשוואָלן און ס׳האָט פון זיי געיאָגט אַ דאַמף — סכנת־נפשות. מאַק־מאַהאָנס רום האָט אָנגעהויבן ווערן שוין צו גרויס. די צייטונגען האָבן זיך דערשראָקן: „די דאָזיקע פּאַראַכטע נפשות, וואָס האָבן אונז ביים לעבן אַזוי פיל שלעכטס געטאָן, דאַרפן אונז ניט שאָדן נאָכן טויט... גענוג!“

„מיר וועלן מער ניט הרגענען“, — האָט געמאָלדן דעם 2טן יוני „די פּאַריזער צייטונג“ — „אַפילו רוצחים, אַפילו אונטערצינדער! מיר וועלן מער ניט הרגענען! מיר פאָדערן ניט פאַר זיי קיין אַמניסטיע, נאָר פּראָלאָנגאַציע“.

„גענוג עקזעקוציעס, גענוג בלוט, גענוג קרבנות!“ — האָבן געשריבן „נאַסיאָנאַל“ און „די געזעלשאַפטלעכע מיינונג“. „די געזעלשאַפט פאָדערט, אַז דער ענין פון די באַשולדיקטע זאָל ערנסט אויסגעפאָרשט ווערן. מען וויל, אַז עס זאָלן שטאַרבן בלויז די אמתע שולדיקע“.

די עקזעקוציעס האָט מען אָפּגעשטעלט און מען האָט גענומען אויפראַמען די טויטע. מען האָט די מתים אַריינגעשפּאַרט אין כל המינים קאַרעטעס, אַרויפגעלייגט אויפן מעבל־פּלאַטפאָרמעס, אין קאָטשן, אין אָמניבוסן. זינט די דזשומע־עפּידעמיעס האָט מען אַזעלכע פורן מיט מענטשלעכע פלייש ניט געזען. לויט די שרעקלעכע קאָנוואולסיעס, וואָס מען האָט אָנגעזען אויף אַ סך קערפּערס, האָט מען לייכט געקענט דערקענען, אַז זיי האָבן לאַנג זיך געראַנגלט מיט דער ערד, מחמת זיי זיינען לעבעדיקערהייט באַגראָבן געוואָרן. די טויטע קערפּערס זיינען אַזוי צעפּוילט געוואָרן, אַז

מען האט זיי געמוזט שנעל אוועקפירן אין פארמאכטע וואגאנעס צו די קאלך=גרובנס.

די פאריזער בית=הקברותן האבן אריינגענומען וויפל ס׳איז נאר מעגלעך געווען. אומצאליקע קרבנות האבן אנגעפילט די רי= זיקע קברים פון פער=לאשעז, מאנמארטרער און מאנפארנאסער בית=עולמס, וואוהין דאס פאלק גייט יאר=יערלעך אוועק אפגעבן כבוד די געפאלענע. מען האט זיי געלייגט אין איין ריי, איינס לעבן דאס אנדערע, אן תכריכים. אנדערע האט מען אוועקגעפירט אין שאראנע, באניאלע, ביסעטר, בערסי; דארט האט מען אויסגענוצט אלם קברים די אויסגעגראבענע בעת דער באלאגע= רונג טראנשייען און אפילו ברינעמער. „דארט איז ניטא וואס מורא צו האבן פאר אנשטעקן זיך דורך די מתים״, — האט גע= שריבן זשיראדענס „פרייהייט״. — „דאס אומריינע בלוט וועט פעט מאכן די בייטן פונם ערד=ארבעטער *. דער טויטער פעלד= מארשאל פון די מורדים קען יעדע נאכט אינספעקטירן זיינע זעלנער; זיין פאראל וועט זיין: „ב ר ע נ ע ן א ו ן ה ר ג ע נ ע ן״. אויפן ראנד פון די טראנשייען און ריווער זיינען געשטאנען פרויען; זיי האבן געוואלט דערקענען יעדע איינע איר בר=מינן. די פאליציי האט אויסגעקוקט די רגע, ווען די יסורים וועלן זיי אויסגעבן, כדי צו ארעסטירן „די זיען פון די מורדים״. לעבן די גריבער האט א לאנגע צייט זיך געהערט דאס בילן פון געטרייע הינט; די דאזיקע חיות האבן דאס מאל באוויזן, אז זיי שטייען העכער א סך פון מענטשן.

לסוף, ביים גאנצן ווילן, האט מען ניט געקענט מקבר זיין די ארמיי מתים; מען האט דאן באשלאסן צו מאכן פון זיי א תל. די קאזעמאטן זיינען פול געווען מיט כתים, מען האט דארט אריינ= געלאזט עקספלאדירנדיקע גאזן און בחיפזון געמאכט א קרעמא= טאריום, אבער אין די דאזיקע אויוונס איז פון די טויטע קער= פערס געווארן עפעס אן אויסקאכונג. אויף די שאמאנער הייכן

---

* די ווערטער פון דער „מארסעליעזע״: „זאל זייער אומריין בלוט פעט מאכן אונזערע בייטן!״ — „די „מארסעליעזע מיינט, פארשטייט זיך, ניט די אר= בעטערס בלוט, נאר די אדעללייט — די בוגדים.

האט מען אויסגעבויט א ריזיקן שייטערהויפן, מען האט אים באגאסן מיט נאפט און אין משך פון עטלעכע טעג נאך דעם האט זיך אויסגעשפרייט א געדיכטער שטיקנדיקער, אזש ביז איבלדיקייט, רויך.

ביז די ערשטע טעג יוני האבן געדויערט די מאסן־הריגות, און די עקזעקוציעס ביז העלפט חודש. נאך לאנג נאך דעם האבן אינם בולאנער וואלד זיך אפגעשפילט געהיימנישפולע דראמעס. די גענויע צאל קרבנות פון דער בלוטיקער וואך וועט אויף אייביק בלייבן אומבאוואוסט. דער ראש פון דער מיליטערישער יוסטיץ האט געוויזן זיבעצן טויזנט דערשאסענע. דער פאריזער שטאטראט האט באצאלט פאר מקבר זיין זיבעצן טויזנט מתים; א סך האט מען אבער דערהרגעט אדער פארברענט מחוץ פאריז; עס וועט ניט זיין קיין גוזמא צו זאגן, אז די אמתע צאל איז געווען צוואנציק טויזנט.

פארשטייט זיך, אז אין א סך שלאכטן איז געווען מער הרוגים. אבער יענע קעמפער זיינען לכל־הפחות געגאנגען אויפן שלאכטפעלד. אינם XIXטן י"ה האט מען נאך אזא שחיטה נאך דער שלאכט ניט געזען. אין דער געשיכטע פון אונזערע בירגערמלחמות באגעגענען מיר ניט אזא זאך. אין דער מאי־שחיטה וואלטן די בארטאלאמייער נאכט, יוני 48סטן יאר, דער 2טער דעצעמבער — געווען קוים באזונדערע עפיזאדן. בלויז די אזיאטישע העקאטאמבן קענען געבן א באגריף וועגן דער דאזיקער שחיטה פונם פראלעטאריאט.

דאס איז געווען די רעפרעסיע „אויפן סמך פון די געזעצן, דורך די געזעצן".

אלע געזעלשאפטלעכע שיכטן האבן אפלאדירט הער טיערן, וואס האט זיך געשטעלט דעם ציל אויפצורודערן די גאנצע וועלט קעגן דעם פאלק, וואס האט נאך צוויי חדשים אומבאגרעניצטער הערשאפט און אויסראטן טויזנטער מיטגלידער זיינע, געבראכט אלס קרבן 63 ערבות־לייט. דעם 28טן מאי האבן די גלחים — די גרויסע הייליקער פון די רציחות — אפגעריכט פאר דער גאנצער נאציאנאל־פארזאמלונג א פייערלעכע גאט־דינסט. מיט פינף טעג

פריער האבן די בישאפן מיט קארדינאל דע־באנעשאז בראש, גע־פאדערט ביי העך טיערן, אז דאס פויפסטלעכע געבויט זאל ווערן צוריקגעשטעלט אין זיינע רעכט. קריסטוסעס באטשאפטער, דער האר פונם נצחון — איז ארויסגעטראטן; ער האט אפגעמעקט די שיף פון האפענונג פון דעם שטאלצן פאנצער פון פאריז און אנשטאט אים פארשטעקט דאס בלוטיקע הייליקע הארץ.

דריי=און=דרייסיקסטער קאפיטל

„יושר, מענטשן=ליבע, ארדענונג און ציוויליזאציע פייערן דעם טריומף".

(טיער. רעדע אין דער נאציאנאל=פארזאמלונג דעם 22טן מאי 1871).

די פארטיע געפאנגענע. — די אראנזשעריי. — סאטארי. — מוסרים. — די פרעסע. — די עקסט=לינקע שילטן די באזיגטע. — די דעמאנסטראציעס אין אויסלאנד. —

אין די טעג פון דער מגושמדיקער קראפט און געמיינעם פראפאנירן די ציוויליזאציע שטייען פאר אונז אויף תחית=המתים די צייטן פון וויטעליוסן. אויך איצט, אינם XIXטן יארהונדערט, ווערט אנגעווענדט דאס זעלבע אכזריות אין אויסהרגענען געפאנגענע, ווייבער און קינדער; די זעלבע בראסארדיע אין דער סוויטע פון די זיגער. דער חילוק איז בלויז איינער — וויטעליוס האט, לכל הפחות, ניט גערעדט וועגן ציוויליזאציע.

גליקלעך זיינען די געשטארבענע, זיי האבן כאטש ניט באדארפט אויסשטיין די גולגולתא פון די געפאנגענע.

אויב די דערשיסונגען האבן געטראגן א מאסן=כאראקטער, קען מען זיך שוין פארשטעלן, ווי אזוי מען האט דורכגעפירט ארעסטן. דאס זיינען געווען עפעס ווילדע אנפאלן אויף פרויען, קינדער, פאריזער איינוואוינער, פראווינצער, אויף מענטשן, וואס האבן לחלוטין קיין שום שייכות ניט געהאט צו די זאכן, אן שום אויספארשונג, אן אונטערשייד פון געשלעכט און עלטער, אויף מענטשן פון כל המינים פארטייען און סאציאלע לאגעס. מען האט גענומען, למשל, אלע איינוואוינער פון עפעס א הויז, אמאל אלע

איינוואוינער פון א גאנצן קווארטאל. די שרעק האט אפגעשלאגן אלע טירן; גאסטפריינדלעכקייט איז פארשוואונדן. מען האט ארעסטירט בלויז אויפן סמך פון א חשד: ס'איז גענוג געווען עמעץ זאל זיך ארויסכאפן מיט אן אומפארזיכטיק ווארט אדער מיט עפעס א באוועגונג, אז די זעלנער זאלן תיכף טאן א נעם. פונם 21טן אן ביזן 30טן מאי האבן זיי אזוי ארום ארעסטירט פערציק טויזנט מאן.

די געפאנגענע האט מען אפגעשיקט אין לאנגע מחנות קיין ווערסאל. טיילמאל זיינען זיי געגאנגען פריי, אן אנדערש מאל, ווי אין יוני 1848, האט מען זיי צונויפגעבונדן מיט שטריק אין איין קופע. ווער עס האט זיך אפגעזאגט צו גיין, האט מען אונטערגעיאגט מיט באגנעטן, און אויב ער האט זיך נאך אלץ אנטקעגנגעשטעלט, האט מען אויפן ארט אוועקגעלייגט טויט און צוגעבונדן צו אן עק פון א פערד. אין די רייכע קווארטאלן האט מען די געפאנגענע געצוואונגען זיך צו שטעלן אויף די קני פאר די קירכן און אראפנעמען די היטלען, און די באנדע לאקייען, שווייצער־יונגען און פראסטיטוטקעס האבן זיי ארומגערינגלט מיט אויסגעשרייען: „א טויט זיי! א טויט! פירט זיי ניט ווייטער! דערשיסט זיי דא!" אויף די עליזעישע פעלדער האט דער המון געפרוווט אפשטעלן די געפאנגענע, — ער האט דווקא געוואלט פארזוכן בלוט.

אין לא־מיועט האט אויף זיי געווארט גאליפע! דארט האט ער אויפגעמאנט זיין מעשר. ער איז געגאנגען פארביי די רייען מיט אן אויסדרוק פון א הונגעריקן וואלף. „איר האט אן אינטעליגענט געזיכט", — האט ער געזאגט צו איינעם, — גייט ארויס פון דער ריי". „איר האט א זייגער", — האט ער זיך אפגערופן צו א צווייטן — „איר זייט אוודאי געווען א באאמטער אין דער קאמונע", — און זיי אפגעפירט אן א זייט. איינע פון די דאזיקע פראצעסיעס איז באשריבן דורכן קארעספאנדענט פון „דיילי־ניוס", וואס איז ארייגעפאלן בעת איין איבערפאל און געמוזט מיטגיין מיט דער אפטיילונג ביז לא־מיועט.

„אויף דער אוריש־אווניו האט מען די אפטיילונג אפגע־

שטעלט און מען האָט די געפאַנגענע אויסגעזעצט אויפן שאָסיי אין פיר אָדער פינף רייען. דער גענעראַל מארקיז דע־גאַליפע, וואָס האָט אונז באַגלייט מיט זיין הויפּט־שטאַב, איז אַראָפּ פון זיין פערד און האָט אָנגעהויבן זיין איבערקוק פון דער לינקער זייט, לעבן דעם אָרט, וואו איך האָב זיך געפונען... ער איז געגאַנגען פּאַ־מעלעך, באַטראַכט די רייען, ווי בשעת אַן אינספּעקציע; טייל מאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אַ קלאַפּ געטאָן עפּעס אַ געפאַנגענעם איבערן אַקסל און געהייסן אים אַרויסגיין אויף צוריק. אזא איינעם האָט מען אָפּטמאָל, אָן שום אויספאַרשונג, אַרויסגעפירט אויפן מיטן וועג. אזוי אַרום האָט זיך געשאַפן נאָך איינע, אַ נייע אָפּ־טיילונג. זיי האָבן גלענצנד פאַרשטאַנען, אַז עס איז געקומען אויף זיי די לעצטע שעה און זייער אויפפירונג האָט געוועקט אין מיר בייגעריקייט צוזאַמען מיט פּחד. איך האָב געזען, ווי איין פאַר־וואונדעטער, מיט אַ פייכט העמד פון בלוט, האָט זיך אַוועקגע־זעצט אויפן ראַנד פון וועג און געוואָיעט פון יסורים... אַנדערע האָבן שווייגנדיק געוויינט... צוויי זעלנער — כלומרשטע דע־זערטירן — האָבן זיך געבעטן רחמים ביי זייערע חברים לצרה, צו זאָגן, צי זיי האָבן זיי געזען כאָטש אַמאָל אין זייערע רייען... ביי אַ סך האָט געבלאַנדזשעט אויפן געזיכט אַ פּראָוואָצירנדיקער שמייכל... סאַר אַ שרעק ס'איז צוצוזען, ווי מען כאַפּט אזוי אַרויס, אָן שום משפּט, אַ מענטשן פון צווישן אַ דריי אַנדערע און מען הרגעט אים! — עטלעכע טריט פון מיר האָט איין אָפיציר אויף אַ פערד אָנגעוויזן דעם מאַרקיז דע־גאַליפע אויף עפּעס אַ פּאָרל, וועלכע ער האָט משמעות באַשולדיקט אין עפּעס אַ באַליידיקונג. די פרוי איז אַרויס פון די רייען, געפאַלן אויף די קני און אויס־שפּרייטנדיק פאַראויס די הענט, געבעטן דעם גענעראַל, ער זאָל זיך מרחם זיין אויף איר, און אין די רירנדיקסטע ווערטער אים פאַרזיכערט, אַז זי איז ניט שולדיק. דער גענעראַל האָט זי אין משך פון עטלעכע מינוט באַטראַכט, דערנאָך גאַנץ גלייכגילטיק זיך אָפּגערופן: „מאַדאַם, איך בין שוין אויסגעוועזן אַלע פאַריזער טעאַטערס, עס לוינט ניט צו טרייבן דאָ אַ קאָמעדיע“. איך בין באַך אַלץ מיטגעגאַנגען נאָך דעם גענעראַל אַלס געפאַנגענער, אין

דער באַגלייטונג פון צוויי יעגער=רייטער; איך האָב זיך געמיט צו דערגיין, מיט וואָס ער רעכנט זיך ביים מאַכן זיין אויסוואַל. איך האָב באַמערקט, אַז שלעכט איז צו זיין העכער, אָדער נידעריקער, אומריינער, אָדער ריינער, עלטער, אָדער מיאוסער, ווי דער שכן. איין פאַרשווין איז אַדאַנק זיין נאָז באַפרייט געוואָרן פון די יסורים פון דער וועלט... נאָכדעם ווי דער גענעראַל האָט אויף אַזאַ אופן אָפּגעקליבן ביז אַ הונדערט געפאַנגענע, האָט מען פאַרמירט אַ עקזעקוציע=אָפּטיילונג און די איבעריקע זיינען ווידער אוועק אויפן וועג. אין עטלעכע מינוט אַרום האָבן מיר דערהערט הינטער אונז שאָסן, וואָס האָבן געדויערט קרוב צו אַ פערטל שעה. דאָס איז געווען דער קורצער חשבון מיט די אומגליקלעכע *.

זונטאָג, דעם 27סטן, האָט גאַליפע געזאָגט: „זאָלן אַרויסגיין פון די רייען אַלע גראָע". הונדערט עלף מאַן זיינען אַרויס פאַראויס. „איר", — האָט זיך אָפּגערופן גאַליפע, — „איר האָט דורכגעמאַכט דעם יוני 1848, איר זייט מער שולדיק פאַר אַנדערע!" — און ער האָט געהייסן זייערע טויטע קערפּערס אַריינשליידערן אין די פעסטונגס=וואַלן. נאָך דער דאָזיקער רייניקונג, האָט מען די געפאַנגענע אוועקגעשיקט ווייטער אויפן ווערסאַלער וועג, אַריינשפּאַרנדיק זיי צווישן צוויי שורות רייטער. מען האָט געקענט מיינען, אַז עס קומט פאַר עפּעס אַן איינגעמונג פון אַ שטאָט דורך טאָטערישע מחנות. צוועלף=זעכצניעריקע קינדער, גראָ=בערדיקע זקנים, זעלנער אין איבערגעקערטע שינעלן, עלעגאַנטע הערן און אַרבעטער אין בלוזעס, מענטשן פון כלערליי שטאַנדן — אַלע האָבן זיך אויסגעמישט אין איין געווירבל. עס זיינען געווען אַ סך פרויען אויך, אַ טייל האָט מען געפירט געשלאָסן; אָט גייט איינע מיט אַ זויג=קינד אויף די הענט. דאָס קינד דריקט זיך פעסט צו צו דער מוטערס האַלז מיט די קליינע הענטלעך... אָט גייט אַ צווייטע מיט אַ צעבראָכענער האַנט... אָט אַ דריטע — אינגאַנצן פאַרבלוטיקט... איין געפאַנגענע, אַ פאַרחלשטע פון מידקייט, האָט קאָנוואולסיוו זיך אָנגעכאַפּט אָן דער האַנט פון אַ שטאַרקערן שכן; פאַראַן אַזעלכע, וואָס קוקן ניט אויף דער מידקייט און די באַ=

* „דיילי ניוס", דעם 8טן יוני 1871. „טיימס", 31טער מאַי 1871.

לײדיקונגען, און גײען פּאַראױס מאַיעסטעטיש, װי סטאַטועס, — דאָס זײנען די זעלבע פרויען, װאָס האָבן געטראָגן ברויט אין די טראַנשײען און געטרייסט די שטאַרבנדיקע, און איצט, בעת זײ האָבן פאַרלאָרן די לעצטע האָפענונג, גרויזאַמדיק פון אימה פאַר זײערע קינדער, װאָס װעלן בלײבן אומגליקלעך, װי זײ אַלײן זײנען געװען, — גײען זײ אַנטקעגן דעם באַפרײערישן טויט.

זײער מוט, מיט װעלכער עס האָבן זיך אַנטציקט די אויסלענדער *, האָט נאָך מער צערײצט דאָס אכזריות פון די װערסאַלער לײט. „בעת עס גײען פאַר אײך פאַרבײ פאַרטיעס פרויען-אויפשטענדיקע“, — שרײבט „פיגאַראָ“ — װערט אײער האַרץ ניט װילנדיק פול מיט רחמנות! באַרויִקט אײך אָבער! דאָס רוב פון די דאָזיקע דאַמען זײנען דאָך אײנװאױנערינס פון שאַנד-הײזער, װאָס זײנען צוריק באַנײט געװאָרן אין אונזער הויפּטשטאָט דורך די קאָמונאַרן, װעלכע האָבן געזאָרגט פאַר זײער אויפבלי“.

שטיקנדיק זיך פון מידקײט, אײנגעשמוצטע, מיט אַנטבלויזטע קעפּ אונטער דער גליענדיקער זון, אינגאַנצן אָן כוחות פון הונגער און דאָרשט, פאַרפאָלגט דורך די געשרײען און שטויסן פון די רײטער-יעגערס, — האָבן זיך שעהן נאָכאַנאַנד געשלעפּט די פּאַרטיעס איבער דעם צעגליטן, שטויביקן װעג. אפילו די פּרײסן זײנען זיך אַזוי אכזריותדיק ניט באַגאַנגען מיט די דאָזיקע װילד-געװאָרענע זעלנער, בעת מען האָט זײ מיט עטלעכע חדשים פריער געפירט אַלס געפאַנגענע פון סעדאַן אָדער מעץ. די געפאַנגענע, װאָס זײנען געפאַלן אויפן װעג פון מידקײט, האָט מען צוגעהרגעט מיט רעװאָלװער-שאָסן, — זעלטן האָט מען געטאָן מיט זײ דעם חסד, אַז מען זאָל זײ אַרײנזעצן אין די צװײ-רעדערדיקע װעגעלעך, װאָס האָבן באַגלײט דעם עטאַפּ.

* „איך האָב באַמערקט“, — שרײבט דער „טײמס“ פונם 29טן מאַי, — „אַ יונג מײדל אין מלבושים פון אַ נאַציאָנאַל-גװאַרדײער. מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ אין דער הויך איז זי געגאַנגען צװישן די געפאַנגענע, װאָס האָבן אַראָפּגעלאָזט די אויגן. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די דאָזיקע הויכע פרוי מיט די לאַנגע צעשױבערטע האָר װאַרפט אַרויסרופנדיקע בליקן דער גאַנצער װעלט. דער המון האָט פון איר געמאַכט חוזק, זי האָט אָבער קײן אײן מאָל ניט אויפגעהויבן די ברעם, — אַז די מאַנסלײט זײנען אַזש געבליבן געפּלעפט פון אַזאַ העלדישקײט“.

ביים אריינקומען אין ווערסאַל האָט זיי אָפּגעוואַרט אַ המון־עם, — דאָס זיינען געווען נאָך אַלץ דיזעלבע פּני פון דער פראַנצויזישער געזעלשאַפט — דעפּוטאַטן, גרויסע לייט, גלחים, דאַמען פון דער הייכער געזעלשאַפט און פון דער האַלבוועלט. אַלע אכזריות, וואָס די ווערסאַלער לייט האָבן אַרויסגעוויזן דעם 4טן אַפּריל, האָבן זיך איצט נאָך מער פאַרשטאַרקט. זייער כּעס איז געוואַקסן, ווי עס וואַקסט דער ים בעתן צופלוס... די פּאַריזער און די סען־קלו־גאַס זיינען געווען געפּאַקט מיט די דאָזיקע קאַראַיִבן, וואָס האָבן מיט געשרייען אַרומגערינגלט די פּאַרטיעס אַרעסטירטע, באַשיט זיי מיט קלעפּ, געוואָרפן אין זיי שמוץ און צעבראָכענע פלעשער. די צייטונג „יאָרהונדערט" שרייבט דעם 30טן מאַי, אַז זי האָט געזען פרויען, ניט קיין גאַסן־פרויען, נאָר פון דער גרויס־וועלט, וואָס האָבן באַליידיקט די געפאַנגענע און זיי געשלאָגן אַפילו מיט די שירעמס". אַ טייל פון זיי האָבן מיט זייערע הענט־לעך אין הענטשקעס אויפגעהויבן פון וועג בלאָטע און געשליי־דערט די געפאַנגענע אין פּנים אַריין. ווי און ווינד צו דעם, ביי וועמען עס האָט זיך אַרויסגעריסן אַ וואָרט פון מיטלייד! מען האָט אים תיכּף אַריינגעשפּאַרט צווישן די געפאַנגענע און זיין גליק איז נאָך געווען, אויב מען האָט אים אָפּגעפירט אין דער הויפּט־וואַך, ווי מען האָט עס געטאָן מיט ראַטיסבאָנען, פאַרוואָס ער האָט אָנגעשריבן אין „דעבאַ": „סאַר אַ אומדערשעצלעכער נצחון!"— סאַראַ שרעקלעכע פאַרווילדונג פון זיטן, וואָס איז נאָך עקלהאַפּ־טער צוליב דעם קאָנטראַסט מיט דער עלעגאַנטער אויסערלעכקייט פון די דאָזיקע לייט!" די פרייסישע אָפיצירן זיינען בכיוון געקומען אין סען־דעני, כּדי נאָכאַמאָל צו שעפּן אַ ביסל נחת פון די אָנ־פירנדיקע קלאַסן, מיט וועלכע זיי איז אויסגעקומען צו האָבן צו טאָן.

די ערשטע פּאַרטיעס געפאַנגענע האָט מען דורכגעפירט איבער די ווערסאַלער גאַסן ווי אַ בייז וואונדער. אַנדערע — האָט מען געלאָזט שעהן־לאַנג שטיין אויף דעם צעגליטן געווער־פּלאַץ, צוויי טריט פון די גרויסע ביימער: מען האָט פאַר זיי געקאַרגט אַפילו די שאָטנס פון די דאָזיקע ביימער. די אומגליקלעכע זיינען

אַזוי פאַרמאַטערט געווען פון די גילגולים, אַז זיי האָבן געטרוימט װעגן אָפּרו אַפילו אין תּפיסה.

בסך־הכּל זיינען געווען פיר תּפיסות: די קעלערס פון די גרויסע שטאַלן, די אַראָנזשעריי פונם פּאַלאַץ, די דאַכן אויף סאַטאַרי און די מאַגאַזשן פון דער סען־סירער שול. די געפאַנגענע האָט מען אַריינגעשליידערט אין די דאָזיקע עיפּושדיקע קעלערס, וואוהין די שיין און די לופט זיינען בלויז אַריינגעדרונגען דורך שמאָלע לעכער, און דאָרט זיינען זיי געבליבן אין משך פון די ערשטע עטלעכע טעג, אַפילו אָן שטרוי. בעת זיי האָבן שוין יאָ באַקומען עס, איז עס תּיכּף פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מיסט. ס'איז ניטאָ קיין וואַסער, מיט וואָס זיך אָפּצוּוואַשן, ס'איז ניטאָ קיין שום מעגלעכקייט צו בייטן אויף זיך די שמאַטעס. צוויי מאָל אין טאָג גיסט מען אַריין אין אַ באַליע עפּעס אַ געלע גריץ — אַן אמתע שווייניערײ. די זשאַנדאַרמען האַנדלען מיט טיטון צו אומגעהייערע פּרייזן און דערנאָך קאָנפיסקירן זיי עס, כּדי נאָכאַמאָל צו קענען פאַרקויפן. קיין דאָקטאָר איז ניטאָ. די פאַרוואונדעטע זיינען קראַנק געוואָרן אויף גאַנגרענע; צווישן די געפאַנגענע האָבן זיך אָנגעהויבן אויגן־אָנצינדונגען. דאָס ריידן פון וועג האָט כּסדר געדויערט. ביינאַכט האָבן די מוראדיקע יללות און באַקלאָגן זיך אויסגעמישט זיך מיטן ווילדן וואָיען פון די משוגע־געוואָרענע.

און דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען פאַר די אויגן פון די זשאַנדאַרמען מיט די אָנגעלאָדענע ביקסן, וואָס זיינען געווען איצט נאָך מער אַכזריותדיק, ווי ווען עס איז; זיי האָבן געזאָגט, אַז זינט זיי לעבן האָבן זיי נאָך אַזעלכע רוצחים, ווי די פּאַריזער לייט זיינען, ניט געזען.

אָבער אין דער דאָזיקער תּפיסה איז געווען נאָך אַן ערגערע תּפיסה — „דער לייבן־גרוב" — אַ לאָך, וואָס האָט לחלוטין קיין לופט ניט געהאַט, דאָס איז געווען אַ שוואַרץ פאַרהויז אין קבר אַריין. זי האָט זיך געפונען אונטער די פּראַנטיקע ראָזע טרעפּ פון דער טעראַסע. אהין האָט מען אַריינגעפּאַקט יעדן איינעם, וואָס האָט אויסגעוויזן צו זיין געפערלעך אָדער איז סתּם ניט געפעלן דעם בריגאַדיר. ביים קלענסטן גערויש האָט דער קאָמאַנ־

דאנט געהייסן שלאגן די ארעסטאנטן מכות רצח, אדער ער פלעגט זיי אליין מקיים־פסק זיין. אפילו די שטארקסטע פון זיי זיינען ניט בכוח געווען אויסצוהאלטן מער, ווי עטלעכע טעג. ביים ארויס־גיין פלעגן זיי זיך טרעפן פארבלענדטע פון דער טאג־שיין און האבן געפילט אין מוח עפעס א לערקייט. ס׳אר א גליק, וואס די ארעסטירטע פלעגט זיך איינגעבן צו כאפן א בליק אויף זייערע פרויען, וואס האבן זיך געשטופט אין גרויס געדרענגעניש ביי דעם פארקאן פון דער אראנזשעריי און זיך געמיט צו געפינען עמעצן פון זייערע קרובים אין דעם המון מענטשן, צווישן וועלכע ס׳איז שווער געווען עמעצן צו אונטערשיידן. זיי האבן זיך געבעטן רחמים ביי די זשאנדארמען, וועלכע האבן זיי פון זיך אפגעשטויסן און באשאטן מיט זידלווערטער.

דאס אמתע גיהינום איז אבער געווען דער דאך אויף דעם סאטארי־פלעצל. דאס איז געווען א גרויסער פאראלעלאגראם, ארומגערינגלט מיט מויערן און ביי דעם קלענסטן רעגן פלעגט דארט די ליימיקע ערד שרעקלעך צעווייקט ווערן. אלע בנינים זיינען פול געווארן מיט די פריער אנגעקומענע, — אהין זיינען אריין ניט מער ווי דרייצנהונדערט מאן; די איבעריקע האט מען געלאזן אין דרויסן.

דאנערשטאג אינאוונט, אכט א זייגער, איז צום דאך צוגע־גאנגען א נייע פארטיע, וואס איז באשטאנען אויסשליסלעך פון פרויען; „א סך פון אונז״, — אזוי האט מיר איינע פון זיי דער־ציילט, א לעגיאן־קאמאנדירס א ווייב, — „זיינען אפגעשטאנען אויפן וועג; מיר האבן פון אינדערפרי אן אין מויל ניט געהאט. ס׳איז נאך געווען ליכטיק. מיר האבן דערזען א ריזיקן המון גע־פאנגענע. די פרויען זיינען געווען באזונדער, אין א באראק ביים אריינגאנג. מיר זיינען געגאנגען מיט זיי זיך פאראייניקן. „מען האט אונז געזאגט, אז דארט איז א קאלוזשע. מיר זיינען געשטארבן פאר א טרונק, זיינען מיר אהין צוגעלאפן. אבער תיכף ביי די ערשטע, וואס האבן זיך געווארפן א טרונק טאן, האט זיך ארויסגעריסן א מורא־דיק געשריי: „א, פארשאלטענע! זיי צווינגען אונז צו טרינקען דאס בלוט פון אונזערע חברים!״ פון נעכטן אן זיינען די פארוואונ־

דעטע געפאנגענע געגאנגען אהין וואשן זייערע וואונדן. דער דורשט האט אונז אזוי שרעקלעך געמאטערט, אז א טייל האבן זיך גע־שווענקט דאס מויל מיט דעם בלאטיקן וואסער.

דער באראק איז געווען איבערפולט, און מען האט אונז גענויט צו שלאפן אויף דער ערד גרופעסווייז, אן ערך צו צוויי־הונדערט מאן. עס איז געקומען אן אפיציר און געזאגט אונז: „הערט, געמיינע נקבות, וואסער באפעל איך וועל ארויסגעבן: — „זשאנדארמען, אויב איינע פון זיי וועט זיך א ריר טאן, שיסט אין די דאזיקע גאסן־פרויען!"

צען א זייגער האט מען אונז געצוואונגען זיך אויפצוכאפן פון די שאסן, וואס האבן זיך געהערט בשכנות. „לייגט אייך, געמיינע נפשות!" — האבן א געשריי געטאן די זשאנדארמען צילנדיק אין אונז. מיט צוויי טריט פון אונז האט מען דערשאסן עפעס גע־פאנגענע. אונז האט זיך געדאכט, אז די קוילן האבן אונז גופא געטראפן אין די קעפ אריין. די דערשיסער זיינען געקומען בייטן אונזער שמירה. מיר זיינען פארבליבן א גאנצע נאכט אונטער דער שמירה פון די דאזיקע לייט, וואס זיינען צעהיצט געווארן פון די רציחות. זיי האבן געשריען צו די אלע, וואס האבן זיך געדרייט אין יסורים פון שרעק און קעלט: „האב געדולד, ס'וועט קומען די ריי אויף דיר אויך". באגינען האבן מיר דערזען טויטע קער־פערס. די זשאנדארמען האבן איינע צו די אנדערע געזאגט: „אונז שטייט דאך נאך פאר א גאנץ פיינער פאנג!"

איינמאל, אינאוונט, האבן די געפאנגענע דערהערט א קלא־פעריי פון לאפעטעס ביי דער דרומדיקער וואנט. זיי זיינען שוין פון זינען אראפ פון די דערשיסונגען און דראונגען: זיי האבן פון אלע זייטן געווארט אויפן טויט אין אלע זיינע געשטאלטן; זיי האבן געמיינט, אז איצט וויל מען זיי אויפרייסן אינדערלופטן. אין דער וואנט האבן זיך געעפנט לעכער און אין זיי האבן זיך באוויזן קוילנווארפערס.

פרייטאג אינאוונט האט איבערן לאגער זיך דערהערט א שטורעם, וואס האט געדויערט עטלעכע שעה. אויס מורא צו ווערן דערשאסן פון די קוילנווארפערס, האבן די געפאנגענע

געמוזט זיך וואַלגערן אַ גאַנצע נאַכט אין דער בלאָטע. אַ מאַן צוואַנציק זיינען געשטאָרבן פון קעלט.

דער סאַטאָרישער לאַגער איז געוואָרן אַ באַליבט אָרט פאַר עקסקורסיעס פון דער ווערסאַלער קליקע. קאַפּיטאַן אַבּרא האָט אַרויסגעוויזן דרך=ארץ פאַר דאַמען, דעפּוטאַטן און ליטעראַטן, — ווי, למשל, דיומאַ — דעם זון, וואָס האָט געזוכט מאַטעריאַל פאַר סאָציאָלאָגישע עטיודן, — ווייזנדיק זיי זיינע אונטערטעניקע, ווי אַזוי זיי וואַלגערן זיך אין דער בלאָטע, ווי זיי קייען די סוכאַרעס, טרינקען פון קאַלוזשעס, אין וועלכע די זשאַנדאַרמען זשעגירן זיך גאָר=ניט אָפּצוטאָן זייערע פיזיאָלאָגישע באַדערפעניש. אַ טייל זיינען אַפילו אַראָפּ פון זינען און האָבן זיך געשלאָגן קאָפּ אָן דער וואַנט; אַנדערע ווידער האָבן געריעוועט, געריסן זיך די האָר פון קאָפּ און די באָרד. די דאָזיקע לעבעדיקע קופּע שמאַטעס און שרעק האָט פאַרשפּרייט אַרום זיך אַ שרעקלעכע פּעסט.

„זיי זיינען דאָרט עטלעכע טויזנט מאַן", — האָט געשריבן די „ענדעפּאַנדאַנס פראַנסעז", — „באַדעקטע מיט שמוץ און ווערים, וואָס פאַרשפּרייטן פּעסט אויף אַ קילאָמעטער ווייט. אויף די דאָזיקע אומגליקלעכע לייט, וואָס זיינען פאַרשפּאַרט, ווי ווילדע חיות, זיינען געווען אָנגעשטעלט די האַרמאַטן. די איינוואוינער פון פּאַריז האָבן מורא, אַז דאָס מקבר זיין די געהרגעטע מורדים אין דער שטאָט קען אַרויסרופן עפּידעמיעס; אָבער די אַלע, וועמען די פּאַריזער „אָפיסיעל" האָט אָנגערופן „דאָרפסלייט", האָבן אַ סך מער מורא, אַז די עפּידעמיע זאָלן ניט פאַרשפּרייטן די לעבעדיקע מורדים פונם לאַגער אויף סאַטאָרי.

אָט ווי אַזוי עס האָבן אויסגעזען די ערלעכע לייט פון ווערסאַל, וואָס האָבן זיך געהאַלטן פאַר באַרופן צו פאַרווירקלעכן „די זאַך פון יושר, אָרדענונג, מענטשלעכקייט און ציוויליזאַציע". ווי גוט און מענטשלעך זיינען אין פאַרגלייך מיט זיי געווען די פּאַריזער רוצחים. ווער האָט כאָטש איין געפאַנגענעם געפּייניקט אין דער צייט פון דער קאָמונע? איז כאָטש איין כּרוי געוואָרן אומגעבראַכט אָדער געשענדט? וואָסער טורמע=ווינקעלע פון פּאַריז האָט פאַרבאָרגן אין זיך כאָטש איינעם

פון די פילצאָליקע ענויים, וועלכע זיינען פּראַקטיצירט געוואָרן אין ווערסאַל פאַר אַלעמען אין די אויגן?

פונם 24סטן מאַי אָן ביז די ערשטע טעג יוני האָבן אַלץ געהאַלטן אין אָנקומען נייע פּאַרטיעס אין די דאָזיקע קלאָאַקעס.

טאָג און נאַכט פלעגן פּאַרקומען מאַסן-אַרעסטן. די מיליטער-לייט האָבן באַגלייט פּאָליציי, וואָס האָבן מיטן תירוץ, אַז זי גייען מאַכן רעוויזיעס, געבראָכן דאָס מעבל, עס דורכגעשטאָכן מיט די באַגנעטן אין די פאַרדעכטיקע ערטער און צוגענומען קאָסטבאַרע חפצים. די דירות פון די אָנגעזעענע מיטגלידער און באַאַמטע פון דער קאָמונע זיינען אינגאַנצן צערויבט געוואָרן און אַ טייל אָפיצירן בלויז האָט מען צוגעצויגן צו דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר גנבות, וואָס זיינען שוין געווען צו עפנטלעך, — אַזוי, למשל, האָט מען דעם לייטענאַנט — פאַלקאָווניק טיערסן, וועלכער האָט צייטווייליק אויסגעפירט די חליכטן פונם IIIטן קרייז-מער; דעם מער פונם XVIIטן קרייז — ליאָנער און אַנד. — געמאַכט פּראָצעסן.* מען האָט אַרעסטירט ניט בלויז יענע, וואָס זייען פאַרמישט געווען אין די לעצטע געשעענישן, וועמען עס האָבן פאַרראַטן עפּעס דאָקומענטן, וועלכע זיינען איבערגעלאָזט געוואָרן אומפאָרזיכטיק אין די מעריעס אָדער מיניסטעריומס, נאָר אַלע, ווער עס איז באַקאַנט געווען פון זיינע רעפּובליקאַנישע אָנשויונגען. מען האָט אויך אַרעסטירט ליוועראַנטן פון דער קאָמונע און אפילו קלעזמער, וואָס האָבן קיין איין מאָל די וואַלן ניט איבערגעטרעטן. דער זעלבער גורל האָט געטראָפן די מענטשן, וואָס זיינען אַרומגעגאַנגען אַרום די קראַנקע. דאָך, בעת איין קאָמונאַלער באַאַמטער איז געשיקט געוואָרן אין דער צייט פון דער קאָמונע באַקוקן די שפּיטעלער אויף פּרעס, האָט ער געזאָגט צום מעדיצינישן פּערסאָנאַל: איך ווייס, אַז דאָס רוב פון אייך זיינען פריינד פון דער ווערסאַלער רעגירונג, איך ווינטש אייך אָבער איר זאָלט לעבן און אַליין זיך איבערצייגן אין אייער טעות".

„מיר אינטערעסירט זייער ווייניק, צי די לאַנצעטן פאַר-

---

* די פּסק-דינים פונם 28טן דעצעמבער 1872 און אַפּריל 1873.

אונזערע פאַרוואונדעטע געפינען זיך אין די הענט פון ראָיאַליסטן צי רעפּובליקאַנער, — איך זע אָבער, אַז איר טוט אייער אַרבעט געוויסנהאַפט; איך וועל וועגן דעם מעלדן דער קאָמונע״. *

עטלעכע פעדעראַליסטן האָבן זיך באַהאַלטן אין די קאַטאַקאָמבעס, — האָט מען אויף זיי איינגעאָרדנט אַ געיעג מיט לאַמטערנעס. די פּאָליציי־אַגענטן זיינען אַוועק אַהין מיט הינט און האָבן געשאָסן אויף יעדן פאַרדעכטיקן שאָטן. אין די וועלדער אַרום פּאַריז האָט מען אויך איינגעאָרדנט אַ געיעג.

אַלע וואָקזאַלן, אַלע אַרויסגענג פון פראַנקרייך זיינען באַזעצט געוואָרן מיט פּאָליציי. אַלע האָבן באַדאַרפט אַרויסבאַקומען נייע פּעסער און וויזירן זיי אין ווערסאַל.

אפילו די שיפן־אייגנטימער האָט מען נאָכשפּיאָנירט.

דעם 26טן מאַי האָט זשול פאַוור אויפגעפאָדערט אַלע אויסלענדישע מלוכות, זיי זאָלן אַרויסגעבן אַלע אַנטלאָפענע מיטן תירוץ, אַז דער קאַמף פון די קאָמונאַרן איז כּלומרשט ניט געווען קיין פּאָליטישער.

מיר זעען, ווי די נידעריקסטע אינסטינקטן שווימען אַרויס אויף דער אייבערפלאַך. דער ענין־פּאַריז האָט אַנטפּלעקט אַזעלכע תהומות פון מענטשלעכער געמיינהייט, וועגן וועלכע מען האָט בעת דער אימפּעריע קיין השגה ניט געהאַט.

„די ערלעכע לייט״, וואָס זיינען געוואָרן די באַלעבאַטים איבער די פּאַריזער גאַסן, האָבן איצט אַלס כּלומרשטע קאָמונאַרן אַרעסטירט זייערע קאָנקורענטן, זייערע מלווהס, געמאַכט אין זייערע קרייזן אַ גענעראַל־ריייניקונג. די קאָמונע האָט אָפּגעשטופּט פון זיך די מוסרים, און די אָרדענונגס־פּאָליציי האָט זיי אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס. די צאָל מסירות האָט דערגרייכט ביז 399.823 לויט די אָפיציעלע ציפערן; פון זיי זיינען ניט מער ווי אַ צוואַנציקסטל געווען געחתמעטע, די איבעריקע זיינען פאַרבליבן אַנאָנים.

די פּרעסע האָט דאָ אויך געשפּילט אַ גרויסע ראָלע. אין משך פון אַ סך וואָכן האָט זי זיך פאַרנומען מיט דעם, וואָס זי האָט צעבלאָזן כּעס און מהומה צווישן דער בורזשואַזיע.

---

* „טיימס״.

הער טיער האט ווידער מחיה=מתים געווען איינעם פון די
אומגעלומפערטע קלאנגען פון 1843 און דערציילט באבע=מעשיות
וועגן „ניפטיקע פליסיקייטן צו סמען די זעלנער”. בעת ער האט
פארגעלייגט, אז די נאציאנאל=פארזאמלונג זאל באשטימען א פע•
סיע פאר דעם דערהרגעטן אויפן באסטיליע=פלאץ קאפיטאן
סעגוא, האט ער איינמאל אזוי געזאגט: „מען האט אים באגאסן
מיט נאפט און לעבעדיקערהייט פארברענט”. לויט זיין ביישפיל
האבן אלע אנדערע שווינדלער פון 71סטן יאר זיך געכאפט פאר
באנייען די שפיצלעך פון די שווינדלער פון 48סטן יאר. מען האט
גערעדט וועגן מינעס, וואס מען האט אוועקגעלייגט אין די וואסער=
רינעס, מיט גרייטע באטארייען און קנויטן; וועגן אן אכטוויזנדי=
קער ארמיי אונטערצינדערינס, וואס פערע זאל האבן פארמירט
און צעטיילט אויף קליינע אפטיילונגען לויט דער צאל קווארטאלן;
וועגן עטיקעטלעך די גרייס פון א פאסט=מארקע, מיט אותיות
(וו. ב. וו.) און מיט א קאפ פון א וואקכאנערין, וואס מען האט
אויפגעקלעפט אויף די הייזער, וועלכע האבן באדארפט פארברענט
ווערן; וועגן אייער מיט קאפסלען, וואס זיינען אנגעפילט געווען
מיט נאפט; וועגן פרויען, וועלכע מען האט באאויפטראגט אפצו=
גיסן מיט שוועבל=זויערס „אלע, וואס האבן ניט געהאט דאס אומ=
גליק צו זיין אזוי מנוולדיק=מיאוס, ווי דעלעקליוז מיט ווערמא=
רעלן”; וועגן פאמפעס מיט שוועבל=זויערס, וועגן באלאנען, וואס
זיינען אנגעבלאזן מיט עקספלאזיע=שטאפן, וועגן קוילן מיט סם,
וועגן פארברענטע זשאנדארמען, וועגן געהאנגענע מאטראסן, וועגן
מאנס זיין רייכע פרויען, וועגן רעקווייזירן פראסטיטוטקעס, וועגן
אומצאליקע גנבות, וועגן צערויבן די באנק, די געריכטס=קאנצע=
לאריע, די קלויסטערס, דאס זילבער=געשיר אין קאפע, — אלץ,
וואס אומזין קען נאר אויסטראכטן בשותפות מיט ווילדער ..ימה,
איז איבערגעגעבן געוואר ן פון מויל צו מויל און דער גוטער בורזשוא
האט אין דעם אלעם געגלויבט.

א טייל צייטונגען האבן זיך ספעציאליזירט אין פאבריצירן
פאלשע באפעלן וועגן אונטערצינדונגען, אווטאגראפן, וואס די
אריגינאלן זייערע האט מען, פארשטייט זיך, ניט געקענט געפינען,

אבער וועלכע האבן, אלס באוויז, פיגורירט אויף די מיליטערישע געריכטן און אין דער געשיכטע.

בעת דער פרעסע האט זיך אויסגעדאכט, אז די שנאה פון דער בורזשואזיע הייבט אן אפגעשוואכט צו ווערן, האט זי זיך געמיט מיט אלע כוחות זי ווידער אויפצוועקן: „מיר וויסן, אז פאריז טראכט נאר וועגן דעם, אז עס זאל שלאפן — האט געשריבן די ציטונג „דער געזעלשאפטלעכער וואוילשטאנד", — „זאל עס זיין אין כעס, אבער מיר וועלן עס דאך וועקן". דעם 8טן יוני האט „פיגארא" אויפגעזוכט זיין אלט לידל און אנגעמערקט א נייעם שחיטה־פלאן: „די רעפרעסיע דארף אנטשפרעכן דעם פארברעכן גופא... די מיטגלידער פון דער קאמונע, די פירער פון דער מרידה, די מיטגלידער פון די קאמיטעטן, פון די מיליטערישע געריכטן און רעוואלוציאנערע טריבונאלן, די אויסלענדישע גענע־ראלן און אפיצירן, דעזערטירן, רוצחים פון מאנמארטר, ראקעט און מאזאס, אונטערציינדער און אונטערציינדערינס, ווי אויך אלע, וואס זענען וועגן עס איז געווען צוגעצויגן צו פאראנטוואורט־לעכקייט, — די אלע לויט דארפן דערשאסן ווערן... די מלחמה־געזעצן דארפן בכל תקפם אנגעווענדט ווערן אויך קעגן די זשור־נאליסטן, וואס האבן אריינגעלייגט א פאקעל און שאספא אין די הענט פון די פאנאטיקער פארברעכער... די דאזיקע מיטלען זיינען טיילווייז שוין אנגעווענדט געווארן. אונזערע זעלנער האבן פארלייכטערט די ארבעט פון די ווערסאלער מיליטערישע געריכטן, דערשיסנדיק אויף אן ארט; מען דארף אבער ניט פארמאכן די די אויגן אויף דעם, וואס א סך שולדיקע האבן זיך ארויסגעדרייט פון שטראף... דער זעלבער „פיגארא" האט פארעפנטלעכט אלס פעליעטאן די געשיכטע פון די לעצטע טעג פונם ראטהויז, און „גאלוא" האט אפגעדרוקט וועגן דעלעקליוזן עפעס א געמיינע גע־שיכטע, וואס מען האט אין 48סטן יאר צוגעשריבן לעדריו־ראלענען.

די מסירות און ארעסטן האבן זיך ווידער פארשטארקט. מען האט ארעסטירט זשורדן, ראסעלן, פערע, פאסקאל גרוסע, וועלכן דער המון האט געוואלט צערייסן, קורבע... אט אין

וואָסערע ווערטער עס באַזינגט זיין ערעסט דיומא — דער זון:
„סאַר אַ פאַנטאַסטישע צונויפקרייצונג פון אַ שלים־שנעק מיט אַ פאַווע, סאַר אַ אַנאָמאַליע פון פּראָדוקטיווער קראַפט, סאַר אַ עקלהאַפטע זאַפטן האָבן עס געקענט ברענגען אויף דער וועלט אַזאַ מין בריאה, וואָס הייסט גוסטאַוו קורבע! „אין וואָסער זומפּ און פון וואָסער פוילעכץ, פון וואָסער געמיש פון וויין, ביר און עסעדיק שלים האָט געקענט באַשאַפן ווערן דער דאָזיקער צעשויבערטער שרייערישער פאַרשוין, דער אַזוי געשמאַקער בויך, וואָס פאַרקערפּערט אין זיך טיפּשות מיט הילפלאָזיקייט"?

דער דאָזיקער נישטיקער טעלערלעקער פון דער בורזשואַזיע האָט געהאַלטן פאַר גאַנץ נאַטירלעך, וואָס דער עולם וויל ניט אָנערקענען קורבעס אַרבעטן. דער אָרנאַנער מוניציפּאַל־ראַט, וואו ער איז געבאָרן געוואָרן, האָט מסכּים געווען מיט דער מיינונג און אַראָפּגענומען בּונם פּאָנטאָן קורבעס אַן אַרבעט.

די אילוסטרירטע פּרעסע, וואָס רעדט צומדירעקסטן צו אונזער דמיון, האָט געמאָלט די פעדעראַליסטן מיט זייערע ווייבער אין די עקלהאַפטסטע פּאָזעס און געשטאַלטן.

לטובת דעם פּראַנצויזישן פאָלק מוז אָבער באַמערקט ווערן, אַז אפילו אין דעם דאָזיקן ים געמיינהייט זיינען פאַרהאַן געווען איינצלנע פאַלן פון הומאַנישקייט און אפילו העלדישקייט. אַזוי האָט איין שווייצערס אַ ווייב באַהאַלטן ביי זיך ווערמאַרעלן און אין משך פון עטלעכע שעה געזאָגט אויף אים, אַז ער איז אירס אַ זון *. איין ווערסאַלער זעלנערס אַ מוטער האָט באַהאַלטן ביי זיך אַ סך קאָמונע־מיטגלידער. אַ סך אָנגעזעענע מורדים זיינען ניצול געוואָרן אַ דאַנק אומבאַקאַנטע. מען מוז וויסן, אַז פערזאָנען, וואָס האָבן באַהאַלטן ביי זיך די באַזיגטע אין משך פון די ערשטע עטלעכע שעה נאָך דער שלאַכט, האָט געדראָט טויט־שטראָף און שפּעטער — פאַרשיקונג.

* דאָס לשון־הרע פון ווערסאַל האָט־אים אָבער פאַרפאָלגט אַפילו ביי זיין גסיסה, — מען האָט געזאָגט, אַז ער זאָל האָבן זיך מתוודה געווען ביי עפּעס אַ יעזויִט און זיך אָפּגעזאָגט פון זיינע ווערק „אין דער אָנוועזנהייט פון זשאַנדאַרמען און שוועסטערס". דער אמת איז אָבער, אַז די מוטער זיינע, זייער אַ פרומע פרוי, האָט בעת אַן אָנפאַל געבראַכט צו אים אַ גלח.

אין יוני און יולי האט די דורכשניטלעכע צאל ארעסטן דערגרייכט ביז הונדערט א טאג. אין בעלוויל און מענילמאנטאן, אין XIIIטן קרייז, אויף א טייל גאסן זיינען געבליבן בלויז פרויען. אין זייערע שקרדיקע באריכטן האבן די ווערסאלער לייט געוויזן 38.568 ארעסטירטע; אין דעם — טויזנט פינף הונדערט מיט אכט פרויען און זעקס הונדערט איין-און-פופציק קינדער, — פון זיי זיבן-און-פערציק דרייסיק-יעריקע, איין און צוואנציק צוועלף-יעריקע, פיר צען-יעריקע און איין זיבן-יעריקס*, ווי זיי וואלטן געהאט עפעס א מעגלעכקייט אויסצוציילן די צאל מענטשן, וועלכע זיי האבן אין גאנצע מאסן צונויפגעזאמלט. די צאל ארעסטירטע איז, מסתמא, נעווען ניט ווייניקער פון פופציק טויזנט.

א סך זיינען ארעסטירט געווארן על-פי טעות. מען האט טיילמאל גענומען דאמען פון דער העכערער געזעלשאפט, וואס זיינען מיט תאווהדיקער נייגעריקייט געגאנגען קוקן אויף די טויטע קערפערס פון די פעדעראליסטן; מען האט זיי געכאפט בעתן אנלויפן און מען האט זיי געפירט אין סאטארי, און דארט האבן זיי אין די צעריסענע מלבושים, וואס זיינען געווען פארשמוצט, פיגורירט אלס אונטערצינדערינס, וועלכע זייערע אייגענע צייטונגען האבן אויסגעטראכט.

טויזנטער האבן זיך געמוזט באהאלטן אין דער פראווינץ אדער אין אויסלאנד פון די פארפאלגונגען און מסירות. ווי ווייט עס איז געווען געפאלן ביי זיך די באפעלקערונג, קען מען זען דערפון, וואס אויף די צוגאב-וואלן אין יולי איז די צאל וויילער געווען מיט הונדערט טויזנט וויילער קלענער, ווי אין פעברואר. „זשורנאל דע דעבא" האט מודה געווען, אז „די פארלוסטן אין דערהרגעטע און פארוואונדעטע, וואס די מרידה-פארטיי האט פארלארן, האט דערגרייכט הונדערט טויזנט".

אפילו די פאריזער אינדוסטריע איז געווען אונטערגעריסן דורך די עקזעקוציעס: וויפל ווארשטאטן-לייטערס, מייסטערס, מאנטיארן, ארבעטער פון דער קונסט-אינדוסטריע, זייער וויכטיקע אר-

* קאפיטאן גישארס באריכטס-אנקעטע וועגן 18טן מערץ.

בעטער זיינען עס אויסגעשטאָרבן! וויפל זיינען עס ארעסטירט געוואָרן אָדער אַנטלאָפן! דאָס שוסטעריי־פאַך האָט פארלאָרן אַ העלפט ארבעטער, דאָס רויט־האָלץ־פאַך — העכער אַ דריטל; עס האָבן געפעלט צען טויזנט שניידער, דאָס רוב קינסטלער, דאַך־באַשלעגער, בליי־ און צינק־ארבעטער; די זעלבע פארלוסטן זיינען געווען אין הענטשקע־פאַך, אין גאַלאַנטעריי־פאַך, ביי די גאָרטענער־ און היט־אַרבעטער; עס זיינען נעלם געוואָרן אויך די קינסטלער־גאָלדשמידן, גראַווירער, פארצעליי־מאָלער. די מעבל־ווארשטאַטן, וואו פריער האָבן געארבעט העכער זעכציק טויזנט ארבעטער, האָבן איצט זיך אָפּגעזאָגט פון באַשטעלונגען צוליב מאַנגל אין ארבעטס־הענט. בעת די פאַבריקאַנטן האָבן געפאָדערט פון ווער־סאַל, אַז מען זאָל זיי געבן ארבעטער פאַר די ווארשטאַטן, האָבן די ריטערס פון דער באַלאַגערונג געענטפערט, אַז אַנשטאָט אַר־בעטער וועלן געשיקט ווערן זעלנער.

די אַכזריות פון די רעוויזיעס, די אומצאָליקע ארעסטן, וואָס האָבן פארשטאַרקט דעם יאוש פון דער מפּלה, האָבן דער־פירט די שטאָט, וואָס איז געווען איינגעטונקט אין בלוט, ביז די לעצטע קאָנוואולסיווע אויסברוכן. די זעלנער און אָפיצירן פון ווערסאַל זיינען געפאַלן, אַוועקגעלייגט דורך אַן אומגעזעענער האַנט; לעבן די פּעפּיניער־קאַזאַרמעס האָט מען געשאָסן אין איין גענעראַל. די ווערסאַלער צייטונגען האָבן מיט נאַיווער אומפאַר־שעמטקייט זיך געחידושט, וואָס דער פאָלקס־כעס איז נאָך ניט געשטילט געוואָרן, און האָבן ניט פארשטאַנען „וואָסערע מאָטיוון פון שנאה, אפילו די קלענסטע, קען מען האָבן צו די דינסטלייט, די אומשולדיקסטע אין דער גאַנצער וועלט".

די לינקע האָבן זיך די גאַנצע צייט געהאַלטן ביי דער פּראָ־גראַם, וואָס זיי האָבן זיך אָנגעמערקט דעם 18טן מערץ. די לייט, וואָס מען האָט אין דעם 48סטן יאָר באַשולדיקט אין גנבות און שווינדלערייען, האָבן איצט, קומענדיק צו דער מאַכט, די זעלבע לשון־הרע אָנגעווענדט בנוגע די פעדעראַליסטן. אַראַגאָ האָט זיי אָנגערופן „פאַרזעענישן", אַנרי מאַרטען, דער זינגער פונם „אינ־טערנאַציאָנאַל", האָט זיי פאַרגליכן מיט נעראָנען. „די ערלעכע

רעפובליקאנער" האבן אפגענארט די פראווינץ, אויסגעדריקט זייער דאנקבארקייט דער ארמיי, האבן פאראייניקט זייערע קללות און חרמות צו די קללות פון די „דארפסלייט". הגם ערב יוני 48סטע יאר האט לוי בלאן אפגעווארפן זיין סאלידאריטעט מיט די מורדים, האט ער זיי דאך ניט געשאלטן. אינם 71סטן יאר האט ער זיי געשטעמפלט, איז געפאלן כורעים פאר זייערע שופטים און געמאלדן וועגן דעם געפיל פון אויפרעגונג מצד דער געזעלשאפט. יוני 1848 האט זיך געלאזט הערן לאמענעם שרעקלעכע קללה, און פיער לערו האט פארטיידיקט די באזיגטע; איצט האבן אלע גרויסע דענקער פון דער „כאמישער פארזאמלונג" זיך אנגעשלאסן איינס אן דאס אנדערע קעגן די פעדעראליסטן; די לינקע, וואס וועלן אין פינף יאר ארום ארייַנפאלן אין התלהבות פון דער אמנעסטיע-אידעע, האבן איצט זיך אפגעזאגט צוצוהערן צו דעם גסיסה-כארכלען פון צוואנציק טויזנט דערשאסענע און צום יאכצן פון דער ארצנשעריי, הונדערט מעטער פון זיי.

אינם 71סטן יאר איז עס געווען נאך דער זעלבער קאליגולא מיט אכט-הונדערט קעפ, וואס הערצען האט אין 48סטן יאר געשטעמפלט. „זיי האבן זיך אויפגעהויבן אין זייער גאנצער מאכט, כדי צו געבן דער גאנצער וועלט א נאך ניט געזעען בילד פון אכטהונדערט מאן, וואס ווירקן, ווי אן אכזריותדיק פארזעעניש. בלוט האט זיך געגאסן שטראמענווייז, און זיי האבן קיין איין ווארט פון ליבע און שלום-שליסן ניט געפונען. און די אכזריותדיקע מינדערהייט האט געשוויגן. דער בארג האט זיך באהאלטן הינטער די וואלקנס, א צופרידענער, וואס מען האט אים ניט דערשאסן און ניט ארייַנגעשלייַדערט אין די קעלערס; ער האט שטום געקוקט אויף דעם, ווי מען אנטוואפנט געפאנגענע, ווי מען פארשיקט, ווי מען כאפט אומזיסט-אומנישט מענטשן, א טייל אפילו בלויז דערפאר, וואס זיי האבן ניט געוואלט שיסן אין זייערע ברידער".

אפילו גאמבעטא, דער דאזיקער „שרעקלעכער מטורף", וואס הער טיער האט פארמשפט, האט זיך ערלויבט צו זאגן, אז א רעגירונג, וואס איז מסוגל אזא מרידה צו באזיגן, האט דערמיט דער-

וויזן איר געזעצלעכקייט און ער האט א ווארף געטאן אט=א=די באַרימטע פראזע: די העלדישע צייטן זיינען אוועק". ער האט ניט באמערקט, אז אין די דאזיקע ווערטער איז געווען פארבארגן א לויב פאר דער קאמונע.

בלויז אין דער פראווינץ און אין אויסלאנד האבן זיך געפונען מוטיקע מענטשן.

זשול גערדס „די רעכט פון א מענטש" אין מאנפעליע, „די עמאנציפאציע" אין טולוז, „נאסיאנאל די לואר" און אנדערע צייטונגען האבן פאראורטיילט די רוצחים. דאס רוב פון זיי האט מען פארכאפט. עס האבן ערטערווייז זיך אנגעהויבן מרידות: אין פאמיע און וואוראן זיינען אויסגעבראכן מרידות. אין ליאן האט מען די ארמיי פארשלאסן און דער פרעפעקט וואלענטען האט געהייסן פארברענען די שטאט, כדי צו ארעסטירן די אנטלאפענע פון פאריז. אין באַרדא זיינען פארגעקומען ארעסטן.

וויקטאר הוגא האט געשריבן פון בריסל א פראטעסט=בריוו, איבעריקנס ניט קיין איבערצייגנדיקן, קעגן דער מעלדונג פון דער בעלגישער רעגירונג, וועלכע האט מסכים געווען ארויסצוגעבן די עמיגראנטן.

די פרעסע פון די דערשיסער האט אים ערקלערט אלס משוגענעם. פראנציסק סערסע האט אים אנגערופן „אלטער קונצנמאכער, מעלאנכאלישער בוטשאן, רויטער ווידל, עובר=בטלדיקער שטרויזאק, קליין מענטשעלע, וואס איז געשוואלן געווארן פון מליצה, אומגעהייערער טיפש" *.

א צווייטער באַרימטער שרייבער קסאוויע=דע=מאנטעפען האט פארגעלייגט, אז מען זאל אים אויסשליסן פון דער ליטעראטן=געזעלשאפט. לוי בלאן און שעלכער האבן אים געשיקט א זידל=בריוו. א חברה עלעגאנטע הערן האט פארוואָרפן זיין הויז מיט שטיינער און ארטעווועלדס לאנד האט ארויסגעטריבן וויקטאר הוגאן, פונקט, ווי עס האט פארטריבן פרודאנען.

מאדזיני האט געשאלטן מיט טויטע קללות די דאזיקע מורדים, וואס ווייסן ניט פון קיין גאט און פון קיין מושלים צו זאגן; בלויז

* „דרייפארביקע פאן" פון 1טן יולי 1871.

בעבעל אינם דייטשן פארלאמענט און וואלליי אין דעם געמיינ=דעס=הויז האבן אויפגעהויבן א יעלה צוליב די ווערסאלער מוראדיקע מעשים און האבן פארטיידיקט די פעריזער קאמונע; גארסיא לא=פעס האט געזאגט אויף דער טריבונע פון די קארטעסן: „מיר בוקן זיך פאר דער גרויסער רעוואלוציע, וועלכע קיינער איז איצט נאך נים בכוח ליטיש אפצושאצן". אויפן קאנגרעס פון די פאראייניקטע שטאטן האט מען פייערלעך אפגעגעבן כבוד דעם אינטערנאציאנאל.

די ארבעטער פון אנדערע לענדער האבן געמאכט זייערע פאריזער ברידער א פייערלעכע לוויה. אין לאנדאן, בריסל, בערלין, זשענעווע, ציריך און לייפציג זיינען פארגעקומען גראנדיעזע פאר=זאמלונגען, ארבעטער האבן פראקלאמירט זייער סאלידאריטעט מיט פאריז, האבן פארשאלטן די רוצחים און ערקלערט אלע רע=גירונגען אלס מיטהעלפער פון דעם פארברעכן, אלע, וואס האבן נים געמאלדן זייער פראטעסט. אלע סאציאליסטישע זשורנאלן האבן געלויבט דעם קאמף פון די באזיגטע. דער אינטערנאציאנאל האט אין א שיין=געשריבענעם אדרעס באשריבן זייער קאמף און איבער=געלאזט בצוואה זייערע מעשים די ארבעטער פון דער גאנצער וועלט לזכרון.

פיר־און־דרייסיקסטער קאַפּיטל

„שלום — דאָס איז אַ מלאך, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער ערד נאָך אַ בייז־געוויטער, כּדי צו פאַרריכטן אַלע צרות, וואָס עס האָט אָנגעמאַכט".

(דיופאָר. די זיצונג פונם 26טן אַפּריל 1871).

„איר באַשולדיקט אונז אין דעם, אַז מיר האָבן אויפגעהויבן פּלי־זיין אויף די פאַרטיידיקער פונם געזעץ, און איך באַשולדיק אייך אין דעם, אַז איר האָט אָן שום באַדערפעניש ווייטער געפירט דעם קאַמף; אין דעם, אַז איר האָט גאַנצע משפחות באַגראָבן אונטער די חורבות פון אונזערע הייזער; אין דעם, אַז איר זייט טויב געווען צו די בקשות וועגן שלום און אויסגלייך, וואָס מען האָט אייך פון אַלע זייטן געמאַכט, אַז איר האָט ניט קיין רחמנות געהאַט אויף די באַזיגטע. איר האָט פאַרגעשטעלט אייער באַשולדיקונגס־אַקט, איך שטעל פאָר מיינעם. לאָמיר זען, וועלכן פון זיי פראַנקרייך וועט לייענען מיט גרעסערער אויפרעגונג".

(זשול פאַוור. די פאַרטיידיקונג פון די ליאָנער מורדים אין יאָר 1834).

די שווימענדיקע תּפיסות. — די פעסטונגען. — די ערשטע פּראָצעסן.

אינגיכן זיינען אָבער אַלע קעלערס פון ווערסאַל און סאַטאָרי געוואָרן איבערפולט. די ערשטע טעג יולי האָט מען די געפאַנגענע פאַרשיקט אין די ים־פּאָרטן. מען האָט זיי אַריינגעשפּאַרט אין וואַגאָנען פאַר בהמות און אַזוי ענג פאַרצויגן די ברעזענטן, אַז אין וואַגאָן איז כּמעט קיין לופט ניט אַריין. אין איין ווינקל האָט מען אָנגעוואָרפן אַ קופּע סוכאַרעס. „די געפאַנגענע אָבער, וואָס זיינען געוואָרן געוואָרן אויף דער קופּע סוכאַרעס, האָבן זיי אינגיכן פאַרוואַנדלט אין אַ קופּע שטויב". אין משך פון פיר און

צוואנציק שעה, און טיילמאָל פון צוויי און דרייסיק, זיינען זיי געבליבן אָן שום עסן און אָן שום טרינקען. אין דער דאָזיקער ענגשאפט האָט מען זיך געריסן פאר יעדער אָרט, פאר יעדן שטראָם פרישע לופט. פון די וואגאָנעס האָט מען ניט ארויסגעלאָזט, די צואה פון די קראנקע האָט אינגיכן זיך אויסגעמישט מיטן שטויב פון די סוכארעס. א טייל „זיינען אינגאנצן פון זינען אראָפּ און געוואָרן עפּעס ווילדע חיות". און אָט אין איין שיינעם פרימאָרגן דערהערן זיך אין פערטע-בערנאר קולות פון וואגאָן ארויס. דער קאָמאנדיר פון דער שמירה שטעלט אָפּ דעם צוג; די פּאָליציי שיסט אריין; די רו איז צוריקגעשטעלט... און די באוועגלעכע מיטות גייען ווייטער אין פולן גאנג *.

פון יוני ביז סעפּטעמבער האָט ווערסאל ארייגעוואָרפן אין די רעידן, פעסטונגען און אויף די אינזלען פונם אָקעאן, פון שערבורג ביז זשיראָנדע 28.000 געפאנגענע. אויף פינף און צוואנציק פּאָנטאָנען (שווימענדיקע תפיסות) איז אויסגעפאלן ארום 20.000 מאָן, אויף די פעסטונגען און אינזלען — 7837 מאָן.

אויף די פּאָנטאָנען, עקסיסטירן לויט די תקנות, לייב-עינויים. אינם 71סטן יאָר זיינען די טראדיציעס פון יולי 48סטן יאָר און דעצעמבער 51סטן יאָר געוואָרן הייליק אָפּגעהיט. צו די געפאנגענע, וועלכע מען האָט געהאלטן אין שטייגן פון דיקע דעמבענע ברעטער און אייזערנע שטאבעס, וואָס האָבן זיך געפונען רעכטס און לינקס פון די באטארייען, איז די שיין ארייגעדרונגען דורך אָן ענגע שפּארע פון די פארקלאפּטע ליקן. קיין ווענטילירונג איז ניט געווען. פון די ערשטע שעהן אָן איז דאָרט געווען א שרעקלעכער עיפּוש. אינם צענטראלן קאָרידאָר האָבן ארומשפּאצירט די וואכלייט, וועלכע מען האָט ארויסגעגעבן א באפעל צו שיסן ביי דער קלענסטער אָנקלאָגע. אויף דער דעק זיינען ניט געווען — ניט קיין בעטלעך, ניט קיין קאָלדרעס. דאָס גאנצע עסן איז באשטאנען פון

---

* די אַלע פּרטים זיינען גענומען פון די פילצאָליקע נאָטיצן, וואָס זיינען צוגעשטעלט געוואָרן דורך די אַרעסטירטע און פערזאָנען, וועלכע האָבן לגמרי קיין שייכות צו דער קאָמונע ניט געהאַט: די מוניציפּאַל-ראַטמענער פון די יס-פּאָרטן, אויסלענדישע זשורנאַליסטן א. אַז. וו.

ברויט, סוכאַרעס און באַב. ניט קיין ווײַן, ניט קיין טיטון איז ניט געווען. די אײַנוואוינער פֿון ברעסט און שערבורג האָבן געהאַט געבראַכט די אַרעסטירטע אַ ביסל זיסוואַרג, אָבער די אָפֿיצירן האָבן זיי צוריקגעשיקט.

דערנאָך איז דער רעזשים געוואָרן אַ ביסל ווייכער. די אַרעסטירטע האָבן באַקומען צו איין טאַפּטשאַן אויף צוויי פּערזאָן, עטלעכע העמדער, עטלעכע מאַטראַס־טוזשורקעס, זעלטן־ווען האָט מען זיי אויך געגעבן אַ ביסל ווײַן. מען האָט זיי ערלויבט זיך צו וואַשן, אַרויסצוגיין אויף דער שיף־דעק צו כאַפּן אַ ביסל פֿרישע לופֿט. די מאַטראָסן האָבן אַרויסגעוויזן אַ געפֿיל פֿון מענטשלעכקייט; די פֿיוזעליערן־מאַטראָסן זײַנען, להיפּוך, פֿאַרבליבן די זעלבע אַכזריותדיקע חיות, ווי זיי זײַנען געווען אין די מײַ־טעג, און אָפֿטמאָל איז דעם שיף־גאַרניזאָן אויסגעקומען אַרויסצורײַסן פֿון זייערע הענט די געפֿאַנגענע.

דער רעזשים אויף די פּאָנטאָנען האָט זיך געביטן אָפּהענגיק פֿון דער מענטשלעכקייט פֿון די אָפֿיצירן. אין ברעסט האָט דער קאָמענדאַנט פֿון צווייטן ראַנג אויף „דער שטאָט ליאָן" פֿאַרבאָטן צו באַליידיקן די פֿאַרמשפּטע, און אין דער זעלבער צייט איז דער קאַפּיטענאַרמוס פֿון „ברעסלע" זיך באַגאַנגען מיט זיי, ווי מיט קאַטאָרגע־לײַט. אין שערבורג האָט איינער פֿון די לייטענאַנטן פֿון דער שיף „טאַזש", קלעמאַנסאָ, זיך געהאַלטן ווי אַן אמתע חיה. דער קאָמענדאַנט פֿון „באַיאַר" האָט פֿון זײַן שיף געמאַכט אַן אָראַנזשעריי אין מיניאַטור. די באָרטן פֿון דער שיף זײַנען געווען עדות פֿון פֿאַקטן, וואָס זײַנען געווען די שענדלעכסטע פֿון אַלע אַנדערע, וועלכע האָבן ווען עס איז באַפֿלעקט דעם פֿראַנצויזישן פֿלאָט. אַבסאָלוט שווייגן איז דאָרט געווען אַ דין. בײַ דעם קלענסטן שמועס האָט מען אין די שמירה־שטייגן שוין געדראָט מיט שיסן; עטלעכע מאָל האָט מען פֿון דאָרט אויסגעשאָסן. פֿאַר דעם קלענסטן שטעלן זיך אַנטקעגן, פֿאַר ניט אויספֿירן עפּעס אַ דין, אַפֿילו אויס פּשוטער שיכחה, האָט מען די געפֿאַנגענע צוגעבונדן בײַ די לידקעס פֿון די פֿיס און בײַ די הענט צו די אײַזערנע שטאַבעס פֿון דער שטייג.

ניט בעסער זיינען אויך געווען די תפיסות אויף דער יבשה. אין קוועלערן, לעבן ברעסט, זיינען ביז פערציק געפאַנגענע געזעסן אין איין קאַזעמאַט. דאָס איינשפאַרן אין די קאַזעמאַטן פונם אונטערשטן שטאָק איז געווען גלייך, ווי דער טויט. פון די בית־הכסאס „זיינען אהין אריין די עקסקרעמענטן און אינדערפרי איז דער דיל דאָרט געווען באַדעקט מיט צואה צוויי דעצימעטער די גרעב". דערלעבן זיינען געווען געזונטע און פרייע לאָקאַלן, אהין האָט מען אָבער די געפאַנגענע ניט געוואָלט איבערפירן. איינמאָל איז געקומען זשול סימאָן: „ער האָט איינגעפונען, אַז זיינע געוועזענע וויילער זעען אויס צו ווייניק הכנעהדיק, און באַשלאָסן, אַז מען דאַרף זיך באַגיין מיט זיי שטרענגער". עליזע רעקליו האָט געהאַט געגרינדעט אין דער תפיסה אַ שול, כּדי צו לערנען דאָרט 151 מאַן אַרעסטירטע אַנאַלפאַבעטן לייענען און שרייבן; דער בילדונגס־מיניסטער האָט באַפוילן צו שליסן די קורסן צוזאַמען מיט דער קליינער ביבליאָטעק, וואָס די אַרעסטירטע האָבן געשאַפן.

אין די פעסטונגען האָט מען, פונקט ווי אויף די שיפן, די געפאַנגענע געשפּייזט מיט סוכאַרעס און הזיר־שמאַלץ. דערנאָך האָט מען אין די זונטאָג־טעג געגעבן זופּ און געקאָכט פלייש. עס איז פאַרווערט געווען צו האָבן מעסערס און גאָפּל. עטלעכע טעג איז געגאַנגען אַ קאַמף צוליב לעפל. די רווחים פונם ליווראַנט, וואָס זיינען לויט דער ליווערונג באַשטימט געווען אויף צען פּראָצענט, זיינען אויסגעוואַקסן ביז „500 פּראָצענט".

אין דער פעסטונג באָיאַר האָבן די מאַנכּלייט און פרויען זיך געפונען אין איין קאַמער, וואָס האָט זיי אָפּגעטיילט מיט גראַטעס; די פרויען האָבן זיך געוואַשן פאַר דער שמירה אין די אויגן. טיילמאָל זיינען זיי מיט זיי בשכנות געזעסן זייערע מענער. איין געפאַנגענער שרייבט, אַז דאָרט האָט דער עיקר געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט „איין יונגע און שיינע צוואַנציק־יעריקע פרוי, וועלכע איז יעדער מאָל, וואָס מען האָט זי געצוואונגען אויסצוטאָן זיך, געפאַלן אין חלשות".

די שרעקלעכסטע תפיסה איז, לויט די פילצאָליקע אָפּרופן, געווען די סען=מאַרקו=תפיסה. אין משך פון העכער זעקס חדשים זיינען די אַרעסטירטע געבליבן אָן לופט, אָן ליכט, אָן טוטין. מען האָט זיי פאַרווערט צו ריידן. זייער עסן איז באַשטאַנען פון סוכאַרעס, שוואַרץ ברויט און ביטער פעטס. זיי זיינען אַלע קראַנק געוואָרן אויף צינגע.

כדי צו האָבן אַ השגה וועגן די יסורים, וואָס די אַרעסטירטע האָבן געליטן אין די שיף=טורמעס און אין די פעסטונגען, וואָס זיינען ווייט געווען פונם קאָנטראָל פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג, דאַרף מען זיך באַקענען מיט דעם, ווי מען האָט זיי געהאַלטן פאַר די אויגן פון דער נאַציאָנאַל=פאַרזאַמלונג אין ווערסאַל, וואו מען האָט אָפּיציעל מודה געווען, אַז עס זיינען דאָרט געווען 8.472 מאַן. פאָלקאָווניק געיאַר, דער שעף פונם מיליטערישן געריכט, האָט אַרויסגעגעבן אָט=אַזאַ באַפעל די זעלנער, וואָס האָבן געהיט די שאַנטיע=תפיסה: „אויב איר וועט נאָר באַמערקן, אַז עמעץ פון די געפאַנגענע האָט זיך אַ ריר געטאָן, אָדער אויפגעהויבן אַ האַנט, — שיסט אים! אַזוי הייס איך אייך“.

אינעם תבואה=שפייכלער פונעם מערב=וואָקזאַל האָבן זיך געפונען 800 פרויען. גאַנצע וואָכן זיינען די דאָזיקע אומגליקלעכע געשלאָפן אויף שטרוי און ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו בייטן די וועש. ביי דעם קלענסטן גערויש האָבן די שומרים זיך געוואָרפן אויף זיי און געשלאָגן מכות=רצח, דער עיקר אין דער ברוסט. מיט דעם דאָזיקן פינסטערן אָרט האָט אָנגעפירט שאַרל מערסעראָ, אַ געוועזענער סען=גאַרדיסט; די אַלע, וואָס זיינען אים ניט געפעלן געווען, האָט ער געזעצט אויף אַ קייט און געהרגעט מיט אַ שטעקן. ער האָט אַרומגעפירט איבער זיינע גיטער אָנגעזעענע ווערסאַלער דאַמען, וואָס האָבן געוואָלט אַ קוק געבן אויף די אונטערצינדערינס, און אין זייער אָנוועזנהייט געשריען צו זיינע קרבנות: „העי, איר נקבות, לאָזט אַראָפּ די אויגן!“ און דאָס איז לפי=ערך געווען שוין פון די קלענערע באַליידיקונגען, וואָס די ערלעכע ווערסאַלער דאַמען האָבן געוואָרפן אויף אונזערע פעדעראַליסטינס.

די גאַסן־פרויען, וואָס מען האָט בעת די אַנלויפן געפלעגט אַרעסטירן און איבערלאָזן, אַז זיי זאָלן נאָכקוקן די איבעריקע אַרעסטירטע, האָבן פאַר אַלעמען אין די אויגן זיך אָפגעגעבן דער שמירה. בעת די קאָמונע־פרויען האָבן קעגן דעם פּראָטעסטירט, האָט מען זיי געשלאָגן מיט גראָבע שטריק. אויס ראַפינירטער אכזריות האָבן די ווערסאַלער לייט געוואָלט די דאָזיקע עטלעכע פרויען דערנידעריקן ביז דערזעלבער מדרגה, וואָס פּראָסטיטוטקעס מען האָט אַלע געפאַנגענע פרויען אונטערזוכט.

באַליידיקטע אין זייער כבוד, אין זייער גאַנץ וועזן, האָבן די אומגליקלעכע זיך צעהעשעט אין אַ מוראדיק געשריי: „וואו איז מיין פאָטער? מיין מאַן? וואָס! איך בין אַליין, און די אַלע געמיינע לייט זיינען קעגן מיר! איך — אַ מוטער, אַ ווייב, אַן אַרבע־טערין אונטער די קלעפּ פון דער בייטש, אַ געשענדטע, אַ באַפלעקטע דורך די דאָזיקע שמוציקע הענט!" אַ סך זיינען אַראָפּ פון זינען. אַלעמען איז אויסגעקומען איבערצולעבן שעהן פון שיגעון. מעוברתע פרויען האָבן געבוירן פאַר דער צייט, אַנדערע האָבן געמפּילט.

אין די תפיסות איז פּונקט, ווי בעת דער האַרמאַטן־שי־סעריי, געוועזן געגנוג גלחים. דער גלח רושמאַן האָט געזאָגט צו די אַרעסטירטע פרויען: „איך ווייס, אַז איך געפין זיך אין אַ פינ־סטערער הייל, אָבער מיין חוב א. אז. וו.". אינם טאָג פון דער הייליקער מאַגדאַלענע האָט דער אַלזשירער בישאָף איידל מרמז געווען אויף דער באַדייטונג פון דעם טאָג און געזאָגט צו זיי: „אַז אַלע זיינען זיי מאַגדאַלענעס, וואָס האָבן קיין תשובה ניט געטאָן, אַז מאַגדאַלענע איז ניט געווען קיין מערדערין, ניט קיין אונטערצינדערין" — און אַ ריי אַנדערע וואַנגעלישע ליבנסווערדי־קייטן. אינם טולאָנער אַרעסט האָט דער גלח געפּאַטשט די קאָ־מונאַרן אין באַק.

די קינדער האָבן זיך געפונען אין דער אָפּטיילונג פון דער פרויען־תפיסה. מיט זיי איז מען זיך אויך אַזוי אכזריותדיק באַ־גאַנגען. אַזוי האָט, למשל, מערסעראָס סעקרעטאַר מיט אַ קאָפּע געעפנט אַ קינד דאָס בייכל. ראַנוויעס זון, אַ צוועלפיעריק יינגל,

האט מען געשלאגן מכות=רצח, ווייל ער האט ניט געוואלט אויס= זאגן, וואו דער פאטער זיינער געפינט זיך.

די דאזיקע כסדרדיקע עינויים האבן געקענט א תל מאכן פונם גרעסטן גיבור. אלס פועל=יוצא דערפון איז געווען צוויי טויזנט חולאים אין די שפיטעלער און אויף די שיפן. לויט די אפיציעלע באריכטן, זיינען פון 33.665 ציווילע געפאנגענע געשטארבן 1.179 מאן. די צאל איז אן שום ספק קלענער, ווי אין דער אמתן. די ערשטע טעג זיינען אין ווערסאל עטלעכע מאן דערהרגעט גע=ווארן, א סך ווידער זיינען געשטארבן — מען האט זיי לחלוטין ניט גערעכנט. ביז די פאנטאנען האט מען קיין סטאטיסטיק ניט געפירט. מען קען אן שום גוזמא זאגן, אז צוויי טויזנט מאן זיינען געפאלן אין די הענט פון די ווערסאלער לייט. נאך מער זיינען געשטארבן פון אויסצערונג אדער קראנקהייטן, וואס זיי האבן געכאפט אין דער תפיסה.

די דאזיקע אומגליקלעכע ארעסטירטע פון די שיף=תפיסות, פעסטונגען און אנדערע קעלערס האבן אין משך פון גאנצע חדשים געפרעסן די ווערעם, איידער עס האט זיך איינגעגעבן צו פועלן, אז מען זאל זיי פונאנדערטיילן אין עפעס א שטיקל סדר. דער ווערסאלער מולך האט פארשלונגען מער קרבנות, ווי ער איז בכוח געווען צו פארדייען. אין יוני האט ער, לויט דער פאדע= רונג פון די רעאקציאנערן, אפגעלאזט 1090 מאן. אבער ווי טוט מען זיך אן עצה מיטן פראצעס פון די 36.000 ארעסטירטע? און הער טיער איז געפאלן אויף א המצאה איינצואָרדענען פארמעלע געריכטס=פראצעסן אנשטאט מאסן=פארשיקונגען, וואס האבן אזוי אויפגעבראכט די געזעלשאפטלעכע מיינונג אינם 48סטן יאר. אבער אלס שופטים פון די פעדעראליסטן האט ער באשטימט די זעלבע זיגער=זעלנער. אין 1832 האט דער אדוואקאטן=שטאנד פראטעס= טירט קעגן דעם, וואס די רעגירונג האט בדעה געהאט איינצו= אָרדענען א מיליטעריש געריכט איבער די מורדים. אין 71סטן יאר האט זיך דאס ארויסגעוויזן פאר א גאנץ נאטירלעכע זאך, מחמת איצט האט זיך דאך געהאנדלט אין „אויסוואורפן".

די דאזיקע כלומרשטע געריכטן האבן ביז סוף יולי אויסגע=

פארשט בסך=הכל דריי טויזנט ארעסטירטע און די נאציאנאלפארזאמלונג האט פארלארן דאס געדולד. הער טיער האט געהאט אונטער דער האנט עטלעכע קאמונע=מיטגלידער; ער האט איינגעארדנט פאר די „דארפסלייט” א גרויסע יורידישע פארשטעלונג.

דער דאזיקער פראצעס האט געזאלט זיין א מוסטער פאר דער פראצעדור פון מיליטערישע געריכטן. דער פראקוראר דיופאר און דער פרעזידענט האבן געלאזט אין גאנג זייערע אלע צביעותדיקע שטיק, אלע שפיצלעך, אויף וועלכע זיי זיינען נאר געווען מסוגל, אז דער פראצעס זאל זיין וואס קירצער. זיי האבן זיך אפגעזאגט צו אנערקענען די באשולדיקטע אלס פאליטישע פארברעכער און האבן פון דער גאנצער מרידה געמאכט א ריזיק קרימינעל פארברעכן. אזוי ארום האבן זיי געוואלט פטור ווערן פון קלינגענדיקע פארטיידיקונגס=רעדעס, — פון דער צווייטער זייט ווידער האבן זיי געהאט א מעגלעכקייט אנצווווענדן טויטשטראף, וואס די צביעותדיקע בורזשואזיע האט פונם 48טן יאר אן געהאלטן פאר בטל פאר פאליטישע פארברעכנס. דאס דריטע מיליטערישע געריכט איז געווען זייער זארגפול איינגעארדנט. אלס קאמענדאנט איז באשטימט געווארן קאמיסאר גאווא, א מטורף, מיט בלאנדזשענדיקע אויגן, וועלכער איז ערשט ניט=לאנג געהאט ארויס פון משוגעים=הויז; ער האט געשלאגן די געפאנגענע מכות=רצח אויף די גאסן פון ווערסאל; אלס פרעזידענט — פאלקאווניק מערלען, — איינעם פון באזענס אפיצירן; די איבעריקע זיינען באשטאנען פון אנגעזועענע באנאפארטיסטן. סעדאן און מעץ האבן זיך געגרייט צו משפטן פאריז.

די פייערונג איז געעפנט געווארן דעם 7טן אווגוסט אין א ריזיקן זאל, וואס נעמט אריין צוויי טויזנט מאן. די פארשטייער פון דער העכערער געזעלשאפט זיינען געזעסן אין די פאטעלן פון רויטן סאמעט, דריי הונדערט ערטער האבן פארנומען די דעפוטאטן, די איבעריקע — אנגעזעענע בורזשוא, מיטגלידער פון חשובע משפחות, פראסטיטוציאנעלע אריסטאקראטיע, פארשטייער פון דער בולוואר=פרעסע. דער לעבהאפטער שמועס פון די זשורנאליסטן, דאס רוישן פון די עלעגאנטע קליידער, די שמייכלענדיקע

פנימער, די לאַרנעטן, וואָס זיינען געווענדט אין אַלע זייטן — דאָס אַלץ האָט דערמאָנט אָן די גלענצנדסטע פּרעמיערעס. די אָפיצירן פון גענעראַל־שטאַב אין פּאַראַד־אוניפאָרמען האָבן באַגלייט די דאַמען אויף זייערע ערטער, ניט פאַרגעסנדיק דערביי זיך צו פאַרנייגן לויט די דינים פון עטיקעט.

דאָס גאַנצע אָפּפאַל איז געוואָרן שרעקלעך אויפגערעגט, בעת עס האָבן זיך באַוויזן די באַשולדיקטע. עס זיינען געווען זיבעצן מאַן: פּערי, אַסי, זשורד, פּאַסקאַל, גרוסע, רעזשער, ביליאָרע, קורבע, אורבען, וויקטאָר קלעמאַן, טרענקע, שאַמפּי, ראַסטול, ווערדיור, דעקאַן, אולים פּאַראַן — מיטגלידער פון דער קאָמונע; פערע, ליוליע — מיטגלידער פונם צענטראַל־קאָמיטעט.

גאַווע האָט דורכגעלייענט דעם באַשולדיקונגס־אַקט — אַן אמתער וויניגרעט פון שטותים, וואָס האָבן אין משך פון די לעצטע דריי חדשים אָנגעפילט די ווערסאַלער צייטונגען: די רעוואָלוציע איז נולד געוואָרן פון צוויי פאַרשווערונגען — פון דער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי פון איין זייט, און פונם אינטערנאַציאָנאַל — פון צווייטער זייט. פּאַריז איז אויפגעשטאַנען דעם 18טן מערץ אויפן רוף פון עטלעכע פאַרברעכער; לעקאָנט און קלעמאַן־טאָמאַ האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט געהייסן דערהרגענען; די דעמאָנסטראַציע, וואָס איז פאָרגעקומען אויפן וואַנדאָמער פּלאַץ, איז געווען אַ פרידלעכע מאַניפעסטאַציע; דער הויפּט־דאָקטאָר פון דער אַרמיי איז דערהרגעט געוואָרן בעת אַ הייסן רוף צו שלום; די קאָמונע האָט געמאַכט כּלערליי גנבות; די פייניקונגס־מכשירים פונם פּיקפּוס־קלויסטער זיינען מגולגל געוואָרן אין אָרטאָפּעדישע כּלים; דער אויפרייס אויף דער קווילן־פאַבריק ראַפּ איז געווען דער קאָמונעס אַ שטיקל אַרבעט, — „מחמת זי האָט געוואָלט צעבלאָזן אין די פעדעראַליסטן אַ פייער פון שנאה צום שונא"; פערע האָט אָנגעפירט מיט דער עקזעקוציע פון די ערבות־לייט אין ראָקעט און אונטערגעצונדן דאָס פינאַנץ־מיניסטעריום, וואָס עס איז צו זען פון זיין אייגנהענטיקן באַפעל: „צינדט אונטער דאָס פינאַנץ־מיניסטעריום". יעדער איינער פון די באַשולדיקטע האָט באַדאַרפט טראָגן די אחריות פאַר די פאַקטן

אויפן געביט פון זיינע פּריוואַטע פולמאַכטן און אחוץ דעם פאַר אַלע קאָלעקטיווע דעקרעטן פון דער קאָמונע. דער דאָזיקער נידערטרעכטיקער פּאָליציייִשער ראַפּאָרט, וועלכער איז פאַראויס צוגעגרייט געוואָרן פאַר הער טיערן, האָט פאָרגעשטעלט דעם גאַנצן ענין־קאָמונע ווי אַ זאַך פון אַ פּשוטער רויבער־באַנדע".

דאָס לייענען דעם באַשולדיקונגס־אַקט האָט געדויערט אַ גאַנצע זיצונג. צומאָרגנס האָט פערע, וועלכן מען האָט דעם ערשטן אויסגעפרעגט, זיך אָפּגעזאָגט צו ענטפערן און געמאָלדן אַ קעגן־באַשולדיקונג אויפן ביורא. „די מיינונג פון דעם אונטער־צינדער פערע האָט ניט קיין שום באַדייטונג!" — האָט אויסגע־שריען גאַוואַ און געהייסן אַריינרופן די עדות מצד דער באַשול־דיקונג. פון פיר־און־צוואַנציק פערזאָן זיינען פערצן געווען פּאָ־ליציי־אַגענטן; די איבעריקע זיינען געווען אָדער גלחים, אָדער רעגירונגס־באַאַמטע. איין האַנטשריפט־עקספּערט, וואָס האָט זיך קונה־שם געווען אינם פּאַלאַץ מיט זיינע טעותן, האָט באַשטעטיקט, אַז דער באַפעל — „צינדט אונטער דאָס פינאַנץ־מיניסטעריום", איז טאַקע געשריבן געוואָרן דורך פערע. דער באַשולדיקטער האָט בחינם געפאָדערט, אַז מען זאָל פאַרגלייכן דעם אונטערשריפט פונם באַפעל מיט זיינע חתימות, וואָס זיינען געווען לרוב אין די תפיסה־ביכער, אַז מען זאָל, לכל־הפחות, צושטעלן אין געריכט ניט קיין פאַקסימיליע, נאָר דעם אָריגינאַל; גאַוואַ האָט אָבער אויס־געשריען מיט כעס: „אָבער דאָס איז דאָך אומצוטרוי!"

איבערצייגט אַזוי אַרום תיכף פון תחילת אָן אין דער פאַרשווערונג פון זייערע ריכטער, זעענדיק, וואָס פאַר אַ מענטשן דאָס זיינען, — האָבן די באַשולדיקטע פראַנק־און־פריי זיך געקענט אָפּזאָגן פון אַזאַ געריכט און, פּונקט ווי זייערע פאָרגייער פון 1839, שווייגנדיק אונטערשטעלן דעם תליון זייערע קעפּ. זיי האָבן אָבער מסכים געווען צו ענטפערן אויף גאַוואַס אויספאָר־שונג. וואָלטן זיי כאָטש געווען באַשטאַנען אויף זייער פּאָליטישער ראָלע! — אַ טייל האָבן זי אָבער לחלוטין געלייקנט. כמעט אַלע האָבן זיך פאַרנומען מיט פאַרטיידיקן זיך אַליין; אַ סך האָבן אַרויס־געוויזן שענדלעכע שוואַכקייט אין זייער מורא פאַר וואוילשטאַנד.

ליוליע האָט זיך הויך גערימט מיט זיין בגידה אין דער קאָמונע. לסוף, האָט זיך פון די בענק פון די באַשולדיקטע אויך דערהערט אַ נקמה־שטים פאַר דעם פאַרלאָזענעם פאָלק. דער שוסטער טרענקע, אַן אַרבעטער — איינער פון דער דאָזיקער שטאַרקער ראַסע, וואָס איז פונקט אַזוי פעסט ביי דער אַרבעט, ווי אין קאַמף, איינער פון די באַוואוסטזיניקע און איבערצייגטע קאָמונע־מיטגלידער, וועלכער האָט זיך באַשיידן געהאַלטן אינם שטאַטישן ראַטהויז, אָבער וועלכער איז תמיד געווען אין די פאָ־דערשטע רייען אין קאַמף — האָט אויפן קול געמאָלדן, אַז ער האַלט פאַר אַ כבוד־זאַך פאַר זיך צו זיין ביזן סוף טריי דער קאָמונע. „מיינע מיטבירגער האָבן מיך געשיקט אין דער קאָמונע; איך האָב ניט געשווינט מיין לעבן; איך בין געווען אויף די באַ־ריקאַדעס און איך באַדויער, וואָס מען האָט מיך ניט דערהרגעט; איך וואָלט פאַרשפּאָרט היינט בייצוזיין ביי דעם טרויעריקן בילד, ווי מיינע חברים, וועלכע האָבן אַריינגעטראָגן זייער חלק אין אונזער זאַך, טרייסלען זיך איצט אָפּ פון זייער טייל אחריות. איך בין אַ מורד, איך לייקן עס ניט".

זשורדן האָט אויך געלוינט צו הערן. ער האָט קיין שום דאָקומענט ניט געהאַט, נאָר אָנגעשטרענגט דעם זכרון און ממש אויף חידושים, אַלס פינאַנץ־דעלעגאַט, געבראַכט אַ באַריכט וועגן די הוצאות און הכנסות פון דער קאָמונע מיט אַלע פּרטים. ער האָט גערעדט אַזוי ווייך און מיט אַזאַ היץ, אַז העכער אַ שעה האָט אין זאַל געהערשט אַ טויטע שטילקייט.

די אויספאָרשונג האָט געדויערט אין משך פון זיבעצן זיצונגען. ס'איז כסדר געווען דער זעלבער עולם: זעלנער, בורזשואַ, גאַסן־פרויען, וועלכע האָבן זיך לוסטיק געמאַכט איבער די באַשולדיקטע. די זעלבע עדות: גלחים, אַגענטן, באַאַמטע, גאַוואָס דאָס זעלבע קריכן פון דער הויט, דער זעלבער ציניזם מצד דעם געריכט, דאָס זעלבע באַסט פון דער פּרעסע. זי איז נאָך אַלץ ניט זאַט געווען פון די רציחות. זי האָט גערעוועט אויף די באַשולדיקטע, געפאָדערט פאַר זיי טויט, זיי באַשיט מיט שמוץ אין די באַריכטן. „מען דאַרף קיין טעות ניט האָבן", — האָט געשריבן „די פריי־

הייט", — דער עיקר, דאַרף מען ניט זיין צופיל אויפגעבראַכט — מיר האָבן פאַר זיך באמת א חברה פאַרברעכער, רויבער, גנבים און אונטערצינדער. בלויז א מענטש מיט בייזע כוונות וואָלט געקענט פון אונז פאָדערן, אז מיר זאָלן זיך באַציען צו די דאָזיקע לייט קאָרעקט, אויף וואָס יעדער באַשולדיקער האָט רעכט כל־זמן דאָס געריכט האָט נאָך זיין פסק־דין ניט ארויסגעטראָגן. אין דעם פאַל קען מען אפילו דעם קלענסטן ספק ניט האָבן, אז זיי זיינען שולדיק. ניין, ניין! טויזנט מאָל ניין! דאָס זיינען ניט קיין פשוטע באַשולדיקטע; א טייל פון זיי זיינען געכאַפּט געוואָרן ביי דער האַנט; אנדערע האָבן זייער פיין זיך רעקאָמענדירט אין זייער שולד מיט גאַנץ ניט צווייַדייטיקע מעשים, און ס'איז גענוג צו וויסן זייער נאָמען, אז מען זאָל הויך, אויפן קול אויסשרייען איבערצייגט: יאָ, יאָ, זיי זיינען שולדיק!" דאָס איז נאָך געווען איינער פון די גלייכגעוויכטיקע קאָרעספּאָנדענטן. דערפאַר זיינען די אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן געווען אש להבה. ס'איז זיך שווער פאָרצושטעלן א שענדלעכערע זאַך, ווי דער טאָן פון דער „אונטערוועלט־פּרעסע", — האָט געשריבן „סטענדאַרט", א קאָנסערוואַטיווע צייטונג, איינע פון די פיינדלעכסטע לגבי דער קאָמונע. בעת די באַשולדיקטע האָבן געפאָדערט ביים פאָרזיצער שוץ קעגן די צייטונגס־רכילות, איז מערלען אַרויסגעטראָטן צו פאַרטיידיקן די פּרעסע.

מען האָט אָנגעהויבן לייענען דעם באַשולדיקונגס־אַקט. גאַווואַ האָט, לויט די באַקומענע אינסטרוקציעס, געזאָגט, אז פאַריז האָט אין משך פון עטלעכע וואָכן זיך געשלאָגן דערפאַר, אז עטלעכע פּערזאָן זאָלן האָבן א מעגלעכקייט צו באַגזלענען די רעשטלעך אָפּשפּאָרונגען אין די קאַסעס, אונטערצינדן הייזער און דערשיסן עטלעכע זשאַנדאַרמען. דער דאָזיקער דרייקאָפּ אין עפּאָלעטן האָט מיט דער מוטיקייט פון א מיליטער־מאַן א תל געמאַכט פון די אַלע אַרגומענטן, אויף וועלכע ער האָט אַלס פּראָקוראָר געבויט. „די קאָמונע, — האָט ער געזאָגט, — „האָט אויסגעפירט די פונקציעס פון א רעגירונג", און אין פינף מינוט אַרום האָט ער שוין געלייקנט דעם גאַנצן פּאָליטישן כאַראַקטער

פון דער טעטיקייט פון די קאָמונע־מיטגלידער. איבערגייענדיק צו די באַזונדערע באַשולדיקטע, האָט ער געזאָגט וועגן פערען: „איך וועל ניט פאַרלירן קיין צייט אין פונאַנדערקלייבן זיך אין די פּילצאַליקע פאַרברעכנס, וואָס ליגן אויף זיין געוויסן", און וועגן זשורדן, וואָס פון זיין רעדע האָט ער קיין איין וואָרט ניט פאַר־שטאַנען, האָט ער אַ זאָג געטאָן: „אַלע ציפערן, וועלכע ער האָט פאַר אייך געבראַכט, זיינען לחלוטין אויסגעטראַכטע. איך וויל ניט מיסברויכן מיט אייער צייט, כּדי זיי אָפּצולייקענען". בעת די גאַסן־שלאַכטן האָט זשורד באַקומען פונם קאָמיטעט פון געזעל־שאַפטלעכער רעטונג אַ באַפעל איבערצוגעבן יעדן איינעם פון די מיטגלידער פון דער קאָמונע צו טויזנט פראַנק אויף פאַרשיידענע הוצאות. מיט די דאָזיקע געלטער האָבן זיך באַנוצט ניט מער פון דרייסיק מאַן, וואָס האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אינם קאַמף. גאַווואַ האָט געזאָגט אַזוי: „זיי האָבן צעטיילט צווישן זיך גאַנצע מיליאָנען". פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט דערינען געגלויבט. וועלכער קיסר האָט עס אַמאָל אָפּגעטראָטן די מאַכט און ניט פאַרכאַפּט מיט זיך קיין מיליאָנען? פּאַסקאַל גרוסע האָט ער באַשולדיקט אין דעם, אַז ער האָט געגנבעט פּאַפּיר אויף דרוקן זיין צייטונג; עפּעס אַן אַנדערן — אין דעם, אַז ער האָט געהאַט אַ געליבטע. אַ גראָבער־יונג — אַ זעלנער — האָט ער ניט פאַרשטאַנען, אַז וואָס מער ער דערנידעריקט איינצלנע פּערזאָנען, הייבט ער דערמיט די רעוואָלוציע, וועלכע איז אַזוי מעכטיק, ניט געקוקט אויף אַלע אירע שוואַכע זייטן און מפּלות.

דער דאָזיקער באַשולדיקונגס־אַקט האָט אַרויסגערופן ווילדע אַפּלאָדיסמענטן מצד דער פאַרזאַמלונג. צום סוף האָבן זיך געהערט אַפילו אַרויסרופן, אַ שטייגער, ווי אין טעאַטער. מערלען האָט געגעבן דאָס וואָרט פערעס פאַרטיידיקער. פערע מעלדעט אָבער, אַז ער וויל זיך אַליין פאַרטיידיקן און הייבט אָן צו געבן זיינע ערקלערונגען:

„נאָכן שליסן דעם שלום־אָפּמאַך, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דעם קאַפּיטולירן פון פּאַריז, האָט דער רעפּובליק

געדראט א סכנה; מענטשן, וואס זיינען אוועק נאך דער אימפעריע, וועלכע האט זיך פארבלינעט אין שמוץ און בלוט..."

מערלען: „וועלכע האט זיך פארבלינעט אין שמוץ און בלוט... דא מוז איך אייך אפשטעלן. האט זיך דען אייער רע־גירונג אויך ניט געפונען אין אזא לאגע?"

פערע: ... „האבן זיך געקלאמערט אן דער מאכט, און הגם ס'איז געהאנגען איבער זיי אן אלגעמיינע פאראכטונג, האבן זיי בשתיקה געגרייט א מלוכה־איבערקערעניש; זיי האבן פארעקשנט אפגעזאגט פאריז אין מוניציפאלע וואלן"...

גאווא: „ניט אמת!"

מערלען: „דאס, וואס איר, פערע, האט איצט געזאגט — אז א שקר. רעדט ווייטער, אבער צום דריטן מאל — וועל איך ביי אייך צונעמען דאס ווארט."

פערע: ... „ערלעכע און אויפריכטיקע צייטונגען האט מען פארמאכט, די בעסטע פאטריאטן זיינען פארמשפט געווארן צו טויט"...

גאווא: „דער באשולדיקער קען מער ניט לייענען ווייטער. איך פאדער אנווענדן בנוגע אים דאס געזעץ".

פערע: „... די ראיאליסטן האבן זיך געגרייט צו טיילן צווישן זיך די שארית־הפליטה פון פראנקרייך; לסוף, אין דער נאכט פון 18טן מערץ, האבן זיי זיך געהאלטן פאר גרייט: זיי האבן פרובירט אנטוואפענען די נאציאנאלע גווארדיע און דורכ־פירן מאסן־ארעסטן צווישן די רעפובליקאנער!"...

מערלען: „איצט גענוג, זעצט אייך, איך גיב דאס ווארט אייער פארטיידיקער".

דער אדוואקאט, וואס דאס געריכט האט באשטימט, בעט, אז פערען זאל ערלויבט ווערן איבערצולייענען די לעצטע זאצן פון זיינע ערקלערונגען.

פערע: „א מיטגליד פון דער קאמונע — בין איך אין די הענט פון די זיגער. זיי ווילן מיין קאפ — זאלן זיי אים נעמען! איך וועל קיינמאל דורך געמיינהייט מיין לעבן ניט מציל זיין. איך האב פריי געלעבט און אזוי וועל איך אויך שטארבן.

איך וועל בלויז צוגעבן איין וואָרט: דער גורל בייט זיך; זאָל די צוקונפט זאָרגן פאַר מיין גערעכטיקייט און נקמה."

מערלען: „גערעכטיקייט וועגן אַ מערדער".

גאַוואַ: „פאַר אַזאַ מעלדונג בלויז דאַרף מען פאַרשיקן אויף קאַטאָרגע".

מערלען: „אַלץ, וואָס איר האָט געזאָגט, פאַרעכטיקט ניט די מעשים, פאַר וועלכע מען האָט אייך אַהער געבראַכט".

פערע: „איך נעם אָן פאַר ליב מיין גורל, וואָס איז מיר באַשערט".

בעת דעם דאָזיקן דועל צווישן מערלענען און פערען האָט אין זאַל געהערשט אַ אומגעהייערע אויפרעגונג; נאָכדעם ווי פערע האָט געענדיקט, האָט מען אָנגעהויבן פייפן. דער פאָרזיצער האָט געמוזט שליסן די זיצונג און די ריכטער האָבן שוין אָנגעהויבן אַרויסגיין, ווי איין אַדוואָקאַט האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל געבן דער פאַרטיידיקונג אַ וואָרט צוליב דעם, וואָס דער פאָרזיצער האָט אָנגערופן פערען מערדער. מען האָט ווידער אָנגעהויבן פייפן. דער פאַרטיידיקער ווענדט זיך צום טריבונאַל, צו די פאַרשטייער פון דער פרעסע, צום עולם. אין משך פון עטלעכע מינוט ווערט זיין שטים פאַרטויבט דורך די קללות, וואָס ווערן געוואָרפן אויף אים פון אַלע עקן זאַל. מערלען שיינט פון הנאה און ענטפערט ריטער־לעך: „איך בין מודה, אַז כ'האָב באַנוצט דאָס וואָרט, וועגן וועלכן עס רעדט דער פאַרטיידיקער. דאָס געריכט גיט אייך דאָס רעכט מאַכן דערפון אייערע אויספירן".

מיט אַ טאָג פריער האָט איין אַדוואָקאַט געזאָגט צו מערלענען: „מיר אַלע זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג ניט פון אונזער צייט, נאָר פאַר דער געשיכטע, וואָס וועט אונז משפטן". — „געשיכטע! ביז דער צייט וועלן מיר אויף דער וועלט ניט זיין!" — האָט מערלען געענטפערט. די פראַנצויזישע בורזשואַזיע האָט געפונען אין אים איר זשעפּריסן.

צומאָרגנס איז דער זאַל פון אינדערפרי אָן געווען איבער־פולט. די נייגיריקייט פון עולם, די אומרויקייט פון די ריכטער,

האָבן דערגרייכט דעם לעצטן גבול. כּדי צו באַשולדיקן זיינע קעגנער אין כּלערליי פאַרברעכנס מיטאַמאָל, האָט גאַוואַ אין משך פון צוויי טעג כּסדר גערעדט וועגן פּאָליטיק, געשיכטע און סאָציאַליזם. עס האָט געקלעקט צו ענטפערן בלויז אויף איינעם פון זיינע אויס־פירן, אַז דער פּאָליטישער כאַראַקטער פונם פּראָצעס, וואָס מען האָט געהאַלטן אין איין אָפּלייקענען, זאָל קלאָר ווערן. ווען איינער פון די באַשולדיקטע זאָל געוווען צו זיך קומען און אַ ביסל וויניקער טראַכטן וועגן זיין גורל, נאָר וועגן דער קאָמונעס כּבוד און אָפּ־וואַרפן וואָרט ביי וואָרט דעם באַשולדיקונגס־אַקט; ווען ער זאָל דער ווילדער באַשולדיקונג אין פאַרשווערונג געווען אַנטקעגנ־שטעלן די אייביקע פּראָוואָקאַציע מצד די פּריווילעגירטע קלאַסן; ווען ער זאָל געווען דערציילן וועגן פּאַריז, וואָס האָט זיך פריער איבערגעגעבן דער רעגירונג פון פּאַרטיידיקונג און איז שפּעטער דורך איר געוואָרן פאַרראַטן, אָנגעגריפן דורך ווערסאַל, פאַרלאָזן פון אַלע; וועגן די פּראָלעטאַריער, וואָס האָבן רעאָרגאַניזירט די גאַנצע איינאָרדענונג פון דער ריזיקער שטאָט און אין משך פון צוויי חדשים, בעת דעם באַלאַגערונגס־צושטאַנד, ניט געקוקט אויפן פאַרראַט פון די שונאים, רעגירט אָן שפּיאָנען און עקזעקוציעס, אָן מיטלען, ניט געקוקט דערויף, וואָס די באַנק־מיליאַרדן זיינען געווען אונטער דער האַנט, צוזאַמען מיט די געזעלשאַפטלעכע אוצרות און רייכטימער פון זייערע שונאים; ווען אין איין ריי מיט די דריי־און־זעכציק דערהרגעטע ערבות־לייט וואָלט ער אָנ־געוויזן אויף די צוואַנציק טויזנט דערשאָסענע, וואָלט אַנטפּלעקט די שיף־תּפיסות, די פינסטערע קעלערס, אין וועלכע עס האָבן זיך געשטיקט פערציק טויזנט אומגליקלעכע ביז טויט, און ווען ער זאָל אין נאָמען פון יושר, אמת און צוקונפט נעמען די גאַנצע וועלט פאַר אַן עדות, — וואָלט ער פון דער קאָמונע — דער באַ־שולדיקטער, געמאַכט אַ קאָמונע — אַ באַשולדיקערין... זאָל אים דער פאָרזיצער איבעררייסן, זאָלן די קולות פון די אַנוועזנדיקע דעקן זיינע ווערטער, זאָל דאָס געריכט אים ערקלערן מחוץ דעם געזעץ, — אָבער אַזאַ מענטש וואָלט געקענט, ווי דאַנטאָן, באַר־בעס, בלאַנקי, ראַספּאַיל, קאַבע — געפינען אַ זשעסט, אַן אויס־

געשריי, אַז די ווענט זאָלן אויפציטערן און וואַרפן אין פּנים דעם טריבונאַל זיין וואָרט פון חרם.

אָבער די באַזיגטע קאָמונע האָט אַזאַ מענטשן ניט פאַרמאָגט, זי האָט אַזאַ נקמה=נעמער ניט געהאַט. אָנשטאָט זיך צו פאַרטיידיקן צוזאַמען אָדער שווייגן, וואָס עס וואָלט כאָטש זייער כבוד מציל געווען, האָבן די באַשולדיקטע געלאָזן זייערע אדוואָקאַטן זיך אויסטענהן. יעדער איינער פון די דאָזיקע הערן האָט געטאָן אַלץ, אַז זיין קליענט זאָל ניצול ווערן, אַפילו אויפן חשבון פון זיינס אַ מיטברודער. קורבעס אדוואָקאַט איז געווען פון דער „פיגאַראָ"=כנופיה און דער קייזערינס פאַרטרויונגס=מאַן; אַ צווייטער — איינער פון די מאַניפעסטאַנטן פונם וואַנדאָמער פּלאַץ — האָט געבעטן דאָס געריכט ניט צונויפמישן דעם פּראָצעס פון זיין קליענט מיטן פּראָצעס פון זיין שכן — דעם פאַרברעכער. אין די פאַרטיידיקונגס=רעדעס איז געווען אַ שלל באַנאַליטעט. אָבער דאָס דאָזיקע שיפלות האָט ניט אָפּגענומען ניט ביים געריכט, ניט ביים עולם זייער תקיפות. אַלע רגע איז געוואָ אויפגעשפּרונגען פון זיין שטול: „איר זייט אַ בעל=חוצפה!" — האָט ער געזאָגט צו איין אדוואָקאַט: — „אויב דאָ איז פאַראַן עפּעס אומגעלומפּערטס — איז עס איר!" די אוידיטאָריע אַפּלאָדירט און איז אַלע ווײַלע גרייט זיך צו וואַרפן אויף די באַשולדיקטע. דעם 31סטן אויגוסט איז זי דערגאַנגען אַזוי ווייט אין איר היציקייט, אַז מערלען האָט געדראָט אָפּצורוימען דעם זאַל.

דעם 2טן סעפּטעמבער האָט דאָס געריכט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז עס באַראַט זיך וועגן דעם פּסק=דין. ניין אַ זייגער אין אָוונט האָט מערלען איבערגעלייענט דעם פּסק=דין. פערע און ליוליע האָט מען פאַרמשפּט אויף טויט; טרענקע און אורבען זיינען פאַרמשפּט געוואָרן אויף אייביקע שווערע תפיסה; אַסי, ביליאָרע, שאַמפּי, רעזשער, פּאַסקאַל גרוסע, ווערדיור, פערע — צו פאַרשיקן אין אַ פעסטונג; ראַסטול און זשורד — צו פאַרשיקונג, קורבע — אויף זעקס און וויקטאָר קלעמאַן — אויף דריי חדשים תפיסה. דעקאַן און אולים פאַראַן האָט מען באַפרייט. אחוצדעם, האָט מען אויף קורבען אַרויפגעלייגט די הוצאות פון צוריקשטעלן

דעם וואַנדאָמער זייל, הגם ער איז גאָרניט געווען פֿאַר אומוואַרפֿן אים. דער עולם איז אַוועק גוואַלדיק אַנטוישט, וואָס ער האָט באַקומען בלויז צוויי טויט־אורטיילן, וואָס איינער פֿון זיי — ליוליעס פּסק־דין — איז געווען בלויז אַ פֿאָרמאַליטעט.

בכלל, האָט די דאָזיקע געריכטס־פֿאַרשטעלונג קיין זאַך ניט דערוויזן. האָט מען דען געקענט לויט צווייטראַנגיקע פּערזאָנען פֿון דער קאָמונע משפּטן וועגן דער רעוואָלוציע פֿון 18טן מערץ — משפּטן וועגן דעלעקליוזן, וואַרלענען, ווערמאָרעלן, מאַלאָנען, טרידאָנען, מאָראָן און אַ סך אַנדערע לויט ליוליען, דעקאַנען, וויקטאָר קלעמאַן און ביליאָרע? און אויב אַפּילו טרענקעס, פּערעס און זשורדס אויפֿפֿירונג זיינען ניט געווען קיין גענוגנדיקע ראיה, אַז אינם קאָמונע־ראַט האָבן זיך געפֿונען אמתע מענטשן און שאַרפֿע מוחות, — הייסן דען ניט די אַלע הסרונות, אַז די רעוואָלוציע איז געווען אַ צוטריטלעכע זאַך פֿאַר אַלעמען, אַז די לעבנסקראַפֿט פֿון דער רעוואָלוציע איז געווען פֿאַרבאָרגן אין דעם קאָמונע־פֿאָלק, און ניט אין דער קאָמונע־רעגירונג.

דערווייל האָט די בורזשואַזיע אַרויסגעוויזן איר גאַנצע געמיינהייט. אַ טייל עדות האָבן באַשיינפּערלעך פֿאַלש געשוואָרן. בעת דער געריכטס־פֿאַרהאַנדלונג האָבן די אויסוואורפֿן, וועלכע האָבן פּרובירט אָפּנאַרן די קאָמונע, פֿרעך זיך גערימט אין די קולוואַרן און אין קאַפֿע, אַז זיי האָבן געהאָלפֿן דעם ערפֿאָלג פֿון דער אַרמיי. „פֿיגאַראָ", וואָס האָט אָנגעהויבן אַ זאַמלונג לטובת דיוקאַטעלן, האָט צונויפֿגענומען הונדערט טויזנט פֿראַנק און באַקומען אַ פּרעמיע. די נישטיקסטע פֿאַרשווערער, וואָס האָבן אַזוי אַרום זיך איבערגענומען, זיינען געקומען פֿאָדערן געלט און אָרדערס. די פּאַרטיזאַנער פֿון באָפּאָן־לאַניע און שאַרפּאַנטיע־דאָמאַלען האָבן זיך איינס אויף דאָס אַנדערע געוואָרפֿן און געשוואָרן יעדער באַזונדער, אַז ער איז געווען אַ בעסערער בוגד, ווי זיין קאָנקורענט, און פֿאַרעפֿנטלעכט זיינע איידעלע מעשים, פֿאַררופֿנדיק זיך דערביי אויף נעמען, וואָס וואַרפֿן אַ שיין אויף זייער געשיכטע.

אין דער צייט, ווען ווערסאַל האָט נקמה גענומען פֿאַר דער געזעלשאַפֿט, האָט דאָס געריכט פֿון געשוואָרענע אין פּאַריז גע־

נומען נקמה פאַר זשול פאַוורס כבוד. תיכּף נאָך דער קאָמונע האָט
דער מיניסטער פאַר אויסלענדישע ענינים געהייסן אַרעסטירן זיין אַלטן
פריינד לאַלויע דערפאַר, וואָס ער האָט איבערגעגעבן מיליערן די
דאָקומענטן, וועלכע זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אונטער דעם „נקמה=
נעמער". בעת דעם ערלעכן מיניסטער האָט זיך ניט איינגעגעבן
צו דערשיסן לאַלויען אַלס קאָמונאַר, האָט ער אים איבערגעגעבן
דעם געריכט פון געשוואָרענע אַלס באַשולדיקטן אין דיפאַמאַציע.
דאָרט האָט דער געוועזענער מיניסטער פון דער נאַציאָנאַל=פאַר=
טיידיקונג, דער געוועזענער אויסערן=מיניסטער, פאַריזער דעפּוטאַט
זיך עפנטלעך מודה געווען אין פאַבריצירן פאַלשע דאָקומענטן.
ער האָט זיך פאַרענטפערט דערמיט, וואָס ער האָט געוואָלט
באַוואָרענען זיינע קינדער. די דאָזיקע ערקלערונג האָט אַזוי
גערירט די הערצער פון די משפּחה=פאָטערס, פון וועלכע
דאָס זשורי איז באַשטאַנען, אַז לאַלויע איז פאַרמשפּט גע=
וואָרן צו איין יאָר תּפיסה; אין עטלעכע חדשים אַרום איז ער
געשטאָרבן אין דער תּפיסה סען פּעלאַזשי. זשול פאַוורען האָט
געהאַט אַ פּלאָדיק מזל. אין משך פון קנאַפּע זעקס חדשים
האָט ער זיך אַדאַנק דעם דערשיסן אין תּפיסה באַפרייט פון
צוויי געפערלעכע שונאים *.

בעת דאָס 3טע מיליטערישע געריכט האָט זיך געקריגט מיט
זיינע אַדוואָקאַטן, האָט דאָס 4טע אָן לאַנגע שהיות און אָן פּראַ=
זעס געטאָן זיך זיין עסק. תּיכּף נאָך דער עפענונג, דעם 16טן
אויגוסט, האָט ער שוין אַרויסגעטראָגן צוויי טויט=אורטיילן. אויב
איינס פון די געריכטן האָט זיך געהאַט זיין זשעפּרים, האָט זיך
אינם צווייטן געפונען אַ טרעסטאַליאָן אין דער פּערזאָן פונם פּאָל=

* די משפּחה און די מאָראַל האָבן אָפּגעהאַלטן אַ פולן נצחון. אויף צו
מאָרגנס נאָכן פאַלן פון דער קאָמונע האָט דער ערשטער פּאָרזיצער פונם קאַ=
סאַציע=געריכט, דעוויען, דער אָפּיציעלער פּאַרמיטלער אין ליבע=ענינים צווישן
נאַפּאָלעאָן דעם [illegible]טן און מאַרגאַרעטאַ בעלאַנזשע, פּייערלעך, אין דער אָנוועזנהייט
פון די פּאַראייניקטע גנזעצגעבערישע הייזער, ווידער פאַרנומען זיין אָרט, פון
וואַנען עס האָט אים פאַרטריבן די שעמעוודיקייט פון די לייט פון 4טן סעפּ=
טעמבער.

קאוניק בואדענעמעץ, א רויטן ווילדן חזיר, וואס איז אמאל געווען דער חכמות=שרייבער און קארעספאנדענט אין „פיגארא". דעם 4טן סעפטעמבער האט מען צו אים געבראכט צו פירן פרויען, וואס מען האט באשולדיקט אין אונטערצינדן דעם בנין פונם ערן=לעגיאן. דאס איז געווען דער פראצעס פון די אונטערציני= דערס. אכט טויזנט אויסגערעכנטע מכשפות, וועגן וועלכע עס האבן געפויקט די ארדענונגס=צייטונגען, זיינען פארוואנדלט געווארן אין פינף. בעת די געריכטס=פארהאנדלונגען איז קלאר געווארן, אז די דאזיקע כלומרשטע אונטערצינדערינס זיינען געווען פשוט בארעמ= הארציקע שוועסטערס. אזוי האט די בירגערין רעטיפער געזאגט: „איך וואלט פונקט אזוי געהאלפן א ווערסאלער זעלנער, ווי א נא= ציאנאלן גווארדייער". — „פארוואס" — פרעגט מען א צווייטע — זייט איר פארבליבן נאכדעם, ווי אייער באטאליאן איז אנטלאפן?" — „ביי אונז אויף די הענט זיינען געווען פארוואונדעטע און שטארבנ= דיקע", — האט זי פשוט געענטפערט. די עדות האבן אונטער א שבועה דערציילט, אז זיי האבן ניט באמערקט, איינע פון די דאזיקע פרויען זאל האבן אנטייל גענומען אין אונטערצינדונגען; זייער גורל איז אבער געווען שוין פאראויס באשלאסן. צווישן איין זיצונג און דער אנדערער האט בואדענעמעץ געשריען אין איין קאפע: „א טויט די אלע לומפן!"

פון פינף אדוואקאטן האבן דריי פארלאזן דעם געריכטס= זאל. „וואו זיינען זיי?" — האט געפרעגט בואדענעמעץ. „זיי האבן געבעטן אן ערלויבעניש אוועקצוגיין, כדי זיך אראפצוכאפן אין שטאט אריין", — האט געענטפערט דער קאמיסאר. דעמאלט האט דאס געריכט איבערגעגעבן די זעלנער צו פארטיידיקן די באשול= דיקטע. גאפוריער באַרדעלע האט געהאלטן אט=א=די גלענצנדע פארטיידיקונגס=רעדע: „איך פארלאז זיך אויף דעם שכל=הישר פון געריכט"

זיין קליענטין סיועטענס איז פארמשפט געווארן אויף טויט, פונקט ווי רעטיפע און מארשע, פאר „א פרווו צו ענדערן די רע= גירונגס=פארם, — וועגן אונטערצינדן האט מען שוין ניט קיין

העזה געהאַט צו ריידן; די איבעריקע צוויי האָט מען פאַרמשפּט צו פאַרשיקונג אין תפיסה.

איינע פון די פאַרמשפּטע האָט אַ געשריי געטאָן צום אַק־טואַריוס, וואָס האָט געלייענט דעם טויט־אורטייל: „און מיין קינד — ווער וועט געבן צו עסן?"

— דיין קינד, נעם עס.

אין עטלעכע טעג אַרום זיינען פאַר דעמזעלבן בּוּאַדענעמעצן אַוועקגעשטעלט געוואָרן פופצן קינדער פון פּאַריז. דער עלטסטער איז געווען פון אַ יאָר זעכצן; דער יינגסטער איז געווען אַזוי קליין, אַז מען האָט אים קוים אָנגעזען פון הינטער דער באַלוסטראַדע, וואו עס זיצן די באַשולדיקטע; ער איז אַלט עלף יאָר. אַלע גייען זיי אין בלאָע בלוזעס און מיליטערישע היטעלעך.

„דריוע, — פרעגט דער זעלנער, — „מיט וואָס האָט זיך דער פאָטער אייערער פאַרנומען? — „ער איז געווען אַ מאַשיניסט". — „פאַרוואָס־זשע האָט איר ניט געאַרבעט אַזוי, ווי ער?" — „ווייל איך האָב קיין אַרבעט ניט געהאַט".

„בּוּוועראַ, פאַרוואָס זייט איר געוואָרן אַ קינד פון דער קאָ־מונע?" — „כדי איך זאָל האָבן וואָס צו עסן". — „מען האָט אייך פאַרהאַלטן פאַר אַרומשלעפּן זיך הפקר?" — „יאָ, צוויי מאָל; דאָס צווייטע מאָל, ווייל כ'האָב געגנבעט אַ פּאָר זאָקן".

„קאַניאָקל, איר זייט געוואָרן דערצויגן אין דער קאָמונע?"— „יאָ, מיין הער". — „פאַרוואָס זייט איר אַוועק פון דער היים?"— „ווייל מיר האָבן קיין ברויט ניט געהאַט". — „איר האָט אַ סך מאָל געשאָסן?" — „אַ מאָל פופציק".

„לעסבּאָ, פאַרוואָס זייט איר אַוועק פון אייער מוטער?" — „ווייל זי האָט מיר ניט געהאַט צו געבן קיין עסן". — „וויפל קינ־דער איז געווען ביי אייך?" — „דריי". — „איר זייט געווען פאַר־וואונדעט?" — „יאָ, מיט אַ קויל אין קאָפּ".

„לאַמאַר, איר זייט אויך אַוועק פון דער היים?"—„יאָ, מיין הער, אויס הונגער". — „און וואו־זשע האָט איר אייך שפּעטער געפונען?" — „אין דער קאַזאַרמע, איך האָב געוואָלט זיך פאַר־שרייבן פאַר אַ זעלנער".

„לעבערג, איר האָט געדינט ביי אַ באַלעבאָס און מען האָט אייך געכאַפּט ביים גנבענען אין דער קאַסע. וויפל האָט איר גענומען?" — „צען סו". — „און דאָס געלט האָט ניט געבריט אייערע הענט?"

און דו — מענטש מיט בלוטיקע הענט — די ווערטער האָבן ניט געבריט דיינע ליפּן? געמיינער שוטה, האָסטו ניט פאַרשטאַנען, אַז לגבי די דאָזיקע קינדער, וואָס די נויט האָט אויף דער גאַס אַרויסגעוואָרפן, די נויט, אין וועלכער דו האָסט זיי אַריינגעשליידערט, לגבי די דאָזיקע קינדער אָן בילדונג, אָן האָפענונג, — ביסטו שולדיק געווען — מלוכה=מאַן פון דער געזעלשאַפט, וואו צוועלפיעריקע נפשותלעך, פעניקע, וואָס חלשן אַרבעטן, זיינען געצוואונגען צו גנבענען אַ פּאָר אַלטע שקאַרפּעטקעס און האָבן ניט קיין אַנדער ברירה, ווי צו שטאַרבן אונטער די קוילן אָדער פון הונגער!

פינף=און=דרייסיקסטער קאַפּיטל

אין ווערסאַל האָט מען אָנגענומען מיטלען, אַז די געריכטס=פאַרהאַנדלונג זאָל זיין וואָס פּינקטלעכער און ערנסטער... דעריבער האַלט איך, אַז די אורטיילן, וואָס די דאָזיקע געריכטן האָבן אַרויסגעטראָגן, זיינען אָן פאַרוואורף ניט בלויז פון שטאַנדפּינקט פון אונזערע געזעצן, נאָר אַפילו דאָס סובטילסטע געוויסן אָנערקענט זיי פאַר „אומבאַדינגט יושרדיק” („זייער ריכטיק! זייער ריכטיק!”)

(דער חותם=היטער דיופאָר. זיצונג פונם 18טן מאַי 1876).

די מיליטערישע געריכטן. — די עקזעקוציעס. — דער סך=הכל פון די אורטיילן.

אין ווערסאַל, פּאַריז, ווענסען, אויף מאָן=וואַלעריאַן, אין סען=קלו, סעוור, סען=זשערמען, ראַמבוליע — אַזש ביז שאַרטר — זיינען טעטיק געווען זעקס=און=דרייסיק מיליטערישע געריכטן, ריכטיקער זעקס=און=צוואַנציק יורידישע מיטראַליעזן. ביים שאַפן די דאָזיקע געריכטן האָט מען זיך ניט גערעכנט מיט די פּשוטע זיטן פון יושר, מיט די מיליטערישע געזעצן. די נאַציאָנאַל=פאַרזאַמלונג האָט אַפילו ניט געזאָרגט, אַז די פולמאַכטן זייערע זאָלן זיין באַשטימטע. דעם באַזיגטן שונא האָט מען איבערגעגעבן אין די אָפיצירנס הענט, וואָס זיינען נאָך ניט געווען אָפּגעקילט פון דער מלחמה און פאַר וועלכע יעדער ווידערשטאַנד, אַפילו אַ געזועצלעכער, האָט געהייסן — אַ פאַרברעכן. זיי האָבן קיין אַנדער יושר ניט געקענט, ווי פּערזענלעכן ווילקיר, זיי האָבן קיין שום צוים, אַחוץ אייגענע מענטשלעכקייט, ניט געקענט, זיי האָבן קיין שום אַנדער רעכט ניט געקענט, אַחוץ זייערע אייגענע אינסטרוק=

ציעס. מיט אזעלכע יאניטשארן, ביי א שטראף=קאדעקס, וואס האט אנטהאלטן אין זיך אלץ, וואס מען וויל, צוליב דער עלאסטישער נעפלדיקייט, האט מען ניט באדארפט האבן קיין שום ספעציעלע געזעצן, כדי זיך נוקם צו זיין אין גאנץ פאריז. אין די דאזיקע געריכטס=קעלערס זיינען נולד געווארן און האבן זיך אנטוויקלט די ווילדסטע טעאריעס: אזוי, למשל, איז דאס בייזיין אויפן ארט פון פארברעכן געווען געגליכן צו דערוויזענעם אנטייל.

אנשטאט דעם, אז מען זאל מאכן געריכטן אין די פארטן, האט מען די געפאנגענע געצוואונגען דורכצומאכן א פייניקלעכן איבערגאנג פון ים צו ווערסאל. עליזע רעקליו האט מען געשלעפט איבער פערצן תפיסות. פון דער שיף האט מען אים געפירט אויף דער באן, מען האט אים געפירט צו פוס אין האנט=קייטן. בעת ער איז אבער דורכגעגאנגען די שטאטישע גאסן, האבן די פאר=בייגייער אראפגענומען פאר אים די היטלען.

אחוץ עטלעכע אנגעזעענע באשולדיקטע, וואס וועגן זייער פראצעס וועלן מיר בקיצור שפעטער דערציילן, איז די גאנצע חברה באשולדיקטע אריינגעשליידערט געווארן אין די דאזיקע געריכטן נאך א אויספארשונג, וואס האט ניט אלעמאל פעסטגע=שטעלט די פערזאן פון דעם באשולדיקטן. די דאזיקע אומגליק=לעכע, וואס זיינען געווען צו ארעם, אז זיי זאלן קענען איינלאדן א פארטיידיקער, וואס האבן ניט געהאט קיין שום מדריכים, וואס האבן ניט געהאט קיין פארטיידיקונגס=עדות, — די אלע, וועלכע זיי האבן ארויסגערופן, האבן זיך ניט דערוועגט צו קומען, אויס מורא, מען זאל זיי ניט ארעסטירן, — זיינען בלויז אויף א רגע געקומען פארן טריבונאל, כדי תיכף אויפדאסניי נעלן צו ווערן. די באשולדיקונג, די אויספארשונג, דער פסק=דין — אלץ איז אפגעטאן געווארן אין משך פון עטלעכע מינוט. „איר האט מלחמה=געהאלטן ביי איסי, נעילי? — פארמשפט צו פארשיקונג". — „און מיין ווייב און קינדער!" — א צווייטן: „איר האט געדינט אין די קאמונע=באטאליאנען?" — „און ווער וואלט געגעבן מיין משפחה צו עסן, בעת „אלע ווארשטאטן און פאבריקן זיינען געשלאסן!" — פארשיקונג. — „און איר?... ארעסטירט אומגעזעצלעך! שווערע

תעיסה". ביזן 14טן אקטאבער, ווייניקער ווי אין צוויי חדשים, האבן דאס ערשטע און צווייטע געריכט ארויסגעטראגן העכער 600 באשולדיקונגס-אורטיילן.

פארוואס האט מען מיר ניט געלאזט באשרייבן די מארטי-ראלאגיע פון די טויזנטער מענטשן — גווארדייער, פרויען, קינדער, זקנים, בארעמהארציקע שוועסטער, דאקטוירים, באאמטע פון דער געקעפטער שטאט, וועלכע זיינען אין ענגע רייען פארביי פארן געריכט? אייך, אומבאוואוסטע, וואלט איך אפגעגעבן דאס ער-שטע ארט, ווייל אויך איר זייט תמיד געווען די ערשטע ביי דער ארבעט און אויף די באריקאדן. אבער די אמתע דראמע פון די מיליטערישע געריכטן האט זיך אפגעשפילט ניט אויף די פייער-לעכע זיצונגען, וואו די באשולדיקטע, ריכטער, אדוואקאטן האבן זיך געמיט צו ווייזן פארן עולם מיט זייער האלטן זיך, נאר אין די פוסטע זאלן, וואו די אומגליקלעכע זיינען געווען לחלוטין עלנט לגבי די ריכטער, וואס זיינען געווען אזוי אומברחמנותדיק, ווי די שאספא! וויפל באשיידענע פארטיידיקער פון דער קאמונע, להיפוך צו די פירער, האבן הויך געהאלטן די קעפ, — אבער ווער וועט דערציילן וועגן זייער גבורה? בעת דו הערסט וועגן די דאזיקע באליידיקונגען, וועגן די קללות, וועגן די נארישע באשולדיקונגען, וואס מען האט פארגעווארפן די באשולדיקטע פאר אלעמען אין די אויגן, איז זיך לייכט פארצושטעלן וויפל חרפות און בושות עס האבן געהאט די אומבאוואוסטע מענטשן אויסצושטיין אונטערן שאטן פון דעם אזוי גערופענעם געזעצלעכן יושר. ווער וועט נקמה נעמען פאר די דאזיקע שטויסן אומבאקאנטע, וואס מען האט בשתיקה געטייט, ווי די לעצטע פארטיידיקער פון דער קאמונע, וואס זיינען געפאלן אויף פער-לאשעז.

אין די צייטונגען וועלן מיר קיין שום שפורן וועגן די דא-זיקע פראצעסן ניט געפינען; אויב אבער פון די נעמען פון די קרבנות איז קיין זכר ניט געבליבן, ווייסט די געשיכטע די נעמען פון א טייל ריכטער.

אין 1795 האט מען באדארפט דראען מיט טויט די אפי-צירן פון דער רעפובליק, כדי זיך צו דערשלאגן, אז עס זאלן

געשאפן ווערן מיליטערישע געריכטן, וועלכע האבן באדארפט משפטן די וואנדערער. ביני־לביני האבן די דאזיקע וואנדערער מיט דער הילף פון הארמאטן און ענגליש געווער פון הינטן אטא־קירט דאס פאטערלאנד, אויף וועלכן עס זיינען פון פארנט אנגע־פאלן די קאאליציע־חיילות. אין 1871 האבן באזענם אפיצירן אליין געפאדערט דעם כבוד פאר זיך צו משפטן פאריז, וואס איז געווען די פעסטונג פון נאציאנאלער ווערדע. אין משך פון לאנגע חדשים האבן זעקס הונדערט ניין־און־פופציק מיליטער־לייט — צווישן זיי 14 גענעראלן, 266 פאלקאווניקעס און לייטענאנט־פאלקאווניקעס, 284 מאיארן געגומען אויף זיך די עובדה פון געריכט־פארזיצערס, שופטים און קאמיסארן. וועמען אפגעבן די בכורה אין דעם דא־זיקן געזעמל פון געמיינע ברואים? זיך אפשטעלן בלויז אויף א טייל פון זיי: מערלען, בואדענעמעי, זשאבעי, דעלאפארט, דיולאק, בארטעל, דאן, אבער — וואלט געהייסן באגיין אן עוולה בנוגע הונדערטער אנדערע.

מיט מערלענען און בואדענעמעי האבן מיר זיך שוין בא־קענט. דער פאלק־קאמאנדיר דעלאפארט, אן אלטער טיגער, אן אפגעריבענער און קראנקער, האט אויפגעלעבט בעת עס איז גע־קומען צו א טויט־אורטייל. די גרעסטע צאל אזעלכע אורטיילן האט ער ארויסגעטראגן, ביי דער מיטהילף פון דעם אקטואריום דיופלאן, וועלכער האט פאראויס צוגעגרייט די אורטיילן און געמאכט דערביי אומדערהערטע פעלשונגען. מען האט געזאגט, אז זשאבעי האט פארלארן א זון אינם קאמף מיט דער קאמונע. האט ער עס א ביסל זיך נוקם געווען! מיט זיינע קליינע פארגא־סענע אייגלעך האט ער גיריק נאכגעקוקט דעם אויסדרוק פון פחד אויפן פנים פונם אומגליקלעכן, וועלכן ער האט פארמשפט צו טויט. יעדער רוף צו יושר, צום שכל־הישר האט געקלונגען פאר אים ווי א באליידיקונג. „ער וואלט גליקלעך געווען", — האט ער געזאגט, — „ווען ער זאל קענען אין איין קעסל אפקאכן די אדוואקאטן מיט די באשולדיקטע".

דאך ווי ווייניק אדוואקאטן האבן עס דערפילט זייער חוב. דאס רוב האט געמאלדן, אז זיי קענען ניט אויף א ווערדיקן

אופן פאַרטיידיקן זייערע קליענטן. אַנדערע האָבן מסכּים געווען אַרויסצוטרעטן בלויז לויט דער באַשטימונג פון געריכט. אַחוץ פיר=פינף, האָבן די פאַרטיידיקער צוזאַמען מיט די אָפיצירן געלעבט אַ טאָג. די אַדוואָקאַטן און קאָמיסאַרן האָבן איינער דעם אַנדערן איבערגעגעבן די אופנים פון פאַרטיידיקן און באַשולדיקן. אַדוואָקאַט רישע האָט זיך באַרימט, אַז ער האָט דעם ערשטן באַשולדיקונגס=אַקט צונויפגעשטעלט קעגן ראָסעלן. די אַדוואָקאַטן, וואָס דאָס געריכט האָט באַשטימט, האָבן ניט אַנטשפּראָכן זייער באַרוף.

די דאָזיקע עם=האַרצישע ריכטער, די באַרימער פון גוואַלט=מעשׂים, וואָס האָבן באַליידיקט די באַשולדיקטע, עדות און אַדוואָקאַטן, האָבן געפונען די ווערדיקע שטיצע מצד די קאָמיסאַרן. גרימאַל האָט פאַרקויפט די צייטונגען פון דער האַלבוועלט דאָקומענטן פון באַרימטע באַשולדיקטע און איז דערנאָך פאַרמשפּט געוואָרן אויף פינף יאָר תּפיסה. דוּוויל, וואָס האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט זיינע אַכזריותדיקע באַשולדיקונגס=אַקטן, איז דערנאָך אויך פאַרמשפּט געוואָרן אויף שווערער תּפיסה פאַר פעלשונגען, גנבֿות און שווינדלערייען. דעם טיפּש און מטורף גאַוואַ האָט מען באַדאַרפט איינשפּאַרן אין אַ משוגעים=הויז; בורבולאָן האָט זיך געיאָגט נאָך אָראַטאָרישע עפעקטן; דער אַנגעגאָסענער מיט ביר באַרטעלעמי, אַ בלאָנדין מיט אַ גלאָמפּיש געזיכט, האָט געמאַכט וויצן און געפאָדערט די קעפּ פון די פאַרמשפּטע; שאַריער, וואָס איז צו פופציק יאָר נאָך אַלץ געווען קאַפּיטאַן, האָט געזאָגט, אַז „ער האָט געשוואָרן צעזאָרן אין אַכזריות"; זשוען, וואָס איז באַרימט געווען מיט זיין טיפּשות אין דער אַרמיי, האָט געוואָלט עס איצט אויסקויפן מיט זיין אַכזריות אויפן געריכט. אָבער אַכזריות האָט אויף די דאָזיקע געריכטן אַזוי אויך ניט געפעלט. די אַכזריותדיקסטע זיינען געווען דאָס 3טע, 4טע, 6טע און 13טע געריכט אין סען=קלו, וואָס האָט אָפן זיך גערימט, אַז עס האָט קיינעם ניט באַפרייט.

אָט אַזאַ פּנים האָבן געהאַט די ריכטער מיט דעם יושר, וואָס די בורזשואַזיע האָט געשאָנקען די פּראָלעטאַריער, וועלכע

זיינען פארבליבן ניט דערשאסן. איך וואלט וועלן טריט ביי טריט באטראכטן די דאזיקע געריכטלעכע דראגאנאדעס, פונאנדער־קלייבן יעדן פראצעס באזונדער, ווייזן ווי אלע געזעצן זיינען עובר געווארן, ווי מען האט די עלעמענטארסטע יורידישע תקנות אויס־געמיטן, ווי מען האט נאכגעמאכט דאקומענטן, געפעלשט גבית־עדות, ווי מען האט מענטשן פארשיקט אויף קאטארגע און טויט אן א שאטן אפילו פון ראיות פאר אן ערנסטן זשורי — דע־מאסקירן דעם ציניזם פונם געריכט, וואס דערמאנט אן דעם רעסטאווראציע־געריכט און אן די געמישטע דעצעמברישע קא־מיסיעס, אבער נאך מער פארשטארקטע דורך דער אכזריות פונם זעלנער, וואס איז זיך נוקם פאר זיין קאסטע; אבער דאס אלץ וואלט פארלאנגט א לאנגע טעכנישע ארבעט. איך וועל אנמערקן בלויז די עיקר־שטריכן. איבעריקנס, זיינען דען די דאזיקע געריכטן שוין ניט פאראורטיילט?

ווערסאל האט געפאדערט פון דער שווייץ ארויסצוגעבן דעם דירעקטאר פון דער מיליטערישער שול, ראזוא, און פון אונגארן — דעם דעלעגאט פון האנדלס־מיניסטעריום פראנקעלן; ביידע זיינען זיי פארמשפט געווארן אויף טויט פאר מארד און אונטערצינדונג. מען האט זיי ארעסטירט און איבערגעגעבן צום געריכט אין זשענעווע און בודאפעשט. שווייץ און אונגארן האבן מסכים געווען זיי ארויסצוגעבן, אויב די ווערסאלער רע־גירונג וועט צושטעלן געזעצלעכע ראיות, אז זיי זיינען באמת באגאנגען מארדן און רויבערייען, אין וועלכע מען באשולדיקט זיי. ביידע מלוכות האבן קיין שום אפווענדונגען ניט געמאכט פון פאליטישן שטאנדפונקט; פארשטייט זיך, זיי האבן גערעכנט, אז די באשולדיקטע זיינען באמת פארמשפט געווארן פאר קרימינעלע פארברעכנס. וואס שייך פראנקעלס פראצעס, האט זשול פאוור זיך באגרעניצט דערמיט, וואס ער האט געבראכן דעם פסק־דין פון מיליטערישן געריכט און האט דערצו ניט געקענט צוגעבן „קיין זכר פון באגרינדונג, קיין שום פינקטלעכע גבית־עדות, קיין שום ראיה, אז ער איז שולדיק". אזוי דריקט זיך אוים דאס געריכט אין בודאפעשט, וואס האט פראנקעלן טאקע באפרייט. ראזוא

האָט מען באַשולדיקט אין גנבענען אַ וואַליזע מיט אַ פּאָר שטיוול פון דער מיליטערישער שול; שווייץ האָט אים פריי געלאָזן.

דעם 8טן סעפּטעמבער האָט פאַרן 3טן געריכט זיך געשטעלט ראַסעל. ער האָט ערקלערט, אַז ער האָט געדינט אין דער קאָמונע, האַפּנדיק, אַז די מרידה וועט דערפירן צו באַנייען די מלחמה מיט פּרייסן.

מערלען האָט זיך צו אים באַצויגן מיט גרויס חסד און דער באַשולדיקטער האָט פון זיין זייט אויסגעדריקט די טיפסטע אַכ־טונג צו דער אַרמיי. מען האָט אָבער באַדאַרפט אָנלערנען די ראָמאַנטישע זעלנער, האָט מען ראַסעלן פאַרמשפּט אויף טויט.

דעם 21סטן האָט מען ראָשפאָרן פאַרמשפּט פאַרשיקט צו ווערן אין פעסטונג. דריי טעג פאַרן אַריינטריט פון די ווערסאַלער לייט אין פּאַריז איז ער פון דאָרט אַנטלאָפן. אין מאַ האָט מען אים דערקענט און אַרעסטירט צוזאַמען מיט זיין סעקרעטאַר. וואַלענטען האָט געשיקט אַ פּאָליציי־אַגענט מיט אַ באַפעל צו ברענגען דעם געפאַנגענעם אין ווערסאַל „אַ לעבעדיקן אָדער אַ טויטן”. דער דייטשער אָפיציר, וואָס האָט אָנגעפירט אין מאַ, האָט, כלומרשט לויטן אַ באַפעל פון אויבן, געפאָדערט, אַז מען זאָל אים לאָזן שיקן אָן אייגענע שמירה, און ער האָט אַזעלכע געשאַפן פון בייערישע הוזאַרן, וועלכע האָבן די קאַטש באַגלייט ביז דער בריק פּעק — דער מיליטערישער גרעניץ, וואו מען האָט די געפאַנגענע איבערגעגעבן גאַליפען. אין ווערסאַל האָט דער צערייצטער עולם געוואָרפן שטיינער אין זיין קאַטש אַזש ביז די טויערן פון דער שאַנטיע־תפיסה. די באָנאַפּאַרטיסטן פון דעם מיליטערישן געריכט האָבן געשאַרפט די ציין אויף דעם מחבר פונם „לאַמטערן”. מערלען האָט פאַרטיידיקט דעם פּרינץ פּיער באָנאַפּאַרט. טראָשו, וועלכן ראָשפאָר האָט איינגעלאַדן אַלס פאַר־טיידיקער, האָט מיט פאַראַכטונג זיך אָפּגעטרייסלט פון זיין אַלטן חבר. גאַמבעטאַ האָט אַרויסגעוויזן די איידלקייט פון זיין נשמה און איינגעלאַדן פאַר אים זייער אַ שיינעם רעדנער אַלס פאַר־טיידיקער.

דערנאָך איז פאַרן געריכט אַוועקגעשטעלט געוואָרן בלאַנקי.

דער קאמיטעט פון געזעלשאפטלעכער רעטונג האט געגעבן זיינע פריינד פופציק טויזנט פראנק, אז מען זאל אים העלפן אנטלויפן פון דער פעסטונג טארא. מען האט אבער באדארפט האבן נאכמער, און קודם־כל האט מען זיך געניייטיקט אין פלינקע אגענטן, מחמת עס איז געווען א באפעל, אז ביי דעם קלענסטן פרווו צו אנטלויפן זאל מען אים טויטן. א טייל פון די געלט־מיטלען האט זיך געפונען אין דער קאסע פונם קאמיטעט אין דעם טאג, וואס די ווערסאלער לייט זיינען אריין.

וואס האט געקענט וויסן וועגן דער קאמונע בלאנקי, וועלכער איז ארעסטירט געווארן דעם 18טן מערץ? גארניט. ער האט אפילו קיין צייטונגען ניט געזען, מחמת זיי זיינען צו אים ניט דערגאנגען. מען האט אים פארמשפט פארן 31סטן אקטאבער, דער עיקר אבער דערפאר, וואס שוין פון 1830סטן יאר אן איז ער געווען א מורד. דער דאזיקער גרויסער רעוואלוציאנערער האמלעט, וועלכער איז קענען זיין ווילן ארויסגעטראגן געווארן אויפן רוקן פון דער געזעלשאפטלעכער כוואליע, וואס ער איז קיינמאל ניט בכוח געווען צו הערשן איבער איר, א שלעכט פארשטאנענער דורך זיינע פאנאטישע אנהענגער, ליידנדיק פאר מעשים, וועלכע ער איז ניט באגאנגען, — איז זיין גאנץ לאנג און ערלעך לעבן געגאנגען איבער דערנער, וואס זיינען אויף דאלום סטאטוע פאראייביקט.

די רעוואלוציאנערע פרעסע האט אויך געליטן קרבנות. דער יונגער מאראטא איז פארמשפט געווארן צום טויט פאר צוויי ארטיקלען אין „דער געזעלשאפטלעכער רעטונג". אנרי בריסאק, דער סעקרעטאר פונם קאמיטעט פון געזעלשאפטלעכער רעטונג, איז פארמשפט געווארן אויף שווערע תפיסה; אלפאנס עמבער, וועלכער האט געפאדערט אין „פערדיושען" שאדיים ארעסט—אויך אויף שווערע תפיסה; די פובליציסטן, וואס זיינען שפעטער ארעסטירט געווארן—אנרי מארע, לעפעלעטיע, פעירוטאן א. אז. וו. — צו עטלעכע יאר תפיסה; די אלע, וועמען עס האט זיך איינגעגעבן צו אנטלויפן קיין אויסלאנד—צו ניין חדשים תפיסה. אין וואס איז באשטאנען זייער חטא? אין דעם, וואס זיי האבן פארטיידיקט די קאמונע. פאר פארטיידיקן ווערסאל האט די קאמונע זיך באנוגנט מיט פאר־

מאכן די צייטונגען. אין תוך גענומען האט מען די געריכטן פשוט געהייסן אויסראטן די גאנצע רעוואלוציאנערע פרעסע.

דער פחד פאר דער צוקונפט האט זיי געמאכט אומ-ברחמנותדיק. נאך די אומצאליקע דערשיסונגען אויף דער ראזיע-גאס, האט זיך זיי אויך געוואלט ברענגען קרבנות די ביינער פון לעקאנט און קלעמאן טאמא. די אמתע מערדער איז אוממעגלעך געווען צו געפינען. דער אויסברוך פון כעס, וואס האט אומגע-בראכטביידע גענעראלן, איז געווען א ווילקירלעכער און חרוב-מאכנדיקער. דער המון האט אפגעשפילט די דאזיקע דראמע און די אקטיארן זיינען בטל געווארן אינם המון. די מיליטערישע גע-ריכטן האבן געכאפט וועמען עס האט זיך געלאזט, פונקט ווי זייערע חברים האבן דערשאסן וועמען עס האט זיך געמאכט אויף די מאנמארטרער הייכן.

„סימאן מאיער" — אזוי ווערט געזאגט אינם ראפארט, — „האט ביז דער לעצטער רגע באמיט זיך צו פארטיידיקן די ארעסטירטע און אפילו קאזשדאנסקי האט געוואלט זיך אנטקעגנ-שטעלן דאס אויספירן די טויט-דראונגען. דער המון האט אויף אים געשאטן טויטע קללות און אראפגעריסן ביי אים די שליפעס".

ערפען-לאקרוא האט געמאכט פארצווייפלטע פרוון צו באדויקן דעם המון. לאגראנזש, וועלכער האט זיך אפגעזאגט צו פארמירן א פלוטאן פאר דערשיסונגען, איז אזוי געווען זיכער אין זיין אומ-שולד, אז ער איז אליין געקומען זיך איבערענטפערן דעם געריכט.

דער ראפארט האט געמאכט פון אים איינעם פון די הויפט-באר-ברעכער צוגלייך מיט סימאן מאיערן, ערפען-לאקרוא, קאזשדאנ-סקין און איין אקטיוון אונטעראפיציר, וואס האט דעם 18טן מערץ איבערגעקערט די ביקס מיט דער קאלבע ארויף.

דעם פראצעס האט געפירט פאלקאווניק אבער — א רכילותניק און שטרויזאק. ניט געקוקט אויף זיין גאנצער טירחה צוזאמען מיטן קאמיסאר, האט מען ניט געקענט געפינען קיין איין באווייז קעגן די באשולדיקטע. אפילו די אפיצירן פון דער ארמיי, וואס האט באגלייט גענעראל לעקאנטן, האבן אויך עדות געזאגט לטובת זיי. „סימאן מאיער האט געטאן אלץ, וואס עס איז מעגלעך געווען,

כדי אונז מציל צו זיין", — האט געזאגט מאיאר טוסארג. דער דאזיקער אפיציר האט געהערט, ווי עמעץ האט געשריען: „דערהרגעט ניט אפילו קיין בוגדים אן א געריכט! מאכט א מיליטעריש געריכט!" דאס זיינען געווען ערפען=לאקרואס ווערטער. פון אלע באשולדיקטע האט ער געהאלטן בלויז פון מאיערן. א צווייטער אפיציר האט אויך אזוי עדות געזאגט. ווערדאניע האט דערוויזן מיט ראיות, אז בעת דעם מארד איז ער גאר געווען אין לאגער — אויף קורסעל. די באשולדיקונג האט עס מכחיש געווען אן שום באווייזן. ריבעמאר האט עדות געזאגט, אז ער האט זיך געווארפן אפשטעלן די ארייננגעריסענע אינם הויז אויף דער ראזיע=גאס. אנטקעגן מאסעלא זיינען געווען די גבית=עדות בלויז פון פרויען=שונאים, וואס האבן פארזיכערט, אז ער זאל זיך האבן כלומרשט גערימט וועגן שיסן אין די גענעראלן. פארקערט ווידער, קאפיטאן בעניא, דעם מיניסטערס אדיוטאנט, וועלכער איז בייגעווען ביים דערהרגענען, האט פארזיכערט, אז די גענעראלער זיינען געווען ארומגערינגלט דורך זעלנער; דע=דוויל=מאליעפע האט געזאגט, אז דער פלוטאן, וואס האט געשאסן, איז באשטאנען פון ניין זעלנער, — ער האט אנגעוויזן פון וועלכע פאלקן.

דא זיינען אפילו קיין אפיציעלע פאלשע עדות ניט געווען, ווי אינם פראצעס וועגן די קאמונע=מיטגלידער, דאך איז די באשולדיקונג גאר=ניט נוטה געווען אפצולאזן איר רויב, — זי האט זיך געמיט פארפלאנטערן אפילו יענע, וואס האבן מקריב געווען זייער לעבן, פארטיידיקנדיק די גענעראלן. דער קאמיסאר האט געדראט אפילו צו ארעסטירן איין עדות, וואס האט היים פארטיידיקט איין באשולדיקטן. נאך א גאנצער ריי זיצונגען איז קלאר געווארן, אז מען משפט איין פערזאן אנשטאט א צווייטער; דער פארזיצער האט געהייסן די צייטונגען דעם דאזיקן אינצידענט פארשווייגן. יעדע זיצונג, יעדע נייע גבית=עדות מצד די עדות האט גערעדט לטובת די באשולדיקטע און געמאכט אוממעגלעך א באשולדיקונגס=אורטייל. און דאך זיינען דעם 18טן מערץ ווערדאניע, סימאן מאיער, ערפען=לאקרוא, לאגראנזש, מאסעלא, לעבלאן, אלדענהאף פארמשפט געווארן אויף טויט, — אנדערע — אויף פאר=

שיידענע שטראָפן, פון קאָטאָרגע ביז תפיסה. איין פאַרמשפּטער אויף טויט איז אַלט געווען בסך־הכל זעכצנטהאַלבן יאָר. אין זעקס יאָר אַרום האָט דאָס פּאַריזער מיליטערישע געריכט אין דעמזעלבן פּראָצעס אַרויסגעטראָגן אַ טויט־אורטייל דעם 17יעריקן זקן גאַרסען.

נאָכדעם, ווי די אַרמיי האָט סוף־כל־סוף באַקומען אַ באַפרידיקונג, האָבן די מיליטערישע געריכטן, אַלס הויפּדינער, באַדאַרפט נקמה נעמען פאַר הער טיערס עוולות.

דאָס פינפטע מיליטערישע געריכט האָט צוגעצויגן דעם קאָמונע־באַאַמטן פּאַנטען צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אַלס באַפולמעכטיקטן חרוב צו מאַכן דאָס הויז פון יענעם, וועלכער האָט אַ תּל געמאַכט פון הונדערטער הייזער. דאָס געריכט האָט געוואָלט אים מאַכן פאַר אַ גנב. ס'איז אָבער פאַר קיינעם קיין סוד ניט געווען, אַז טיער האָט אַלע זיינע בילדער, דאָס מעבל, די פּאָרצעליי און זילבער אָפּגעגעבן אויף לאַגער, די קונסט־ווערק אַוועקגעשיקט אין די מוזייען, די ביכער אין די ביבליאָטעקן, די וועש – אין די שפּיטעלער און נאָכדעם, ווי דאָס מיליטער איז אַריין, האָט דאָס קליינע מענטשעלע צוריק באַקומען כמעט אַלע זיינע חפצים. בלויז אַ קליינער טייל איז פאַרפאַלן געגאַנגען בעת דער שרפה אין טויִלרי. פּאַנטענען האָט מען באַשולדיקט אין באַגזלענען דאָס פאַרמעגן זיינס, בעת מען האָט קיין זאַך ביי אים ניט געפונען, אחוץ צוויי מעדאַליאָנען, וועלכע האָבן קיין שום ווערט ניט געהאַט. פּאַנטען האָט מיט קיין זאַך, אחוץ טרערן, אויף דער דאָזיקער באַשולדיקונג, קעגן וועלכער עס האָט, ווי ס'האָט זיך אים געדאַכט, געערעדט זיין גאַנץ לאַנג ערלעך לעבן, — ניט געקענט ענטפערן. די הומאָריסטישע בלעטער האָבן געגנוג דערפון חוזק געמאַכט. מען האָט אים געפּסקנט צוואַנציק יאָר שווערע תּפיסה.

דעם 28סטן נאָוועמבער האָט די נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג ווידער זיך גענומען באָמבאַרדירן. הער טיער האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן זייער אַ קונציקער המצאה: ער האָט איבערגעגעבן די דעפּוטאַטן דאָס רעכט צו לינדערן די שטראָף און פאַרגעלייגט דעם פּאַרלאַמענט צו שאַפן אַ באַגנעדיקונגס־קאָמיסיע. זי איז באַשטאַנען

פון פופצן מיטגלידער פון די געמישטע קאָמיסיעס פון יאָר 1851. גרויסע אייגנטימער, ראָיאַליסטן פון אַלטן שניט, ווי: מאַרטעל, פּיו, פירשט אָקטאַוו דע=באַטאַר, פעליקס וואַזען, באָבי, פירשט דע=מעליע, פירשט דיושאַטעל, פּעלטעראָ ווילנעוו, פראַנסואַ לאַקאַז, טעילאָר, מאַרקיז דע=קענסאָנאַ, ביגאָ, מערוועליע=דיווויניאָ, פּאַרי, קאָרן, — די גאַנצע טאָרקוועמאַדע פון יוני 1848. דער פּאָרזיצער מאַרטעל האָט פאַרקויפט שיינע בעטערינס באַגנעדיקונגען.

די ערשטע פּראָצעסן, מיט וועלכע זיי האָבן זיך פאַרנומען, זיינען געווען די ענינים פערע און ראָסעל. די ליבעראַלע פּרעסע האָט היים זיך משתדל געווען פאַרן יונגן אָפיציר. די בורזשואַזיע האָט זייער גיך אָנערקענט אַלס איינעם פון אירע פאַרבלאַנדזשעטע זין דעם דאָזיקן אומרויִקן יונגנמאַן, וואָס איז ניט געווען קיין אָנהענגער פון די אומאָנשטענדיקע פּאָליטישע אָנשווינגען, וועלכער האָט אַזוי ריטערלעך זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו דער קאָמונע. אחוץ דעם האָט ער עפנטלעך תשובה געטאָן. די צייטונגען האָבן געדרוקט זיינע זכרונות, אין וועלכע ער האָט מיט פאַראַכטונג זיך אָפּגערופן וועגן דער קאָמונע און די פעדעראַליסטן. זיי האָבן באַשריבן זיין גאַנץ לעבן אַלס געפאַנגענעם טאָג=איין, טאָג=אויס, זיינע פּראַכטפולע שמועסן מיט איין פּראָטעסטאַנטישן גייסטלעכן, זיינע האַרצרייסנדיקע זעענישן מיט זיין משפּחה. דער באָנאַפּאַרטיסט זשול אַמיג האָט אָרגאַניזירט אַ סטודענטישע מאַניפעסטאַציע לכּבוד זיין באַגנעדיקונג. וועגן פערען האָט מען קיין איין וואָרט ניט גערעדט, אחוץ וואָס ער איז „אַן עקלהאַפטער אויסוואורף". זיין מוטער איז געשטאָרבן פון משוגעת; זיין ברודער האָט מען פאַרשלאָסן אין אַ לאָך אין ווערסאַל; זיין פאָטער האָט מען געהאַלטן אין פוראַס=פעסטונג; זיין שוועסטער, אַ יונג 19יעריק מיידל, אַ שווייגערין, אַ שטילע, האָט טעג און נעכט געאַרבעט, פאַרדינענדיק אירע צוואַנציק פראַנק, וועלכע זי האָט וואָך ביי וואָך איבערגעשיקט די אַרעסטירטע. זי האָט זיך אָפּגעזאָגט פון פריינדס הילף, מחמת זי האָט מיט קיינעם ניט געוואָלט טיילן דעם כּבוד פון דערפילן איר חוב. פאַרשטייט זיך, אַז קיין „עקלהאַפטערע" זאַך קען מען זיך גאָרניט פאַרשטעלן.

אין משך פון צוועלף וואָכן איז די אימה פון טויט געהאַנגען איבער די פּאַרמשפּטע. דעם 28סטן נאָוועמבער, זעקס אַ זייגער אין דער פרי, האָט מען זיי געזאָגט, אַז מען וועט זיי פירן צום טויט. פּערע האָט זיך אויפגעהויבן פון געלעגער, ניט ארויסגעוויזן קיין שום אויפרעגונג, האָט זיך אָפּגעזאָגט פונם גלחס באַזוך, האָט אָנגעשריבן אַ בריוו אינם מיליטערישן געריכט און געבעטן, אַז מען זאָל באַפרייען זיינע קרובים, און צו דער שוועסטער, אַז זי זאָל מקבר זיין דעם טויטן קערפּער, כּדי די פריינד זאָלן אים קענען געפינען. ראָסעל איז תּחילת געווען איבערראַשט, דערנאָך האָט ער געכאַפּט אַ שמועס מיטן גלח, האָט אָנגעשריבן אַ בריוו מיט דער בקשה, אַז מען זאָל קיין נקמה ניט נעמען פאַר זיין טויט — אַ לחלוטין איבעריקע פּאָרזיכטיקייט — און איבערגעלאָזט עפּעס אַ געהיימניש־פולע צוואה. זיי האָבן געהאַט נאָך איין חבר למיתה — דעם סער־זשאַנט פונם 45סטן אינפאַנטעריע־פּאָלק בורזשוא, וואָס איז אריבער אויפן צד פון דער קאָמונע און האָט ארויסגעוויזן פּונקט אַזאַ קאָלטבלוטיקייט, ווי פּערע. ראָסעל איז געוואָרן מלא חמה, בעת מען האָט אים אָנגעטאָן קייטן אויף די הענט. פּערע און בורזשוא האָבן זיך ניט דערנידעריקט צו פּראָטעסטירן.

ס׳האָט נאָר־וואָס אָנגעהויבן טאָגן; ס׳איז געווען שרעקלעך קאַלט. ביי דער הויכקייט סאַטאָרי האָבן פינף טויזנט מאַן מיט ביקסן ארומגערינגלט דריי ווייסע סלופּעס, און יעדן סלופּ באַזונדער האָבן אָפּגעהיט אַ פּלוטאָן פון צוועלף תּלינים. דער עולם איז באַשטאַנען פון עטלעכע נייגעריקע, פון אָפיצירן און זשורנאַליסטן.

זיבן אַ זייגער זיינען אָנגעקומען די פורן מיט די פּאַרמשפּטע; עס האָבן געפּויקט די פּויקן, עס האָט אַ שאָל געטאָן דער האָרן. ראָסעל האָט זיך פאַרנייגט פאַר די אָפיצירן. בורזשוא האָט געוואָרפן אַ גלייכגילטיקן בליק אויף די געמאַכטע הכנות, איז צוגעגאַנגען צום מיטלסטן סלופּ און זיך אָנגעלענט אָן אים. פּערע איז צו דער לעצטער, אָנגעטאָן אין גאַנצן שוואַרץ, מיט אַ לאָרנעטע אין דער האַנט און מיט אַ ציגאַר אין מויל. מיט פעסטע טריט איז ער צוגעגאַנגען צום דריטן סלופּ.

ראָסעל, וועלכן עס האָבן אונטערגעהאַלטן זיין אַדוואָקאַט

און פאסטאר, האט געבעטן, מען זאל אים ערלויבן אליין ארויסצוגעבן דעם באפעל צו שיסן. מערלען האט אים אפגעזאגט. ראסעל האט אים געוואלט א דריק טאן די האנט, כדי דערמיט אויסצודריקן זיין אכטונג צום פסק=דין. ווידער אן אפזאג. בעת די דאזיקע אונטערהאנדלונגען זיינען פערע און בורזשוא געשטאנען אומבאוועגלעך און שווייגנדיק. כדי מקצר צו זיין ראסעלס השתפכות=הנפש, האט איין אפיציר אים געזאגט, אז ער האלט אפ די עקזעקוציע פון די איבעריקע צוויי. ער האט זיך געלאזט פארבינדן די אויגן. פערע האט אראפגעווארפן די באנד, האט אפגעשטויסן פון זיך דעם, וואס איז צו אים צוגעגאנגען, האט פארריכט די לארנעטע און האט א קוק געטאן גלייך און לאנג די זעלנער אין די אויגן.

מען האט דורכגעלייענט דעם פסק=דין און די אדיוטאנטן האבן אראפגעלאזט די שווערדן. עס האבן זיך דערהערט שאסן; ראסעל און בורזשוא זיינען געפאלן מיטן פנים ארויף. פערע איז געבליבן שטיין, פארוואונדעט אין א זייט. מען האט אין אים נאכאמאל אויסגעשאסן, האט ער זיך אראפגעלאזט אויף דער ערד. איין זעלנער האט אים צוגעשטעלט צום אויער די ביקס און דער מוח האט א שפריץ געטאן פונם שארבן ארויס; דאס זעלבע חסד האט מען אנגעווענדט בנוגע בורזשואן אויך. ראסעלן האט מען דערפון באפרייט.

מערלען האט געמאכט א צייכן, עס האבן א שאל געטאן די הערנער און לויטן מנהג פון די ווילדע שבטים, איז דער פאלק פארביי די טויטע קערפערס. סארא געשריי פון באסט עס וואלט זיך ארויסגעריסן ביי דער בורזשואזיע, ווען די פעדעראליסטן וואלטן מיט מוזיק פאראדירט פאר די קערפערס פון די דערהרגעטע ערבות=לייט!

ראסעלס און פערעס משפחות האבן געפאדערט, מען זאל זיי ארויסגעבן זייערע קערפערס; בורזשואס קערפער איז באהאלטן געווארן אינם ברודער=קבר אויפן בית=הקברות סען=לוי. די ליבעראלע פרעסע האט געלאזט פאלן א טרער איבער ראסעלס קבר. די מוטיקע פראווינציעלע צייטונגען האבן אפגעגעבן כבוד

אַלע קרבנות און גערופן גאַנץ פראַנקרייכס חרמות אויף דער באַגנעדיקונגס־קאָמיסיע. דער „מערדער־קאָמיסיע" — ווי עס האָט זיך אויסגעדריקט איין דעפוטאַט פון דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג. די צייטונגען זיינען איבערגעגעבן געוואָרן צום געריכט און באַפרייט געוואָרן.

אין צוויי טעג אַרום נאָך דער עקזעקוציע אויף סאַטאָרי האָט די באַגנעדיקונגס־קאָמיסיע פאַראָרדנט צו דערהרגענען גאַס־טאָן קרעמיע. ער איז פאַרמשפט געוואָרן מיט זעקס חדשים צוריק, און דאָס לאַנגע וואַרטן צוזאַמען מיט זיין מעסיקייט בעת דער רעוואָלוציע האָבן, דאַכט זיך, געמאַכט דעם מאָרד אוממעגלעך, די קאָמיסיע פון „די דאָרפסלייט" האָט אָבער געוואָלט נקמה נעמען פאַר דעם באַרימטן לוסטיק מאַכן זיך איבער באָרדאָ. דעם 30סטן נאָוועמבער, 7 אַ זייגער אינדערפרי האָט מען גאַסטאָן קרעמיע געבראַכט אויף דעם מאַרסעל־פּראַדאָ, אַ גרויס פעלד אויפן ברעג פון ים. ער האָט געזאָגט צו זיינע שומרים: „איך וועל אייך ווייזן, ווי אַ רעפּובליקאַנער שטאַרבט". מען האָט אים אָוועקגעשטעלט ביים זעלבן סטויפ, וואו מיט אַ חודש צוריק האָט מען דערשאָסן דעם זעלנער פּאַקי, וועלכער איז צוגעשטאַנען צו דער מרידה. ער האָט געוואָלט בלייבן שטיין מיט אָפענע אויגן און אַליין אָפּ־געבן דעם באַפעל. מען האָט אים ערלויבט. ער האָט זיך דעמאָלט געווענדט צו די זעלנער מיטן געשריי: „צילט אין דער ברוסט, ניט אין קאָפּ. פייער! זאָל לעבן די רעפּו..." דאָס לעצטע וואָרט האָט איבערגעריסן דער טויט. פּונקט ווי אויף סאַטאָרי, האָט אויפ־געשפּילט די מוזיק און דאָס מיליטער האָט דורכדעפילירט. דער טויט פון דעם יונגן ענטוזיאַסט האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אין דער שטאָט. אין משך פון עטלעכע שעה איז דער אָדרעס, וועלכער איז אַוועקגעלייגט געוואָרן ביי דער טיר פון זיין הויז, איינגאַנצן באַדעקט געוואָרן מיט אונטערשריפטן.

דעמזעלבן טאָג האָט דאָס 6טע געריכט זיך נוקם געווען פאַר שאָדיים טויט. אים האָט מען דערהרגעט בלויז לויט דער איניציאַטיוו און אונטער דער אָנפירונג פון ראָול ריגאָ. די זעל־נער פונם פּלוטאָן האָבן זיך בעת דעם פּראָצעס געפונען אין

אויסלאנד. דער הויפט-באשולדיקער פרעא-דע-ווערעל, וועלכער איז ארעסטירט געווען אין סען-פאלאזשי פאר א קרימינעל פאר-ברעכן, האט בלויז געהאלטן דעם לאמטערן. לויטן יושר פון די אפיצירן איז אבער אויסגעקומען, אז די פשוטע אויספירער טראגן די זעלבע אחריות, וואס די קאמאנדירן, און פרעא-דע-ווערעל איז פארמשפט געווארן אויף טויט.

דעם 4טן דעצעמבער איז אינם זאל פונם 3טן געריכט גע-קומען ליסבאן. ער האט אויסגעזען ווי אן אמת געשפעסט מיט זיין טויט-בלאס סימפאטיש געזיכט. ער האט שוין זעקס חדשים צייט געליטן פון די וואונדן, וואס ער האט באקומען ביי שאטא-ד'א. ער איז פארבליבן דערזעלבער אויפן פראצעס, ווי ער איז געווען, בעת ער האט געקעמפט פאר דער קאמונע און אין ביוזאנוואל; ער האט אפן שטאלצירט דערמיט, וואס ער האט געקעמפט פאר דער קאמונע און האט בלויז אפגעלייקנט די באשולדיקונג אין גזלה. די ווערסאלער לייט האבן אים פארמשפט צום טויט.

אין עטלעכע טעג ארום דערהערט זיך אינם זעלבן געריכט א קול פון א פרוי. „איך וויל זיך ניט פארטיידיקן, איך וויל ניט מען זאל מיך פארטיידיקן!" — שרייט אוים לויזע מישעל, — „איך האב מיין גאנץ לעבן אפגעגעבן דער סאציאלער רעוואלוציע און איך וויל טראגן די אחריות פאר אלע מיינע מעשים. איך נעם ניט אן קיין שום חסד. איר באשולדיקט מיך אין נעמען אנטייל אין דערהרגענען די גענעראלן? איך ענטפער אייך דערויף: יא, ווען איך זאל דעמאלט געווען זיין אויפן מאנמארטר, בעת זיי האבן געוואלט שיסן אינם פאלק, וואלט איך קיין וואקל זיך ניט געטאן אליין אויסצושיסן אין די יעניקע, וואס גיבן ארוים אזעלכע באפעלן. וואס שייך די פאריזער שריפות, — איז אמת, איך האב אין זיי אנטייל גענומען. איך האב געוואלט דורך פייער פאר-שטעלן דעם וועג די ווערסאלער איינגעמער. איך האב קיין מיט-חברים ניט געהאט, איך האב אלץ געטאן לויט מיין אייגענעם ווילן".

דער פראקוראר דאלאי פאדערט טויט-שטראף. „דאס איינ-ציקע, וואס איך פארלאנג פון אייך, וואס רופן זיך אן מיליטע-רישער געריכט, וואס רופן זיך אן מיינע ריכטער, וועלכע בא-

האלטן זיך ניט אונטער קיין שום מאסקעס, ווי עס טוען די לייט פון דער באגנעדיקונגס-קאמיסיע, — איז, אז איר זאלט מיך טויטן אויפן סאטארי-פעלד, וואו עס זיינען שוין געפאלן מיינע ברידער. מיך דארף מען ארויסווארפן פון דער געזעלשאפט; מען האט עס אייך איבערגעגעבן צו טאן; מילא! דער קאמיסאר פון דער רעפובליק איז גערעכט. אויב יעדעס הארץ, וואס קלאפט פאר פרייהייט, האט רעכט בלויז אויף א שטיקל בליי, פאדער איך אויך מיין חלק! אויב איר וועט מיך לאזן לעבן, וועל איך ניט אויפהערן צו שרייען וועגן נקמה, איך וועל רופן מיינע ברידערס נקמה אויף די קעפ פון די מערדער פון דער באגנעדיקונגס-קאמיסיע".

פארזיצער: „איך קען אייך ניט געבן קיין ווארט".

לויזע מישעל: „איך האב געענדיקט... אויב איר זייט ניט קיין פחדנים, וועט איר מיך דערהרגענען".

זיי האבן אבער ניט געהאט קיין מוט זי גלייך צו דערהרגענען. מען האט זי פארמשפט אויף פעסטונג.

לויזע מישל איז ניט געווען די איינציקע, וואס האט ארויסגעוויזן אזוי פיל מוטיקייט. א סך אנדערע, צווישן וועלכע עס דארפן דערמאנט ווערן לעמעל און אויגוסטע שיפאן, האבן געוויזן ווערסאל, ווי שרעקלעך עס זיינען די פאריזער פרויען, אפילו ווען זיי זיינען באזיגט און אין קייטן.

דער פראצעס וועגן דער עקזעקוציע אויף די ערבות-לייט אין לא-ראקעט איז פארגעקומען אנהייב 72סטן יאר. פונקט ווי אויף שאדיים און קלעמאן טאמאס פראצעס, איז צווישן די באשולדיקטע ניט געווען קיין איין אמתער אנטיילנעמער, אחוץ זשאנטאנען. דאס עדות זאגן פון אלע עדות, געוועזענע ערבות-לייט, זיינען געווען פול מיט כעס, וואס איז נאטירלעך ביי מענטשן, וועלכע האבן געוואגט מיטן לעבן. די באשולדיקונג האט אויסגעטראכט עפעס א גאנצע באבע-מעשה וועגן דעם, אז דאס דערהרגענען די גענעראלן איז פארגעקומען לויטן באפעל פונם אמתן מיליטערישן געריכט. זי האט פארזיכערט, אז די מערדער האבן כלומרשט זיך געדונגען איינס מיטן אנדערן איבער די טויטע קערפערס; אזוי זאל כלומרשט האבן דערציילט עפעס איינער —

אַ גלח. מען האָט אים אַרויסגערופן אין געריכט. „איך בין דערינען ניט זיכער", — האָט ער געזאָגט, — „ס'איז אָבער מעגלעך, אַז מען האָט מיר געזאָגט אַזוי, האָב איך נאָכגעזאָגט". און דאָס איז אַ ראיה! די באַשולדיקונג האָט געזאָגט, אַז איין באַשולדיקטער איז געווען קאָמאַנדיר פונם עקזעקוציע-פּלוטאָן און מען האָט אים פאַרמשפּט אויף טויט, ניט געקוקט אויף זשאַנטאָנס כסדרדיקע פּראָטעסטן; ענדלעך, האָט מען געבראַכט אין געריכט דעם אמתן קאָמאַנדיר סיקאַר, וועלכן מען האָט שוין אַ גוססדיקן אָפּגעזוכט אין עפּעס אַ תּפיסה. זשאַנטאָנען האָט מען פאַרמשפּט אויף טויט. זיין אַדוואָקאַט, וואָס האָט אויף אים אַרויסגעוואָרפן די שרעקלעכסטע באַשולדיקונגען, איז אַנטלאָפן און דאָס געריכט האָט אים אָפּגעזאָגט אין אַ צווייטן פאַרטיידיקער.

דער וויכטיקסטער פון די ווייטערדיקע פּראָצעסן איז געווען דער ענין וועגן די דאָמיניקאַנער פון אַרקייל. קיין איין רציחה האָט אין זיך ניט געהאַט אַזוי ווייניק כוונה, ווי אַט-אָ-די. די מאָנאַכן זיינען פאַרביי דעם איטאַליענישן אַוועניו, האָבן זיי דערהרגעט די גוואַרדייער פונם 101טן באַטאַליאָן, וואָס זיינען אויף זיי אָנגעפאַלן. האָט מען אין דער רציחה באַשולדיקט סעריזיען, וועלכער האָט זיך דעמאָלט אַפילו ניט געפונען אויפן פּראָספּעקט. דער איינציקער עדות, וואָס איז קעגן אים אַרויסגעשטעלט געוואָרן, האָט אַזוי געזאָגט: „איך אַליין זאָג קיין זאַך ניט אויף זיכער, — איך האָב בלויז געהערט, ווי אַנדערע האָבן דערציילט". אַלע ווייסן אָבער, מיט וואָסערע ענגע פעדים עס זיינען צונויפגעקניפּט די אַרמיי און דער קלער. סעריזיען האָט מען פאַרמשפּט אויף טויט, פּונקט ווי איינעם פון זיינע לייטענאַנטן, בויע', קעגן וועלכן מען האָט ניט געבראַכט קיין איין ראיה. דאָס געריכט האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט, אַז וורעבלעווסקי זאָל פאַרמשפּט ווערן אויף טויט, מחמת ער האָט זיך אין דער מינוט פון דער רציחה געפונען אויף ביוט-אָ-קאַיל, און לעאָ פראַנקעלן, וועלכער האָט געקעמפט דעמאָלט אויפן באַסטיליע-פּלאַץ.

דעם 12טן מערץ איז אינם זעקסטן געריכט מיט זיין שטענדיקן פאָרזיצער דעלאַפּאָרטן אַריין אַ פּראָצעס וועגן דער געשעעניש

אויף דער אַקסאַ־גאַס. אויך דאַ, פּונקט ווי אינם פּראָצעס אויף דער ראָזיע־גאַס, איז אוממעגלעך געווען צו געפינען די אמתע מערדער פון די ערבות־לייט. די שולד איז ארויפגעוואָרפן געוואָרן אויפן דירעקטאָר פון דער תּפיסה פראַנסוא, וואָס האָט ניט גע־וואָלט ארויסגעבן זיינע צוויי אַרעסטירטע און צוואַנציק מאַן, וועגן וועלכע עס זיינען בלויז אומגעגאַנגען פּוסטע רכילות. קיין איין עדות מצד דער באַשולדיקונג האָט די באַשולדיקטע ניט דערקענט. צוויי וויקאַריוסן פון בעלוויל און איין וועשנע האָבן דער־ציילט שרעקלעכע מעשיות, זיי האָבן אָבער דערביי מוסיף געווען: „אַליין האָב איך קיין זאַך ניט געזען, נאָר כ'האָב געהערט, ווי מען האָט דערציילט". דעמאָלט האָט דעלאַפּאָרט פארשטאַרקט זיינע דראָונגען און זיך געהאַלטן אַזוי ציניש, אַז אַפילו קאָמיסאַר ריוסטאָ, וועלכער האָט געוויזן, וואָס ער קען — אין די פריערדיקע פּראָצעסן, האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן, און אַ זאָג געטאָן: — „אָבער איר ווילט דאָך זיי אַלע פאַרמשפּטן?" עס האָט אים פאַרביטן דער ווי אַ חיה ווילד־געוואָרענער אַריער. אַלע באַשולדיקונגס־באַווייזן זיינען פון שעה צו שעה געוואָרן שוואַכער, מחמת די עדות האָבן זיי מיט זייערע רייד צעקלאַפּט. דאָך איז קיין איינער פון די באַשולדיקטע ניט ניצול געוואָרן. זיבן פערזאָן האָט מען פאַרמשפּט צום טויט, ניין אויף קאַטאָרגע, אַנדערע צום פאַרשיקן. די באַגנעדיקונגס־קאָמיסיע מיט די שאַספּאָ אין די הענט האָט אויסגעקליערט אירע קרבנות, וועלכע דאָס מיליטערישע געריכט האָט צוגעשטעלט. דעם 22סטן פעברואַר פון 72סטן יאָר האָט זי דערשאָסן דריי פון די כלומרשטע מערדער פון קלעמאַן טאָמאַ און לעקאָנט — און גראָד אַזעלכע, וואָס זייער אומשולד איז אָן שום ספק קלאָר געוואָרן אויפן גע־ריכט, דהיינו: ערפּען־לאַקרואַ, לאַגראַנזש און ווערדאַגיע. זיי האָבן געשריען: „זאָל לעבן די קאָמונע!" ביי דעמזעלבן סטויפּ, וואו מען האָט דערשאָסן פערע, און זיי זיינען געשטאָרבן מיט שטראַלנדיקע פּנימער. דעם 19טן מערץ האָט מען דערשאָסן פּרעאָ־דע־וועדעל. דעם 30סטן אַפּריל איז געקומען די ריי אויף זשאַנטאָנען. די וואונדן, וואָס ער האָט באַקומען אויף די באַרי־קאַדעס, האָבן זיך אים ווידער געעפנט און ער האָט געמוזט אויף

קולעים ארויף אויפן בארג. בעת ער איז צוגעקומען צום סטויפ, האט ער אוועקגעווארפן די קוליעס און א געשריי געטאן: „זאל לעבן די קאמונע!" דעם 25סטן מאי זיינען ביי די דריי סלופעס גע־שטאנען סעריזיע, בוען און בודען; מען האט זיי פארמשפט צום טויט פאר דערהרגענען א ווערסאלער, וועלכער האט געשטערט בויען באריקאדעס אויף דער רישעליע־גאס. זיי האבן געזאגט צום זעל־נער־פלוטאן: „מיר זיינען פונקט אזעלכע קינדער פון פאלק, ווי איר. מיר וועלן אייך ווייזן, ווי אזוי עס זיינען מסוגל צו שטארבן קינדער פון פאלק". און זיי זיינען געשטארבן מיטן אויסגעשריי: „זאל לעבן די קאמונע!"

דאס אויסזען פון די דאזיקע מענטשן, וואס האבן מוטיק זיך אנגעלענט אן זייערע טויט־סלופעס, וואס האבן מיט פאר־אכטונג געקוקט אויף די ביקסן, וועלכע זיינען קעגן זיי געווענדט, וואס האבן, שטארבנדיק, געשריען, אז זייער זאך וועט ניט שטארבן צוזאמען מיט זיי, זייער אויפגערעגטע שטים, זייער שטאלצער בליק — דאס אלץ האט טיף אויפגערעגט די זעלנער. זייערע ביקסן האבן געציטערט ביי זיי אין די הענט, און זיי האבן זעלטן־ווען צום ערשטן מאל געטראפן, הגם זיי האבן געשאסן גלייך. אויף א ווייטערדיקער עקזעקוציע, דעם 6טן יולי 1872סטן יאר, האט דער קאמאנדיר קאלען געהייסן פארבינדן די פארמשפטע די אויגן. עס זיינען געווען צוויי: באדוען, וועלכן מען האט באשול־דיקט אין אונטערציגדן די קירך פונם הייליקן אליהו און אין דערהרגענען עפעס א נפש, וואס איז אנגעפאלן אויף א באריקאדע,— און רוילאק, וועלכער האט דערשאסן איין בורזשוא, וואס האט פון א באהאלטן ערטל געשאסן אויף די פעדעראליסטן. ביידע האבן זיי אפגעשטויסן פון זיך די סערזשאנטן, וועלכע האבן זיי געוואלט צובינדן די אויגן. קאלען האט זיי דאן געהייסן צובינדן צו די סטויפעס. באדוען האט דריי מאל אראפגעריסן די שטריק, רוילאק האט פארצווייפלט זיך געווערט. דער גלח, וואס האט אונטערגעהאלטן די זעלנער, האט געקראגן א קלאפ אין דער ברוסט. דער סוף איז געווען, אז מען האט זיי אנידערגעווארפן אויף דער ערד. „מיר שטארבן פאר אן ערלעכער זאך!" — האבן זיי אויס־

געשריען. נאָכן צערעמאָניאַל־מאַרש האָט איין אָפּיציר־אַ פּסי־כאָלאָג אַ שטוים געטאָן מיטן שפּיץ שטיוול די געהירן, וואָס זיינען אַרויס פונם שאַרבן, און אַ זאָג געטאָן צו זיין חבר: — „אָט איז דאָס, מיט וואָס זיי האָבן געטראַכט".

יוני פון 72סטן יאָר, בעת די באַרימטסטע פּראָצעסן זיינען שוין געווען געענדיקט, האָט דאָס מיליטערישע געריכט נקמה־גענומען פאַר דעם טויט פון איין אָפּיציר־פעדעראַליסט — קאַפּיטאַן באָפּאָר. פאַר דעם משונהדיקן פאַל קען דינען בלויז איין ער־קלערונג — גאַנץ מעגלעך, אַז באָפּאַר האָט געהערט צו די ווער־סאַלער לייט. פון די פיר באַשולדיקטע זיינען אין געריכט געווען דריי: דעשאַן, דעניוועל און לאַשעז, אַ באַרימטע מאַרקיטאַנערין פונם 66סטן באַטאַליאָן. זי איז אַוועק מיט באָפּאָרן אין געריכט אויפן וואָלטער־בולוואַר נאָכדעם, ווי ער האָט געגעבן זיינע ער־קלערונגען, און באַמיט זיך אים צו פאַרטיידיקן. דאָך האָט דאָס געריכט געמאַכט פון איר אַ העצערין צו דער רציחה. אויפן סמך פון אַ שריפטלעכער גבית־עדות פון איין עדות, וועלכן מען האָט ניט געקענט געפינען און וואָס מען האָט קיין איין מאָל ניט גע־שטעלט מיט איר אויג אויף אויג,—האָט דער פּראָקוראָר באַשול־דיקט לאַשעזן אין דעם, אַז זי האָט זיך פּלומרשט לוסטיק געמאַכט איבער באָפּאָרס טויטן קערפּער. ביי די דאָזיקע געמיינע ווערטער האָט די מוטיקע פרוי אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. מען האָט זי פאַרמשפּט אויף טויט צוזאַמען מיט דעניוועלן און דעשאַנען.

אַ טייל זעלנער האָבן געשליפן זייער שמוציקן דמיון, כּדי צו שאַפן זאַכן, וואָס זאָלן באַפלעקן די באַשולדיקטע.

פּאַלקאָווניק דיולאַק, וועלכער האָט געמשפּט ריגאָס און אינ־טימען פריינד, האָט געזאָגט, אַז זייערע באַציִונגען האָבן געטראָגן אַ פאַרברעכערישן כאַראַקטער. אַלע הכחשות מצד די באַשולדיקטע האָבן קיין זאַך ניט געהאָלפן. דער געוויסנלאָזער אָפּיציר האָט זיך געהאַלטן ביי דאָס זייניקע.

די בורזשואַזע פּרעסע האָט כּסדר, אָן אויפהער, אַלע פּראָ־צעסן באַגלייט מיט אַ כאַר קללות און זילזולים. בעת עס האָבן זיך דערהערט עטלעכע פּראָטעסט־שטימען אַנטקעגן דעם געבן איצט

טויט=שטראָפן, אזא לאַנגע צייט נאָך דער שלאַכט, האָט איינער
פון די סאַרסייען אָנגעשריבן: „מען האָט באַדאַרפט צושמידן
אַ מעסער צו די הענט פון די תּלינים".

די דאָזיקע גאַנצע כּנופיה ליטעראַטן פון כּל=המינים האָבן
אין דער קאָמונע געפונען זייער אַ פּראָפיטפולן אוצר, וועלכן זי האָט
פלינק אויסגענוצט. עס איז ניט געווען דער ליטעראַרישער קריע=
בליעניק, וואָס זאָל ניט פאַבריצירן בראָשורעס, ביכער, געשיכ=
טעס; דער נישטיקסטער געפאַנגענער האָט געשריבן זיין השתּפכות=
הנפש. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ גאַנצע קופּע פון אַזעלכע מינים
זוערק, ווי: „דאָס פאַרברענטע פּאַריז", „פּאַריז אין פייער", „דער
רויטער פּינקס", „זכרונות פון ערבות=לייט", „דער רויטער קאַרנאַ=
וואַל", די געשיכטע פונם 18טן מערץ", „די קאָמונע", „אַכט טעג";
די ראָמאַניסטן פון דער קאַטאָרגע פּיער צאַקאָן, מאָנטעפּען האָבן
אַרויסגעגעבן די סודות פונם אינטערנאַציאָנאַל אַלס אילוסטרירטע
העפטן; די פאַרלעגער האָבן געפּאָדערט עפּעס וועגן דער קאָמונע;
דער נאָכפרעג איז געווען אַזוי גרויס, אַז די בעלגיער האָבן זיך
אויך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט. די אַלע שרייבעכצער, אָפּט=
מאָל אומאָנשטענדיקע, האָבן געקיצלט די נערוון פון די בורזשואַזע
לייט. פאַר סובטילערע נשמות האָט דער סובטילער דיומאַ=דער זון
געגרייט זיין „זאָאָלאָגיע פון די רעוואָלוציאָנערן", „וואָס זייערע
זיען זיינען ענלעך איף פּרויען, בעת זיי זיינען טויט"; די דיכ=
טער, ווי פּעלדע=סען=וויקטאָר, טעאָפּיל גאָטיע, אַלפאָנס דאָדע,
פאַרשיידענע מער אָדער ווייניקער באַוואוסטע שרייבער — אַבו,
סאַרדו, קלאַרעטי, מענדעס, ערנעסט דאָדע א. אנד. האָבן אויס=
געטראַכט כּלערליי פּיקאַנטע צונעמען פאַר די דאָזיקע „באַרבאַרן",
וואָס זייערע טויטע קערפּערס האָבן אַזוי געעיפּושט; פאַר ערנ=
סטערע מענטשן האָבן די הערן דע=פּרעסאַנסע, באָסיר לאַוואַלע
דערציילט אין „רעווי דע דע מאָנד" פילאָסאָפישע מעשיות פון
יענער וועלט. די אַלע מחברים, וואָס האָבן פיינט געהאַט דאָס
פאָלק, וואָס זיינען גוט באַקאַנט געווען מיט די נייע שטרעמונגען,
וואָס זיינען ניט מסוגל געווען זיך פונאַנדערצוקלייבן אין דעם
גאַנצן קאָמפּליצירטן קנופּ פון סיבות, האָבן אַלץ — דעם 18טן

מעריץ, דעם צענטראל־קאמיטעט, די קאמונע — דערפירט צו איין ענין — אינטערנאציאנאל. ער זאל האבן געהאט אכט מאל הונ־דערט טויזנט אנהענגער. אזוי האט געזאגט דאריו, דער פארזיצער פון דער „פארלאמענטארישער אנקעטע", וואס איז דורכגעפירט געווארן לויטן באפעל פון דער נאציאנאל־פארזאמלונג — דער איינציקער דאקומענט, אויף וועלכן עס האבן זיך געשטיצט די ווערסאלער לייט, וועלכע האבן נים געהאלטן פון קיין עדות, ניט פון קיין געריכטס־פארהאנדלונגען. די צייטונגען האבן פארעפנט־לעכט פראגמענטן פון די דאזיקע בלוטיקע גבית־עדות, לויט וועלכע די צעיושעטע בורזשוא פונם 71סטן יאר האבן זיך אזוי ארויסגע־וויזן, אז די קענטען־באשאר פונם 48סטן יאר זעען אוים אין פאר־גלייך מיט זייערע רכילות און טיפשות, ווי קינדער.

אין דער אטמאספערע פון אלגעמיינעם כעס האבן די מי־ליטערישע געריכטן און באגנעדיקונגס־קאמיסיעס ווייטער געטאן זייער ארבעט. ביז איצט האט די קאמיסיע נאך קיין איין מאל מער ווי דריי מאן מיטאמאל ניט דערהרגעט; דעם 24סטן האט זי דערשטיקט פיר: פראנסוא, דעם דירעקטאר פון לא ראקעט, אברי, דאליווא און דע סענט־אמער, וועלכער איז פארמשפט געווארן אין ענין אקסא־גאס. דע סענט־אמער איז געווען א העכסט פאר־דעכטיקע פערזאן, — אין תפיסה האבן זיינע חברים זיך געהאלטן פון אים פונדערווייטנס. בעת מען האט פארן דערשיסן א געשריי געטאן: „זאל לעבן די קאמונע!" — האט ער געענטפערט: „נידער מיט איר!"

דעם 18טן סעפטעמבער האט מען פארמשפט אויף טויט לאליוון אלס באשולדיקטן אין נעמען אנטייל אין דערהרגענען דעם ארציבישאף און צוזאמען מיט אים דעניוועלן און דעשאנען. די ביידע לעצטע האבן אויסגעשריען: „זאל לעבן די אלוועלטלעכע סאציאלע רעפובליק!" „נידער מיט די פחדנים!" דעם 22סטן יאנואר 1873, אין ניינצן חדשים ארום נאך דער גאסן־שלאכט, האט די באגנעדיקונגס־קאמיסיע צוגעבונדן צו די סטויפן דריי נייע קרבנות: דעם קאמונע־מיטגליד פיליפן, וואס איז שולדיק געווען אין ענער־גישן פארטיידיקן בערסי, בענא פאר אונטערצינדן טיולרי און

דעקאנען פאר אן אונטערצינדונג אויף דער ליל-גאס, הגם קעגן אים זיינען קיין שום באווייזן ניט געווען. „איך שטארב אן אומ-שולדיקער. נידער מיט טיראן!" — האט ער אויסגעשריען; פיליפ און בענא האבן אויסגעשריען: זאל לעבן די סאציאלע רעפובליק! זאל לעבן די קאמונע!" און זיי זיינען געשטארבן, ניט פארראטנדיק דער מוטיקייט פון די זעלנער פונם 18טן מערץ.

דאס איז געווען די לעצטע עקזעקוציע אויף סאטארי. פינף-און-צוואנציק קרבנות האבן באפארבט מיט זייער בלוט די סטויפעס, וועלכע זיינען אויפגעשטעלט געווארן דורך דער באגנעדיקונגס-קאמיסיע. אין יאר 1875 האט זי געהייסן דערשיסן אין ווענסען איין יונגן זעלנער, וועלכן מען האט באשולדיקט אין דערהרגענען דעם שפיאן וויצענטיני; בעת אין דער אמתן איז וויצענטיני ארייגעווארפן געווארן אין דער סענע דורך טויזנטער הענט בעת דער מאניפעסטאציע אויפן באסטיליע פלאץ. די רעאקציאנערע צייטונגען האבן געזאגט, אז מען האט וויצענטינען כלומרשט פריער צוגעבונדן צו א ברעט; דאך האט די אויספארשונג קיין שום באשטעטיקונגען פון דער אויסגעטראכטער מעשה ניט געגעבן.

פאר אנטייל אין דער רעוואלוציאנערער באוועגונג פון דער פראווינץ האט מען געמשפט אדער דורך א מיליטעריש געריכט, אדער דורך א קרימינעלס, געווענדט אין דעם, צי דער דאזיקער דעפארטאמענט האט זיך געפונען אין אויסנאמס-צושטאנד צי ניט. אומעטום האט מען תחילת אפגעווארט דעם רעזולטאט פון די פאריזער שלאכטן. נאך דעם נצחון פון ווערסאל האט די רעאקציע זיך א נעם געטאן צו דער ארבעט. די פראצעסן האבן זיך אנגע-הויבן מיט ד'עפיוואנס מיליטעריש געריכט. ער האט זיך געהאט זיין גאווא אין דער פערזאן פונם קאמענדאנט ווילניעוו, איינעם פון די דערשיסער פונם 4טן אפריל, זיין מערלען, זיין בואדענע-מעץ — אין די פערזאנען פון די פאלק-קאמאנדירן טאמאסען און דאנא. דעם 12טן יוני האט מען פאר די זעלנער געשטעלט גאס-טאן קרעמיע און אנדערע, וועלכע עס האט זיך איינגעגעבן צו-צושעפן צום אויפשטאנד פונם 23סטן מערץ: עטיען, פעליסיע-רו, בושע א. אנד. ווילניעווס נארישע גאווה האט געדינט פאר

אַ מוסטער ביים צונויפשטעלן אַלע באַשולדיקונגס־אַקטן, וואָס האָבן ממש פאַרפלייצט גאַנץ פראַנקרייך. קרעמיע, עטיען, פעליסיע און רו זיינען פאַרמשפט געוואָרן אויף טויט. אָבער פאַר דער יעזויטיש־בורזשואַזער רעאַקציע איז דאָס געווען ווייניק. דורכן קאַסאַציע־געריכט האָט עפּיוואַן געמאָלדן, אַז דער דעפּאַרטאַמענט פון דער ראָנע־לעפּצונג איז פונם 9טן אווגוסט 1870 אין באַלאַגערונגס־צושטאַנד, אויפן סמך פון אַ דעקרעט פון דער קייזערין — דער רעגענטין, — וואָס איז ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן ניט אין דער זאַמלונג פון די פאַראָרדענונגען פון דער רעגירונג, ניט סאַנקציאָנירט געוואָרן דורכן געזעץ, ניט אַפילו פשוט פּובליקירט געוואָרן. באַוואָפנט אויף אַזאַ מין אופן, האָט ער פאַרפאָלגט אַלעמען, אויף וועמען די קאָנגרעגאַציעס האָבן נאָר אַ טייטל געטאָן מיטן פינגער און וועמען עס האָט נאָר אַרויסגעוויזן שנאה צו דער אימפּעריע. דער מוניציפּאַל־ראַט דאַוויד־באָסק, אַן עקס־דעלעגאַט פון דער קאָמיסיע, אַ מיליאָנער — אַ שיפס־אייגנטימער איז באַשולדיקט געוואָרן אין גנבענען אַ זילבערנעם זייגער ביי אַ פּאָליציי־אַגענט און איז בלויז אַ דאַנק דער מערהייט פון איין שטים באַפרייט געוואָרן.

צומאָרגנס האָט דעם פּאָרזיצער אָרט פון געריכט פאַרנומען דער אָבערסט־לייטענאַנט פונם 4טן שיסער־פּאָלק דאָנאַ, אַ האַלב־משוגענער פון צופיל נעמען דעם ביטערן טראָפּן. איין זיבעציקיעריקן זקן — אַן אַרבעטער האָט מען פאַרמשפּט אויף צען יאָר שווערע תפיסה מיט אָפּנעמען אין משך פון צוואַנציק יאָר אַלע ציווילע און פּאָליטישע רעכט פאַר אַרעסטירן דעם 4טן סעפּטעמבער אויף אַ האַלבער שעה אַ פּאָליציי־אַגענט, וועלכער האָט אים אין יאָר 1851 פאַרשיקט אין קאַיענע. איין משוגענע זקנה, אַ פּאַקטאָרין פון די יעזויִטן, וועלכע מען האָט דעם 4טן סעפּטעמבער פאַרהאַלטן אויף עטלעכע מינוט, האָט באַשולדיקט אין איר אַרעסט דעם געוועזענעם קאָמאַנדיר פון דער ציווילער מיליץ. זי האָט אַליין אָפּגעלייקנט איר באַשולדיקונג, וואָס איז אַגב בטל ומבוטל געוואָרן דורך כלערליי alibi און פאַרשיידענע אַנדערע פּאַקטן. דאָך האָט מען דעם געוועזענעם קאָמאַנדיר פאַרמשפּט אויף

צען יאָר אָפּנעמען דאָס רעכט. איינער פון די זעלנער־ריכטער האָט שפּעטער געזאָגט: — „מען דאַרף האָבן גאָר פעסטע פּאָליטישע איבערצייגונגען, כּדי זיך צו אַנטשליסן אַרויסצוטראָגן באַשולדי־קונגס־אורטיילן אין אַזעלכע פּראָצעסן". מיט אַזעלכע מיטאַרבעט האָט עפּיוואָן געקענט פּולקום שטילן זיין שׂנאה. ער האָט געבעטן די ווערסאַלער אים אָפּטרעטן דעם קאָמונע־מיטגליד אַמורו, וועל־כער איז אַ צייַ געווען דעלעגאַט אין מאַרסעל. איך פאַרפאָלג אים פאַר העצן צו בגידה — אַ פאַרברעכן, פאַר וועלכן עס קומט טויט־שטאָף, און איך בין איבערצייגט, אַז מען וועט צו אים אָנ־ווענדן די דאָזיקע שטראָף".

דאָס ליאָנער געריכט האָט ניט געוואָלט אָפּשטיין פונעם מאַרסעלער. עס האָט צוגעצויגן פּערציק מאַן אין פּראָצעס פונעם 22סטן מערץ און פון זיי צוויי־און־דרייסיק פאַרמשפּט אויף פאַר־שיקונג אָדער תּפיסה. אין פּראָצעס וועגן דער מרידה פונעם 30סטן אַפּ־יל האָט מען צוגעצויגן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט זיבעציק באַשולדיקטע, וואָס מען האָט צופעליק אויסגעקליבן — פונקט ווי אין ווערסאַל. דער מער פון גיליאָטער־קרייז, קרעסטען, וועל־כער איז אַרויסגערופן געוואָרן אַלס עדות, האָט אין זיי ניט אָנערקענט, קיין איינעם פון יענע, וואָס ער האָט דעם טאָג ג.זען אין דער מעריע. די פאָרזיצער פון געריכט זיינען געווען די פּאָלקס־קאָמאַנדירן מאַריאָן און רעבילי.

אין לימאָזש האָט מען אונטער די אויגן פאַרמשפּט אויף טויט צוויי חשובע באַלעבאַטים אין שטאָט, דיובוא און ראָבעיראָל, אַלס הויפּט־שולדיקע פונעם 4טן אַפּריל; צוויי אַנדערע אויף צוואַנציק יאָר תּפיסה פאַר באַרימען זיך, אַז זיי קענען כּלומרשט די שיסערס פון פּאָלקאָווניק בולע. נאָך עמעץ — אויף צען יאָר פאַר טיילן געווער־

די אורטיילן פון די געריכטן פון געשוואָרענע זיינען געווען פאַרשיידן. אין די אונטערשטע פּירענייען האָט דאָס געריכט דעם 8טן אויגוסט פריי געלאָזט דיופּאָרטאַלן און פיר אָדער פינף מאַן, וואָס זיינען באַשולדיקט געוואָרן אין אָנטייל נעמען אין דער טולוזער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. פּונקט אַזאַ מין באַפרייונגס־ווערדיקט האָט מען אַרויסגעטראָגן אין ראָדעס, וואו דיזשאָן איז

צוזאַמען מיט אַנדערע באַשולדיקטע געקומען אין געריכט נאָך זעקס חדשים זיצן אין תּפיסה. דער עולם, וואָס האָט מיטגעפילט, האָט אָנגעפילט די זאַלן מיט די קאָרידאָרן פונם געריכט און באַגריסט די באַשולדיקטע ביי זייער אַריינקום.

דאָס געריכט פון געשוואָרענע אין ריאַל האָט פאַרמשפּט איין-און-צוואַנציק באַשולדיקטע אין סענט-עטיענער פּראָצעס, איינער פון זיי — דעם קאָמונע-מיטגליד אַמורו — האָט מען פאַרמשפּט צו קאַטאָרגע בלויז דערפאַר, וואָס ער האָט געשיקט קיין ליאָן צוויי דעלעגאַטן.

דאָס אָרלעאַנער געריכט פון געשוואָרענע איז געווען זייער שטרענג צו די באַשולדיקטע פון מאָנטאַרזשע; עס האָט אַלע פאַרמשפּט צו תּפיסה; נאָך אַכזריותדיקער איז געווען דאָס גע-ריכט צו די באַשולדיקטע פון קאָן און נעוורי אויפן לואַר, וואו עס איז קיין ערנסטע באַוועגונג ניט געווען. דאָרט זיינען געווען דריי-און-צוואַנציק מאַן, צווישן זיי דריי פרויען. דאָס גאַנצע פאַרברעכן איז באַשטאַנען אין אויפוויקלען אַ רויטע פאָן און שרייען: „זאָל לעבן פּאַריז! נידער מיט ווערסאַל!" מאַלאַרדיע, אַ געוועזענער פאָלקס-דעפּוטאַט, וואָס איז געקומען אין שטאָט אַריין ערב דער דעמאָנסטראַציע און קיין שום אָנטייל אין איר ניט גענומען, — איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף 15 יאָר תּפיסה. קיין איינעם פון די באַשולדיקטע האָט מען ניט באַפרייט. די גוט-באַזיצער פון לואַרע האָבן נקמה גענומען פאַר די שרעק פון זייערע ברידער אין ניעוור. די מרידה אין קולאָמיע, נים, דאַרדיוו, וואָראָן האָט אויך גורם געווען עטלעכע באַשולדיקונגס-אורטיילן.

צו יוני 1872 האָט זיך סוף-כּל-סוף געענדיקט די ריזיקע רעפּרעסיע-אַרבעט. פון 36.309 געפאַנגענע מאַנסלייט, פרויען און קינדער (ניט אַריינגערעכנט אין חשבון די 5.000 מיליטער-לייט, וואָס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן דורך די ווערסאַלער לייט גופא), זיינען — לויט די ווערסאַלער לייטס ווערטער — געשטאָרבן ביי זיי אין די הענט 1.179, — 22.326 האָט מען באַפרייט אין 72סטן יאָר נאָך לאַנגע ווינטער-חדשים אין די פּאָנטאָנען, פעסטונגען און תּפיסות; 10.488 האָט מען איבערגעגעבן דעם מיליטערישן גע-

ריכט, וואס האט פארמשפט 8.525. די פארפאלגונגען האבן אבער ווייטער געדויערט. בעת מאק־מאהאנס איבערנעמען די ממשלה, דעם 24סטן מאי 1873, האבן זיי זיך אויפדאסניי אנגעהויבן מיט א נייער קראפט. דעם 1סטן יאנואר 1875 זיינען אין דעם אלגעמיינעם באריכט פון די ווערסאלער געריכטן געווען 10.137 באשולדיקונגס־אורטיילן, פון זיי 3.313 הינטער די אויגן. די שטראפן קען מען איינטיילן אויף אט־א־די קאטעגאריעס:

טויט־שטראף	270	פון זיי 8 פרויען;		
צוואנג־ארבעט	410	„ „ 29 „		
פעסטונג	3989	„ „ 20 „		
פארשיקונג	3507	„ „ 16 „	און 1 קינד.	
תפיסה	1269	„ „ 8 „		
תפיסה מיט גאר שטרענגן רעזשים	64	„ „ 10 „		
עפנטלעכע ארבעט	29	„ „ — „		
ארעסט:				
ביז 3 חדשים	423	„ „ 50 „		
פון 3 חדשים ביז 1 יאר . .	1622	„ „ — „	און 1 קינד.	
העכער א יאר	1344	„ „ 15 „	„ 4	קינדער
ארויסשיקן פון לאנד . . .	322	„ „ — „	„ —	„
געלט־שטראף	9	„ „ — „	„ —	„
קינדער יינגער פון 16 יאר האט מען ארייגעזעצט אין אויס־בעסערונגס־הויז	56	„ „ — „	„ —	„
בסך־הכל . .	13.450			

צווישן זיי . . . . . . 157 פרויען.

אין דעם דאזיקן חשבון זיינען ניט אריין די אלע אורטיילן, וואס די מיליטערישע געריכטן האבן ארויסגעטראגן, אויך ניט אזעלכע, וואס האבן געשטאמט פון געריכט פון געשווארענע. מען דארף נאך דערצו מוסיף זיין 15 טויט־אורטיילן, 22 קאטארגע־אורטיילן, 28 — פארשיקונגען אין פעסטונג, 74 — אין תפיסה, 13 — שטרענגן

רעזשים און עטלעכע אַרעסטן. די אַלגעמיינע צאָל פאַרמשפּטע אין פּאַריז און אין דער פּראָווינץ האָט איבערגעשטיגן דרייצן טויזנט מאַן, צווישן זיי זיבעציק פרויען און זעכציק קינדער.

דריי פערטל פון צען טויזנט (7.418 פון 10.137) פאַרמשפּטע זיינען געווען גוואַרדייער אָדער אונטעראָפיציר; 1942 סוב־אָפיצירן — בסך־הכּל 225, פון זיי 29 קאָמונע־מיטגלידער און 49 מיטגלידער פונם צענטראַל־קאָמיטעט. ניט גע־קוקט אויף דער גאַנצער הפקרות, אויף די פעלשונגען און פאַלשע עדות, האָבן די מיליטערישע געריכטן ניט געקענט באַשול־דיקן ניין צענטל פון אַלע באַשולדיקטע (9.285 מאַן) אין קיין אַנ־דער פאַרברעכן, ווי אין טראָגן געווער אָדער דערפילן געזעל־שאַפטלעכע אַמטן־פליכט; פון 766 פאַרמשפּטע קרימינעל, זיינען 276 פאַרמשפּט געוואָרן פאַר אַרעסטן, 171 — פאַר אָנטייל אין די גאַסן־שלאַכטן און 132 פאַר פּלעדליי אַנדערע (לויטן אויסדרוק פונם באַריכט) פאַרברעכנס, וואָס די מיליטערישע געריכטן האָבן קוואַליפיצירט אַלס גנבות און רויבערייען. ניט געקוקט דערויף, וואָס אין די באַריכטן זיינען אַנגעוויזן געוואָרן זייער אַ סך רעצי־דיוויסטן, האָבן אין דער אמתן אַרום דריי פערטל פאַרמשפּטע — 7119 — קיין איין מאָל ניט געהאַט אויף זיך קיין פּראָצעסן; 524 זיינען פאַרמשפּט געוואָרן פאַר פּאָליטישע פאַרברעכנס אָדער עובר זיין אויף די פּאָליציייִשע פאַראָרדענונגען, 2.381 — פאַר פאַרברעכנס און מעשים, וואָס זיינען אויס פאַרזיכט ניט אָנגע־וויזן געוואָרן אינם באַריכט. וויפל מען האָט אַלץ געטענהט, אַז די מרידה איז פּראָוואָצירט און אָרגאַניזירט געוואָרן דורך אויס־לענדער, — דאָך האָט זיך דער באַשולדיקונג קוים איינגעגעבן צו־נויפצונעמען 396 פרעמדע בירגער. די דאָזיקע מרידה, וואָס איז לויט דער בורזשואַזיע אַנטשטאַנען און זיך פאַרשפּרייט צוליב גנבה און גזילה, איז דורכגעגאַנגען דורך די מיליטערישע געריכטן איינגאַנצן אומבאַפלעקט. קיינער, אַפילו פון די פיינטלעכסטע עדות, האָבן ניט געקענט באַשולדיקן אין גנבה קיין איינעם פון די אַלע „באַנדיטן"; קיינער האָט ניט געוואַגט צו זאָגן, אַז די דאָזיקע „רויבער" האָבן זיך באַנוצט מיט די שריפות, כּדי צו קענען רויבן.

זעקס=און=דרייסיקסטער קאַפּיטל

„איך בין געווען אין גלות, אָבער קיין
אַנדערע וועל איך דערוויף ניט פאַרמשפּטן"
(טיער. נאַציאָנאַל-פאַרזאַמלונג.
אַפּריל 1871).

„די פאַרשיקטע זיינען גליקלעכער פאַר
אונזערע זעלנער, — זעלנער דאַרפן שטיין
אויף דער וואַך, דער מורד אָבער, וואָס
חערט באַוואַכט, לעבט זיך רויק אין זיין
בליענדיקן גאָרטן".
(אַדמיראַל פּורישאָן. די זיצונג
פונם 17טן מאַי 1876).

ניי=קאַלעדאָניע. — פאַרשיקונג.

בסך=הכל א טאָג וועג פון פראַנקרייך ליגט א ווייסטע קאָ=לאָניע; איר פרוכטבאַרע ערד, וואָס קען באַרייכערן הונדערטער טויזנטער משפּחות, האָט נאָך קיין אַרבעטס=האַנט ניט אָנגערירט. אהער וואָלט די מעטראָפּאָליע געקענט שיקן דאָס מותרות פון איר באַפעלקערונג. דאָך האָט די בורזשואַזיע, נאָכן נצחון איבער די אַרבעטער, געהאַלטן אַלעמאָל פאַר גלייכער זיי אַרויסצושליי=דערן אויף יענער זייט אָקעאַן, איידער צו באַפעלקערן מיט זיי אַלזשיר און דערמיט זי לאָזן אויפבליען. די פאַרזאַמלונג פונם 48סטן יאָר האָט צו דעם צוועק זיך באַנוצט מיט נוקאַ=כיווא, די ווערסאַלער פאַרזאַמלונג ווידער האָט געהאַט ניי=קאַלעדאָניע. — צום דאָזיקן פעלז, 6000 ליע פון דער היים, האָט זי באַשלאָסן צוצושמידן טויזנטער קעמפער. „די רעגירונג", — האָט געזאָגט דער רעפערענט אויף דער פאַרזאַמלונג, בעתן באַטראַכטן דאָס געזעץ וועגן פאַרשיקן, — „וועט געבן די פאַרשיקטע א מעגלעכקייט צו

וואוינען ווי איין משפחה, צו האָבן איין שותּפותדיקע היים״. — די קוילנוואָרפּערס האָבן געאַרבעט ערלעכער.

די פאַרמשפּטע אויף פאַרשיקט צו ווערן האָט מען צונויפ־געזאַמלט אין עטלעכע פּונקטן: אין פּאָרט באַיאַר, סען־מאַרטען־דע־רע, אויפן אָלעראָן־אינזל, אויפן ע־אינזל, אינם פּאָרט קעלערן א. אַז. וו. דאָרט האָבן זיי זיך אין משך פון לאַנגע חדשים געמאַ־טערט צווישן יאוש און האָפענונג, וואָס האָט קיינמאָל ניט פאַר־לאָזן די באַזיגטע אין פּאָליטישן קאַמף.

איינמאָל, בעת זיי האָבן זיך שוין געהאַלטן פאַר פאַרגעסן, דערהערט זיך אַ גראָב קול: „אויף אונטערזוכונג!״ דער דאָקטאָר באַטראַכט זיי פון קאָפּ ביז די פיס, שטעלט אַ ריי פראַגן, הערט זיך ניט צו צו די ענטפערס און זאָגט אַרויס: „בּאָן פּור לאַ דעפּאָרטאַסיאָן״. צו איין פאַרשיקטן אינם לעצטן גראַד שווינדזוכט, וואָס זיין טויט־בלאַס פּנים רעדט אַליין פאַר זיך, זאָגט ער ציניש: — די האָי־פישן דאַרפן זיך דאָך מיט עפּעס שפּייזן״. אַדיע, משפּחה, היים, געזעלשאַפט, מענטשלעך לעבן!... אין וועג אַריין צום קבר, עק וועלט! גליקלעך איז נאָך דער פאַרשיקטער, — ער קען באַקומען אַ פרײַנדלעכן האַנטדרוק, אַ געזעגענונגס־טרער, אַ לעצטן קוש. דער קאָמונאַר, וואָס איז פאַרשיקט אויף גאַלערן, וועט שוין קיינעם ניט זען, אַחוץ אַרעסטאַנטן. לויטן פייף טוט ער זיך אויס, מען באַזוכט אים, מען שליידערט אים אַן אַרעסטאַנטן־כאַלאַט און איידער מען קוקט זיך אום, מוז ער זיך שוין אַראָפּלאָזן אין דער שווימענדיקער תּפיסה אַריין.

דעם 3טן מאַי פון 72סטן יאָר האָט „דאַנאַיאַ״ די ערשטע זיך גע־לאָזט אין וועג אַריין מיט 300 פאַרשיקטע. „פּעריערע, האָראָנע, וואַר, סיבילע, אָרן, קאַלוואַדאָס און ווירגיניע״ זיינען אַוועק נאָך איר. אין די פּאָרטן האָט מען די פאַרמשפּטע באַגעגנט מיט באַגריסונגען און אַפּלאָדיסמענטן. דער עיקר האָט גראַנדיעז דעמאָנסטרירט לכבוד די אַרעסטירטע פּאַסאַזשירן פון „וואַר״ טולאָן, אָבער זיי האָט זיך אויך איינגעגעבן צו באַדאַנקען פון זייער זייט די איינוואוינער. „די ווערסאַלער רעגירונג האָט אונז געוואָלט אַריינשליידערן אין שמוץ — האָבן געשריען די געפאַנגענע, — איר האָט אונז אָבער באַגעגנט

זוי גרויסע מענטשן. מיר וועלן זען די ברידער, וואָס מען האָט אונז פאַרשיקט, וועלן מיר זיי זאָגן, אַז אין פראַנקרייך האָבן זיך נאָך ניט אויסגעלאָזט קיין מענטשן, וואָס טראַכטן וועגן מציל זיין די רעפּובליק!"

די שיף אויף איבערצופירן די פאַרשיקטע — איז אַן אַנט־וואַפנטע אַלטע מיליטער־שיף, וואָס איז ספּעציעל דערצו צוגע־פּאַסט. די פאַרמשפּטע זיינען אָפּגעשלאָסן אין ריזיקע שטייגן, וואָס שטייען אויף ביידע זייטן דעק, אַנשטאָט די פריערדיקע באַטאַ־רייען; לענגאויס דער שיף צווישן זיי איז דאָ אַ דורכגאַנג. דורך די געקראַטעוועטע אַמבראַזורעס קומט נאָך אַריין אַ ביסל ליכטיקע שיין אין די שטייגן פון דער אייבערשטער באַטאַריי־דעק; אין דער אונטערשטער, וואו די אַמבראַזורעס זיינען פאַרקלאַפּט, הערשט אייביקע נאַכט. די דאָזיקע שיפן, — זיינען אמתע נעסטן פון פּעסט. בייטאָג, כדי די געפאַנגענע זאָלן כאַפּן אַ ביסל לופט, לאָזט מען זיי אַרויף אויף אַ האַלבער שעה אויבן. דאָרט גייען זיי שפּאַצירן צווישן די פונאַנדערגעוויקלטע נעצן אונטער די אכזריותדיקע בליקן פון די פּאַסאַזשירן פון „דער בעסערער געזעלשאַפט", פון די ווייבער פון באַאַמטע, וואָס האָבן זיך צוגעטשעפּעט צו דער פּאַרטיע, ווי זייערע ווערסאַלער מיטברידער. פאַר די שטייגן שטייען די שמירה־לייט און זידלען, דראָענדיק דערביי פאַר דעם קלענסטן חטא מיט קאַרצער.

אינם דאָזיקן פינסטערן לאָך, אין דער טיף פון טריום, וואו דער איינציקער חלל איז געוועזן בלויז אין דער העלפט אַ געקראַ־טעטע טיר, האָט מען געהאַלטן די פאַרשולדיקטע, אין פיס־קייטן, בלויז אויף ברויט און וואַסער; די אומדערטרעגלעכע היץ, צוליב דער נאָענטקייט פון דער מאַשין, האָט פאַרוואַנדלט דאָס זיין דאָ אין אַן אמתער פּיין. און די דאָזיקע פּיין האָבן אין משך פון פינף חדשים איבערגעטראָגן אויפן וואַסער אַזעלכע מענטשן, ווי טשי־פּריאַני מיט נאָך אַ גרעסערן העראָיזם, ווי ביז איצט, ווי אינם קאַמף צוזאַמען מיט פלוראַנסן, און איבערגעטראָגן האָבן זיי עס בלויז דערפאַר, וואָס זיי האָבן ניט געקענט פאַרשווייגן קיין באַ־לייריקונגען אָדער זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו ליידן זילזולים. די

פרויען איז געווען ניט בעסער, — די מאַנאַבינס, וואָס מען האָט צו זיי צוגעטיילט, האָבן זיך געפירט ערגער פון קאַטאָרגע־לייט.

ווי זעלטן עס האָבן זיך געטראָפן קאָמאַנדירן, וועלכע האָבן פאַרלייכטערט דעם רעזשים! דיו־דע־קערפריזשאַן, דער קאַפּיטאַן פון „דאַנאַיאַ", האָט איינגעזען אין די פאַרשיקטע אַ כּנופיא פאַר־ברעכער. דער קאַפּיטאַן פון „לוארע", וואָס האָט אָנגעפירט די קאָמאַנדע פון „סעמיראַמידע", האָט געהייסן צובינדן מיט שטריק צוויי מענטשן צו די דאַמף־קעסלען און זיי זיינען געשטאָרבן פון די בראַנדן. אויף 650 מאַן אין דער שיף זיינען 34 געשטאָרבן און 60 קראַנק געוואָרן.

אין משך פון העכער פינף חדשים איז אויסגעקומען צו זיצן אין די דאָזיקע ענגע שטייגלעך, אין שמוץ און ליידן פון דער זייטיקער שיף־געוויג, וואָס האָט ממש דערהרגעט ביז טויט און אָנגעמאַכט אַ שרעקלעכע ים־קראַנקהייט; מען האָט זיך געמוזט דער עיקר שפּייזן מיט פאַרפוילטע סובאַרעס, מיט חזיר־שמאַלץ, טרינ־קען כּמעט בלויז געזאַלצן וואַסער, און דערביי אויסגיין פון דער היץ אונטער דעם טראָפּיק, פאַרשטאַרט ווערן פון די שטאַרקע דרום־ווינטן און פייבטקייט, וואָס הערשט אויף דער דעק. און איבער דעם אַלעם האָבן געהערשט בייז־באַשערטע געשפּענסטער. בעת אָרן האָט פאַרוואָרפן דעם אַנקער אין דעם מעלבורנער האַפן, זיינען פון 589 פאַרשיקטע געווען 300 קראַנקע אויף צינגע. די מעלבורנער איינוואוינער האָבן זיי געוואָלט קומען צו הילף, צונויפגענומען אין משך פון עטלעכע שעה פערצן טויזנט פראַנק, אָבער דער קאַפּיטאַן האָט זיך אָפּגעזאָגט איבערצוגעבן הן דאָס געזאַמלטע געלט, הן די געקויפטע פּראָדוקטן, מלבושים, זאַכן און כּל־המינים געגנשטאַנדן פון ערשטן געברויך. די טראַנספּאָרט־שיף — איז אַ זיכערע תּפיסה — פאַר דער גאַנצער צייט זיינען געווען בלויז צוויי געלונגענע אַנטלויפונגען. און דעם 1טן יולי 1875 זיינען 3.859 קאָמונאַרן אַרויף אויפן ברעג פון ניי־קאַלעדאָניע.

דאָס דאָזיקע גיהינום האָט דריי אָפּטיילונגען. פונם הויפּט־אינזל, ניט ווייט פון נומייע, גייט אוועק אַ האַלב־אינזל דיוקאָ; ער

איז באשטימט געווען פאר פארמשפטע פארשיקט צו ווערן אין דער פעסטונג. דארט האט מען ארייגעזעצט 811 מאן, צווישן זיי 6 פרויען. אויף דרום=מערב=זייט פונם הויפט=אינזל, אויף א שטח פון 25 מייל פונם ברעג, — דער אינזל סאסען — פאר פאר=משפטע צו פשוטער פארשיקונג; זיי זיינען געווען 2.808 מאן, צווישן זיי 13 פרויען. לסוף, גאר טיף, דארט, וואו „די זון כאפט ניט קיין בליק אריין", אנטקעגן דעם האלב=אינזל דיוקא — א קא=טארגע=תפיסה פונם נו=אינזל — פאר 240 פארמשפטע אויף גאלערן.

דער האלב=אינזל דיוקא און דער אינזל נו שטעלן מיט זיך פאר צוויי זייטן פון אן ארייגפלוס, וואס אין זיין טיף געפינט זיך נומייע, דאס דאזיקע מגושמדיקע בילדל פון ווילקיר און אד=מיניסטראציע=קאפריזן. און איבער דעם אלעם הערשן די הארמאטן פון דער ארטילערישער קאזארמע, וואס געפינט זיך אויף דער הייכקייט שאלע. די אוויזא *, וואס שטייען אין האפן, קענען זייער לייכט באשיסן דעם האלב=אינזל און די קאטארגע=תפיסה.

דער האלב=אינזל שטעלט מיט זיך פאר א שמאלן פאס ערד; דער העלזונג=קאנאל איז פארנומען דורך זעלנער. אן דורכגאנגס=וואסער, אן גרינס, איז ער באדעקט בלויז מיט קליינע בערגלעך, וואס זיינען דורכגעשניטן דורך צוויי טאלן, נומבא און טאנדיו, וועלכע ווערן פארוואנדלט הארט לעבן ים אין זומפן, וואס זיינען פארוואקסן מיט ארעמע ווארצלבלעטער און זעלטענע ניאלונען. קיין פארשיקטער וועט קיינמאל אפילו א שעה ארבעט ניט וועלן פארלירן אויף דער דאזיקער טויטער ערד. די פארשיקטע, הגם וועגן זייער קומען האט מען געוואוסט שוין פון עטלעכע חדשים, אן האבן געפונען אויף זייערע וואוינערטער בלויז שטרויענע כא=טעס און דאס גאנצע מעבל איז דארט באשטאנען פון עטלעכע פלעשער, שיסלען און א האמאק.

דער אינזל סאסען שטעלט מיט זיך פאר א בארג=פלאך מיט א וויסטן צענטער; בלויז אויף די ראנדן געפינט זיך פרוכט=

---

* אוויזא — מיליטערישע מאסט=שיף.

באַרע ערד, וואָס די מאַריסטן * האָבן שוין לאַנג איינגעקויפט און לעבן פון עקספּלאָאַטירן די אָרטיקע איינוואוינער.

אויף צו באַגעגענען די פאַרשיקטע האָט מען קיין שום הכנות דאָרט ניט געמאַכט. די ערשטע פּאַרטיע האָט געבלאָנדזשעט צווישן שטעכיקע געוויקסן; ערשט זייער שפּעט האָט מען זיי, סוף=כּל=סוף, געגעבן געצעלטן, וואָס זיינען פון אָפּטע שטורעמס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שמאַטעס. אַ טייל האָט זיך איינגעגעבן פון אייגענע געלטער זיך אויפצובויען שטרויענע כאַטעס. די אָרטיקע איינוואוינער, וועלכע די מיסיאָנערן האָבן געהעצט, האָבן זיך אָדער באַהאַלטן, אָדער פאַרקויפט עסנוואַרג פאַר מוראדיקע מקחים. די אַדמיניסטראַציע איז מחויב געווען אַלע פאַרמשפּטע צו באַזאָרגן מיט הלבשה, אָבער קיין איין פאָרשריפט איז ניט אויסגעפירט געוואָרן. די היטלען און די שיך זיינען גיך צעטראָגן געוואָרן און דאָס רוב פאַרשיקטע, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין שום מיטלען, זיינען געצוואונגען געווען אין די גרעסטע היצן און אין די רעגנס צו גיין באָרוועס און אָן אַ היטל. עס איז ניט געווען קיין טיטין, קיין זייף, קיין וויין, קיין בראַנפן, אפילו אויף צוצומישן עס צום געזאַלצענעם וואַסער. אַלס עסנוואַרג האָבן געדינט די גרינסן, וואָס די תּפיסה=סאַניטאַרע קאָמיסיע אַפילו האָט אַפּטמאָל אָפּגעוואָרפן, אַחוצדעם חזיר=שמאַלץ און סובאַרעס; זייער זעלטן האָט מען געגעבן אַביסל פליייש מיט ברויט. די פּראָדוקטן האָט מען באַקומען רויערהייט; מען האָט אָבער די פאַרשיקטע ניט געגעבן קיין באַהייצונג, קיין פעטס, אַזוי, אַז דאָס צוגרייטן עסן איז געווען אַן אייביקע צרה.

שומרים זיינען געווען קאַטאָרגע=לייט, אכזריותדיקע און גראָבע שויסן; אָפטמאָל פלעגן זיי זיך אָנשיכּורן און דראָען די געפאַנגענע מיט זייערע רעוואָלווערן; אַ טייל האָט מען אַפילו פאַרוואונדעט. אויפן סאָסען=אינזל, פונקט ווי אויפן דיוקאָ=האַלבאינזל, האָבן די שמירה=לייט, וועלכע האָבן זיך געפונען אין לאַגער,

---

* מיטגלידער פון אַ רעליגיעזער קאָנגרעגאַציע, וואָס איז געגרינדעט אין באָרדאָ אין יאָר 1818.

געהאַט אַ באַפעל צו שיסן יעדן איינעם, וואָס דערנענטערט זיך אויף 50 טריט.

די פּאַרשיקטע, דאָס רוב יונגעלייט, ענערגישע און אַרבעט־זאַמע, מושלמים בכל המעלות, ווי אַלע פּאַריזער פּראָלעטאַריער, האָבן געטאָן אַלץ, אַז דאָס לעבן זאָל זיין צו דערליידן. דער רע־פּערענט וועגן דעם פּאַרשיקונגס־געזעץ האָט געזונגען שבחים די טויזנטער מעלות טובות פון ניי־קאַלעדאָניע: דעם פיש־פאַנג, געיעג, בערג־רייכטימער, און האָט פאַרגעשטעלט דאָס אָרט פון צוואַנג־עמיגראַציע, ווי אַ ניי ווינקל פון דער פראַנצויזישער ממשלה אויפן שטילן אָקעאַן. די גלות־לייט האָבן אַנגעווענדט אַלע כּוחות, אַז דאָס געלויבטע לאַנד זאָל לכל־הפּחות אַ ביסל אויסזען, ווי די היים. זיי האָבן זיך גענומען צו יעדע מין אַרבעט. — די געפאַנגענע פונם האַלב־אינזל, וואָס זיינען געווען אָפּגעשלאָסן אויף דער טויטער ערד, סטאָלערס, שמידן, טאָקערס, שניידערס האָבן גע־שיקט זייערע אויסאַרבעטונגען קיין נומייע. יענע, וואָס זיינען געווען אויפן סאָסען־אינזל, האָבן פאַרגעלייגט זייער דינסט ביים בויען די וואַסערלייטונג און מלוכה־מאַגאַזינען, אָדער ביים שאָסיי. פון 2.000 זיינען בלויז 800 צוגענומען געוואָרן צו דער אַרבעט, און זייער לוין האָט ניט איבערגעשטיגן קיין 85 סאַנטים אַ טאָג. מען האָט זיי געגעבן עטלעכע שטיקלעך ערד, 500 העקטאַר אויף 900 מאַן און פאַר גאָר הויכע מקחים פאַרקויפט זריעה מיט מכשירים. אַ טייל איז נאָך גרויס מי געלונגען אַרויסצובאַקומען פון דער ערד עפּעס אַ ביסל גרינס; אַנדערע ווידער האָבן זיך געווענדט צו די אונטערנעמער און סוחרים פון נומייע. די קאָלאָניע איז אָבער אונטערן דרוק פונם מיליטערישן רעזשים געווען ממש דערשטיקט, געדריקט פון דער ביוראָקראַטיע, האָט געהאַט באַ־גרעניצטע מיטלען, און דעריבער בכוח געווען צו געבן אַרבעט ווייניקער פון 400 מאַן, וואָס פון זיי האָבן אַ טייל, פאַרלאָזן דורך זייערע באַלעבאַטים, געמוזט זיך אומקערן אויפן אינזל סאָסען און לעבן אין גרויס דחקות אין די געדיכטענישן פון די שטעכיקע געוויקסן. „מיר האָבן געהאַט אַ טעות אין די רייכטימער פונם אינזל סאָסען", — האָט איינמאָל מיט אַ פילאָסאָפישן אָנשטעל

אַ זאָג געטאָן דער ים־מיניסטער. — „איך האָב מיט דריי יאָר צוריק אייך וועגן דעם געוואָרנט", — האָט אים געענטפערט זשאָרזש פּערען.

דאָך איז דאָס שוין געווען די גאָלדענע צייט פון דער פּאַרשיקונג. פּלוצלונג איז אינמיטן 73סטן יאָר, ווי שניי אויפן קאָפּ, אַראָפּגעקומען אַ דעפּעשע פונם ים־מיניסטער קיין נומייע. — די ווערסאַלער רעגירונג האָט אָפּגענומען ביי די מלוכה־וואַר־שטאַטן די קרעדיטן. „אויב מען זאָל אָנערקענען דאָס רעכט אויף אַרבעט פאַר די פאַרשיקטע" — האָט ער געזאָגט, — „וועט אונז גאָר אינגיכן אויסקומען איבערצולעבן די סקאַנדאַליעזע געשיכטע פון די נאַציאָנאַלע וואַרשטאַטן פון יאָר 1848". קיין לאַנגישערע זאַך האָט מען שוין גאָר ניט געקענט צוטראַכטן. ווערסאַל האָט ניט געהאַלטן פאַר זיינס קיין חוב צו געבן אַרבעט יענע, ביי וועמען די אַרבעט־מעגלעכקייט איז אָפּגענומען געוואָרן! די וואַר־שטאַטן זיינען געשלאָסן געוואָרן... דער וואַלד, וואָס וואַקסט אויפן סאָסע־אינזל, איז געווען אַ טייערער מאַטעריאַל פאַר שניצער אויף שוואַרץ האָלץ, און אַ טייל פון די פאַרשיקטע האָבן דערפון אויסגעאַרבעט מעבל, וואָס האָט געהאַט אַ גרויס נאָכפרעג אין נומייע. די אַדמיניסטראַציע האָט זיי פאַרווערט אַרויסצופירן די אויסאַרבעטונגען אויפן הויפּט־אינזל... דיזעלבע צייט האָט דער ים־מיניסטער געהאַט די העזה צו מעלדן פון דער טריבונע אַראָפּ, אַז אַ גרויסער טייל פאַרשיקטע האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַרבעט. אין דער אמתן אָבער האָט מען אין משך פון דעמזעלבן יאָר בלויז פאַר אינזשענערישער אַרבעט באַצאָלט די אינזל־געפאַנגענע 110.525 פראַנק.

די אַדמיניסטראַציע האָט פון איין זייט מקצר ימים געווען די פאַרשיקטע און פון דער צווייטער — גערופן זייערע ווייבער אין מיניסטעריום און געמאָלט פאַר זיי די פּראַכטפולסטע בילדער פונם לעבן אין קאַלעדאָניע. זיי וועלן דאָרט געפינען נאָכן קומען אַ הויז, ערד, זריעה, מכשירים, — האָט מען זיי איינגערעדט. דאָס רוב האָט איינגעזען, אַז מען פאַרנאַרט זיי אין אַ פאַסטקע און זיך

אפגעזאגט צו פארן, כל־זמן די מענער וועלן זיי ניט רופן. 69 האבן זיך געלאזט איבעררעדן און מען האט זיי ארייגעזעצט אין „פע־נעלאן" צוזאמען מיט גאסן־פרויען, וואס זיינען אהינגעשיקט גע־ווארן אויף לעבן מיט די קאלאניסטן. בעת זיי זיינען ארויס אויפן ברעג, האבן זיי ערשט דערזען דעם יאושדיקן דלות פון זייערע מענער. די רעגירונג האט זיך אפגעזאגט זיי צו שיקן צוריק.

און אט טויזנטער מענטשן, וואס זיינען געוואוינט געווען צו פיזישער ארבעט און אינטעלעקטועל שאפן, זיינען פארמשפט געווארן צו לעבן אין דחקות פוסט־און־פאס; ארעסטירט, ווער אויפן שמאלן דיוקא־האלב־אינזל אונטערן שטענדיקן אויפזיכט פון א שמירה פון גאלעריקע קאטארגע־לייט, ווער אויפן סאסען־אינזל, פון וועלכן עס זעט זיך אן בלויז דער אנסופיקער ים, אנגעטאן אין שמאטעס, האלב־אויסגעהונגערט, — זיינען זיי געווען פארבונדן מיט דער איבעריקער וועלט בלויז דורך בריוו פון דער ווייטער היים, — וואס זיינען דערצו נאך פארהאלטן געווארן אויף גאנצע דריי וואכן אין נומייע. די אומענדלעכע טרוימען וועגן א בעסערער צוקונפט האבן זיך אויסגעלאזט אין טרויער, און לסוף, פארוואנדלט געווארן אין מרה־שחורהדיקן יאוש. עס זיינען געווען פאלן פון משוגעת און טויט. דער ערשטער קרבן אויפן דיוקא־אינזל איז געווען דער לערער ווערדיור, א קאמונע־מיטגליד, וואס זיין גאנץ פארברעכן איז באשטאנען, לויט מיליטערישן געריכט, בלויז אין דעם, וואס ער איז געווען א „אוטאפיסט־פילאנטראפ". ער האט געחלומט וועגן עפענען אויפן האלבן אינזל א שול, אבער דערויף קיין ערלויבניש ניט באקומען. אן אן ארבעט, ווייט פון אייגענע, האט ער אנגעהויבן צאנקען, ביז ער איז אינגיכן געשטארבן. אין איין שיינעם פרימארגן פון יאר 1873 האבן די גאלערישע קא־טארגע־לייט מיט די מאנאכן דערזען, אז אויף דעם געדרייטן זועגל, וואס גייט צום בית־הקברות, האבן די פארשיקטע געטראגן א מיטה, וועלכע איז באצירט געווען מיט בלומען; אין טיפן שווייגן זיינען נאכגעגאנגען 800 חברים פון דער פארשטארבענעם. „מען לאזט אראפ די מיטה אין קבר אריין", — דערציילט דער פארשיקטער פאסקאל גרוסע, — „איינער פון די פריינד זאגט

עטלעכע געזעגענונגס־ווערטער; איינער נאָכן אַנדערן וואַרפֿן זייערע רויטע בלימלעך אויפֿן באַר־מינן. עס דערהערן זיך אויסגעשרייען: „זאָל לעבן די רעפּובליק!" „זאָל לעבן די קאָמונע!" און אַלץ איז געענדיקט. אין נאָוועמבער איז אויסגעגאַנגען אויפֿן סאָסען־אינזל אַלבערט גראַנדיע, דער רעדאַקטאָר פֿונם „רוף". זיין גאַנצע נשמה איז פֿאַרבליבן אין פֿראַנקרייך צוזאַמען מיט זיין שוועסטער, וועלכע ער האָט פֿאַרגעטערט. יעדן טאָג איז ער געגאַנגען אויפֿן ברעג און געוואַרט אויף איר. דאָס איז געווען זיין משוגעת. די אַדמי־ניסטראַציע האָט זיך אָפּגעזאָגט אים אַריינצונעמען אין אַ שפּיטאָל. איינמאָל האָט ער זיך אַוועקגעכאַפּט פֿון זיינע פֿריינד, וועלכע האָבן אים נאָכגעקוקט, און אינדערפֿרי האָט מען אים געפֿונען אַ פֿאַרפֿרוירענעם צווישן די קוסטעס, ניט ווייט פֿונם וועג, וואָס גייט צום ים־צו. די פֿאַרשיקטע פֿונם סאָסען־אינזל האָבן באַגלייט זיין מיטה. דער גורל פֿון די לעבעדיקע איז געווען נאָך טראַגי־שער. יאַנואַר 1874 זיינען פֿיר פּשוטע פֿאַרשיקטע פֿאַרמשפּט געוואָרן צום טויט פֿאַר שלאָגן איינעם אַ געוויילטן זייערן, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס בוגד, ניט געקוקט דערויף, וואָס ער איז אין עטלעכע טעג אַרום געזונט געוואָרן. דער איינציקער באַ־וויז קעגן איינעם פֿון זיי איז געווען זיין פֿריינדשאַפֿט מיט די איבעריקע דריי. פֿיר סטויפּן זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויפֿן פּליין; די פֿאַרמשפּטע זיינען רויק, באַגריסנדיק זייערע חברים, פֿאַרביי לעבן די מיטות, וואָס מען האָט פֿאַר זיי אָנגעגרייט. דער יינגסטער פֿון זיי האָט באַמערקט, אַז איין זעלנער ציטערט, ווי אין קדחת, האָט ער צו אים אַ געשריי געטאָן: „פֿאַראויס נומער איינס! מער קאַלטבלוטיקייט! מען גייט דאָך ניט דיך שיסן!" די גלות־לייט האָט מען ניט ערלויבט מלווה צו זיין די חברים; און די פֿיר סטויפּן, צו וועלכע עס זיינען שפּעטער צוגעקומען נאָך צוויי, האָט מען אָפּגעפֿאַרבט אויף רויט, און זיי זיינען געבליבן שטיין, ווי די תּליות אין דער צייט פֿון פֿעאָדאַליזם.

די פֿאַרשיקטע אויפֿן דיוקאָ־האַלב־אינזל און אויף סאָסען־אינזל האָבן זיך געקענט טרייסטן דערמיט, אַז זיי וועלן שטאַרבן צוזאַמען מיט זייערע חברים. די אומגליקלעכע, וואָס זיינען אַריינ־

געשליידערט געוואָרן אינם מיסט=קאַסטן פֿונם נו=אינזל, האָבן
אַפילו די דאָזיקע האָפֿענונג אויך ניט געהאַט. „איך קען בלויז
איין קאַטאָרגע=אָרט", — האָט געזאָגט דער רעפּובליקאַנישער מי=
ניסטער וויקטאָר=לעפֿראַן צו אַ מוטער=אַ רעפּובליקאַנערין, וואָס האָט
אים געבעטן לינדערן איר זונס גורל. און באמת, איז געווען
בלויז איין קאַטאָרגע=תּפֿיסה, וואו אַזעלכע קעמפֿער, ווי טרענקע,
אַמורו, דאַקאָסטאַ, טשיפּריאַני, אַלעמאַן, ליסבאָן, לוטשיפּיאַ א.
אַנד. אַזעלכע איידעלע מענטשן, ווי פֿאָנטען, ראָק=דע=פֿילאָל —
אַזוי פֿיל נעמען קומען אויפֿן רעיון, אַז עס וואָלט געווען אָן אומ=
רעכט בלויז די דאָזיקע אויסצורעכענען! — וואו די זשורנאַליסטן,
ווי מאַראָטאַ, בריסאַק, אַלפֿאָנס עמבער, וואו אַזוי פֿיל מענטשן,
וואָס זייער גאַנץ פֿאַרברעכן איז באַשטאַנען אין אויספֿירן באַפֿעלן
וועגן אַרעסטן, — זיינען געצוואונגען געווען פֿון זייער אָנקום אָן
צו זיין צוזאַמען מיט מערדערס, אַמפּערן זיך מיט זיי וועגן חלק,
עסנוואַרג, אויסשטיין פֿון זיי זידלערייען, און טיילמאָל אויך קלעפּ=
צוזאַמען מיט זיי אַרבעטן און שלאָפֿן אויף איין טאַפּטשאַן. פֿאַר
די ווערסאַלער לייט איז ווייניק געווען דער גוף, זיי האָבן באַ=
דאַרפֿט האָבן די אומרויִקע נשמה, זיי האָבן באַדאַרפֿט האָבן אַזאַ
מין מיליע, אַז עס זאָל קומען צו איר אַ סוף. מיט די גאַלעריקע
קאַטאָרגע=לייט איז מען זיך באַגאַנגען, ווי מיט פּשוטע קרימי=
נאַליסטן; דאָס שרעקלעכע באַגיין זיך מיט די פּאָליטישע לאָזט
זיך גאָר=ניט משיג זיין. די אַדמיניסטראַציע האָט געהעצט די
קרימינעלע לייט אויף די קאָמונאַרן. מען האָט זיי ניט געגעבן קיין
ערטער אין די מאַגאַזינען, ניט אין די קאַנצעלאַריעס; דערפֿאַר
אָבער איז אַלעמאָל געווען גרייט פֿאַר זיי דער מוראדיקער איטאַ=
ליענישער קאַרצער. דער קלענסטער חטא האָט גורם געווען
אַ שרעקלעכן עונש: איינצל=קאַמער, פֿאַרקלענערן די ברויט=פּאָר=
ציע ביז אַ פֿערטל, קייטן, קייטלעך אויף די גרויסע פֿינגער, שמיץ.
די קייטלעך האָבן דורכגעריבן די ביינער, פֿון וואָס דאָס געלענק
האָט אָפּגעפֿוילט. יעדן פֿרייטאָג האָט געאַרבעט דער קאַנטשיק.
אויב די דאָקטוירים האָבן אַרויסגעוויזן כאָטש אַ ביסל מענטש=
לעכקייט,— און אַזעלכע זיינען געווען עטלעכע, — האָט די תּפֿיסה=

אַדמיניסטראַציע, וואָס בראש פון איר איז געשטאַנען די שלאַנג שאַריער, מבטל געמאַכט די פאַרגעשריבענע רפואות.

פאַרמשפט אויף גאַלערן, זיינען די קאָמונאַרן באַשטימט געוואָרן אויף די שווערסטע אַרבעטן אויפן הויפּט-אינזל: זיי האָבן אויפגעהויבן ביימער-שטאַמען אויף בערג אָדער איבערגעטראָגן זיי דורך ריזיקע זומפּן. אָפטמאָל האָט מען זיי געצוואונגען ביינאַכט אויפשטיין און שלעפּן זיך אויף די שיף-וואַרשטאַטן. נאָך יענע, וועלכע עס האָט זיך איינגעגעבן צוצוקומען ביז די קוסטעס און זיך באַהאַלטן, האָט מען נאָכגעשיקט קאַנאַקעס *, אַז זיי זאָלן זיי כאַפּן און דערביי זיי באַוואָפנט מיט דרילערס און קאַסטעטן. היות זיי האָבן געהאַט אַן אומגעוויינטלעכן חוש, פלעגן זיי אַלע-מאָל דעם פּליט געפינען און צוריקברענגען און דערביי צובינדן די הענט און די פיס צו אַ שטעקן, ווי אַ חזיר **. בלויז אַ דאַנק אַ גליקלעכן צופאַל האָט זיך איינגעגעבן אויפצוהייבן אַ שפּיצל פון פאַרהאַנג. דעם 28סטן מערץ 1874 זיינען קורד, באַליער, ראָש-פאַר, פאַסקאַל גרוסע, אָליוויע פּען און גראַנוויל אַנטלאָפן פון ניי-קאַלעדאָניע. די הכנות צו דער פּליטה האָבן זייער קונציק געמאַכט זשורד און באַליער אין משך פון זעקס חדשים זיין אויף דער אַרבעט אין נומייע. אַ געוויסער וואַלענשטיין האָט אויף זיך גע-נומען די עובדה צו זיין אַ פאַרמיטלער צווישן זיי און דעם קאַ-פּיטאַן פון דער אַוסטראַלישע שיף ר. ס. ע., וועלכער האָט מסכּים געווען אויפצונעמען איינעם אָדער צוויי פאַרשיקטע לויטן געוויינלעכן פּאַסאַזשירן-טאַריף, ד. ה. צו 250 פראַנק פון אַ פּער-זאָן. זשורד און באַליער, וואָס האָבן געהאַט די נייטיקע סומע געלט, האָבן ניט געוואָלט אַליין אויסנוצן די געלעגנהייט, זיי האָבן זיך דעריבער געזען מיט ראָשפאָרן, פּאַסקאַל גרוסע און אָליוויע פּען, וואָס האָבן זיך געפונען אויפן האַלב-אינזל דיוקאָ, האָבן פאָרגעלייגט דעם קאַפּיטאַן צו נעמען זיי אַלע פאַר 10.000 פראַנק

---

* אָרטיקע איינוואוינער פון ניי-קאַלעדאָניע.

** אַנרי בריסאַק, „זכרונות וועגן דער תּפיסה און קאַטאָרגע.“ אַ. קאַליער: „זכרונות פון אַן אַנטלאָפענעם פון נומייע. אַ ים-רייזע אַרום דער וועלט.“

בתנאי, אז 1.500 פראנק באקומט ער במזומנים, — די איבעריקע ווידער נאכן אנקומען אין אווסטראליע. זשורד צוזאמען מיט גראנ־טילן, וואס האט טאג־טעגלעך געבראכט צו פירן אויף א שיפל עסנווארג אויפן אינזל, האט זיך איינגעגעבן ביי איין נומייעשן סוחר צו באקומען 1.200 פראנק אויף א וועקסל, וואס איז געחתמעט געווארן דורך ראשפאר. אין דער נאכט אויפן 19טן מערץ איז ער צוזאמען מיט באליערן און גראנטילן אוועק דורך דעם פינס־טערן דורכגוס נעמען די איבעריקע חברים, מיט וועלכע מען האט זיך געהאט אפגעשטעלט צו טרעפן ביי אן אינזעלע. דעם שיפל איז אויסגעקומען בייצושטיין פארשיידענע מניעות, איידער עס איז צוגעקומען ביז דער ר. ס. ע. און אויף צומארגס האט די שיף אויפגעהויבן דעם אנקער. אין זיבן טעג ארום זיינען די פליטים געקומען קיין ניוקעסטל און ראשפאר האט דעמאלט דעפעשירט עדמאנד אדאמען און געבעטן אים ארויסשיקן 25.000 פראנק. אדאנק גאמבעטעס השתדלות האט מען געמאכט א זאמלונג צווישן נאענטע פריינד, און זשארזש פערען איז אוועק קיין לאנדאן איבערוויזן דאס געלט דורכן טעלעגראף. אזוי ארום האבן די אנטלאפענע זיך געקענט אומקערן קיין אייראפע.

זיי האבן פאר פראנקרייך אנטפלעקט די גאנצע שרעקלעכע לאגע אין ניי־קאלעדאניע. מען האט זיך דעמאלט דערוואוסט וועגן די עינויים, וואס מען האט אנגעטאן די קאמונארן, וועגן די קיי־טעלעך אויף די גרויסע פינגער, וועגן די שמיץ און דערשיסונגען, וועגן די באליידיקונגען, וואס מען האט בכיוון געווארפן אויף מענטשן, כדי זיי צו קענען אוועקשיקן אין דער קאטארגע־תפיסה. פאר די דאזיקע אנטפלעקונגען האט מען זיך אן די פארשיקטע נוקם געווען. בראלאים מיניסטעריום האט תיכף נאכן דערוויסן זיך וועגן דעם אנטלויפן אהינגעשיקט דעם קאנטר־אדמיראל ריבור, און דאס פינסטערע מקום איז געווארן נאך מאויימדיקער. אלע, וואס האבן פריער געהאט באקומען אן ערלויבעניש זיך צו באזעצן אין נומייע, זיינען איצט אומגעקערט געווארן אויפן דיוקא־האלבאינזל און אויפן סאסען־אינזל; פיש־פאנג איז פארבאטן געווארן, אלע פארחתמעטע בריוו האט מען קאנפיסקירט, מען האט צוגענומען

דאָס רעכט צו גיין אין וואַלד אַריין נאָך האָלץ אויף קאָכן. די שומרים — די קאַטאָרגע־לייט האָבן פאַרטאָפּלט זייער אכזריות: זיי האָבן געשאָסן אויף די קאָמונאַרן, תּיכּף ווי יענע זיינען נאָר אַריבער דעם גבול, אָדער זיי האָבן זיך פאַרשפּעטיקט צו דער באַשטימטער צייט אין זייערע באַטעס. די נומייער סוחרים, וועלכע מען האָט חושד געווען אין מיטהעלפן דער פּליטה, זיינען אַרויס־געשיקט געוואָרן פון ניי־קאַלעדאָניע. ריבור האָט געבראַכט צו פירן די דעמיסיע דעם גובערנאַטאָר לאַ־רישרי, דעם געוועזענעם קאָיענע־גובערנאַטאָר, וועלכער האָט פון זיינער גזילות געמאַכט אַ גרויס פאַרמעגן און זיך קונה־שם געווען אויף אַ סקאַנדאַליעזן אופן. צייטווייליק איז אויף דער דאָזיקער שטעלע באַשטימט גע־וואָרן פּאָלקאָווניק אַלעיראָן, וועלכער האָט זיך ווידער קונה־שם געווען בעת די מאַי־רציחות. ער האָט תּיכּף אַרויסגעגעבן אַ פאַר־אָרדענונג, לויט וועלכער די פאַרשיקטע זיינען מחויב געווען צו אַרבעטן אַ האַלבן טאָג לטובת דער מלוכה און באַקומען דערפאַר בלויז די נייטיקסטע זאַכן: 700 גר. ברויט, 0,01 ליטער פּוטער און 60 טרוקענע וואַרצלען. ניט געקוקט אויף די פּראָטעסטן פון די פאַר־שיקטע, האָט ער אָנגעווענדט האָס דאָזיקע מיטל אַלס פּרווו בנוגע צו 57, צווישן דעם 4 פרויען.

די לעצטע האָט מען פונקט אַזוי געפּייניקט מיטן נייעם רעזשים, ווי די מאַנסלייט, מחמת זיי האָבן געפאָדערט גלייכבאַ־רעכטיקונג. לויזע מישעל, לעמעל און אַנדערע, וואָס זיינען פאַר־משפּט געוואָרן צו קאַטאָרגע־תּפיסה, האָבן געמאָלדן, אַז זיי וועלן זיך נעמען דאָס לעבן, אויב מען וועט זיי אויסטיילן פון די איבע־ריקע פאַרמשפּטע. די זשאַנדאַרמען האָבן זיי מזלזל געווען, דער קאָמענדאַנט פון דיוקאָ־אינזל האָט זיך אין זיינע טאָג־טעגלעכע באַפעלן איבער זיי לוסטיק געמאַכט; זיי האָבן ניט באַקומען קיין פרויען־קליידער און האָבן אָפּטמאָל געמוזט גיין אין מענער־הלבשה. לפּי רוב זיינען זיי געווען יונג און באַחנט. „קיין איין מאָל״, — האָט דערציילט איינער פון זייערע חברים אַנרי באַוער, — „האָבן די דאָזיקע פרויען, וואָס זיינען געווען אַרעסטירט צוזאַמען מיט 800 מאַנסלייט, ניט גורם געווען קיין סקאַנדאַל, קריג און סיכסוכים;

זיי האָבן זיך געהאַלטן ריין און אומבאַפלעקט". אַזעלכע זיינען אויך געווען אויפן סאָסען-אינזל.

מיטן אָנקום פונם נייעם גובערנאַטאָר פּריטצבוער, האָט אין יאָר 1875 זיך פאַרענדיקט אַלעיראַנס גלענצנדע קאַריערע. דער דאָזיקער אָפּטריניקער פון פּראָטעסטאַנטיזם, וואָס איז באַשטימט געוואָרן אין קאַלעדאָניע אַדאַנק די יעזויִטישע שטיקלעך, האָט געפונען אַ מיטל, ווי אַזוי נאָך מער צו פאַרשטאַרקן די פּיין פון די קאָמונאַרן אויף פאַרשיידענע אופנים. ער האָט געפונען שטיצע מצד דעם נומייִשן בישאָף, דעם אַנאַסטאַסיאָפּאָלער מאָנסיניאָר, און דעם זעלבן שאַריער, וועלכער האָט עפּעס געמאָלדן, אַז די מערדער, וואָס זיינען פאַרמשפּט אויף קאַטאָרגע, זיינען בעסער פון די קאָמונאַרן. פּריטצבוער האָט באַשטעטיקט אַלעיראַנס פאַר-אָרדענונג און אַחוצדעם געמאָלדן, אַז עס ווערט אָפּגענומען די פּראָוויזיע ביי אַלע, וואָס זיינען ניט מסוגל געווען אין משך פון אַ יאָר זיך צו שאַפן עקסיסטענץ-מיטלען, און אַז אין אַ צייט אַרום וועט די אַדמיניסטראַציע אויפהערן אַרויסצוגעבן. מען האָט דע-מאָלט געשאַפן אַ ביוראָ פאַר באַציִונגען צווישן די פאַרשיקטע מיט די נומייער סוחרים.

די ביוראָקראַטיע האָט אָבער ניט געקענט אַנטוויקלען קיין מסחר און אינדוסטריע אין אַ לאַנד, וואָס האָט ניט געהאַט דערצו קיין באָדן. ניט געקוקט אויף די פּרעמיעס און מעדאַלן, וואָס די קאָמונאַרן האָבן באַקומען אויף די אויסשטעלונגען, האָבן זיי דאָך קיין קונים ניט געהאַט. אויף די ווייניקער אונטערנעמערישע האָט דער דעקרעט פונם יאָר 1874 זיך אַראָפּגעלאָזט מיט זיין גאַנצער משא. און אין דער אמתן טאַקע זיינען די פּשוטע פאַרשיקטע, וואָס האָבן געהאַט פרייהייט פון באַוועגונג, שיִר ניט געשטאָרבן פון הונגער. ניט געקוקט אויף אַלע שפּיצלעך פון דער אַדמיני-סטראַציע, האָט זיך איר דאָך ניט איינגעגעבן צו באַשמוצן דעם גוטן שם פון די קאָמונאַרן. די מיליטערישע געריכטן האָבן גערן צוגעמישט צו די אמתע קעמפער די געמיינע עלעמענטן — רע-צידיוויסטן און אַרומשלעפּערס, וואָס האָבן זיך אַליין אָנגערופן אָפּפאַל. די קאָמונאַרן האָבן באַרויִקט אַפילו די בייזסטע, און דאָס

קומען אין באַרירונג מיט די בעסערע אַרבעטער האָט גוט גע־ווירקט אויף אַנדערע. אין 1874 איז אויף 4.000 פאַרשיקטע אויסגעפאַלן ניט מער, ווי 13 שטראָפן, פאַר מער אָדער ווייניקער האַרבע חטאים און 83 פאַר עובר זיין אויף דיסציפּלין, שיכּרות און פּרוּוון צו אַנטלויפן. אַזעלכע פּרוּוון זיינען דאָס רוב תּיכּף אין אָנהייב צעשטערט געוואָרן. די פאַרטיידיקער פון פּאַריז זיינען ניט געווען אַזוי גליקלעך אין דעם פּרט, ווי באַזען, וועלכן מאַק־מאַהאָן האָט בעת זיין „ווײַלן אויף זומער־וואוינונג" * געגעבן אַ מעגלעכקייט צו מאַכן פּליטה. און ווי קען מען טאַקע זיך אַנט־שליסן צו לויפן, בעת קיין געלט און קיין פאַרבינדונגען זיינען ניטאָ? פאַר דער גאַנצער צייט זיינען פאַרהאַן אַרום־און־אַרום 15 פאַלן פון אַנטלויפן. אין 75סטן יאָר האָבן ראַסטול, אַ קאָמונע־מיטגליד, מיט זיינע 19 חברים פונם סאָסען־אינזל געפּרוּווט לויפן אין אַ פּשוט שיפל; דער ים האָט אַרויסגעוואָרפן בלויז עטלעכע ברעטלעך און זייערע קערפּערס זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען אין זיינע טיפענישן. אין אַ צייט אַרום זיינען פונם נו־אינזל געלאָפן אויף אַ דאַמף־שיפל טרענקע מיט אַ חבר. מען איז אים נאָכגע־לאָפן; היות זיי האָבן געזען, אַז מען וועט זיי כאַפּן, האָבן זיי זיך געוואָרפן אין וואַסער אַריין; איינער איז דערטרונקען געוואָרן, טרענקען ווידער האָט מען מציל געווען און אומגעקערט אויף קאַ־טאָרגע.

דער גובערנאַטאָר האָט ניט אויפגעהערט זיך לוסטיק צו מאַכן איבער די קאָמונאַרן, ער איז אָבער ניט בכּוח געווען זיי צו ברעכן. בלויז איין לוליע האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ געמיינעם מענטש; אַ באַפרייטער פון טויט־שטראָף, האָט ער געמסרט וועגן דער צוגעגרייטער פּליטה. מאַראָטאָ איז געשטאָרבן דאָרט אָנהייב 75סטן יאָר. די באַגנעדיקונגס־קאָמיסיע האָט לינדער געמאַכט דעם גורל פון סאַטאָרי. פאַר צוויי אַרטיקלען האָט ער געצאָנקט צו 25 יאָר אויף קאַטאָרגע, בעת די ווערסאַלער זשורנאַליסטן, וועלכע האָבן געפאָדערט און זיך דערשלאָגן צו אַ שחיטה, האָבן געבליט אין פּאַריז.

---

* אַ רמז אויף זיין פאַרשיקונג אויפן אינזל סט. מאַרגעריט.

„ס׳איז ניט קיין גרויסע זאך צו שטארבן״, — האט ער געזאגט צו זיינעם א פריינד, וואס איז בייגעווען ביי זיין טויט, — „איך וואלט אבער ליבערשט וועלן דעם סטויס אויף סאטארי, איידער דאס עיפושדיקע געלעגער. חברים, פארגעסט ניט אן מיר!.. וואס וועט עס זיין מיט מיין מוטער?״ ס׳איז ניט אוועק קיין חודש, ס׳זאל עמעצ ניט שטארבן; יאר נאך יאר האט זיך געהערט דער לוויה־גלאק.

אין 1878 איז אנשטאט פריטצבוערן אנגעקומען אלרי, לחלוטין ניט קיין קלעריקאל, האט מען געזאגט, און ווי מען האט פארזיכערט, אן ערלעכער מאן. אבער אויף די קאמונארן, וואס זיצן אין דער קאטארגע־תפיסה, האבן זיך ווי פריער געשיט קלעפ פון שטעקנס, ווי אין פריטצבוערס און לא־רישרים צייטן. די פארשיקטע אויפן הויפט־אינזל האט זיך אויך ניט בעסער גע־לעבט. בעת עטלעכע באגנעדיקטע האבן געבעטן ביים נומייער קאמיסאר ארבעט, וואס זיי האבן אין ערגעץ ניט געקענט גע־פינען, האט ער געזאגט: „גנבעט, וועט איר האבן אויף א לאנגער צייט ברויט״. איינער פון זיי האט זיך געהאנגען. דאס משוגעים־הויז אויפן סאסען־אינזל איז געווארן וואס אמאל פולער.

בלויז זעלטן־ווען זיינען די קרעכצן פון די לעבעדיק בא־גראבענע מענטשן דערגאנגען צו זייערע מיט־חברים, וועלכע עס האט זיך איינגעגעבן צוצוקומען צו דער גרעניץ. די עמיגראציע איז געווארן א אומגעהייער גרויסע, — די ערשטע צייט זיינען געלאפן אלע, ווער עס האט נאר מורא געהאט פאר פארפאל־גונגען און מסירות, און א סך זיינען חדשים־לאנג פארבליבן אין אויסלאנד. פאר אן ערך 3.500 מאן האבן די מיליטערישע געריכטן געמאכט דאס אנטלויפן אומפארמיידלעך. דאס רוב איז אוועק אין דער שווייץ און אין ענגלאנד, — בעלגיע ווידער איז ניט געווען אינגאנצן קיין זיכער ארט. אין ענגלאנד האט מען זיי גאנץ פריי אויפגענומען. דארט האט מען געוואוסט וועגן די ווערסאלער רציחות, און די ענגלענדער האבן זייער גוט פארשטאנען, וואסער טייער שטאף די דאזיקע רדיפות האבן זיי געגעבן. די ארבעטער האבן שנעל געפונען ארבעט, בפרט נאך, אז א סך זיינען געווען

ממש קינסטלער אין זייער פאַך; — די מינצער: באַרע, לאַנדרען, טענס, מענפּרואַ; די פּאָרצעלײַ-מאָלער און פּעכער-באַצירער: לעאָנס, מאַלע, ווילער, ראַנוויע; מעטאַל- און שטיין-גראַווירער: לעבלאָן, דעזוואַז, קליינמאַן; האָלץ- און העלפאַנטביין-קריצער: דיוקלאַ, פּיערלע, פּיקאַווע; מעכאַניקער: לאַנזשוועז, זשאָפּרען, פּעראָן; דראַפּירער: לעמאַן און פּריווע, וואָס האָבן באַצירט ריטשארד אואָלעס פּראַכטפולן פּאַלאַץ; גלאָז-באָמאָלער: ליוזיליע, דיומוסע; שניצער אויף שוואַרץ-האָלץ: גיליאָם, מאָזשאָן, מאַקדאָנאַל; ספּעציאַליסטן פון טעכנישן צייכענען און געוועב-צייכענער: לע מוסי, אַנדרע, פּאָטיע, פּיליפּ; בראָשירער: זשאָאַנאַר און אַנסע; שניידער, באַקאַלײַ-אַרבעטער, שוסטער א. אַז. וו. אַ סך פון די אַרבעטער האָבן אַרײַנגעבראַכט סודות פון אינדוסטריע-צווייגן און באַוואוסטע האַנדלס-אָפּעראַציעס פון פּאַריז. די פּרויען-שנײַדערינס, בלומען-מאַכערינס, מאָדיסטינס, נייטאָרינס — האָבן מיט זייער פיינעם געשמאַק פון געבוירענע פּאַריזערינס לאַנג ניט באַדאַרפט וואַרטן, מען זאָל זיי צונעמען אין די וואַרשטאַטן, כדי צו מאַכן מוסטערן; אַ סך האָבן באַקומען שטענדיקע ערטער. שווערער זיינען געווען די ערשטע שריט פאַר די גלות-לייט, וואָס האָבן קיין מלאכה ניט געקענט — ביוראַליסטן, לערער, דאָקטוירים, שרײַבער; שפּעטער אָבער, נאָכדעם ווי די צייטונגען האָבן געגעבן נאָטיצן, אַז עס איז דאָ אַ גלענצנדע געלעגנהייט ביליק זיך אויסצולערנען פראַנצויזיש, זיינען אונטערגעקומען לעקציעס.

עטלעכע אימפּערישע גלות-לייט, וואָס זיינען פאַרבליבן אין לאָנדאָן, האָבן געהאָלפן די קאָמונאַרן; די לעצטע האָבן, אַגב, אויך געזוכט איינס פאַר דאָס אַנדערע אַרבעט. ביסלעכווייז זיינען אַלע געשטעלט געוואָרן אויף די פיס; אַ סך זיינען געוואָרן באַוואוסט. דאַלוס ריזיקער טאַלאַנט האָט זיך אומגעהייער צעבליט; טיסאָ האָט זיך אינגאַנצן איינגעלעבט מיט די ענגלענדער; מאָנטראַ האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אין די גרעסטע צייטונגען. די געוועזענע קאָמונע-מיטגלידער אַנדריע, לאָנגע, פּראָטאָ, לעאָ מעליע, און פון אַנדערע לאַ-סעסיליא, דאַרדעל, ראָנסיע, באָקיע און רעניאַר האָבן באַקומען אוניווערסיטעט-קאַטעדרעס; באַרער און פּראַנס — אין

דער וואָלוויטשער מיליטערישער אַקאַדעמיע; בריונעל האָט געלערנט אין דער דאַרמוטער מאַטראָסן־שול און זיך פאַרנומען מיט די קינדער פונם פּרינץ פון אועלס. מאַרטען, וועלכער האָט געשענקט דער קאָמונע דעם קוילנוואַרפער, איז געווען דירעקטאָר פון אַ גרויסער פאַבריק אין בירמינגהאַם; צוויי גאַבעלען־ספּעציאַליסטן האָבן איינגעפירט די דאָזיקע אינדוסטריע אין אַלט־ווינדזאָר. זשול וואַלעס, אַ באַגייסטערטער פון דיקענסן, האָט אָנגעשריבן „זשאַק ווענטראַס" און פּאַסקאַל גרוסע — זיינע „אירלענדישע עטיודן", וועלכע גלאַדסטאָן האָט אַזוי געלויבט; ווערמעל האָט נאָך זיינע „אונטערצינדער" און עטלעכע בייסיקע בראָשורן זיך גענומען צו דער געשיכטע פון דער קאָמונע, אָבער די דאָזיקע אַרבעט האָט איבערגעריסן די גרויסקייט־מאַניע. דער מחבר פון דעם בוך האָט אויך אָנגעהויבן זיין אַרבעט.

נאָך דער לאָנדאָנער קאָלאָניע האָט מען שטאַרק נאָכגעשפּירט; די זשענעווער איז געווען די גרעסטע לויט דער צאָל. די שווייצאַרישע עמיגראַנטן האָבן די ערשטע צייט נאָך געמוזט גובר זיין די פאָראורטיילן פון דער פּוריטאַנישער, אַזוי צו זאָגן, סביבה. זיי זיינען טאַקע באמת פאַרשוואונדן, בעת מען האָט נענטער דערקענט די מענטשן, אויף וועלכע מען האָט אויסגעגאָסן אַזוי פיל שמוץ, און נאָכדעם, ווי מען האָט זיך באַקענט מיט דער קונסט פון די דאָזיקע פאַריזער אַרבעטער אין זייער אַ סך מלאכות. אַ סך זיינען געבליבן אין איין אונטערנעמונג די גאַנצע צייט פון זייער זיין אין גלות. אַנדערע זיינען געוואָרן אונטערנעמער; באַנע און אָסטען, געוועזענע קאָמונע־מיטגלידער, האָבן געגרינדעט די גוטענבערגער פאַבריקן; אַלאַוואַן, איינער פון די דעלעגאַטן פון דער מלוכה־דרוקעריי, האָט זיך פאַרנומען מיט דרוקן לוקסוס־אויסגאַבן און וועקסלען פאַר די זשענעווער בענק און סוחרים; קלערמאָן און פאַרע האָבן געגרינדעט אין זשענעווע אַ פאַרפום־פאַבריק; בערטראַן און סענט־עטיען האָבן געגרינדעט אַ סאַליד געשעפט פון האָלץ און קוילן; ווילעטאָן — אַ גרויסן פאַרפום־מאַגאַזין; פּעריע — איינעם פון די בעסטע נייקייט־מאַגאַזינען; מאָרעל פינאָ — אַ מאָדע־מאַגאַזין; וועלטי — אַ מאַגאַזין

פון גרייטע מלבושים; לאַראַ — אַ גרויסן האַנדל פון פאַריזער חפצים; בערטאַ, פּאָלק-קאָמאַנדיר פונם 9טן לעגיאָן, האָט באַקומען אַ באַשטעלונג אויפן ברוינשווייג-דענקמאָל; בערכטאָלד האָט אויסגעבויט פאַר דער קאָאָפּעראַטיווער געזעלשאַפט העכער 150 הייזער; לאַזאָן איז געווען אַ אַנטרעפּרענער; דעקראָן האָט געשאַפן וואונדערלעכע אַרכיטעקטור-ווערק; דער סקולפּטאָר ניקע האָט באַקומען אַרבעט אינם זשענעווער טעאַטער; לאַרזשער האָט געאַרבעט איבער דעם באַשיינען ניו-שאַטעל. שאַרדאָן, אַ קאָמונע-מיטגליד, איז געווען אַ פאָרשטייער פון דער פירמע ראַול פּיקטע, שפּעטער איז ער געוואָרן אַ גרויסער סוחר אין האָיטי; פּענדי, דער געוועזענער שטאָט-פּרעזידענט, איז געוואָרן גאָלד-פּרובירער אין לאָקל. פון אַנדערע קאָמונע-מיטגלידער האָט קלעמאַנס, למשל, באַקומען אַ שטעלע אין איינער פון די גרעסטע בענק; לעפראַנסע האָט צוזאַמען מיט זשוקאָווסקין געלערנט אין טיודיענס גרויס פּאַנסיאָן אין זשענעווע; מאַרטעלע האָט געלערנט צייכענען אין דער שטאָטישער שול אין שאָדע-פאָן; דער בראָנזירער קיפּנער האָט גענומען אָנטייל אין דער פּראָפעסיאָנעלער שול, וואָס די זשענעווער רעגירונג האָט געגרינדעט. לעגראַנדע איז געווען דער גענעראַל-סעקרעטאַר אין דער אייזנבאַן-געזעלשאַפט אין מערב-שווייץ, וואו עס איז אויך געווען פּאָל פּיאַ; מאַקסים ווילִיאַם האָט אָנטייל גענומען אינם דורכפירן דעם סען-גאָטאַרדער-טונעל. מאַליאָן האָט זיך ווייטער פאַרנומען מיט זיין פאַך און געשריבן „די דריטע מפּלה פונם פּראָלעטאַריאַט", דערביי האָט ער אויך צוגעגרייט זיינע עטיודן איבער פּאָליטישער עקאָנאָמיע. אַרטור אַרנו, לעפראַנסע, שיבעלע, מאַקסים ווילִיאַם האָבן געשריבן דערציילונגען, זכרונות און אַנדערע באַשרייבונגען פון דער פּאַריזער קאָמונע. אין קלאַראַן האָט עליזע רעקליו, וועלכער איז אַרויסגעריסן געוואָרן פון די ווערסאַלער לייטס נעגל אַדאַנק דער פּעטיציע פון די באַרימטסטע געלערנטע אין אייראָפּע, ווייטער געשריבן זיין הויפּט-אַרבעט — „די אַלוועלטלעכע געאָגראַפיע"; קורבע, וואָס האָט געוואוינט אינם פּעלצער-שלאָס, האָט זיך צוריק קונה-שם געווען דורך אַ ריי מייסטערהאַפטע קונסט-ווערק; דער שטאָט-

וואו ער האָט אָפּגעריכט גלות, האָט ער געשענקט אַ וואונדערלעכע סטאַטוע פון דער רעפּובליק, וואָס דאָס ראָטהויז האָט אַוועקגעשטעלט אויף אַ פּלאַץ.

פון די דריי הויפּט=קאָלאָניעס, איז די בעלגישע, ניט געקוקט אויף דער שטרענגסטער אויפזיכט, געווען ניט ווייניקער אינטערעסאַנט. די פּליטים זיינען דאָ אויפגענומען געוואָרן בסבר פּנים יפות ניט בלויז דורך די בעלגישע פרייהייטס=קעמפּער — בּרימע, פּיפּ, העקטאָר דעני, זשאַנסען, גריף א. אַנד., — נאָר אויך דורך די גלות=לייט פון דער אימפּעריע — דאָקטאָר וואַטאָ, בּואַשאָ, בעריו, לאַסעדאַ א. אַנד. די באַרימטע אַרכיטעקטאָרן און גרויסע אונטערנעמער האָבן געפונען אין די עמיגראַנטן גלענצנדע געהילפן פּונקט דעמאָלט, ווען בריסעל האָט זיך געהאַלטן ביי באַנייען. דער געהילף=מייסטער גיאָם — וואָס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן בראש פון די אַרבעטן פונם נייעם געריכטס=בנין, פּערע — וואָס האָט אויסגעבויט די מלוכה=אַראַנזשערייען, מישעוואָן — דער בויער פון איינעם פון די אָריגינעלסטע הייזער, די האָלץ=שניצער און סקולפּטאָרן, ווי לערו, מאַרטעל און מערע, אַ מייסטער אין זיין פאַך, — זיי אַלע האָבן אין אַ גרויסער מאָס מיטגעווירקט דער אייגנטימלעכער אָריגינאַליטעט פון די בולוואַרן און דער פּראַכט פון די אַלעען פונם מאָדערנעם בריסל. איצט באַווייזן זיך אויך נאָך אַלבערט ריקאָס און אָסקאַר פראַנסעס גרויסע ווערק; פּעראַשאָן, איינער פון די גרינדער פונם אינטערנאַציאָנאַל, האָט געגרינדעט אַ פאַבריק פון קונסט=בראָנז; פּערסאָן האָט איינגעפירט די מעכאַנישע בעטן און שטולן=אינדוסטריע; די ברידער טאַנטאַ — די ברעזענטן=אינדוסטריע; פּאַטאַ האָט באַקענט בעלגיע מיט כראָמאָליטאָגראַפיע. די קענער פונם גראַוויר=פאַך, אַ שטייגער גאַסען; די יובילערן דעטאַיל, דעליאַ, טאַליע, די צייכענער אָברי, דיסער, דעוויען, די רעכנמייסטערס פּאַליע, בוי, דאַמאַל, סאַרעל — האָבן זיך געפונען אַרבעט. עס זיינען געווען צווישן די גלות=לייט בוךדרוקער און דרוקעריי=אַרבעטער: דעבאָק, מערע, מאַרסילי; אינזשענערן, ווי אַנרי פּריודאָם, איריב; אַ סך קאָמערסאַנטן: באַיאָדיומעניל, דער געוועזענער מער פונם IXטן קרייז; בעאָן, איינער

פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון די ליציטאַציעס אויף די בריסעלער הויפּט־מערק, בערנאַר — אַן אונטערנעמער־בוימייסטער, טיריפּעק, אַ רעדנער, וואָס איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ רעדע בעת דער פראַנק־מאַסאָנישער מאַניפעסטאַציע. דער פעבטערייִ־ און באָקס־לערער שאַרלעמאַן האָט קולטיווירט אין זיינע שילער קריגערישן גייסט. אַנדערע זיינען דרייסט געגאַנגען אינם קאַמף פאַר דער עקסיסטענץ און האָבן זיך פאַרנומען מיט פלעכטן קוישן פון ווערבע־צווייגן. פונקט ווי אין לאָנדאָן און זשענעווע, האָבן די פרויען, אַלס מאָדיסטינס און שניידערינס, געבראַכט צו פירן פאַריזער געשמאַק. פון דער צייט אָן האָט מען אין בעלגיע אָנגעהויבן פאַבריצירן קונציקע און פיינע „אַרטיקל דע פּאַרי", פאַר וועלכע אייראָפּע האָט אונז גע־צאָלט אַזאַ פּזרונותדיקן צינז.

אין דער בעלגישער קאָלאָניע, ווי אין די איבעריקע, זיינען געווען אויך פּראָפעסאָרן און שרייבער. דער מחבר פון די „הע־בערטיסטן" און „מאַלאַכיזם" טרידאָן, אַ געוועזענער קאָמונע־מיט־גליד, איז אינגיכן נאָך זיין אָנקום געשטאָרבן. אַקאָנען האָט גע־לייענט לעקציעס איבער רוימיש רעכט, איידער ער איז געוואָרן דירעקטאָר פון אַן אַסעקוראַציע־געזעלשאַפט; לעוועררע, דער מחבר פון „אַסאַמבלע פּאַרלאַנס" און אַלזייטיק געבילדעטער מענטש, האָט געמאַכט פאַרן ליעזשער אוניווערסיטעט צייכענונגען איבער אַנאַטאָמיע און מיקראָגראַפישע אַרבעטן פון גרויסן וויסנשאַפט־לעכן ווערט. צווישן די זשורנאַליסטן זיינען געווען: ראַנק, וואָגאָן, טאַבאַראָ, שעראַדאַם, גאַלי, פערדינאַנד דעליל, דרילאָן, זשול מעיִס, זשאָרזש קאַוואַליע. זשורד איז אויך געקומען קיין בריסל, נאָכדעם ווי מען האָט אים אַרויסגעטריבן פון עלזאַס.

עטלעכע עמיגראַנטן — געוועזענע קאָמונע־מיטגלידער—אַווי־ריאַל, לאַנזשעווען און סענבאַל, איינער פון די בעסטע תּלמידים פון פּאַריזער פּאָליטעכניקום — האָבן געגרינדעט אין יאָר 1874, לעבן שטראַסבורג, אין שילטיגהיים אַ גרויסע מעכאַנישע פאַבריק, וואו אויך זשורד האָט זיך איינגעאָרדנט אַלס רעכנמייסטער. די געשעפטן זיינען אַוועק גוט; אָבער מאַק־מאַהאָנס רעגירונג האָט

געפאדערט זיי צו באזייטיקן *, ביסמארק האט פארגעשטעלט די עמיגראנטן א באפעל ארויסצופארן און משך פון 15 טעג. בחינם האבן יענע געטענהט, אז דאס ליקווידירן די געשעפטן אין אזא קורצן טערמין איז געגליכן צו חורבן; בחינם האט א ריזיקע צאל שטראסבורגער און שילטיגהיימער אינדוסטריעלער געשטיצט זייער מעלדונג, — ניט געקוקט דערויף, וואס אפילו די קאנסערוואטיווע „שטראסבורגער צייטונג" האט גערעדט וועגן זייער איידלקייט און מודה געווען, אז „זיי האבן זיך געהאלטן שטיל און באשיידן" **, האבן זיי געמוזט אפטרעטן פאר מאק־מאהאנען, וועלכער האט נאכאמאל גערופן די דייטשן קעגן די קאמונארן.

עסטרייך האט געטאן נאך בעסער ווי פרייסן, — עס האט צונויפגערופן אויף א קאנגרעס די גאנצע פאליציי, כדי לחלוטין אויסצורוימען פון אייראפע די קאמונע־טועד. אין ווין איז געווען זייער ווייניק עמיגראנטן, — עטלעכע פראפעסארן, ווי למשל, סאקס ראזשאר, בארע, וועלכן עס האט ארויסגערופן פון לאנדאן די גרעסטע פירמע פון מינצערײ־ארבעטן, דער מחבר פון דער שויץ־בלעך, וואס האט פיגורירט אויף דער אויסשטעלונג אין יאר 1878. לויטן קייזערלעכן רעסקריפט זיינען זיי ארויסגעשיקט גע־ווארן; ראזשאר, בנוגע צו וועלכן עס איז ניט געווארן אנגע־ווענדט דאס אלגעמיינע מיטל, איז אייגנווויליק אוועק נאך זיינע חברים אינם נייעם גלות אריין. האלאנד האט געזען עמיגראנטן בלויז פארבייגייענדיק, אין 1872 אויפן קאנגרעס פונם אינ־טערנאציאנאל אין האג. זינט דער מלחמה און קאמונע איז דער צענטראל־קאמיטעט, וואס האט זיך געפונען אין לאנדאן, פאר־וואנדלט געווארן אין א פיקציע; די פראנצויזישע סעקציע איז פארשוואונדן; די ענגלישע דעלעגאטן, וואס זיינען געווען פאר־בונדן מיט זייער אייגענעם עתיד, זיינען ארויס פון דארט; אין דער שווייץ האט באקונין געשאפן זיין אייגענע ארגאניזאציע. די זיצונגען פונם קאנגרעס זיינען געווען זייער שטורמישע, און מיט

* „עלזאסער אינדוסטריעלער", 5 אפריל 1876.

** „עלזאסער צייטונג", 29 מערץ 1876.

אַ רוב דעות איז דורכגעגאַנגען דאָס אויסשליסן באַקונינען מיט זיינע אָנהענגער. דער אינטערנאַציאָנאַלער פאַרבאַנד איז צעבראָכן געוואָרן. דער קאָנגרעס האָט עס זייער גוט פאַרשטאַנען, בעת ער האָט אין אַ יאָר אַרום באַשטימט אַלס אָרט פונם צוזאַמענפאָר ניו-יאָרק. די אומשטערבלעכע אידעע, וואָס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אין יאָר 1864, האָט באַדאַרפט באַקומען אַ נייַ געשטאַלט.

דאָס לעבן פון די גלות-לייט פון דער קאָמונע האָט ניט קיין פּאָליטישע געשיכטע. — זיי האָבן ניט געקענט די לעבער-לעכע זייט פון די פריערדיקע עמיגראַציעס, וואָס האָבן זיך אויס-געדריקט אין אומצאָליקע מאַניפעסטן. זיי האָבן זיך צונויפגעזאַמלט בלויז לשם זעלבסטבילדונג אָדער כדי צו פייערן דעם 18טן מערץ. זייער איינציקער טרוים איז געווען, בעת עס האָט זיך פאַרשפּרייט דער קלאַנג וועגן שאַמבאָרס אומקערן זיך, צוריק צו קומען קיין פראַנקרייך און פאַרטיידיקן די זעלבע רעפּובליק, וואָס האָט זיי גערודפט. אין זייערע אויפרופן איז געזאָגט געוואָרן בלויז וועגן די פאַרגעסענע דורך די פאַריזער קאָמיטעטן מאַרטירער פון נייַ-קאַלעדאָניע.

נאָכדעם ווי די רעגירונג האָט פאַרטריבן אַזוי פיל פאַר-שיידנאַרטיק באַגאַבטע מענטשן, האָט זי, פּונקט ווי אין די צייטן פון די רדיפות אויף די פּראָטעסטאַנטן פאַר לוי דעם XIVטן, ניט בלויז אַריבערגעוואָרפן קיין אויסלאַנד די פאָלקס-אוצרות און אי-בערגעגעבן אונזערע קאָנקורענטן די סודות פון אונזערע מלאכות, נאָר אויך אָפּגעשטעלט אויף לאַנג דעם עקספּאָרט פון די פיינסטע זאכן, — און אָפּגערויבט ביי פראַנקרייך זיין שטאָלץ. ניט געקוקט אויף די מניעות פון די ערשטע שריט, אויף די קראַנקהייטן און אַרבעטסלאָזיקייט, קעגן וועלכע עס האָבן זייער שלעכט געהאָלפן די הילף-געזעלשאַפטן, זיינען די קאָמונאַרן ביי זיך ניט אַראָפּגע-פאַלן. זיי זיינען קיין איין מאָל ניט באַשולדיקט געוואָרן אין אומ-אָנשטענדיקע מעשים; ס'איז קיין איין פאַל ניט געווען, אַז אַ פרוי זאָל פאַלן, הגם זיי האָבן מער פאַר אַלע געליטן. צווישן טויזנטער

עמיגראַנטן קען מען אָנווייזן אַ פיר=פינף שפּיאָנען; בלויז לאַנדעק און וועזיניע האָבן אַרויסגעגעבן אַ טאָג=בוך פון מסירות. די נקמה האָט לאַנג ניט געלאָזט אויף זיך וואַרטן, מחמת די עמיגראַנטן זיינען געווען אַזוי ווייט פיליק אין פראַגן, וואָס זיינען נוגע אַ גוטן שם, אַז איין געוועזענער קאָמונע=מיטגליד האָט געמוזט געבן ער=קלערונגען וועגן הילף, וואָס ער האָט באַקומען פון לינקע דעפּו=טאַטן. פאַרשטייט זיך, אַז צווישן די עמיגראַנטן פונם 71סטן יאָר זיינען אויך געווען קעגנערישע קרייזלעך און היימישע עגמת=נפשן, — מחמת אַלע עמיגראַנטן זיינען דאָך בטבע פאַרגאַלט, — אָבער אַלע פלעגן זיי זיך צונויפקומען ביים קבר פון אַ חבר און=טער אַ רויטן צודעק און אַלעמענס נשמות האָבן גלייך געוויינאָגט פאַר דער היים, צוקוקנדיק זיך צום קאַמף, וועגן וועלכן מיר איז נאָך פאַרבליבן צו דערציילן, כדי צו ערקלערן זייער צוריקקער קיין פראַנקרייך און אַן איבעריק מאָל צו דערווייזן, אַז זייער זאַך איז פאָרט אַ גערעכטע.

זיבן־און־דרייסיקסטער קאַפּיטל

„אינם קבר — איז דער בר־מינן, —
די אידעע לעבט".

וויקטאָר הוגאָ.

די שלימולדיקע פאַרזאַמלונג. — מאַק־מאַהאָנאַט. — חסדים. — דער גרויסער צוריקקער.

פאַריז איז צעטרעטן געוואָרן, די אַרמיי האָט אָן פּראָטעסט זיך אונטערגעוואָרפן דער רעגירונג, מצד דער קירך איז באַוואָרנט פּולקומע שטיצע, די גאַנצע נאַציאָנאַלע גוואַרדיע איז פונאַנדער־געלאָזט. פאַרוואָס־זשע האָט ביי דעם אַלעם די דאָזיקע אויף צוויי דריטל ראַיאַליסטישע פאַרזאַמלונג ניט פאַרווירקלעכט איר טרוים? זי האָט זיך ערקלערט פאַר אַ גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, — איין דאָר־פּישער דעפּוטאַט האָט אַפילו געזאָגט, ווענדנדיק זיך צו די לינקע: „מיר ווילן שאַפן פאַר דעם לאַנד געזעצן קעגן אייער ווילן און ניט רעכענענדיק זיך מיט אייך, אויב דאָס וועט זיין נייטיק". זי איז מסוגל געווען צו קוקן דעם 5טן יולי אויף גראַף שאַמבאָר מיטן מאַניפעסט אין דער האַנט, — פאַרוואָס־זשע, בעת זי איז געווען אין דער שפּיץ פון איר מאַכט, נאָכדעם, ווי זי האָט געוואונען די פאַרטיע, האָט זי ניט געמאַכט דעם לעצטן שריט?

דאָס לאָזט זיך אויסטייטשן דערמיט, וואָס צווישן באָרדאָ און ווערסאַל איז אַ סך וואַסער אָפּגעפלאָסן, וואָס די פּראָווינץ איז אַוועק ווייט פאָראויס נאָך די אַפּרילישע רעפּובליקאַנישע וואַלן פון 71סטן יאָר; דערמיט, וואָס דער פאַריזער קאַמף האָט געוויזן איר דעם תהום, אין וועלכן מען האָט זיי אַריינגעשליידערט; וואָס אין דעם זעלבן חודש יולי פון 71סטן יאָר האָבן 44 דעפּאַרטאַ־

מענטן אויף הוספה־וואלן אין דער גרויסער פארזאמלונג. דורכגעפירט מיט א רוב דעות רעפובליקאנער; דערמיט, וואס אפילו אינם טעראריזירטן פאריז האט מען פון 21 נייע דעפו־טאטן אויסגעוויילט 4 מאנארכיסטן, און פון אלע 100 נייע דעפו־טאטן האט זיך איינער געפונען א לעגיטימיסט; מיט איין ווארט, — דערמיט, וואס טויזנטער פעדעראליסטן, וועלכע האבן געקעמפט אויף די גרויסע באריקאדן פון פאריז, קעגן וועלכע עס זיינען געווענדט געווארן אלע אנשטרענגונגען פונם שונא, האבן מיט זייער העלדישן ווידערשטאנד, מיט זייער טויט פאר דעם רעפוב־ליקאנישן פראנקרייך אפגעהיט דעם קערן פון זייער ארמיי.

ווען פאריז זאל געווען אנטוואפנט ווערן דעם 18טן מערץ, וואלט עס געהייסן א שנעלער טריומף פון דער מאנארכיע; די רעפובליקאנער זיינען ניט בכוח געווען מיט איר צו קעמפן; אין דריי חדשים ארום איז פאריז געווען צעטראטן, די ראיאליסטן זיינען געצוואונגען געווען צוריקצוטרעטן, — דאס רעפובליקאנישע פראנקרייך האט אויבדאסניי געקענט צונויפזאמלען קעגן אים די כוחות. און הגם די רעפובליקאנער האבן נאך די דארפסלייט ניט געקענט דערשטיקן, דאך האבן זיי נאך די יולי־וואלן שוין געמאכט די מלוכה־איבערקערעניש פאר אוממעגלעך; די פאר־זאמלונג איז שוין ניט בכוח געווען אונטערצודריקן פראנקרייך און די ראיאליסטן זיינען בלויז בכוח געווען אויסצופרובירן זיין סבלנות.

אט־אזא מין מצב הענינים האט זיך איינגעשטעלט אויף גאנצע 4 יאר. — זיי האבן ענדגילטיק ערקלערט ווערסאל פאר א הויפט־שטאט; די עקסט־לינקע דעפוטאטן האבן געהאט די העזה צו פא־דערן אמניסטיע און זיינען געבליבן מיט זייער 30 זילבער־שטיקער, ווי יהודה־איש־קריות. די ארלעאנישע פרינצן, וואס מען האט ביי זיי צוגענומען 40 מיליאן, וועלכע די אימפעריע האט גראד קאנ־פיסקירט, האבן פארנומען זייערע ערטער אינם רעכטן צענטער. אין מערץ 1872 האבן זיי, אונטערן תירוץ, אז מען זוכט דעם אינטערנאציאנאל, פארפלייצט די ווארשטאטן און פריוואטע דירות מיט שפיאנען; לסוף איז אנגענומען געווארן דאס געזעץ וועגן

פאַרשיקונגען. גאַמבעטאַ, וועלכן מען האָט ווידער דערוועלט אין דער פאַרזאַמלונג, איז געוואָרן דער לידער פון דער רעפובליקאַנישער פאַרטיי; ער האָט ניט אָנערקענט פאַר די דאָרפישע דעפוטאַטן דאָס רעכט אַרויסצוגעבן געזעצן, האָט אַ ביסל צו שפּעט אַרויסגעזאָגט זיין אַכטונג צו פאַריז און גערופן שיקן די דאָזיקע פאַרזאַמלונג צו די קברנים *; די פאַרזאַמלונג האָט צוויי מאָל איבערגעגעבן העד טיערן צו געבן אים אַ רעכטן חלק. די דאָרפישע דעפוטאַטן האָבן געוואָלט עפּעס מער, — זיי האָבן פאַרלאַנגט אַ „קעמפערישע רעגירונג" און דעריבער האָבן זיי מבטל געמאַכט די צענטראַלע ליאָנער מעריע, האָבן געצוואונגען דעם פרעזידענט גרעווי זיך אָפּצוזאָגן פון זיין פּאָסטן, און אָנשטאָט אים באַשטימט דעם קריגערישן רעאַקציאָנער ביופע. דעמאָלט האָבן די פאַריזער, אויס נקמה פאַר ליאָן קעגן העד טיערס קאַנדידאַט, וועלכער האָט אויף זיי אַלע מאָל געוואָרפן אַן אימה, אויסגעקליבן אַלס דעפוטאַט זייער מער באַראָדע; און די דאָרפסלייט האָבן ווידער פון זייער זייט באַשטראָפט העד טיערן פאַר זיין ניט קענען אַ צווייט מאָל מצח זיין פאַריז. און דעם 24סטן מאַי 1873, פונקט אין צוויי יאָר אַרום נאָך די מאַסן=הריגות, האָט זי אַרויסגעשליידערט דעם זקן, ווי אַן אויסגעדריקטע ציטרין. דער מענטש, וואָס האָט געשאַפן לוי=פיליפן, וועלכער האָט געשטיצט לוי=נאַפּאָלעאָנען און מציל געווען די ווערסאַלער פאַרזאַמלונג, איז פון איצט אָן געוואָרן אַן אָביעקט פון חוזק און רכילות מצד זיינע אייגענע פראָטעזשעס. מאַק=מאַהאָן, וועלכער האָט דעם 24סטן געשוואָרן, אַז ער וועט קיינמאָל ניט זיין קיין קאָנקורענט זיינער, האָט דעם 25סטן פאַרנומען זיין שטול.

דער דאָזיקער העד, וואָס איז אייביק אַריינגעפאַלן אין אַ שלימזלדיקער לאַגע, האָט געטרוימט וועגן אַ רעזשים אָן אַ נאָמען, וואָס זאָל באַזייטיקן דאָס פאָלק פון מיט=אָנטייל און נייטראַליזירן די מאָנאַרכיסטישע פאַרטייען, — איינשטעלנדיק אַ בורזשואַזע אָליגאַרכיע אונטער זיין פּראָטעקטאָראַט, — מיט איין וואָרט, אַן אָרדענונג, וועלכע ער האָט אָנגערופן „רעפובליק אָן רעפובליקאַנער".

---

* אַ רמז אויף דער גרענאָבלער רעדע.

די לינקע זיינען נאָכגעגאַנגען נאָך אים; זיי האָבן מסכּים געווען ניט בלויז אויף אַ רעפּובליק אָן רעפּובליקאַנער, נאָר אויך אויף אַ רעפּובליק קעגן רעפּובליקאַנער.

דע=בראָלאַי, מאַק=מאַהאָנס פּרעמיער, האָט איינמאָל געהייסן איבערגעבן אָט=וואָס: „מען קען ניט דערלאָזן קיין שום אַטענטאַט אויף די עקסיסטירנדיקע געזעצן און אַנשטאַלטן"; און באמת טאַקע, האָט עס ניט געטויגט; די עקזיסטירנדיקע געזעצן האָבן דערלאָזט צו אַ גרויסער בלוט=פאַרגיסונג, און קיין רעפּובליקאַנישע אַנשטאַלטן זיינען שוין ניט געווען. עס האָט געאַרבעט בלויז די אַדמיניסטראַציע, וואָס איז לויט איר צוזאַמענשטעל געווען רעאַקציאָנער, וועלכע איז איבערגעגעבן געווען אַזאַ פאַרזאַמלונג, וואָס בעלע, מאַק=מאַהאָנס אַ צווייטער מיניסטער, האָט איר כּלאחר=יד געגעבן זייער אַ טרעפלעכן נאָמען: „די פאַרזאַמלונג פון דער אומגליקלעכער צייט". די גייסטלעכע האָבן די ערשטע געפאָדערט נייע רעכט — זיי האָבן פאַרבאָטן ציווילע לוויות, האָבן זיך דערשלאָגן צו פאָלק=גלחים, ווי פריער, — און היות זיי האָבן שוין ניט געקענט באַנייען די מיסיעס פון די רעסטאַווראַציע=צייטן, האָבן זיי געצוואונגען ארויסצוגעבן אַ געזעץ וועגן אויפבויען אַ קאַטעדרע אויפן מאָנמאַרטר, וואָס זאָל הערשן איבער פּאַריז.

די אָרלעאַנישע פּרינצן האָבן געמיינט, אַז זייער צייט איז געקומען, זיינען זיי אַוועק אין פראָסדאָרף, זיינען דאָרט געפאַלן כּורעים פאַר גראַף שאַמבאָר און אים געזאָגט: „נאָר איר זייט מסוגל צו זיין קיניג!" דער גענעראַל שאַנגאַרניע האָט איבערגעחזרט זיין רעפרען: „מיר וועלן אָפּמעקן די דאָזיקע געמיינע חברה פון דער ערד!" די ראָיאַליסטן האָבן זיך געפּילט, ווי בעת דער קאָראָנאַציע. גראַף שאַמבאָר איז געקומען קיין ווערסאַל; לכּבוד דער געשעעניש האָבן זיי געקויפט אַ פּראַכטפולן געשפּאַן און געמאַכט אַ גרויסאַרטיקע סעודה.

דערביי האָט מען לחלוטין פאַרגעסן אָן דעם גוטן מאַרשאַל=פּרעזידענט, וואָס איז פאַרן ווערן לעגיטימיסט — דאָס גאַנצע לעבן געווען אָנהענגער פון זיין אייגענער פּערזאָן. ער האָט געבעטן די פאַרזאַמלונג צו פאַרלענגערן זיינע פולמאַכטן און האָט

זייער קאלט געמאלדן דעם עלטסטן פון דער „קיניגלעכער" שמירה: „בחינם שטעלט ער זיך איין, — די שאספא וועלן אליין אנהייבן שיסן". די ראיאליסטן האבן זיך געבעטן רחמים ביים פרינץ פונאנדערצווויקלען זיין פאן. דער דאזיקער פעטער און רייכער פעאדאל, וואס האט געהאט ערפאלג ביי זקנות, האט פארגעפילט די קומענדיקע קאמפן אפילו מיט זיינע אייגענע באנעז, — האט ער דעריבער ליבערשט געוואלט זיין א פארטרעט אין א גוטער ראם און זיך זייער פיין איינגעהילט אין דער ווייסער פאן פון היינריך דעם VI, וועלכער איז געווען א סך א קליגערער און אנטשלאסענערער מענטש פאר אים און צוליב דעם פראנצויזישן טראן זיך אפגעזאגט ניט בלויז פון זיין פאן, נאר אויך פון זיין גאט. שאמבאר האט זיך פארנייגט פאר זיי און אנגערופן מאק־מאהאנען — דער מאדערנער באיאר. און באיאר האט אים געפירט פאר דער נאז — ווייניק טרעפן זיך אפילו צווישן קלוגע מענטשן אזעלכע רמאות־לייט, ווי דער דאזיקער גראבער קאפ — און זיך דערשלאגן צו דער מאכט דעם 19טן נאוועמבער 1873 אויף זיבן יאר.

פאר מאק־מאהאנען האט זיך דער טעראר פארשטארקט. דע־בראלאי האט מאסנווייז אפגעזאגט באאמטע פון די שטעלעס; מען האט ווידער איינגעפירט ערבות־געלט פאר צייטונגען, אבער די רעפובליקאנישע בלעטלעך זיינען כסדר ארויסגעגאנגען אין א גרעסער צאל; מען האט זיי גערודפט. מען האט באנייט די רדיפות אויף די פאריזער און פראווינציעלע קאמונארן. די מיליטערישע געריכטן האבן אנגעהויבן אויסגראבן אלטע פראצעסן און צו זיי זיינען אויך אריבער די ענינים, וואס פריער פלעגן זיי באטראכטן געוויינלעכע געריכטן. — דער געוועזענער קאמונע־מיטגליד ראנק איז אויסגעוויילט געווארן אלס דעפוטאט פון ליאן; מען האט אים פארמשפט אויף טויט; דער זעלבער גורל האט אויך געטראפן א צווייטן דעפוטאט מעלוויל־בלאנקור, וואס איז געווען א מיטגליד פון דער דעלעגאציע ביים מלחמה־מיניסטעריום; עטלעכע מענטשן, וואס מען האט פארמשפט אויף פארשיקונג, צווישן זיי ראשפאר און ליוליע, זיינען נאך פארבליבן אין פראנקרייך; מען האט זיי פארשיקט אין ניי־קאלעדאניע.

אינגיכן זיינען אלע גזעלשאפטלעכע קלאסן געוואָרן אויפ־געררודערט. פראנקרייך, וואָס האָט איבערגעלעבט דעם בראָך פון אלע זיינע אנשטאלטן, האָבן באדארפט האָבן אינערלעכע רו: אויף די רעפעראטן פון די האנדלס־קאמערן האָט דער מארשאל געענטפערט: „אין זיבן יאָר ארום וועל איך קענען צווינגען אכטן דעם רעזשים". דער דאזיקער רעזשים איז פארקערפערט געוואָרן אין די אימפעריעשע באאמטע, וועלכע האָבן אלץ נאָך זיך נוקם געווען אין די רעפובליקאנער.

זייער קייזער איז געשטאָרבן דעם 9טן יאנואר 1873 — דער לעצטער טערמין, וואָס איז באשטימט געוואָרן אין דעלעקליוזס „אויפוואכונג", — אין טשיזלהערסט, אין א הויז מיט אן איידעלן דעוויז: „Potius mori, quam foedari" (ס'איז בעסער צו שטאַרבן, איידער צו פארראטן), וואָס פאסטן זיך צום בעסטן פאר דעם, וואָס האָט זיך אונטערגעגעבן אין סעדאן. אין משך פון צוויי יאָר האָט ער געשטיצט די ציימונגען און דעם קאמיטעט, וואָס בראש פון זיי איז געשטאנען רוע, וועלכער איז אויסגעוויילט געוואָרן אלס דעפוטאט, האָט אויפגענומען כלערליי דעפוטאציעס און אונטער־געשטעלטע ארבעטער, וואָס אמיג האָט געבראכט צו פירן, און פון אמתע אָפיצירן, — און איז געשטאָרבן נאָך אן א אָפעראציע, וואָס איז אים געמאכט געוואָרן א טאָג פארן טויט. זיין טויט האָט צוגע־געבן מוט זיין פארטיי, און די פּאָליאריקייט פון זיין זון איז דעם 15טן מערץ 1874 געפייערט געוואָרן מיט גרויס פאראד דורך אלע גרויסע לייט פון דער אימפעריע און גרויסער צאל אָפיצירן, וועלכע זיינען זיך צונויפגעקומען אין ענגלאנד, ניט געקוקט אויף דעם פארבאָט פונם מלחמה־מיניסטער, וואָס איז ארויסגעגעבן געוואָרן אויף א געלעכטער. דער דעוויז פון דער פארטיי איז גע־ווען א קול־קורא צום פאלק; אירע האָפענונגען האָט זי ארויפגע־לייגט אויפן פלעביסציט און אויסגענוצט די געלעגנהייט, וואָס ביי דער מאכט האָט זיך געפונען דער מאדזשענטער הערצאָג, וואָס האָט באגנעדיקט באזענען, וועלכער איז דעם 10טן דעצעמבער 1873, נאָכן פראָצעס, וואָס האָט העט טיערן שטארק ניט גע־שמעקט, פארמשפט געוואָרן צום טויט. די השפעה פון די באנאַ־

פארטיסטן אינמיטן 1874 האט זיך אויף אזוי פיל פארפעסטיקט, אז בעת מאק־מאהאן האט באדארפט פונאנדערלאזן דאס אלטע מיניסטעריום, האבן זיי געקענט ארײנשפארן אהין איינעם פון זייערע מענטשן — פורטו. צו ארגאניזירן אויפן סען־לאזארער וואקזאל א דעמאנסטראציע קעגן די רעפובליקאנישע דעפוטאטן און צווינגען די פאליציי, וועלכע זיי האבן געהאלטן אין זייערע הענט מיט דער הילף פון די פריערדיקע מאכט־לייט, נאכשפיאנירן מאק־מאהאנען אפילו אין זיין אייגן הויז, — אויף דעם זיינען זיי געווען גענוג שטארק. אבער דערמיט האבן זיי זיך בלויז דער־שלאגן, פורטו זאל באזייטיקט ווערן.

דער אינטריגאנט פון די עליזעישע פעלדער האט פונקט אזוי נים געוואלט קיין קיניג, ווי א קיסר. אויב די באנאפארטיסטנס שאנסן האבן זיך א ביסל אויפגעהויבן, האבן די רעפובליקאנער פארפולט כמעט אלע פרייע ערטער. אונטער דע־בראלאים השפעה האט מאק־מאהאן געפאדערט פון דער פארזאמלונג ענדגילטיק צו באשטימען די מלוכה־ארדענונג און איינשטעלן די געזעלשאפט־לעכע מאכט. גאמבעטא ווידער האט געמיינט, אז מען קען עפעס מאכן מיט דער פארזאמלונג, וואס איז אין משך פון פיר יאר געריסן און געשליסן געווארן דורך פוסטע אינטריגעס, און איז איצט פארפלייצט געווארן דורך רעפובליקאנער, — און האט בלוצלונג, קעגן זיינע פריערדיקע באהויפטונגען, אנערקענט זי פאר מסוגל ארויסצוגעבן געזעצן, צוקלייבנדיק דערביי פאר זיך אנ־הענגער. דעם 30סטן יאנואר 1875 איז מיט א רוב דעות פון איין שטים פעסטגעשטעלט געווארן, אז דער רעפובליק־פרעזידענט ווערט געוויילט דורכן סענאט צוזאמען מיט דעם דעפוטאטן־הויז; דעם 12טן פעברואר האט אלץ באדארפט פלאצן; דעם 25סטן איז די רעפובליק פראקלאמירט געווארן אלס געזעצלעכע רעגירונגס־פארם אין פראנקרייך, הגם יעדער איינער, וואס האט געגעבן פאר איר זיין שטים, האט געמיינט, אז ער נארט אפ דעם צווייטן. און פאר דער דאזיקער רעפובליק, וואס איז איינשטימיק פראקלאמירט געווארן דורך גאנץ פראנקרייך דעם 4טן סעפטעמבער, וואס בלויז דער נאמען אירער האט באגייסטערט גאנצע ארמייען, האט מען,

אדאנק הער טיערס פּאָליטיק און די לינקע, באדארפט באַצאָלן מיט דערשטיקן פּאריז, מיט 100.000 לעבנס, 1,5 מיליארד מזומנים, פיר יאָר רדיפות, שוין ניט ריידנדיק יענע, וואָס האָבן געוואַרט אויף זייער ריי. דער בייזער גייסט פון דער דאָזיקער אוואַנטורע איז געווען מאַק-מאַהאָן, וועלכער האָט ארויסגעשלעפּט פון פייער קאַשטאַנעס דאָרט, וואו דער קליינבורזשוא וואָלט זיך געווען אָפּ-געבריט. ער האָט פארנומען דאָס פּרעזידענטן-אָרט גאַנצע פינף יאָר צום רום פון דער קאָנסטיטוציע, אָן שום התחייבותן לגבי דעם פאָלק.

פּרעמיער פון דער סוף-כּל-סוף אָנערקענטער רעפּובליק איז געוואָרן דער עקס-מיניסטער פון דער אימפּעריע, דער שלאָגפאַר-טיקער פּרעזידענט פון דער פארזאמלונג ביופע, א קורצזיכטיקער פּאָליטיקער, וואָס האָט פונם 48סטן יאָר אָן געשוויצט איבער א רע-אקציאָנערן געזעץ-פּראָיעקט, איינער פון יענע אומגעלומפּערטע בורזשואס, וואָס מען גיט מיט פארגעניגן איבער אין רשות פון אוזורפּאַטאָרן. ער האָט ערלויבט זיינע אָפיציעלע צייטונגען באַ-ציען זיך מיט ביטול צו דער רעפּובליק, זיינע פּרעפעקטן צו פאר-געסן די אָפיציעלע פאָרמול אויפן קעפּל פון די אָפיציעלע דאָקו-מענטן. אויף די פּאָדערונגען, די באַנאַפּארטיסטישע קאָמיטעטן זאָלן פארבאָטן ווערן, האָט ער געענטפערט מיט מסירות אויף די רעפּובליקאַנער און עמיגראַנטן פון לאָנדאָן און זשענעווע. אין זיין צייט האָבן זיך אָנגעהויבן די אָפיציעלע רדיפות אויף די רעפּוב-ליקאַנישע צייטונגען: אין משך פון צוויי יאָר מאַק-מאַהאָנאַט האָט מען 28 פארמאַכט, 20 — אָפּגעשטעלט, 163 — פארבאָטן אין איינצל-פארקויף, — א ביסל מער, ווי ביי דער שוואַכער קאָמונע מיט אירע לעבערלעבע 30 פארבאָטן. באַלאַגערונגס-צושטאַנד איז איינגעפירט געוואָרן אין פּאריז, ווערסאַל, ליאָן, מארסעל און אין זייערע דעפּאַרטאַמענטן; די מיליטערישע געריכטן האָבן ווייטער געשיט פּסק-דינים, ווי קוילן.

דעם 31סטן דעצעמבער 1875 האָט „די שלימזלדיקע פאר-זאמלונג”, פונאנדערלאָזנדיק זיך, אָפּגעוואָרפן אַלע אַמנעסטיע-פאָרשלאָגן און זיך באַגרעניצט דערמיט, וואָס זי האָט אריבער-

געפירט עטלעכע פארטריבענע פונם דיוקא=האלבאינזל אויפן סא=סען=אינזל, האט פארקירצט דעם טערמין פון תפיסה און אפילו אפגעשאפט 600 פון די לייכטסטע שטראפן; ניי=קאלעדאניע איז געבליבן לגמרי ניט גערירט *.

אויף די אלגעמיינע וואלן אבער האט דאס פאלק ניט פאר=געסן אן זיינע פארטיידיקער. אין די וויכטיקע צענטערס איז די אמנעסטיע געשטאנען אין אלע דעמאקראטישע פראגראמען, און די געזעלשאפטלעכע פארזאמלונגען האבן עס געפאדערט מצד די קאנדידאטן. די ראדיקאלן האבן באשלאסן זיך צו דערשלאגן פול=קומע אמנעסטיע, די ליבעראלן האבן צוגעזאגט „א תל צו מאכן פון די שפורן פון אונזערע אינערלעכע רייסערייען", — אזוי זאגט אלעמאל די גרויס=בורזשואזיע, בעת זי וויל פארגלעטן אירע אייגענע פארברעכנס.

די פעברואר=וואלן פון 76סטן יאר האבן געגעבן די רעפובּ=ליקאנער א ריזיקע מערהייט. ניט געקוקט אויף מאק=מאהאנס פאר=צווייפלטע אויפרופן צו די רעאקציאנערן, זיינען פון 550 אויס=געוויילטע — 350 געווען רעפובליקאנער. די בארימטע נייע שיכטן, וועגן וועלכע גאמבעטא האט אנגעזאגט אין זיינע כסדרדיקע רייזעס איבער דער פראווינץ, זיינען ארויס אויף דער אייבער=פלאך און זיך געגרייט צו באנייען פראנקרייך. א כמארע אדוא=קאטן, דאקטוירים, סוחרים, ליבעראלע פריצים האט אויפגעהויבן די פראווינץ דורכן דעוויז „פרייהייט, רעפארמען, בארויקונג". ביזפע האט געליטן א מפלה אפילו אין די בערישע ווינקעלעך. די ראדיקאלע בלעטלעך האבן פה=אחד ערקלערט די רעפובליק אלס ענדגילטיק פארפעסטיקטע; די הייסע אנהענגער פון דער אמ=נעסטיע האבן קיין ספק ניט געהאט, אז דאס נייע געזעצגעבערישע הויז שענקט זי דעם פאלק אין דעם פריידיקן טאג, וואס עס וועט געעפנט ווערן. האט דען פאריז ניט געשיקט די פריערדיקע, פריי געלאזענע דורך דער פארזאמלונג פון די דארפסלייט דעפוטאטן —

---

* באריכט פון דער באגנעדיקונגס=קאמיסיע, וואס איז פארגעשטעלט גע=ווארן דורך מארטעלן און וואוזעלן.

פלאַקע, קלעמאַנסאַ, לאָקרואַ און אַ סך אַנדערע, ניט רעכענענדיק שוין לוי=בלאַנען, וואָס האָט איצט גערעדט וועגן דער מיספּאַר= שטייעניש פונם 18טן מערץ?

פונקט צו יענער צייט האָט זיך געגרייט צום אָפּגיין מיטן וואַסער אַ פאַרטיע פאַרשיקטע. וויקטאָר הוגאָ, וואָס איז אויסגע= קליבן געוואָרן דורך פאַריז אינם סענאַט אריין, האָט געבעטן מאַק=מאַהאָנען אָפּשטעלן דעם דאָזיקן אָפּפאָר ביז די פראַגע וועט ניט באַטראַכט ווערן דורך ביידע געזעצגעבערישע אינסטאַנצן, וועלכע, — ער איז דערינען ניט מסופק געווען, — וועלן זיך אַרויסזאָגן אין פּאָזיטיוון זין; אונטער דער שנעל=פּאַרפּאַסטער פּעטיציע האָט מען אין משך פון עטלעכע טעג צונויפגענומען מער, ווי 100.000 חתימות. די פראַגע וועגן אַמנעסטיע איז אַזוי פאַר= שאַרפט געוואָרן, אַז דער נייער מיניסטער מאַק=מאַהאָנס — דיו= פאָר, וועלכער איז נאָך באַקאַנט געווען פונם 18טן מערץ, האָט באַשלאָסן תיכּף צו מאַכן אַ סוף מיט איר.

מען האָט אַרויסגעשטעלט פינף פאַרשלאָגן, אָבער בלויז איין ראַספּאַיל האָט געפאָדערט פולע אַלגעמיינע אַמנעסטיע, די איבעריקע האָבן אויסגעשלאָסן פאַרברעכנס, וואָס זיינען קוואַלי= פיצירט געוואָרן דורכן מיליטערישן געריכט אַלס חטאים קעגן אַלגעמיינעם געזעץ; אַהער האָט מען, אַגב, אַריינגערעכנט אויך צייטונגס=אַרטיקלען. דאָס געזעצגעבערישע הויז האָט באַשטימט אַ קאָמיסיע; אין איר זיינען 9 פון 11 געווען קעגן אַמנעסטיע אין דער פאָרם, ווי ראַספּאַיל האָט עס פאָרגעלייגט. די נייע שיכטן האָבן געוויזן וועד זיי זיינען. דאָס איז געווען די מיטעלע בור= זשואַזיע פון דער אימפּעריע, אַ פּחדנותדיקע, אַ גאַוותדיקע בנוגע דעם פאָלק, אַ פאַרקויפטע און אַ רמאותדיקע. זי האָט געקענט די קאָמונע בלויז פון רעאַקציאָנערע באַבע=מעשיות; זי איז געזונקען איבער די אויערן אין איר זומפּ און האָט גאַנץ אָפן ערקלערט: „זאָלן די קאָמונאַרן אונז לאָזן צורו, וועלן מיר שוין זען". „די מרידה פונם 18טן מערץ איז געווען אַ גרויס פאַרברעכן", — האָט געזאָגט זייער רעפערענט: — „די הויפּט=לידערס וועלן זיך אומ= קערן קיין פראַנקרייך אַזעלכע, ווי זיי זיינען געווען דעמאָלט. עס

זיינען געווען אזעלכע פאלן אין אונזער געשיכטע, ווען די אמגע־סטיע האט יעקענט זיין נייטיק; אבער די מרידה פונם 18טן מערץ קען מען בשום אופן ניט גלייכן מיט אונזערע בירגער־מלחמות. אין איר זע איך איין א מרידה קעגן דער גאנצער געזעלשאפט־לעכער ארדענונג".

ראספאיל האט מיט ווערדע פארטיידיקט זיין פראיעקט, האט געשטעמפלט די תלינים, האט געפאדערט צו פארפאלגן די דא־זיקע „אמתע פראוואקאטארן, וואס א סך פון זיי זיינען געבליבן אומבאשטראפט און געהאט אן ארט אין די געזעצגעבערישע היי־זער". קלעמאנסא וויז'עי האט געגעבן צו פארשטיין די געשעענישן פון 18טן מערץ און שוין צופיל זיך צוגעפאסט צום עם־הארצות און פחד פון זיין אודיטאריע. די איבעריקע ווידער פון די עקסט־לינקע האבן כלומרשט פארטיידיקט די באזיגטע, אבער גלייכ־צייטיק זיי באשולדיקט: „מען האט א גרויסן טעות ביים באשטי־מען דעם כאראקטער פון דער דאזיקער רעוואלוציע", — האט הויך א זאג געטאן איינער פון זיי: — „מען זעט אין איר איין א סאציאלע רעוואלוציע, בעת אין דער אמתן איז עס געווען בלויז א נערוון־דערשיטערונג אדער אן אנפאל פון פיבער". דער דעפוטאט פונם קרייז, אין וועלכן עס איז אמאל אויסגעקליבן געווארן און געלעבט דעלעקליוז, האט אנגערופן די באוועגונג „געמיינע". מארקו האט ערקלערט, אז די קאמונע איז געווען אן „אנאכראניזם". קיי־נער האט קיין ווארט ניט גערעדט וועגן בלוט, פאנטאנען, קאזע־מאטן, מיליטערישע געריכטן, — אלע זיינען פארנומען געווען מיט אויסגיסן זייער רעדנער־קונסט פאר די וויילער.

אבער די מיניסטארן און „די נייע שיכטן" האבן שארף אפגעענטפערט די דאזיקע אדוואקאטן, וואס זיינען ביי זיך געווארן גרויס. — „ניין, מיינע הערן, — האט געזאגט דיופאר: — „דאס איז גארניט קיין איינצלפאל פון קאמונאלער באוועגונג; לויט אירע אידעען, המצאות און אפילו מעשים — איז עס די ראדי־קאלסטע פון אלע רעוואלוציעס, וואס האבן ווען עס איז עקסיסטירט אויף דער וועלט. איינער פון די אלטע פארביסענע האט גע־מאלדן, אז די פארזאמלונג פון די דארפסלייט האט לחלוטין ניט

געדראָט דער רעפּובליק: „דאָס האָט זי דערוויזן שוין מיט די צוויי אַקטן: מיט דעם אויסוואַל פון דער אויספיר־מאַכט און אַנערקענען דעם רעפּובליקאַנישן קאַבינעט". דיופאָר האָט געלויבט די מיליטערישע געריכטן, זאָגנדיק, אַז זיי האָבן אויף קיין האָר ניט אָפּגעטראָטן פונם געזעץ, אַז אַלע מיטלען זיינען דורך זיי געלאָזט געוואָרן אין גאַנג, כדי צו באַוואָרענען דאָס פּינקטלעכסטע און פולסטע אויספאָרשן די פּראָצעסן, אַז די אָפיצירן האָבן זיך דערביי אויסגעגליכט מיט די בעסטע געריכטס־אויספאָרשער. דער פלאָט־מיניסטער, אַדמיראַל פורישאָן, האָט געהאַט די חוצפה צו מעלדן, אַז מען קען בשום אופן ניט גלייכן די לאַגע פון די אויף קאָטאָרגע פאַרשיקטע קאָמונאַרן מיט דער לאַגע פון די קרימי־נעלע פאַרברעכער, אַז „דער פאַרשיקטער איז גליקלעכער פון זעלנער און לעבט זיך אין זיין בליענדיקן גאָרטן". עפּעס עמעץ האָט אַ געשריי געטאָן: „דאָרט ווענדט מען אָן עינוּיִם!" און האָט באַקומען פאָלגנדיקע גלענצנדע תשובה: „דאָס פייניקט איר אונז!" לאַנגלואַ איז אַריינגעפאַלן אין טירוף, פונקט ווי דעם 19טן מערץ, און האָט געמאַכט קולות אין די קולואַרן: „קיין שום רחמנות אויף די רוצחים!"

דעם 18טן מאַי איז די פולע אַלגעמיינע אַמנעסטיע אָפּגע־וואָרפן געוואָרן דורך 372 שטימען קעגן 50. גאַמבעטאַ האָט זיך אָפּגעהאַלטן פון שטימען. די קאָמיסיע האָט אָפּגעוואָרפן אויך די איבעריקע פאָרשלאָגן, מעלדנדיק, אַז מען דאַרף זיך פאַרלאָזן אויף דעם רעגירונגס־חסד. זיינע באַשלוסן האָט מען קריטיקירט בלויז לפנים, און איין ראַדיקאַל האָט זיך דערערדט אַזוי ווייט, אַז ער האָט געזאָגט: „שוין־זשע קענען מיר זיך אין דער פראַגע פון גרויסמוט ניט פאַרלאָזן אויף דער רעגירונג?" אַלע פאָרשלאָגן זיינען אויף אַזאַ אופן באַגראָבן געוואָרן. אין סענאַט האָט וויקטאָר הוגאָ פאַרטיידיקט אַ טיילווייזע אַמנעסטיע: „דער סטויס סאַטאָרי, נומייע, 18.924 פאַרמשפּטע אויף פאַרשיקונג און פאַרמויערטע אין פעסטונגען, די קאָטאָרגע־אַרבעט, די קאָטאָרגע־תּפיסה ווייט 5.000 ליע פון דער היים — אָט ווי אַזוי עס האָט באַשטראָפט דאָס געריכט פאַרן 18טן מערץ", — ער האָט פאַרגעסן נאָך אָן די 20.000

דערשאָסענע. — „און וואָס האָט געטאָן דאָס געריכט מיט דעם פאַרברעכן פונם 2טן דעצעמבער? — עס האָט אים געשוואָרן".
זיין פאָרשלאָג האָט מען אפילו ניט אָנגעהויבן צו באַטראַכטן.

אין צוויי חדשים אַרום האָט מאַק-מאַהאָן נאָך געמאַכט אַ הוספה צו דער קאָמעדיע און געשריבן צום מלחמה-מיניסטער סיסיי, וועלכער האָט בשעתו אין לוקסעמבורג דערשאָסן קאָמונאַרן: מהיום והלאה דאַרפן קיין שום רדיפות ניט געמאַכט ווערן, אויב עס פאָדערן עס ניט פה-אחד אַלע אָרנטלעכע לייט". די אייזדעלע מיליטערישע געריכטן האָבן אים גוט פאַרשטאַנען און זיך געטאָן דאָס זייעריקע. — עטלעכע עמיגראַנטן, פאַרמשפטע הינטער די אויגן, וואָס זיינען געווען אָנגעזאָפּט מיט האָפענונגען פון די ערשטע טעג, האָבן זיך דערוואויגן צו קומען קיין פראַנקרייך; מען האָט זיי אַרעסטירט און די אורטיילן זיינען דורך אים באַשטעטיקט געוואָרן. מיט די אָרגאַניזאַטאָרן פון די אַרבעטער-קרייזלעך איז מען זיך באַגאַנגען אומברחמנותדיק, אויב עס האָט זיך איינגעגעבן זיי צו פאַרבינדן מיט דער קאָמונע *. אין נאָוועמבער 76טן יאָר האָט איין מיליטעריש געריכט געפּסקנט טויט-שטראָף פאַר אָנטיילנעמען אין אויפשטאַנד.

די דאָזיקע כסדרדיקע ווילדקייט, וואָס האָט זיך געצויגן יאָרנלאַנג, האָט אויפגעבראַכט די געזעלשאַפטלעכע מיינונג און מאַק-מאַהאָן איז אויף איינע פון זיינע נסיעות אין ליאָן באַגעגנט געוואָרן מיט אויסגעשרייען: „זאָל לעבן די אַמנעסטיע!" — נאָכדעם האָבן די ראַדיקאַלן ניט געקענט זיך אויפרודערן; זיי האָבן געמוזט פאָדערן לכל-הפחות, אַז די רדיפות זאָלן אָפּגעשטעלט ווערן. גאַמבעטאַ איז דאָס מאָל געגאַנגען מיט זיי. זיין פּאָליטיק

* דעם 2טן דעצעמבער 1876 האָט דער געוועזענער דעלעגאַט פון די רעכנמייסטערס אויף דעם אַרבעטער-צוזאַמענפאָר באַראָן זיך געשטעלט פאַרן 3טן געריכט, אַלס סעקרעטאַר פון דער דעלעגאַציע פונם מלחמה-מיניסטעריום. — „הערן ריכטערס", — האָט געזאָגט דער פאָרזיצער, — „מיר ווילן באַמערקן", אַז דער באַשולדיקטער איז דורכגעדרונגען מיט די זעלבע געפילן, וואָס אין 71סטן יאָר, מחמת מיר זעען אים אין 76סטן יאָר אַלס אָנטיילנעמער אינם אַרבעטער-צוזאַמענפאָר". אין די אויגן פון יעדן מיליטער-מאַן איז דאָס געווען גלייך צו מרידה. באַראָנען האָט מען פאַרמשפּט צו פאַרשיקונג.

איז באַשטאַנען אין באַרויִקן די בורזשואַזיע, מאָלנדיק די קאָמונע אַלס „מרידה פון די נידעריקסטע שיכטן פון דער געזעלשאַפט,” אַלס „קאַנוואולסיע פון דלות, הונגער און יאוש” און אַזוי אַרום זיך דערשלאָגן די עינויים זאָלן געלינדערט ווערן. אין דעם געזעצגעבערישן הויז איז ער דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט געזונגען שבחים די מיליטערישע געריכטן פאַר זייער „מסירות נפש, חכמה און ריין־מיליטערישע אָריענטירונג”, מיט וועלכע זיי האָבן באַטראַכט די פּראָצעסן. דעם 6טן נאָוועמבער האָט מען באַטראַכט דאָס געזעץ וועגן אָנערקענען אין געוויסע פאַלן פאַרברעכנס פאַר פאַרעלטערט. — דאָס סענאַט האָט עס אָפּגעוואָרפן.

אין דעצעמבער פון 76סטן יאָר האָט זשול סימאָן פאַרביטן טיערס קוטשערישע הלבשה אויף מאַק־מאַהאָנס ליווריען און איז אַרויף אויף דער מיניסטער־שטול. „דער ירא־שמים — דער דערשיסער האָט געבראַכט מיט זיך איין ווערטל, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ גאַנץ פּראָגראַם: „די וואוילגענייגטע רעפּובליק”... אָבער איר וואוילגענייג איז די קאָמונאַרן ניט נוגע געווען. זיין קאָלעגע פון יוסטיץ־מיניסטעריום, דער געוועזענער פּרעזידענט פון דער רוצחים־קאָמיסיע, דער גאַלאַנטער מאַרטעל, דערזעלבער, וואָס האָט אָנגערופן די געמישטע קאָמיסיעס פון די צייטן פון דער אימפּעריע נידערטרעכטיקע אַנשטאַלטן, האָט ווייטער געפירט זיינע רדיפות. איין פעדעראַליסט, מיטן נאָמען מאַרעז, וואָס איז דריי מאָל פאַרמשפּט געוואָרן אויף טויט, האָט סוף־כל־סוף זיך דערוואַרט, אַז זיין גורל זאָל באַשלאָסן ווערן און אין 6 יאָר אַרום נאָך דעם אויפשטאַנד איז ער פאַרשיקט געוואָרן אויף קאַטאָרגע.

דער מאַרשאַל האָט ווי פריער געקאַרגט חסדים. דיופאָר האָט צומאָרגנס נאָכן אָפּוואַרפן די אַמנעסטיע געשאַפן אַ נייע קאָמיסיע פון באַגנעדיקונג, וואָס איז באַשטאַנען פון וואוילגעבייגטע ליבעראַלן, צווישן וועלכע עס האָט געגלאַנצט דיובאַיל, אַן אַלטער יעגער נאָך פעדעראַליסטן. אין די אויסבעסערונגס־תפיסות פון פראַנקרייך זיינען צו דער צייט געווען 1.600 אַרעסטירטע קאָמונאַרן, און די צאָל פאַרשיקטע איז דערגאַנגען כמעט ביז

4.400. די צווייטע באַגנעדיקונגס-קאָמיסיע איז ניט געווען בעסער פון דער מאַרטעלישער. לויט איר רעפעראַט האָט מאַק-מאַהאָן באַגנעדיקט אַזעלכע אַרעסטירטע, וואָס האָבן געקענט זיך באַנוצן מיט דעם חסד בלויז 6—5 וואָכן, און האָט באַפרייט צוויי אָדער דריי שוכן-עפרם. אין מאַי 1877 האָט מען פון נײַ-קאַלעדאָניע צוריקגעשיקט אַהין בלויז 250 פאַרשיקטע און 300 בסך-הכל געלינדערט די שטראָף.

דאָס איז שוין אויך געווען צופיל. דעם 16טן מאַי האָט מען איינגעשטעלט די אמתע אָרדענונג — די רעאַקציאָנערן האָט די מפלה פונם 76סטן יאָר ווייניק וואָס געאַרט. אויב די רעפּובליקאַנער האָבן געהאַט אין זייערע הענט דאָס געזעצגעבערישע הויז, איז אויף זייער צד אויך געווען דער סענאַט מיטן מאַרשאַל, וועלכן זיי האָבן אָנגעשטעלט אויף רעוואַנש. די גייסטלעכע האָבן געפירט אַ קאַמפּאַניע אונטער דער אָנפירונג פונם קריגערישן און היציקן קאַרדינאַל פון 64סטן און 71סטן יאָר באָנשאָז, וועלכער האָט חוזק געמאַכט פון זשול-סימאָנס באַמיונגען, וואָס האָט דערווייל אַלץ נאָך געטרוימט וועגן קאַרדינאַל-טיטל. אין משך פון אַ חודש האָבן די בישאָפן געבראַכן שווערדן פאַר דעם בטל-געוואָרענעם פויפּסטלעכן טראָן, פאַרן פויפּסט, וואָס איז בדלות געוואָרן, האָבן איינגעגעבן אַ סך פּעטיציעס און געזונגען אויפן קול, אַז דער עלטסטער קאַרדינאַל האָט געמוזט פון דער קאַטעדרע אַראָפּ מאַכן אַ פאָרוואורף איינעם פון די העכסטע מיטרע-טרעגער. אין עטלעכע טעג אַרום, אינדערפרי דעם 16טן מאַי, האָט מאַק-מאַהאָן מודיע געווען דעם ליבנסווערדיקן זשול סימאָן דורך אַ קליין צעטעלע וועגן זיין דעמיסיע. דאָס געזעצגעבערישע הויז האָט אפילו גענומען פּראָטעסטירן, אָבער מאַק-מאַהאָן האָט קעגן אים אַרויסגערוקט דאָס שלאַגפאַרטיקע מיניסטעריום מיט דע-בראָלאָי בראש, און דעם 18טן מערץ אין אַ חוזק-בריוו געראָטן אים זיך אָפּפרישן דעם מוח אין דער מאַי-קילקייט.

דער קאַבינעט פונם 16טן מאַי איז צונויפגעשטעלט געוואָרן פון אָרלעאַניסטן און באָנאַפּאַרטיסטן, וואָס זיינען צוריקגעקומען אין אַ גרויסער צאָל; די געזעלשאַפט האָט אָבער זיך משער גע-

זוען דעם מאַרשאַלס פּלענער, און דורך גאַנץ פראַנקרייך איז דורכגעגאַנגען אַ לאָזונג: „דאָס איז — אַ גלחיש שטיקל אַרבעט! דאָס איז — דאָס גלחישע מיניסטעריום!“ — די פאַרשווערונג, וואָס האָט זיך שוין געגרייט פון לאַנג אָן סיסטעמאַטיש און פּינקטלעך, ווי דער שטייגער פון די יעזויטן, האָט תיכּף געוויזן איר פּרצוף. צומאָרגנס נאָך דער איבערקערעניש האָט מען 62 פּרעפעקטן באַזייטיקט; 127 סוב-פּרעפעקטן, הויפּט-סעקרעטאַרן פון די פּרידנס-ריכטער און פּראָקוראָרן — געגעבן דעם וועג. מען האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל ענדגילטיק צו פאַרשטאָפּן דאָס מויל דער פּרעסע. די צייטונגען האָט מען גענומען רודפן. עטלעכע האָט מען פאַרמאַכט; פאַרזאַמלונגען — געשלאָסן; מען האָט אַרעסטירט דעם פּאָרזיצער פון מוניציפּאַל-ראַט פאַר אָנטיילנעמען אין אַ באַנקעט, וואָס די לאָנדאָנער עמיגראַנטן האָבן איינגעאָרדנט. דעם 25סטן יוני האָט מאַק-מאַהאָן ענדגילטיק צעטריבן דאָס געזעצגעבערישע הויז און זיך סומך געווען אויפן סענאַט — אויף דעם „גרויסן ראַט פון די שטאָט-געמיינדעס“, ווי גאַמבעטאַ האָט אים פון אָנהייב אָן אָנגערופן — אויפן סענאַט, וואָס האָט זיך געפילט אַלס געזעצלעכע פעסטונג פון דער רעאַקציע.

די רעאַקציע האָט געהערשט אין דער גאַנצער ברייט אין משך פון דריי אַ האַלב חדשים, באַנוצנדיק זיך דערביי געוויסנלאָז צו אירע צוועקן מיטן טעקסט פון דער קאָנסטיטוציע. דריי מיט אַ האַלב חדשים האָט פראַנקרייך געלעבט אין הוילע שרעק; אַ סך האָבן שוין פאָראויסגעזען, אַז פון דעם סיכסוך וועט זיך אויספּיקן אַ בירגער-קריג. די געשעפטן זיינען געשטאַנען. מאַק-מאַהאָן האָט פּרובירט מאַכן אַ רייזע איבער דער פּראָווינץ, האָט מען אים דאָרט באַגעגנט מיט געשרייען: „זאָל לעבן די רעפּובליק!“ ער האָט דערפאַר נקמה גענומען און געזאָגט די מערן, וועלכע האָבן געפאָדערט אַ סוף צו מאַכן צו דער ביטערער לאַגע: „שטימט פאַר מיין רעגירונג“. זיינע שטותים, — און געהאַט האָט ער זיי אַ שלל — האָבן געגעבן אַ פּריש שפּייז דער געזעלשאַפטלעכער אומצופרידנקייט, וואָס האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן אַלץ, אַפילו אָן הער טיערן, וועלכער איז געשטאָרבן דעם 3טן סעפּטעמבער בעתן מיטאָג:

פּאַריז האָט איינגעאָרדנט זיין פּוטריקע אַ גראַנדיעזע לוויה. אַלע, פאַרשטייט זיך, קענען דאָס אומזיניקע טעבן מיט די הונדערט טויערן, דורך וועלכע עס איז דורכגעגאַנגען הון גרויסקייט, הון פאַרברעכן, — בלויז דער ווינט האָט זיי נאָכגערוישט אויף די שפּיץ ביימער און דער שטורעם איז פאַרביי די גאַסן. אָבער ווי אַזוי האָט געקענט פּאַריז, וואָס הער טיער האָט געשאָסן דערינען אין יאָר 1832, און אין יוני 1848 איבערגעבן עס אין די הענט פון די צעיושעטע בורזשויען און דער פּואַטיע־גאַס, וואָס ער האָט גערבילותט אויף אים בעת דער מלחמה, וואָס ער האָט פאַרקויפט דער פאַרזאַמלונג פון די דאָרפישע דעפּוטאַטן, פּראָוואָצירט דעם 18טן מערץ, אַטאַקירט דעם 2טן אַפּריל און נאָך זיבן וואָכן באָמבאַרדירן געמאַכט דערפון אַ תל עולם, פאַרשאָטן די גאַסן מיט 20.000 מתים, — פּאַריז, וואָס ער האָט טויזנטער פון זיינע בירגער איבערגעגעבן די מיליטערישע געריכטן און צעשפּרייט איבער ביידע האַלבקוילן, — ווי אַזוי האָט דאָס פּאַריז געקענט בסך־הכל אין זיבן יאָר אַרום נאָך די אַלע פאַרברעכערישע מעשים פאַלן אַזוי נידעריק און אָפּגעבן כבוד דעם דאָזיקן פאָלקס־תליון, אַלס אָנזאָגער פון פרייהייט? ניין, ניין און ניין! בלויז די איראָניע פונם גורל האָט צונויפגעזאַמלט ביי הער טיערס קבר אַ ריזיקן המון. פּונקט ווי שמשון הגבור האָט זיך באַוואָפנט מיט אַן אייזל־קינבאַק, כדי צו שלאָגן דעם פלשתי, אַזוי האָט פּאַריז אין יאָר 1877 זיך אָנגעכאַפּט פאַר די אַלטע ביינער פון דעם קעגנער, כדי צו דערלאַנגען מיט זיי אַ קלאַפּ די לעבעדיקע.

מאַק־מאַהאָן האָט אין דער פּראָקלאַמאַציע זיינער, לויטן נוסח פון קאַרל דעם X, אַרויסגעשטעלט זיינע קאַנדידאַטן און געדראָט צו שטערן די פאַר אים אומגינסטיקע וואַלן. דאָס גאַנצע רעפּובליקאַנישע פראַנקרייך איז געוואָרן מלא חימה. „בעת פראַנקרייך וועט זאָגן זיין וואָרט, וועט מען מוזן אָדער זיך אונטערגעבן, אָדער אַוועקגיין“, — האָט געענטפערט ביי אַלגעמיינע אַפּלאָדיסמענטן דער רעפּובליקאַנער גאַמבעטאַ, וועלכער איז נאָך אַלץ פאַרבליבן די נשמה פון דער נאַציע און האָט, — ניט געקוקט אויף אַלע רבילות, לשון־הרע, בולוואַר־פּרעסע, — כסדר צונויפגערופן גרויסע

פאַרזאַמלונגען און פאַרשפּרייט אויפרופן, פאַרוואָס־זשע האָט ער זיך ניט געהאַלטן ביי דער זעלבער טאַקטיק בנוגע די שונאים פון דער רעפּובליק בעת דער מלחמה און בעת דער קאָמונע, ווען זיין השפּעה האָט געקענט פאַרזיכערן די שטיצע פון דער באַוועגונג דורך דער פּראָווינץ?

דער נצחון פון די רעפּובליקאַנער איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַדאַנק זייער דרייסטקייט און אויסגעהאַלטנקייט. ניט געקוקט אויף די פּרעפעקטן, באַאַמטע, געריכטס־אורטיילן, — און געווען זיינען זיי פאַר דער צייט 2.700, — זיינען די רעפּובליקאַנער דורכגעגאַנגען אויף די וואַלן דעם 24סטן אָקטאָבער 1877 מיט אַ מערהייט פון 117 שטימען; די דאָזיקע צאָל איז שפּעטער שטאַרק אויסגעוואַקסן, מחמת די וואַלן פון די רעגירונגס־קאַנדידאַטן זיינען אויף אַ סך ערטער קאַסירט געוואָרן. דע־בראָלאַי, וועלכער האָט געאַרבעט אויף געשיכטע און אין איר קיין השגה ניט געהאַט, האָט געוואָלט, אַז מאַק־מאַהאָן זאָל דערמיט קעמפן. די נייע געזעצגעבערישע קאַמער האָט געשאַפן אַ קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלעכער רעטונג, האָט באַשטימט אַ וואַל־אַנקעטע און געצוואונגען דע־בראָלאַין זיך אומקערן הינטער די קוליסן. פון דאָרט האָט ער נאָך געקענט מדריך זיין מאַק־מאַהאָנען אויף אַזוי פיל, אַז דער לעצטער זאָל געניייט זיין צו שאַפן אַ קאַבּראַלן־מיניסטעריום. דאָס געזעצגעבערישע הויז האָט זיך אָפּגעזאָגט צו באַשטעטיקן דעם ביודזשעט; מאַק־מאַהאָנען האָט אויסגעפעלט שטאָלץ, אַז ער זאָל זיך אָנגעבן אין דעמיסיע; ער האָט זיך געמאַכט קראַנק, ווי ביי סעדאַן, און איבערגעגעבן דיופאָרן פאַר אים אונטערצושרייבן די דעמיסיע.

נאָכן נצחון האָט דאָס געזעצגעבערישע הויז אָנגעהויבן פון אַמנעסטיע בנוגע זיינע אָנהענגער, וואָס זיינען פאַרמשפּט געוואָרן נאָכן 16טן מאַי. זיי האָבן אַפילו קיין טראַכט ניט געגעבן וועגן די קאָמונאַרן. וועגן זיי האָט בלויז דאָס פאָלק ניט פאַרגעסן. די אַלוועלטלעכע אויסשטעלונג פון יאָר 1878 האָט געהאַט פאַרנומען אַלע אַקטיווע עלעמענטן פון פאָלק; אָבער אין סעפּטעמבער, צו הער טיערס יאָרצייט, איז די אומצופרידנקייט ווידער אויפגעשוואומען. צו דעם יאָרצייט האָט זיך פייערלעך געגרייט אַ געוויסער

טייל געזעלשאפט, וואס האט אין די צייטונגען געדרוקט געהעריקע ארטיקלען און אילוסטראציעס, אין וועלכע מען האט געמאלט דעם אפאטעאז פון פאריזס שונא, וועלכער שטויסט מיט די פיס די קאמונע מיט א פרצוף פון א גאסנפרוי; דער פאריזער מוניציפאל-ראט האט זיך אפגעזאגט צו שיקן זיינע א דעפוטאציע. אין מארסעל האט מען אויך דורכגעווארפן דאס שיקן א דעלעגאציע, „מחמת הער טיער איז געווען א תליון פון דער קאמונע". דיופאר האט געענטפערט מיט 34 געריכטלעכע שטראפן, מיט ארעסטן פון א סך, וואס האבן זיך אויסבאהאלטן פונם געריכט, צוריקגעקומענע קיין פראנקרייך און מיט פארווערן דעם סאציאליסטישן אינטערנאציאנאלן קאנגרעס, וואס האט זיך באדארפט צונויפזאמלען אין פאריז.

אבער די שחיטה, די פארשיקונג, דער גלות האבן די סאציאליסטישע פארטיי ניט אוועקגעלייגט, ווי עס האט וועגן דעם געמאלדן הער טיער אויף דער פארזאמלונג פון די דארפסלייט. אין משך פון זיבן יאר בלומרשטער הינערפלעט האט די פאן פון קאמף געהאלטן אין אירע הענט די דייטשע פארטיי. בלויז פון דער קאמונע ערשט הייבט זיך אן די ערע פונם רעוואלוציאנערן סאציאליזם. דער קאמף פון פאריז מיט ווערסאל איז געווארן זייער פאפולער אין דייטשלאנד און די געשיכטע זיינע האט געדינט אלס טעמע פאר רעדעס פאר א סך פארטיי-רעדנער. דיסציפלינירטע, ווי זייערע ברידער אין פראנקרייך, אונטער דער אנפירונג פון אזעלכע זיכערע פירער, ווי בעבעל און ליבקנעכט, ביי א גרויסער צאל צייטונגען, האבן די דייטשע סאציאליסטן שוין אין 78סטן יאר געהאט אין רייכסטאג 12 דעפוטאטן, וואס עס האט בישמארקן געגעבן די געלעגנהייט צו זאגן פון דער טריבונע אראפ: „דייטשלאנד איז געווארן א געשלאסן פעלד פאר אגיטאציע, צו וועלכער פראנקרייך האט שוין א סוף געמאכט". ער האט א טעות געהאט, פונקט ווי הער טיער, בנוגע פראנקרייך. אין זיבן יאר ארום איז די סאציאליסטישע פארטיי אויפגעשטאנען תחית-המתים א יונג-געווארענע מיט פרישע כוחות, א פעסטע, אזעלכע, ווי זי איז געווען אין די לעצטע יארן פון דער אימפעריע, א גענוג צאלרייכע, אז זי זאל קענען באשטימען אין פאריז אן אינטערנאציאנאלן קאנגרעס.

דעם 30סטן יאַנואַר 1879 האָט דער כּלומרשטער גדול מאַק־מאַהאָן פאַרלאָזן זיין פּרעזידענט־שטול מיטן תּירוץ, אַז מען האָט געגעבן דעמיסיע זיינע גענעראַלן; אין דער אמתן אָבער, — כּדי ניט צו דערוואַרטן זיך, אַז זיינע מיטהעלפער פֿונם 16טן מאַי זאָלן צוגעצויגן ווערן צו דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. פּונקט ווי הער טיער, האָט דער פּאַריזער קצב אויסגעמיטן שטראָף; אין 14 יאָר אַרום האָט דער דאָזיקער מיליטערישער פּאָליטיקאַנער, וואָס האָט, כּדי פּטור צו ווערן פֿון אַ רעפּובליק, דערפּירט פראַנקרייך ביז סעדאַן, כּדי מציל צו זיין די דאָרפישע דעפּוטאַטן — מאַסנווייז אויסגעראָטן די פּאַריזער איינוואוינער און כּדי צו פאַרגרעסערן די השפּעה פֿון די גייסטלעכע, אין משך פֿון אַ סך יאָרן אַרויסגערופֿן מרידות אין פראַנקרייך, — פּאַמעלעך זיך צוגערוקט צום באַרימטן אינוואַלידן־הויז. פאַר אַזעלכע גרויסע פאַרברעכער איז ניטאָ קיין משפּט מחוץ די גרעניצן פֿון דער רעוואָלוציע.

דעמזעלבן אָוונט, 8 אַ זייגער, האָט גרעווי פאַרנומען זיין אָרט. די רעפּובליקאַנער האָבן איינגעזען אין דעם אַ נצחון. דאָס איז געווען דער ערשטער פּרעזידענט פֿון דער רעפּובליק, וואָס איז באמת טאַקע געווען אַ רעפּובליקאַנער און וועלכער האָט אויף זיין נאמנות קיין דערשיסונגען ניט געהאַט. פאַר דער רעפּובליקאַנישער פּאַרטיי האָט זיך געעפנט אַ ניי אַרבעטס־פעלד. פּונקט האָבן די וואַלן אין סענאַט, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין יאַנואַר, געגעבן די רעפּובליקאַנער אַ מערהייט פֿון 50 שטימען. דאָס מאָל איז די אַמנעסטיע ניט בלויז געוואָרן מעגלעך, נאָר איז פּשוט געשטאַנען אין דער ערשטער ריי. איז דען ביים ראש פֿון קאַבינעט וואַדינגטאָן ניט געווען סעקרעטאַר אַ מענטש, וואָס איז דורכן מיליטערישן געריכט פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט, און וועלכן ער האָט געטראָפן אין בערלין און אַראָפּגעבראַכט מיט זיך קיין פּאַריז?

אין ניי־קאַלעדאָניע האָבן זיך נאָך געפונען 1.100 פאַרמשפּטע און אַרום 500—600, וואָס זיינען געלאָפן פֿון געריכט און זיך געמאַטערט אין גלות; די איבעריקע אַלע זיינען באַגנעדיקט געוואָרן ערשט נאָך זיבן יאָר פאַרשיקונג אָדער גלות. „אָן דעם מאַרשאַל וואָלט די צאָל באַגנעדיקונגען געווען אַ סך אַ גרעסערע”,—

האט אומפארשעמט ערקלערט די באגנעדיקונגס=קאמיסיע, בעת מאק=מאהאן איז שוין ניט געווען. דאס נייע מיניסטעריום האט אין אלעם אריינגעפירט א שינוי. די באזונדערע באגנעדיקונג און אמנעסטיע=אקטן — האט וואדינגטאן פארביטן מיט איינער — מיט באגנעדיקונג=אמנעסטיע. דאס איז געווען גאנץ פשוט: מען האט באדארפט בלויז ערקלערן פאר אמנעסטירט אלע, וואס האבן באדארפט באגנעדיקט ווערן, און אויף דער פראגע: „וועמען=זשע באגנעדיקט איר?" — האט וואדינגטאן געענטפערט: „די אמנעסטיע וועט ניט חל זיין אויף יענע, קעגן וועמען די געזעלשאפטלעכע מיינונג וועט זיך ארויסזאגן". די ריין=ענגלישע קאלט=שמייכלדיקע מאניר וואדינגטאנס, וואס ער האט זיך מיט איר באנוצט ביים געבן אזעלכע מינים תשובות, איז גוואלטיק געפעלן געווארן די אפארטוניסטן, וואס האבן קיין שום שייכות ניט געהאט און קנאפ געדאגהט וועגן דעמס אדער יענעמס צוריקקער.

די עקסט=לינקע זיינען געצוואונגען געווען ארויסצורוקן די פאדערונגען וועגן אן אלגעמיינער אמנעסטיע. די אגיטאציע פאר אמנעסטיע האט, לעולם, קיינמאל ניט אויפגעהערט ביים פאלק. איין פאריזער צייטונג, „די פראנצויזישע רעוואלוציע", האט ניט געקוקט אויף די שטראפן און ארעסטן פון די רעדאקטארן און כסדר געדרוקט ארטיקלען פון די קאמונע=מיטגלידער, וואס האבן עמיגרירט. לסוף, איז דער געזעצפראיעקט וועגן אמנעסטיע אריינגעטראגן געווארן אינם געזעצגעבערישן הויז. אבער 9 פון 11 מיטגלידער האט אים אפגעווארפן. לוי בלאן האט אים פארטיידיקט מיט דערזעלבער היץ, מיט וועלכער ער האט בשעתו פארטיידיקט די רעכט פון די דערשיסער. אלס רעפערענט איז ארויסגעטראטן אנדריע, וואס איז אויסגעוויילט געווארן אלס דעפוטאט, א געוועזענער אנארכיסט אין די צייטן פון דער אימפעריע און פראקוראר אין גילאטיער אין 71סטן יאר. „קיין איין פראנצויזישע פארזאמלונג וועט קיינמאל ניט מסכים זיין צו שטימען פאר א פולער און אלגעמיינער אמנעסטיע", — האט ער אנגעהויבן. — „וואס שייך די מלוכה=פארברעכער, וואס וועלן בלייבן אין ניי=קאלעדאניע, וועט זייער צאל פארקלענערט ווערן ביז 1.500·

און דאס וועט זיין גראד דאס פסולת פון די גרויסע שטעט, וואס איז תמיד גרייט צו גזילה.״ דער היטער פונם מלוכה־חותם האט זיך אפגעשטעלט אויף 1.200. אנדריע ווידער, וואס האט חשק געהאט אויף א פאסטן פון פאליציי־פרעפעקט, וואס ער האט באקומען נאכן דורכפאל פון דער אמנעסטיע, האט געהעכערט די ציפער. מארקו האט אין 76סטן יאר געפאדערט, אז פון אמנעסטיע זאלן אויסגעשלאסן ווערן יענע ווילדע לייט, וואס וואלטן געשענדט די דרייפארביקע פאן, ווען עס וואלט א ז ע ל כ ע ס געקענט זיין״. ער האט ניט אנגערופן די דאזיקע ווילדע לייט ביי די נעמען, וועלכע האבן, אגב, קיינמאל ניט געקעמפט אונטערן דער דרייפארביקער פאן, אבער דאס האט גורם געווען, אז וואדינגטאן זאל מעלדן: „זיי זיינען עס טאקע די 1.200״. די פולע אמנעסטיע איז אפגעווארפן געווארן מיט 350 שטימען קעגן 99 און אמנעסטירט זיינען געווארן בלויז די באגנעדיקטע פאר די לעצטע 3 חדשים. אין סענאט האט בעראנזשע ערקלערט, אז „פראנקרייך וויל ניט קיין פראפעסיאנעלע מורדים״; דאך האט דער סענאט געשטימט פאר דערזעלבער האלבער אמנעסטיע, איבערלאזנדיק דעם מיניסטעריום אויסצושליסן „די געפערלעכע און אומווערדיקע״. אין 6 וואכן ארום האט דאס געזעצגעבערישע הויז זיך אפגעזאגט מיט 317 שטימען קעגן 159 צו פארפירן א פראצעס קעגן די העלדן פונם 16טן מאי, וועלכע האבן צעטריבן דאס געזעצגעבערישע הויז און אין משך פון 4 חדשים פראוואצירט בירגער־קריג; זיי האבן אפגעדאנקט דעם געזעצגעבערישן הויז מיט אן ארויסרופנדיקן מאניפעסט.

די אויסגעשלאסענע פון דער אמנעסטיע האבן פראטעסטירט קעגן די רכילותגיקעס: „די אפיציעלע קרייזן באליידיקן אונז און טרייבן רכילות, זאגנדיק, אז אין גלות וועלן בלייבן בלויז גנבים און רוצחים. די אלע, וואס נארן אזוי אפ די געזעלשאפטלעכע מיינונג, ווייסן, אז עס איז ניטא קיין איין פארמשפטער, בנוגע צו וועלכן מען זאל קענען אנווענדן אזעלכע עפיטעטן. קיין גנבים און רוצחים זיינען אין אונזערע רייען ניטא״. אין דעם האט מען זיך שפעטער איבערצייגט, בעת די גערעכטיקייט האט אפגעגעבן

אין די הענט פון דער אויסבעסערונגס־פאליציי און געשוואָרענע ריכטער אזוי פיל שענדער פון דער קאָמונע.

דאָס באַטראַכטן דעם דאָזיקן פּראָיעקט פון באַגנעדיקונג מיט פילטרירונג האָט גורם געווען אַ שפּאַגל־נייע שיטה וועגן איידעלע און פאַרבּרעכערישע מורדים. אזוי האָט לוי בלאַן דורכ־געפירט אַ שטרענגן חילוק צווישן דער איידעלער רויטער פאָן פון זיין צייט און דער פאַרשאָלטענער רויטער פאָן פון דער קאָמונע, און דער יוסטיץ־מיניסטער האָט געמאָלדן אַלס ערנווערדיקע די אָנ־טיילנעמער פון די מרידות ביזן 18טן מערץ, וואָס זייערע העלדן האָט ער אָנגערופן אויסוואורפן. „עס וואָלט געווען אַן עוולה", — האָט ער געזאָגט, — „פאַר אַנדערע מורדים צו פאַרגלייכן זיי מיט די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער מרידה פונם 18טן מערץ, וועלכע זיינען געווען אויף אזוי פיל פאַרבּרעכעריש, אַז זיי האָבן אויפ־געהויבן אַ מרידה „בעת דער שונא האָט פאַרנומען די פאָרטן". ער האָט אזוי אַרום אונטערגעהאַלטן די לעגענדע וועגן דעם, אַז פּאַריז איז געווען דער אויפהעצער פונם 18טן מערץ. אין משך פון אַכט יאָר האָבן די רעפּובליקאַנער זיך געהאַלטן אויף דער וואָך און פון זייער זייט ניט געוואָגט צו פאַרעפנטלעכן די וואַר־סאַלער געשיכטעס און אפילו, ווי קאַמיל פּעלטאַן האָט געזאָגט, „אָפּטמאָל איבערגעזאָלצן אין דעם פּרט אוים מורא זיך ניט צו קאָמפּראָמעטירן". די דאָזיקע איידעלע פּאָליטיק האָט געבראַכט אירע פּירות; די רעפּובליקאַנישע פּאַרטיי האָט קיין השגה ניט געהאַט וועגן דער אמתער געשיכטע פון דער קאָמונע; קיינער האָט ניט אָפּגעוואָרפן די אומענדלעכע רכילות, און בעת די לעצטע דעבאַטן האָבן די קאָנסערוואַטיווע צייטונגען פאַרעפנטלעכט, אַלס דאָקומענט, אויסצוגן פון איין לחלוטין טאַלאַנטלאָזן שמירערס מאַקסים די־קאַנס אַ בוך.

ער האָט אָנגעהויבן זיין קאַריערע מיט דערשיסן מורדים אין יוני 1848 און אויף די דאָזיקע באַריקאַדעס האָט ער באַקומען זיין טויפונג. בעת לוי־נאַפּאָלעאָן האָט ער ווידער באַקומען אַן אָרדער, דאָך האָט ער זיך אַ געוויסע צייט געבלאָזן אויף דער אימפּעריע; די פּרינצעסין מאַטילדאַ האָט אים אויפּדאַסניי אַרויפ־

געפירט אויפן דרך=הישר. ער האט באדארפט שוין ווערן סענאטאר, — האט פלוצלונג דער 4טער סעפטעמבער אלץ איבערגעקערט מיטן קאפ אראפ און מיט די פיס ארויף. ער האט פון גרויס באסט זיך פאררוקט אין דייטשלאנד, וואו ער איז אפגעוועזן די גאנצע צייט פון דער מלחמה און זיך אומגעקערט אין פראנקרייך בעת דער קאמונע, אנשטויסנדיק זיך דארט אויף א דעקרעט, וואס איז דורך איר ארויסגעגעבן געווארן קעגן די קריגערישע באנאפארטיסטן. אין משך פון זעקס יאר האט ער געזאמלט זארגפול כל=המינים לשון=הרע רכילות, שמוץ, וואס איז אויסגעגאסן געווארן אויף דער קאמונע, האט פון זיך נאך מוסיף געווען און סוף=כל=סוף געשאפן פון זיינע „פאריזער קאנוואולסיעס" א מין זאמלפונקט פאר טויזנט רעאקציאנערע בית=הכסאס. די ליבהאבער פון פארנאגראפישע ווערק האבן געקענט באַרייכערן זייער קאלעקציע מיט א פאליטישער זשוסטינע, וואס איז געשריבן אין א מליצהדיקער שפראך. מאקסים די=קאן האט זיך געקליבן צו באשרייבן, לויט זיינע אייגענע ווערטער, ניט קיין היסטארישע באוועגונג, נאר א „פאטאלאגישן פאל". „די גאנצע מענאזשעריע פון מענטשלעכע לײדנשאפטן האט זיך ארויסגעריסן פון אירע שטייגן און אין משך פון לאנגע צוויי חדשים געוועזן אפגעלייגט אויף די מיאוסטע חיהשע מעשים. ווי אן אומבאשהדיקע פראסטיטוטקע האט די קאמונע אלץ אנטפלעקט און מען האט געקענט שטוינען פון דער צאל וואונדן, וואס האבן צעפרעסן איר לייב". אזוי האט זיך עס אנגעהויבן; דערנאך זיינען אוועק 4 בענדער פון פונקט אזא מין משוגעת.

לויט מאקסים די=קאן איז אויסגעקומען, אז די קאמונעבאוועגונג איז געוועזן * „אן אנפאל פון מאראלישער עפילעפסיע, א בלוטיקע וואקכאנאליע, צעהוליעט נאפט מיט בראנפן, א פולקומע אויסגעלאסנקייט, א צעגאס פון חוצפה און שיכרות, וואס האבן געמאכט פון דער הויפטשטאט פון פראנקרייך אן עקלהאפטן זומפ;

* מיר ברענגען נים דא קיין איינצלנע אויסדרוקן, נאר שרייבן ארויס גאנצע ציטאטעס.

א פאל, וואס איז ענלעך צו היץ, צו עפידעמישע פאליקע, צו דער מיטלאלטערלעכער שדים=מחלה". די קאמונע איז באשטאנען: „אויבן פון מענטשן, וואס זיינען דערגאנגען ביז משונהדיקע אנפאלן פון געמיינסטער קנאה", אונטן — „פון טעמפע בהמות, וואס פאר=שטייען קיין זאך ניט, אחוץ, וואס מען גיט זיי א גוט שכירות, א היפש ביסל וויין און שוין אביסל צופיל בראנפן *. דער צענטראל=קאמיטעט איז געווען אן „ערב=רב פון אויסוואורפן", די רעגירונג פון דער קאמונע — פיראמאנען: לוקסן, געלערנטע פא=פוגייען, פויפסטן פון דעמאגאגיע, געשיקטע אנטיכריסטן, א הייפל שווינדלער, וואס האבן געהערשט א דאנק גוואלט=מעשים, האבן געוועלטיקט איבער שיכורים, זיינען געווען אפוטרופסים פון רוצחים, האבן מדריך געווען אונטערצינדער; מאריאנעטן=עפילעפטיקער, אנשטעלער, פאליטיקער פון מילכהויז, מלכימלעך פון קאפע=הויז". דאס ראטהויז איז געווען „א הונט=קאמער פאר משוגענע כלבים, א שענק, און דערצו נאך אויפן ערגסטן ארט". די פאליציי=פרע=פעקטור — „א מקום=מקלט פאר שיכרות". די פעדעראליסטן גופא „זיינען דורך=און=דורך איבערגעזאפט געווען מיט וויין און געקנאבלט וואורשט; זייער אידעאל איז געווען צוויי חדשים הוליען, און דערנאך — קאטארגע". זייערע פרויען — אנטלאפענע פון וואויל=טעטיקע הייזער, לערערינס, וואס האבן גענומען דעם ביטערן טראפן און גענומען קדושין אונטער א קוסט. די פעדעראליסטן זיינען אחוצדעם געווען נאך „פרעכע ראצערס, וואס זיינען געבארן געווארן אויפן ברעג און זיינען אויסגעוואקסן אין געמיינע הייזער, צווישן דעם נידערטרעכטיקסטן ערב=רב". דער גלח ווידיע האט זיך אויסגעדריקט נאך בעסער: אלע זיינען זיי געווען „קינדער פון זינדיקער ליבע". אמת, דער גוטער פאסטעך האט זיך ניט געקרימט, ווי א חולה=נופל, און האט ניט געמאכט דעם אנשטעל פון א „מעסיקן" און „אן=פניותדיקן" „מענטשן מיט א פארעקשנטער

* שיכּוּת איז אלעמאל געווען א באליבטער ארגומענט ביי די רעאקציא=נערע היסטאריקער. ר. פ. לאריקע שרייבט צו דער ווירקונג פון בראנפן די דעקרעטן, וואס זיינען ארויסגעגעבן געווארן אין דער נאכט פונם 4טן אווגוסט; אין יאר 1848 האט מען זיך באראטן אין לוקסעמבורג ביי פלעשער א. אז. וו.

אָפּנהאַרציקייט, וואָס רישעות האָט אים דורכגעדרונגען מיט אומ-ענדלעכן עקל".

בעת מען האָט מאַקסים די-קאַנען פאָרגעוואָרפן, אַז ער איז מגזם, האָט ער געענטפערט: „איך האָב אַלעמאָל זיך אויסגעדריקט וועגן די קאָמונאַרן אין געמעסיקטע ווערטער... מיר, אָרנטלעכע מענטשן, זיינען זייער פרידלעך געשטימט; דאָס, וואָס עס האָט אַרויסגערופן ליידנשאַפטן, איז באַזייטיקט; דערביי האָט ער גע-האַט תרעומות אויף יענע לייט, וואָס פאַר זיי „איז דאָס לעצטע וואָרט פון פּאָליטיק שפּריצן מיט זלזולים אויף זייערע קעגנער".

לויט די דאָזיקע ציטאַטן קען מען זיך פאָרשטעלן דעם כאַ-ראַקטער פונם גאַנצן ווערק. איבעריקנס, זיינען דאָ ניט געווען די קונצשטיקלעך, אַן ערך ווי ביי זשול סימאָן, וואו דער אמת איז ענג געווען דורכגעפלאָכטן מיט שקר. די שקרים און עם-הארצות פון דעם משוגענעם ערלאָטיקער זיינען געווען ביז-גאָר גראָב. אים איז לחלוטין ניט אָנגעגאַנגען דער כאַראַקטער פון די פראַנצויזישע אַרבעטער, די פאַקטן, וואָס זיינען צונויפגעקליבן פעסטגעשטעלט געוואָרן, לכל-הפּחות ביז קרוב לאמת. אַלץ, וואָס עס האָט גע-שטאַמט פון די ווערסאַלער לייט, דער גאַנצער רעאַקציאָנערער קאַנקאַן, איז אין זיינע אויגן געווען אַ זיכערער מקור, דאָס ערשטע בעסטע פּאַפּירל — אַ דאָקומענט. יעדער באַאַמטער, וואָס איז פאַר-בליבן אין פאַריז בעת דער קאָמונע, איז געווען אַן אמתער אויטאָ-ריטעט, וואָס זיינע קאָמישע באַרימערייען האָט מען הייליק פאַרשריבן; צוטרוי האָבן פאַרדינט בלויז די באַשולדיקונגס-אַקטן פון די מיליטערישע געריכטן און דאָס גבית-עדות מצד דער באַ-שולדיקונג, — אַלע באַשולדיקטע ווידער האָבן געזאָגט ליגן. ער האָט אָנגעוואָרפן איין שטות אויפן צווייטן: בלאַנקי איז פאַר אים געווען דער אינספּיראַטאָר פונם אינטערנאַציאָנאַל, אַסי — איינער פון די הויפּט-טוער, פרענקעל — אַ ווילדע חיה, וואַרלען — אַ פּחדן, דאָמבראָווסקי — אַ בוגד, ער האָט צונויפגעמישט קורנע מיט לאַ-טאַפּי, ראַנוויע — מיט זיין ברודער. זיין סיסטעם פון באַווייזן איז געווען גאָר אַ פּשוטע. בעת ער האָט איבערגעגעבן עפּעס אַ פאַל וועגן אַרעסט, רעוויזיע, אָדער נקמה אָן אַ שפּיאָן, האָט ער פאַר-

ענדיקט בזו הלשון: „ביישפּילן וואָלט מען געקענט ברענגען טויזנ־
טער“, אָדער: „דאָס זעלבע איז געווען כּמעט אומעטום“. אין אַנ־
דערע פֿאַלן האָט ער פּשוט אָפּגעלייקנט די פֿאַקטן. דעלעקליוז, „דער
דאָזיקער בּרידואַזאַן דער תּליה־יונג“, איז געגאַנגען אויפֿן טויט
לחלוטין ניט אייגנוויליק; ער האָט עס מסתּמא געוואוסט פֿון אַן
עד־ראיה, וועלכן ער האָט אָבער ניט געוואָלט פֿוּרש בּשמו זיין *.
ס׳איז לחלוטין ניט אמת, אַז מען האָט דערשאָסן כּלומרשטע וואַ־
לעסעס, בּיליאַרעס, בּריונעלס א. אז. וו. — זיי האָבן עס אַליין,
כּדי צו מאַכן אַ סוף צו די אַרומזוכונגען, אַרײַנגעשיקט אין די
צייטונגען ידיעות וועגן זייער טויט; גענעראַל אָפּער האָט בּאַ־
שטימט זייער צאָל אויף 17.000; דאָס איז ניט אמת, — ער,
מאַקסים די־קאַן, האָט געהאַט די ריכטיקע צאָל — „העכסטנס 6.500“;
„מיליטערישע מיטלען“, — איז ער מוסיף, — „זיינען אַ זאַך פֿון
יעדער געזעצלעכער פֿאַרטיידיקונג“. די דאָזיקע „פּינקטלעכע“ ציפֿער
האָט ער גענומען בּיי דער בּית־עולם־פֿאַרוואַלטונג, לויט די פּראָ־
טאָקאָלן בּיים געפֿינען אַ בּר־מינן, אַ שטייגער, ווי די פֿאַרוואַלטונג
וואָלט געציילט די קערפּערס, וואָס מען האָט צוגעשיקט גאַנצע
וועגן, ווי די קאָמיסאַרן וואָלטן צייט האָבן צוצוריכטן פּראָטאָקאָלן,
און די פֿאַרבּרענער פֿון די קערפּערס וואָלט אַ סך אָנגיין זייער
צאָל. בּיי מאַקסים די־קאַן זיינען געווען אין דער האַנט אַלע
פּראָטאָקאָלן און אויב מען וואָלט דאַרפֿן, קען ער געבן אַ נאָמענט־
לעכע רשימה פֿון די קרבּנות, ווייל ער האָט זיך געריימט מיט
זיין פּינקטלעכקייט: „איך האָב קיין איין זאַך ניט געזאָגט“, —
דערציילט ער, — „וואָס כ׳זאָל ניט קענען דערווייזן מיט אמתע
דאָקומענטן... איך האָב אַלע מאָל, ווען עס האָט מיר געפֿעלט
אַן אָריגינאַל אָדער אַ זיכערער דאָקומענט, — גערעדט וועגן דער
זאַך על־פּי תּנאי“. ער האָט קיין איינעם ניט געבּראַכט. און אויב

---

* דער גלח ווידיע איז ניט געווען אַזוי ווייט פֿאָרזיכטיק; דאָס איז
געווען וויקטאָר טאָמאַ קלעמאַן, טאָמאַס אַ בּרודערן־זון, וואָס איז אַריין אין בּער־
זשערעס הויפּט־שטאַב און איז אַרויסגעטראָטן אַלס עדות מצד דער בּאַשולדיקונג;
ער האָט נעבּעך גענומען אויף זיך די ראָלע פֿון אַ שפּיאָן, כּדי אַזוי אַרום מציל
צו זיין דאָס פֿעלעכל זיינס.

אזעלכע זיינען יאָ פאראַן, קען מען זיך פאָרשטעלן ווי ער האָט זיי צעדרייט ביי זיין שטייגער צו פארקריפּלען די באַוואוסטע פאַקטן אפילו.

די שמוציקע פּלוידערייען פון דעם מטורפן ווערסאַלער משרת, וואָס זיינען צונויפגעזאמלט אַלאַ מאָנטענען *, באַצירט מיט אַראַבעסקן און באַפליגלט מיט ווערטער, ווי „זיי וואָלטן געזאָגט אַזוי און אַזוי", און מיט דיאַלאָגן, אַ שטייגער: „די דאָזיקע אַלע מורדים זיינען סוף=כל=סוף געוואָרן גנבים; בעת דער מאַן האָט זיך אומגעקערט אהיים, האָט דאָס ווייב כסדר זיך נאָכגעפרעגט: „וואָס האָסטו געבראַכט?" — דאָס אַלץ האָט אריינגעבראַכט אין התלהבות די „רעווי=דע=דע=מאָנד" און די בולוואַרע פּרעסע.

די פראַנצויזישע אקאדעמיע האָט געהאַט אַ רצון אריינצונעמען צווישן זיך דעם דאָזיקן זעלטענעם היסטאָריקער און אין 85סטן יאָר, ווען די עמיגראַנטן, וואָס האָבן זיך דעמאָלט צוריקגעקערט, וואָלטן ניט געדראָט מיט ערנסט אריינמישן זיך, וואָלט ער אויף וויקטאָר הוגאָס לוווה געווען גערעדט אין איר נאָמען. מאַקסים די=קאַן איז אַוועק שטאַרבן קיין דייטשלאַנד, וואוהין זיין נשמה האָט זיך אַלעמאָל געריסן, אָבער געקיניגט אין דער אַקאַדעמיע האָט ער ווייטער. אין יוני 1895 האָט פּאָל בורזשע, זיין נאָכפאָלגער, אַ פּאַטענטירטער אויספאָרשער פון דער מענטשלעכער נשמה, געזאָגט, אַז ער האָט געמאַכט אַ „גוואַלטיק שטאַרקן" באַשולדיקונגס=אַקט קעגן דעם „ווילדן וואַנדאַליזם" און דער מיטשמועסער פונם ראָמאַניסט, אַן עלעגאַנטער סנאָב, האָט דעפינירט די קאָמונע אַלס אַן „אָנפאַל פון קדחת, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דער נויט, בעת דער באַלאַגערונג, און דורכן אָנגריף פון ווייסן פיבער". אַ צווייטער שאַרלאַטאַן און גאַסיקער גראַמען=מאַכער האָט געזאָגט, אַז מאַקסים די=קאַן „איז בחינם באַליידיקט, אָבער ניט אָפּגעלייקנט"

---

* למשל: „דעם 23סטן מאַי נאָך אַ זיסן שלאָף, וואָס גיט אַזוי פיל שלווה דעם באַפרידיקטן געוויסן, האָט באָדוען אין אַ גוטער לוינע דערפילט דורשט. ער האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב אויפצוברעכן די טיר פונם קעלער" א. אַז. ח.

די אמתע רעפובליקאנער זיינען ארויס קעגן די דאָזיקע קאָנוואולסיעס, פארגעסנדיק דערביי, אַז זייערע פירער גופא האָבן אויך געקוקט אויף דער קאָמונע ווי אויף אַ קדחת אין קאָנוואול־סיעס פון הונגער און יאוש; דערביי האָט קיין איין שרייבער ניט געהאַט געגוג שטאָף אָפצוּוואַרפן די אַלע באָבע־מעשׂיות.

די מעשׂיות, וואָס די ראַדיקאַלן האָבן זיך גענומען באַשאַפן, האָבן אַרויסגעוויזן זייער אַבסאָלוט ניט קענען די טוער, די סביבה און אפילו די געשעענישן פון דער קאָמונע. לויט זייער מיינונג, למשל, האָט דער באַנאַפּאַרטיזם געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין אָנהייב און אין צום סוף פון דער באַוועגונג. בעת זיי האָבן גענומען דאָס מיטלסטע פון אַ זייטל מאַקסים פון די־קאַנס שרייבעכצער און פון אַ זייטל זכרונות פון עפּעס אַן עמיגראַנט, האָבן זיי געמיינט, אַז זיי האָבן געפונען די היסטאָרישע דיאַגאָנאַל. זאָגט דען ניט אין „ראַפּל" דער סענאַטאָר קאַרבאָן, וואָס איז, ווי טאָלען, פריער געווען אַ פּשוטער אַרבעטער, אַז ער איז שיר ניט פאַרמשפּט געוואָרן אויף טויט דורכן קאָמיטעט פון גע־זעלשאַפטלעכער רעטונג!

נאָכדעם איז לייכט זיך פאַרצושטעלן דעם בוך אויף דער קאָמונע, ביי וועלכן די פּאַרלאַמענטאַרישע קרייזן האָבן זיך גע־האַלטן.

אָבער דאָס פאָלק, הגם עס איז ניט באַקאַנט געווען מיט געשיכטע, האָט בחוש געפילט, אַז די דאָזיקע באַוועגונג איז פאַר־געקומען פאַר אים, און האָט דעריבער כּסדר איינגעאָרדנט דע־מאָנסטראַציעס לטובת די באַזיגטע אינם קאַמף. אויף די וואַלן אין דער געזעצגעבערישער פאַרזאַמלונג, דעם 21סטן אַפּריל 1879, האָט באָרדאָ, מיט אַ רוב פון 4.000 שטימען, אויסגעוויילט בלאַנ־קין. דאָס געזעצגעבערישע הויז האָט מבטל געמאַכט די וואַלן און בלאַנקי איז באַגנעדיקט געוואָרן ערשט אין דריי חדשים אַרום, בעת ער האָט שוין געקענט אַמנעסטירט ווערן, ובכן — האָבן אויך רעכט צו ווערן אויסגעוויילט. פאַר די דאָזיקע דריי חדשים האָט דער גוטהאַרציקער גרעווי באַגנעדיקט־אַמנעסטירט 3.300 פאַרמשפּטע. 1.200 לפּחות האָט מען אויס באַסט אָדער פון פּחד

אויסגעטיילט פון דער אלגעמיינער צאל און זיי זיינען געבליבן אין קאלעדאניע אדער אין גלות.

סעפטעמבער 1879 זיינען אנגעקומען די ערשטע קאלעדא־נישע פארטיעס; זיי האבן דארט אנגעטראפן אויף א התלהבות־דיקער אויפנאם מצד די ארטיקע רעפובליקאנישע קאמיטעטן. און לוי בלאן, וואס האט דעמאלט געריזט איבער דרום, האט אויס־געצויגן צו די גלות־לייט דיזעלבע קליינע הענטלעך, מיט וועלכע ער האט זיי בשעתו געדראט. „זייט באגריסט!" — האט ער אויס־געשריען: — „ווען אין פראנקרייך זאל זיין כאטש א ביסל יושר, וואלט איר אונז קיינמאל ניט פארלאזן!" און בעת איין מאסאנען־לינזשע האט אים געוואלט צוטראגן א קראנץ, האט ער אזוי גע־זאגט: „איך וויל טיילן דעם כבוד מיט יענע, וואס האבן מער פאר מיר געקעמפט און מער געליטן", — ער האט געקענט נאך צוגעבן: „צוליב מיר".

אין פאריז האבן אויף די אמנעסטירטע געווארט ספעציעלע קאמיטעטן: דער צענטראלער און סאציאליסטישער.

פונם 71סטן יאר אן האט אין פאריז זיך געגרינדעט א הילפס־קאמיטעט פאר די משפחות פון די פאליטישע ארעסטירטע, וועלכער האט באקומען מיטלען פון נדבות, זאמלונגען, חתימה־בויגנס און געלט־הילף פונם שטאטראט. די עקסט־לינקע דעפוטאטן האבן, כדי צוצוציען וויילער, זיך אנגעכאפט אן דעם צענטראל־קאמיטעט, וועלכער האט אין 77סטן יאר באקומען 272.163 פראנק און גע־געבן הילף ארום 3.000 משפחות. אומאפהענגיק פון דעם דאזיקן כלומרשט־אפיציעלן קאמיטעט, האט עקסיסטירט נאך א סאציא־ליסטישער קאמיטעט, וואס האט קיין שום שייכות צו די עקסט־לינקע דעפוטאטן ניט געהאט; דער דאזיקער קאמיטעט האט אויך באקומען געלט פון זאמל־בויגנס און געקענט העלפן די קאלעדא־ניער, פאר וועלכע דער שטאטראט האט דערצו נאך באשטימט 100.000 פראנק.

פאריז האט זיי סוף־כל־סוף דערזען. זיי זיינען ארויס פון די וואגאנען פארמאטערטע פון דער נסיעה אין משך פון פינף חדשים אלס ארעסטאנטן, אפגעברענטע, אין אויסטערלישע ברייט־

ראנדיקע היט און אין בלוזעס, איינער איינגעהילט אין א קאלדרע, מיט פלעשלעך און זעקלעך פארוואָרפן איבערן אקסל, פארלאָרן ביי זיך, מיט אומרויִקע בליקן ארום זיך. געשיינט פון התלהבות האָבן בלויז יענע, וואָס האָבן געהערט עפּעס א רוף, ווענען עס האָבן באגעגנט אָרעמס פון פרויען, קינדער און פריינד, ביי וועלכע עס האָבן זיך פון די אייגן אראָפגעקייקלט טרערן פון שמחה; אָבער ווי שווער איז געווען צו קוקן אויף די פארגעסענע עלנטע לייטנעבעך, וואָס האָבן בחינם געזוכט און קיינעם ניט געפונען, — ניט יענע, וואָס עס האָט איר אויסגעפעלט מוט צו וואַרטן, ניט עלטערן=זקנים, וואָס זיינען שוין לאנג געשטאָרבן; געבראָכענע זיינען זיי אוועק פונם וואָקזאל און זיך געלאָזט וואו די אויגן טראָגן, ביז עפּעס א פּארטיי=חבר האָט זיי ניט א רוף געטאָן און אוועקגעפירט אינה הילפס=קאָמיטעט; דאָרט האָבן זיי באקומען מיטאָג און א גאָלדענע מטבע און זיינען אוועק איבער פאריז, וואָס האָט זיי מער ניט געקענט, דער אייביקער יאוש פון באזיגטע.

יענע, וואָס זיינען אמנעסטירט געוואָרן, צו וועלכע דער גורל האָט געשמייכלט, זיינען געוואָרן הייסע פארטיידיקער פון די אויסגעמיטענע חברים. אויף דעם קבר פון איין אמנעסטירטן האָט זיין חבר אלפאָנס עמבער געלויבט די קעמפער פון דער קאָמונע; פאריז האָט אים אויסגעוויילט אלס מוניציפאל=ראט; ליאָן האָט א צווייטן אויסגעוויילט אלס דעפּוטאט; אין ליל האָט א סאָציאליסטישער דעפּוטאט, וועלכער האָט פארטיידיקט די אמנעסטיע, מנצח געווען אן אָפּאָרטוניסט. די געזעלשאפטלעכע מיינונג, וואָס איז ווייט ניט צופרידן געווען מיט דער טיילווייזער אמנעסטיע, האָט א סך שארפער זיך אָנגעהויבן ארויסזאָגן נאָכן אומקערן זיך פון די קאלעדאָניער. לוי בלאַן, וואָס זיין יום=הדין איז געקומען, איז דורכן גאנצן קאָנגרעס אין מארסעל צוגערעכנט געוואָרן צו די דערשיסער פון 71סטן יאָר. דער גענעראל=ראט פונם סענעדעפּארטאמענט האָט אויסגעדריקט דעם פארלאַנג פון פולער און אלגעמיינער אמנעסטיע. אין דער פּרעסע און אויף די אלגעמיינע פארזאמלונגען האָט זיך אָנגעהויבן אזא אגיטאציע לטובת די

אויסגעשלאָסענע פון דער אַמנעסטיע, אַז דער יוסטיץ=מיניסטער האָט פאַראָרדנט אויספאָרשונגען. דער לינקער צענטער האָט אים געשטיצט און דער סעקרעטאַר פונם „רעפּובליקאַנישן פאַרבאַנד", דער וואוילטעטיקער באַיאַ, איז געוואָרן מלא=הימה און געמאָלדן, אַז די פראַגע וועגן אַלגעמיינער אַמנעסטיע איז שוין אַ באַשלאָסענע זאַך און די געזעצגעבערישע הייזער וועלן זיך צו דעם ניט אומקערן.

די עקסט=לינקע האָבן אינטערפּעלירט דעם מיניסטער, פאַרוואָס ער האָט אויסגעשלאָסן פון דער אַמנעסטיע אַזוי פיל איידעלע לייט און באַגנעדיקט קרימינעלע רעצידיוויסטן, וועלכע די מיליטערישע געריכטן האָבן בכיוון אויסגעמישט מיט די קאָמונאַרן. דער פריינד פון רעכטפאַרטיקייט האָט געענטפערט, אַז אַ טייל אויסגעשלאָסענע האָבן אַליין זיך אָפּגעזאָגט פון עפּעס אַ וועלכן עס איז חסד. „אויף וואָסער סמך", — האָט געענטפערט קלעמאַנסאָ, — „ווילט איר, אַז יענע, וואָס זיינען געפּייניקט געוואָרן, זאָלן פאַרגעסן אָן זייערע עינויים? איר זאָגט: „מיר פאַרגעסן ניט". אויב איר פאַרגעסט קיין זאַך ניט, וועלן אייערע קעגנער אייך דערמאָנען". דעם 18טן דעצעמבער האָט מען דעם קאַבינעט אינם סדר=היום אויסגעדריקט צוטרוי, אָבער די אַגיטאַציע האָט ניט אויפגעהערט. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז לחלוטין רעאָרגאַניזירט געוואָרן און באַקומען דעם נאָמען: „אַרבעטער=פּאַרטיי"; אין אירע רייען זיינען אַריין אַ סך אַמנעסטירטע און אויף די פּילצאָליקע פאַרזאַמלונגען און רעפעראַטן האָט זי אַלץ שאַרפער און שאַרפער געשטעלט די פראַגע וועגן אַמנעסטיע.

פרעיסינע האָט סוף דעצעמבער פאַרנומען וואַדינגטאָנס אָרט; דער נייער מיניסטער האָט אַפילו קיין פּיפּס ניט געטאָן וועגן אַמנעסטיע. דעם 22סטן יאַנואַר פון 80סטן יאָר האָבן די עקסט=לינקע, וועלכע די פּראָגרעסיווע צייטונגען און פאַרזאַמלונגען האָבן דערעסן, ווידער אַרויסגעשטעלט אַ פאָדערונג וועגן אַלגעמיינער אַמנעסטיע. ווי מיט אַ יאָר צוריק, איז זי אָפּגעוואָרפן געוואָרן מיט 8 ביוראָס פון 11. לוי בלאַן האָט נאָך אַביסל געזיפצט, הגם ער האָט אין זיין ביוראָ ווידער איבערגעחזרט, אַז דער צענטראַל=

קאמיטעט האט אים געפסקנט טויט=שטראף.* קאזימיר פעריע האט אים זייער שארף געענטפערט און פרעסינע האט געמאלדן: „דאס לאנד ניט נאר וואס עס דארף ניט קיין אמנעסטיע, נאר פאר=קערט—עס וואלט נאך מער אויפגערייצט געווארן. לאמיר בעסער בויען באנען און האפנס, פארבעסערן דעם טאריף, פארלייכטערן די שטייערן, און דעמאלט וועט מען אין א שיינעם פרימארגן קענען פארווירקלעכן אלע דרייסטע שריט, וואס איר לייגט אונז פאר“. די אמנעסטיע, וואס מען האט דורכגעווארפן מיט אזא קנאק, האבן באגראבן 316 שטימען קעגן 115.

עס איז אוועק 3 חדשים און זי איז ווידער אויפגעשטאנען תחית=המתים. דער יארצייט פונם 18טן מערץ איז געפייערט גע=ווארן אין א סך פאריזער קווארטאלן און אין דער פראווינץ. דעם 23סטן מאי פון 80טן יאר, אין דעם יארצייט פון „דער בלוטיקער וואך“, איז א המון פאריזער איינוויאונער מיט קרענץ אוועק אויפן בית=הקברות פער=לאשעז. דער פאליציי=פרעפעקט אנדריע הייסט אנגרייפן און ארעסטירן די מאניפעסטאנטן. דער שטאטראט דריקט אים פה=אחד אוים זיין צארן; ער ענטפערט אפ מיט א חוזק=שמייכל; די עקסט=לינקע פאדערן ערקלערונגען; דאס געזעצגעבערישע הויז אקצעפטירט די פאליטיק פון דער רעגירונג מיט 299 שטימען קעגן 28. ווייניקער ווי אין א חודש ארום, דעם 20סטן יוני, קלייבט בעלוויל אוים אין גאמבעטעס קרייז, קעגן דעם לעצטן, אין מוניציפאל=ראט טרענקען, דעם מוטיקן קעמפער פון דער קאמונע, וועלכער האט דורכגעמאכט דאס מיליטערישע געריכט מיט קאטארגע.

דער מאנעוור אין געווען א קלארער. גאמבעטא האט פאר=שטאנען, אז מען דארף וואס גיכער פארהיילן די יאטערדיקע וואונד, בפרט נאך, אז אין געזעצגעבערישן הויז זיינען אויף דעם געביט צווישן זיינע קעגנער=ראדיקאלן געווען אזוי פיל ספעציא=ליסטן. פונם 77סטן יאר אן האט ער געפאדערט, די דעמאקראטיע זאל צוריקגעשטעלט ווערן, פונם 76סטן י. אן איז ער געווארן דער ראש=וראשון אינם פארלאמענט, דער פרעזידענט און אומ=

* זשול סימאן האט דאס זעלבע געשריבן אין 1895 אין „גאלוא“.

באדינגטער פירער, זינט מאק=מאהאן איז געפאלן און האט גראד אין סענאט אויפגעהויבן די פראגע וועגן דעם אומקערן זיך פונם פארלאמענט קיין פאריז; דעם 14טן יולי האט באדארפט פארקומען א גרויסער נאציאנאלער יום=טוב און די צייטונגען, אפילו די מעסיקסטע, האבן מודה געווען, אז מען דארף איינלאדן אויף אים אלע געוועזענע פארמשפטע. גאמבעטא, וועלכן מען האט די פראגע געשטעלט אויף שפיציקן אופן, האט זיך אנטשלאסן אויף א לעצטן שריט. ער האט צונויפגעזאמלט די פארשטייער פון מעסיקע גרופירונגען, זיך ארויסגעזאגט פאר זיי לטובת דער אמנעסטיע, און דערנאך האט פרעיסינע דעם 12טן יוני זי פארגעלייגט.

קאזימיער פעריע, וועלכער האט אין פעברואר האנט=ביי=האנט מיט פרעיסינען זיך אנטקעגנגעשטעלט דער אמנעסטיע, האט פארביטערט פראטעסטירט. פרעיסינע האט געענטפערט, אז די סתירה איז בלויז אן אילוזארישע. פארשטייט זיך, אז די באנען, האפנס וכדומה זיינען נאך ניט אויסגעבויט און די שטייערן נאך ניט פארקלענערט, אבער די ארדענונג איז פארזיכערט, — און דאס איז דאך דער עיקר. דאס וואלט מען געהאלטן פאר חוזק, ווען גאמבעטע וואלט זיך ניט אויפגעהויבן פון דער שטול, כדי א ביסל דורכצולופטערן די דאזיקע טעמפע מוחות. ער האט געמאלדן פראנקרייך אלס מידם און פארמאטערטס פון די אנסופיקע קריגערייען ארום דער אמנעסטיע, וואס שווימען ארויס ביי יעדער פראגע, אויף אלע וואלן און וואס רופט צו זיין רעגירונג: „ווען=זשע, סוף=כל=סוף, וועט איר מיך שוין באפרייען פון די דאזיקע נאכווייענישן פון דער בירגער=מלחמה?" ער האט זיי געטראפן אין רעכטן פינטל, האט געמאלדן דאס בילד פון די וואלן אין משך פון די לעצטע 15 יאר און דערנאך זיי סוף=כל=סוף בארויקט: „איר קענט פראקלאמירן אמנעסטיע; דאס וועט אייך באפרייען פון א וועלט מיט דאגות; דאס אויסקלייבן טרענקען איז דער לעצטער מאנעוור פון דער פארטיי, ביי וועלכער איך וועט אויף אזא אופן ארויסשלאגן פון דער האנט איר איינציקן כלי=זיין." אויב ער אליין האט אין דעם אלעם געהאט קנאפ

אמונה, — האָבן זיי אָבער געגלייבט און אָנגענומען די אַמנעסטיע מיט 312 שטימען קעגן 136, — פּונקט אַ פּאַרקערטע פּאַרהעל־טעניש, ווי עס איז געווען מיט פיר חדשים צוריק, בעת מען האָט דעם דאָזיקן פאָרשלאָג אָפּגעוואָרפן.

די סענאַט־קאָמיסיע האָט דעם פּראָיעקט אָפּגעוואָרפן. דער בייניקער פון די אַרעסטאַנטן, הער טיערס און מאַק־מאַהאָנס משרת, וואָס האָט נאָך מער אָנגערעדט לשון־הרע אויף פּאַריז, ווי מאַק־מים די־קאַן, — זשול סימאָן, וועלכער האָט כּסדר געקריצט מיט די ציין אויף גאַמבעטען, — האָט אויסגעגאָסן זיין גאַנצן גיפט אויף דער קאָמונע, האָט צעקריגט צווישן זיך די מיניסטאָרן און געבעטן זיך רחמים ביי זיינע חברים צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד, און זיי וואָלטן עס געווען געטאָן, ווען ניט די מורא פאַר אַ סיכסוך מיטן פּאַרלאַמענט און פאַר דעם צאָרן פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג, וואָס איז אינגאַנצן געווען אויף גאַמבעטעס צד. מען האָט געפונען נאָך איין שפּיצל — מען האָט זיך ווידער אָנגעכאַפּט אָן אַן אַמנעסטיע על־פּי־תּנאַי; אָבער דאָסמאָל האָט די רעגירונג דעם 10טן יוני באַגנעדיקט אַלע פאַרמשפּטע. גאַליפע איז געווען אומצופרידן און אָנגעשריבן צו גאַמבעטען, וועלכן ער האָט גע־האַלטן אין איין חנפענען, אַז די אַלגעמיינע אַמנעסטיע האָט אויף דער אַרמיי געמאַכט אַ דערדריקנדיקן רושם.

די גלות־לייט, וואָס האָבן געוואוינט ווייט פון דער היים, האָבן דעם 14טן יולי שוין געקענט טיילן זייער פרייד מיט דער אַלגעמיינער שמחה פון פּאַריז, אָבער גאַנצע פינף חדשים האָט מען נאָך באַדאַרפט וואַרטן אויף דעם אומקערן זיך פון די קאַ־לעדאָנישע מאַרטירער. אין משך פון די 9 יאָר באַגנעדיקונג האָבן די געזעצן און דער טויט אויסגעגלייכט אַלע קרבנות פון ווערסאַל. די אימפּעריע האָט זיך אין משך פון 9 יאָר ניט נוקם געווען, און האָט ניט געהאַט אויף איר געוויסן די 20.000 מתים; אַזעלכע מאַסן־הריגות איז מסוגל געווען צו מאַכן בלויז אַן אַנאָ־נימע רעגירונג, וואו יעדער תּלין קען אָפּדרייען דעם קאָפּ, זיך אָפּווישן און אַ זאָג טאָן! „איך בין דערביי ניט געווען!"

נאָכן אומקערן זיך אַהיים, האָבן די פאַרשיקטע צוריק אָנ־

געהויבן פירן א לעבן, ווי פריער; איינער איז צוריק געוואָרן א בעל=מלאכה, א צווייטער איז אוועק אין דער פאבריק, א טייל האָבן זיך איינגעאָרדנט ביי מסחר, אנדערע ווידער האָבן זיך אָפּגעגעבן קונסט און זשורנאליסטיק. די שטאָט=פארוואלטונג, וואָס האָט זיך געפונען אין די הענט פון די רעפּובליקאנער, האָט א סך פון זיי אויך געגעבן ארבעט; א טייל האָבן אפילו פארנומען אָפיציעלע שטעלעס. ווי די ערשטע אמנעסטירטע, זיינען זיי אויך אוועק אין די רייען פון דער ארבעטער=פּארטיי, וואָס האָט אדאנק זיי באַקומען א באדייטנדיקן שטויס צו אנטוויקלונג, און אין עטלעכע יאָר ארום איז ניט איין מיטגליד זייערער אריין אין פאריזער שטאָטראט גופא. אין א צייט פון סכנה, בעת אין 89סטן יאָר האָט גענעראל בולאנזשע, וועלכער איז געווען איינער פון די דערשיסער אין די צייטן פון מאק=מאהאָן, געוואָלט, אונטערן תירוץ פון אויפלעבן פראנקרייך, צוזאמען מיט די מאָנארכיסטן און קלעריקאלן גרינדן א דיקטאטור, וואָס אלס פועל=יוצא אירער איז געווען מלחמה, — האָבן דאָס רוב קעמפער פון דער קאָמונע, אָן לאנגע שהיות, אנטשלאָסן זיך געשטעלט צום קאמף און קיין זאך, אחוץ אָפּהיטן די רעפּובליק, ניט געפאָדערט. פאר דער דאָזיקער באציונג, אָן שום פניות, צו דער רעפּובליק, האָט די לעצטע זיי אפילו קיין רעכט ניט געגעבן צו באערן זייערע געפאלענע חברים.

אויפן בית=הקברות פער=לאשעז, ניט ווייט פונם ריוו, וואָס איז פול געווען מיט מתים פון דער ראָקעט=גאָס, שטייט אין ווינקל די היסטאָרישע וואנט, וואו מען האָט אין דער סוף פון דער „בלוטיקער וואָך" דערשאָסן די פעדעראליסטן. דער מוניציפאל=ראט פון פאריז האָט אָפּגעגעבן דאָס שטיקל ערד פאר א מקום=מנוחה פון אזוי פיל רעפּובליקאנער; עס איז געדיכט באלייגט מיט טויטע קערפּערס פון די געפאלענע העלדן, און ס'איז פארשטענדלעך, אז די לעבן געבליבענע האָבן געוואָלט אויף וועלכן עס איז אופן דאָס באַצייכענען; מען האָט אָבער די שטיינער מיט דער פארצוימונג פון זייער באשיידענער מצבה אראָפּגענומען. דאָך האָט די פאריזער באפעלקערונג שוין אין דעם יאָרצייט געקענט פריי קומען אהער און באצירן די וואנט מיט קרענץ; איצט איז ערלויבט צו קומען

אהער איינציקווייז און דערצו אונטער אַ פּאָליציי־שמירה; עס זיינען פאַרוועדט כּל־המינים רעדעס, יעדער מין אויסגעשרייען, וואָס דערמאָנען אָן דעם ווידערשפּעניקן עבר. איין דעפּוטאַט איז פאַרטריבן געוואָרן פונם געזעצגעבערישן הויז פאַר אָן אויסגע־שריי: „זאָל לעבן די קאָמונע!" מען האָט אויך באַדאַרפט האָבן גאַנצע 30 יאָר, כּדי זיך צו דערשלאָגן דאָס ערשטע מאָל אַמ־נעסטיע פאַר דער מאַרסעליעזע, און ערשט אין 25 יאָר אַרום נאָכן דערשטיקן די רעוואָלוציע, האָט די געשיכטע פון דער רע־וואָלוציע זיך געקענט אַפּריינ־קן אַ ביסל פונם רעאַקציאָנערן שמוץ.

2.000 מאַנסלייט, פרויען און קינדער, וואָס זיינען דערהרגעט געוואָרן בעת די שלאַכטן און נאָכן ווידערשטאַנד אין פּאַריז און אין דער פּראָווינץ; לכל־הפּחות, 3.000 געשטאָרבענע אין די אַרעסטן, אויף די פּאָנטאָנען, אין די פעסטונגען און תּפיסות אין נײַ־קאַלעדאָניע, אין גלות אָדער פון קראַנקהייטן, וואָס זיי האָבן געכאַפּט אין די תּפיסות; 13.700 פאַרמשפּטע צו שטראָפן, וואָס האָבן זיך פאַר אַ סך צעצויגן אויף 9 יאָר; 62.000 קינדער, פרויען און זקנים, וואָס האָבן פאַרלאָרן זייערע שפּייזערס אָדער זיינען אַרויסגעשליידערט געוואָרן מחוץ די גרעניצן פון פראַנקרייך, — בסך־הכל אַרום 107.000 קרבנות — אָט דאָס איז די אַלגעמיינע לעצטע שורה פון די נקמה־אַקטן מצד דער העכערער בורזשואַזיע פאַר די צוויי חדשים פונם 18טן מערץ.

מעגלעך, אַז כ'האָב פאַרטושט פאַקטן, פאַרשוויגן די פעלערן פונם באַזיגטן קעמפער? ס'קען זיין, אַז כ'האָב ניט ריכטיק גע־מאָלט דעם זיגערס מעשׂים? זאָל מען מיך מכחיש זיין, אָבער מיט ראיות.

די פאַקטן טענהן אַליין פאַר זיך; מען דאַרף זיי בלויז צו־נויפזאַמלען און מאַכן דעם געהעריקן אויספיר.

ווער האָט זיך, אויב ניט דאָס פאָלק — אָפּטמאָל אַליין, ניט־זעלטן אויף די גאַסן — געשלאָגן קעגן דער אימפּעריע, קעגן דער מלחמה פון יאָר 1870, קעגן דער קאַפּיטולאַציע פון יאָר 1871?

ווער האט געמאכט די רעוואלוציע פונם 18טן מערץ אומפארמיידלעך און געפאדערט מיליטערישע עקזעקוציעס פון פאריז? ווער האט צוגעאיילט דעם אויפשטאנד, אויב ניט די פארזאמלונג פון די דארפסלייט און הער טיער?

וואס איז דען דער 18טער מערץ, אויב ניט אן אינסטיקטיווע תשובה פונם פאלק אויפן באקומענעם פאטש אין פנים? וואו זיינען די שפורן פון דער פארשווערונג, פון דער סעקטע, פון די העצער? ווער האט ארויסגעשטעלט אן אנדער לאזונג, אחוץ: „זאל לעבן די רעפובליק?" צו וואס האבן אלע געשטרעבט, אויב ניט צום שאפן א רעפובליקאנישע זעלבסטפארוואלטונג אלס קעגגזאץ צו דער ראיאליסטישער פארזאמלונג?

איז דען ניט אמת, אז אין די ערשטע טעג וואלט דאס אנערקענען די רעפובליק, דאס אננעמען א יושרדיק מוניציפאלגעזעץ, דאס אפשאפן די הרוב־מאכנדיקע דעקרעטן — אריינגעבראכט בארויקונג, און די ווערסאלער לייט האבן דאס אלץ אפגעווארפן?

איז דען ניט אמת, אז פאריז האט אויסגעוויילט זיין קאמונאלע פארזאמלונג ביי אן אומגעוויינלעך גרויסער צאל וויילער, ביי אן אומגעהייערער פרייהייט פון וואלן?

איז דען ניט אמת, אז די ווערסאלער לייט זיינען אנגעפאלן אויף פאריז אן שום סיבה פון זיין צד, אן שום התראה און תיכף אין אנהייב האט ווערסאל שוין גענומען דערשיסן די געפאנגענע? איז דען ניט אמת, אז די פרוון צו שליסן שלום האבן תמיד געשטאמט פון פאריז, אדער פון דער פראווינץ, און די ווערסאלער לייט האבן זיי אלעמאל אפגעווארפן?

איז דען ניט אמת, אז אין משך פון די צוויי חדשים קאמף און אומבאגרעניצטער הערשאפט האבן די פעדעראליסטן חס געהאט אויפן לעבן פון די מיליטערישע געפאנגענע, זייערע פאליטישע שונאים?

איז דען ניט אמת, אז פונם 18טן מערץ אזש ביזן לעצטן טאג קאמף האבן די פעדעראליסטן זיך ניט צוגערירט צו די רי-

זיקע אוצרות, וואָס האָבן זיך געפונען אין זייערע הענט, און האָבן זיך באַנוגנט מיט אַ נישטיק ביז קאָמיזם שכירות?

איז דען ניט אמת, אַז ווערסאַל האָט דערשאָסן לפּחות 17.000 מאַן, דאָס רוב אַזעלכע, וואָס האָבן קיין שייכות ניט גע-האַט צו דער מרידה, — און צווישן זיי פרויען און קינדער? אַז עס האָט אַרעסטירט ניט ווייניקער פון 40.000 בירגער, כּדי נקמה צו נעמען פאַר די שריפות, פאַרן טויט פון די 64 ערבות-לייט, פאַרן פּראָטעסט קעגן דער ראַיאַליסטישער פאַרזאַמלונג?

איז דען, לסוף, ניט אמת, אַז טויזנטער זיינען פאַרמשפּט געוואָרן אויף טויט, קאַטאָרגע, פאַרשיקונג, גלות אָן שום חקירה ודרישה, און אַז די אַלע פּסק-דינים, וואָס די אָפיצירן-זיגער האָבן אַרויסגעטראָגן, האָבן אפילו די קאָנסערוואַטיווסטע רעגירונגען אָנערקענט פאַר אומגעזעצלעך?

זאָלן מיר מענטשן אָן פּניות ענטפערן, זאָלן זיי זאָגן, ווער עס איז דער פאַרברעכער, אויסוואורף — די רוצחים אָדער די דערהרגעטע, „די מערדער" די פעדעראַליסטן צי די „ציוויליזירטע" ווערסאַלער לייט? זאָל מען ערלעך אָפּשאַצן דעם מאָראַלישן ניוואָ און דעם פּאָליטישן חוש פון דעם הערשנדיקן קלאַס, וואָס איז מיט ענלעכע מיטלען בכּוח געווען אַרויסצורופן און דערשטיקן אַזאַ אויפשטאַנד, ווי די מרידה פונם 18טן מערץ.

שוין-זשע קען איך איצט פּנים-אל-פּנים מיט די געשעענישן, וואָס זיינען פאָרגעקומען שפּעטער, ניט פרעגן:

איז דען ניט אמת, אַז דער גרויסער רוב פון דער באָר-דאָער פאַרזאַמלונג האָט געוואָלט איינשטעלן אַ מאָנאַרכיע און ערשט נאָך דער קאָמונע האָט זי זיך אָפּגעזאָגט פון דעם דאָזיקן געדאַנק?

איז דען ניט אמת, אַז דאָס דערשטיקן פּאַריז האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט די רעאַקציאָנערן פיר יאָר צו האַלטן די מאַכט אין דער האַנט און נאָך פיר יאָר צו קעמפן פאַר איר אונטער מאַק-מאַהאָנס שוץ?

איז דען ניט אמת, אַז צוהערנדיק זיך צו דער שטים פון פּאַריז, וואָלט מען געקענט אויסלייזן פראַנקרייך פון אַכט יאָר

אומזיניקע סיכסוכים, שטערבלעכע יסורים, פונם אַריינרייסן זיך פון דער אָפּשוואַכנדיקער און פאַלשער פּאָליטיק, וואָס איז אַזוי פרעמד אונזער נאַציאָנאַלן גייסט?

יאָ, די פּאַריזער איינוואוינער זיינען גערעכט געווען, בעת זיי האָבן געדענקט יוני און סעפּטעמבער און געקעמפט פאַר זייערע הארמאַטן און ביקסן; זיי זיינען גערעכט געווען, בעת זיי האָבן געזאָגט, אַז די אָנהענגער פון די אַלטע אָרדענונגען האָבן געטראַכט וועגן רעסטאַווראַציע; יאָ, זיי זיינען גערעכט געווען, בעת זיי האָבן אויף טויט געקעמפט קעגן דעם אַריינרייסן זיך פון די גלחים; זיי זיינען גערעכט געווען, בעת זיי האָבן מורא געהאַט פאַר דער קאָנסערוואַטיווער רעפּובליק, מיט הער טיערן בראש, פאַר נגישות, זאָל זיין אַנאָנימע, אָבער ניט ווייניקער אכזריותדיקע, ווי דער יאָך פון די אַמאָליקע צייטן; זיי זיינען גערעכט געווען, בעת זיי האָבן זיך געשלאָגן, ניט געקוקט אויף קיין זאַך, ביזן לעצטן שטיין אויפן ברוק; גערעכט, ווי די לעצטע יוניקע באַריקאַדע, ווי די באַדען-באַריקאַדע, ווי די באַזיגטע פריער אין באַזעיל, בורזשע, מאָנטרעטו; יאָ, זיי זיינען גערעכט געווען, בעת זיי האָבן זייער לעצטע קויל געשיקט צום הימל, ווי די גראַקכן זייער שטויב, פון וועלכן עס האָט באַדאַרפט געבאָרן ווערן דער נוקם ונוטר.

אַ סך האָבן געפרעגט, וואו זיינען זייערע גרויסע מענטשן? זיי זיינען לחלוטין ניט געווען, די גאַנצע קראַפט פון דער דאָזיקער רעוואָלוציע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זי איז געווען אַ רעוואָלוציע פון דער מאַסע, און ניט פון אַ הייפל באַרימטע קעפּ.

מען האָט נאָך געפרעגט, וואָס זי באַטייט? — דאָס איז אַ רוף צו אָרדענונג, וואָס איז געוואָרפן געוואָרן דורך דעם גאַנצן רעפּובליקאַנישן פראַנקרייך צו די שפּליטערס פון עבר, וואָס שטייען אויף תחית-המתים. זי האָט אַריינגעבראַכט אין די אַרבעטער דאָס באַוואוסטזיין פון זייער קראַפט, האָט דורכגעפירט אַ שאַרפן גבול צווישן זיי און דעם קלאַס עקספּלאָאַטאָרן, האָט געוואָרפן אַזאַ ליכטיקע שיין אויף די באַציונגען צווישן די קלאַסן, אַז די

געשיכטע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע איז ווי אינגאַנצן דורך דעם באַלויכטן געוואָרן און באַקומען אַ נייעם זין.

די רעוואָלוציע פונם 18טן מערץ איז אויך געווען אַ רוף צו מעשים, וואָס איז געווענדט געוואָרן צו דער קליין־בורזשואַזיע. זי האָט געזאָגט: „הייב זיך אויף, נעם ווידער דיין אָנפירנדיקע ראָלע אויף זיך, קעמף אויס די מאַכט צוזאַמען מיטן פּראָלעטאַריער און מיט פאַראייניקטע כוחות שטעלט אַוועק פראַנקרייך אויפן וועג פון גערעכטיקייט".

אָט וואָס דער 18טער מערץ האָט באַטייט. אָט פאַרוואָס די דאָזיקע באַוועגונג איז רעוואָלוציע; אָט פאַרוואָס די אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט אָנערקענען אים און באַגריסן; אָט פאַרוואָס די אַריסטאָקראַטיע פון דער גאַנצער וועלט קען אפילו אָן היץ ניט אַ טראַכט טאָן וועג אים.

ס'איז קיין ספק ניט, אַז אין דעם דאָזיקן קאַמף האָט אָנטייל גענומען בלויז דער אַוואַנגאַרד פון דער גרויסער אַרמיי, און דאָס פאָלק, וואָס איז געצוואונגען געווען צו קעמפן לויט אַלע דינים פון מיליטערישער קונסט, האָט ניט געקענט אַנטוויקלען אין דער גאַנצער ברייט ניט די אידעען, ניט די לעגיאָנען; אָבער אין דער זעלבער צייט האָט ער ניט געקענט משיג זיין, אַז די דאָזיקע באַוועגונג — איז בלויז אַן איינצלנער, הגם ריזיקער עפּיזאָד פון דער רעוואָלוציע. אָבער ווי מעכטיק איז געווען דער דאָזיקער אַוואַנגאַרד אין משך פון די קנאַפּע צוויי חדשים, וואָס האָט געהאַלטן אין אומזיכערקייט די פאַראייניקטע כוחות פון די רעגירנדיקע קלאַסן; און אומשטערבלעך זיינען די זעלנער, וואָס האָבן אויף די אַוואַנפּאָסטנס פּנים־אל־פּנים מיטן טויט געענטפערט איין ווערסאַלער: „מיר קעמפן דאָ פאַר דער מענטשהייט!"

דאָס יאָר 1896.

25 יאָר איז שוין אריבער פון דער קאָמונע אָן. די הערן גאַליפע פאַרנעמען נאָך אַלץ זייערע ערטער, און דאָס פאָלק דראָט נאָך אַלץ, אין פאַל פון אַ מפלה, ווי פריער דערשאָסן צו ווערן פון הארמאַטן. פון 1871 אָן האָט די פריערדיקע חבריא רעאַקציאָנערן קיין איין פּריצל ניט פאַרלאָרן, קיין איין גלח אָדער לייב=אייגנטיטער; זי האָט נאָך אריינגעקריגן צו זיך עטלעכע בורזשואַזע מליצה=טרייבער, וואָס האָבן אונטער דער מאַסקע פון דעמאָקראַטיזם געשטיצט אירע תביעות.

אין 48סטן יאָר האָבן זיי געטענהט צום פאָלק: בעת עס עקהיסטירט אַלגעמיינע וואַלרעכט, איז יעדע מרידה פאַרברעכעריש; דאָס וואַל=צעטל האָט פאַרביטן די ביקס". בעת אָבער דאָס פאָלק האָט געשטימט קעגן זייערע זכיות, האָבן זיי זיך געשטעלט קאַפויר און די רעגירונג, וואָס האָט באַשלאָסן זיך צו רעכענען מיט די פאַרלאַנגען פון דער מאַסע, איז אין זייערע אויגן געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנערע. וואָס זשע בלייבט אַזוי אַרום דעם פאָלק? — די קראַפט, אַלס לעצט מיטל. די לעצטע שורה איז דאָך, אַז זי איז אויף זיין צד.

נאָכדעם, ווי דער שטאָטישער און דאָרפישער פראָלעטאַריאַט האָט שוין סוף=כל=סוף אויסגעפּרובירט אַ וועלט מיט רפואות, האָט ער זיך דורכגעדרונגען מיט איין געדאַנק, מיט איין נאַטירלעכן פאַרלאַנג — צו נעמען דעם גורל אין די אייגענע הענט אריין; און די קליין=בורזשואַזיע, וואָס איז אויפדאָסניי אריינגעשליידערט געוואָרן אין די רייען פונם פראָלעטאַריאַט דורך די גרויס=קאַפּיטאַליסטן, איז נאָך לאַנגע וואַקלענישן, סוף=כל=סוף דערגאַנגען ביז אָנערקענען די בשותּפותדיקייט פון זייערע אינטערעסן מיט די אינטערעסן פון דעם לעצטן. איצט איז שוין כמעט אריבערגע=

וואָרפן די בריק צווישן די דאָזיקע צוויי קלאַסן, וואָס בלויז זיי זיינען די פראָדוצענטן און פון זיי באַשטייט דאָס עכט-פראַנצויזישע פאָלק.

ערשט נאָך אַ לאַנגן דריידל איז ער דערגאַנגען זיין נאַטור. אין משך פון 100 יאָר האָט פראַנקרייך אויסגעפרובירט כּל-המינים מלוכה-בוי און איבערגעגעבן די רעגירונגס-מיטלען דאָ אין איינע הענט, דאָ אין אַנדערע, דאָ אין פאָליטישער פאַרטיי, דאָ אַ צווייטער, און אַלע מלוכה-אַנשטאַלטן, די אַדמיניסטראַציע, די מיניסטעריומס האָבן כּסדר געפילט אויף זיך די גאַנצע משא פון דער כּנופיא פראַטעזשעס, פון די וואַקסנדיקע כּסדר ביודזשעטן, פון זייער אומבאַגרענעצטן פאַראַזיטיזם, וואָס האָט געמאַכט אַ תּל פון פאָלק לשם באַקוועמלעכקייט פון עפעס אַ קאַסטע; אין משך פון 100 יאָר האָט פראַנקרייך איבערגעגעבן מער אָדער ווייניקער אָנגעזעענע און באַוואוסטע מענטשן דאָס שרייבן פאַר אים געזעצן, און די דאָזיקע געזעצן, וואָס זיינען תּמיד געוואָרן צוגעפאַסט צו די באַקוועמלעכקייטן פון אַ קליין הייפל מענטשן, האָבן מיטגעווירקט בלויז, אַז די נאַציאָנאַלע קראַפט זאָל אָפגעשוואַכט ווערן. די עקספערימענטן האָבן צו לאַנג געדויערט. איצט איז דאָס אַלץ פאַרענדיקט. דער לייב וועט שוין מער ניט שלעפן נאָך זיך דאָס אייזל.

דריי מאָל האָט דער פראַנצויזישער פראָלעטאַריאַט געשאַפן אַ רעפובליק פאַר אַנדערע; איצט איז ער שוין רייף געוואָרן פאַר אַן אייגענער. ער אַליין איז איצט דער איינציקער מקור פון אמת, וויסן, וואָס האָט אים אַלעמאָל אויסגעפעלט. דאָס הייפל שונאים זיינע גריבלט זיך אין שטויב, אין שפליטערס פון אַן אָפגעלעבטער וועלט, וואָס אַנטשפרעכט לחלוטין ניט די מאָדערנע קולטורעלע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען, וואָס האַלט זיך נאָך בלויז אַדאַנק די פאַרעלטערטע געזעצן און אַלט-געוואָרענע אַדמיניסטראַטיווע אַנשטאַלטן. תּיכּף ווי זיי וועלן נאָר אונטערגיין, וועט די פראָדוקטיוויטעט פון פראַנקרייך זיך פאַרגרעסערן אויף הונדערט מאָל אַזוי פיל, מחמת איצט איז דאָס פאָלק געצוואונגען צו צעזייען זיינע כּוחות, ניט מאַכנדיק דערביי קיין שריט פאָראויס. פאָלקס-ממשלה — הייסט

לאזן אין גאנג דעם גאנצן אנגעזאמלטן סכום ארבעטס־ענערגיע, וואס גייט ביי די איצטיקע באדינגונגען אינגאנצן לאיבוד.

קיינמאל האט נאך דאס פאלק ניט פארמאגט אזא קראפט, כדי צו פארכאפן די מאכט. עטלעכע צענדליק אנעמישע מאדנע פראנטן, וואס טראגן זיך ארום מיט זייערע ספקות, זיינען שוין מער ניט פראנקרייך, פונקט ווי דאס זיינען ניט געווען די מאר־קיזן פון דער צייט ביזן יאר 1879. פארקערט, די שטאטישע און דארפישע ארבעטער זיינען ניט מסופק אין זייערע כוחות. און באמת, וואסער אנדערער דור האט פאר די לעצטע 100 יאר זיך אויסגעצייכנט מיט אזא באוואוסטזיין, מיט אזא היים שטרעבן צו אן אידעאל.

וואס דארף מען האבן, אז מען זאל צעטרייבן די גיפטיקע פליגן און זיגרייך זיך דורכשלאגן א וועג מקבל־פנים צו זיין דעם רויטן אויפגאנג, וואס באווייזט זיך אין דער צוקונפט — מען דארף וואגן. ווי אין די אמאליקע צייטן, „דורך דעם דאזיקן ווארט דריקט זיך אוים די גאנצע פאליטיק פון דער רגע". „וואגן און טיפער צעגראבן די ערד". דרייסטקייט — איז א קינד פון גלויבן. דאס פאלק פון יאר 1789 האט געוואגט און זיך אויפגעהויבן אויף דער שפיץ פון דער געשיכטע און דעם פאלק פון 1870—71 וועט די געשיכטע פאר זיין גיין אן פחד אויף קדוש־השם פאר זיין אמונה, — אפגעבן דאס געהעריקע ארט.

אינהאַלט:

זייט.

נײנצנטער קאַפּיטל.

די מאַסאָנען שליסן זיך אָן אָן דער קאָמונע. — די ערשטע אָפּרוימונג פון דעם פאָרט איסי. — דאָס שאַפן אַ קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלעכער זיכערהייט 3

צוואַנציקסטער קאַפּיטל.

ראָסעל פאַרנעמט קליוזערעס אָרט. — עס צעפּלאַקערט זיך די קאָנקוּרענץ. — רייסעריייען אין דער קאָמונע. — ראָסעל טוט נאָך קליוזערען. — דאָס באַשיצן דעם פאָרט איסי. 19

איין=און=צוואַנציקסטער קאַפּיטל.

פאַריז ווערט באָמבאַרדירט. — דער פאָרט איסי איז גענומען. — די קאָמונע באַנייט איר קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלעכער רעטונג. — ראָסעל מאַכט פליטה. 32

צוויי=און=צוואַנציקסטער קאַפּיטל.

די פאַרשווערונגען קעגן דער קאָמונע 47

דריי=און=צוואַנציקסטער קאַפּיטל.

הער טיערס פּאָליטיק בנוגע דער פּראָווינץ. – די לינקע פאַררעטן פאַריז . 56

פיר=און=צוואַנציקסטער קאַפּיטל.

די אָנמאַכט פונם צווייטן קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלעכער רעטונג. — דער פאָרט וואַנוו און דאָס דאָרף איסי זיינען אָפּגערוימט. — דער מאַניפעסט פון דער מינדערהייט. — דער אויפרייס אין דער ראַפּאַלעע. — דאָס פאַלן פון דעם וואַנדאָמער זייל 70

פינף־און־צוואנציקסטער קאפיטל.

פאריז נוססט. — ווערסאל 82

זעקס־און־צוואנציקסטער קאפיטל.

די ווערסאלער לייט גייען אריין אין פאריז דעם 21סטן, דריי א זייגער
ביינאכט. — די פארזאמלונג פונם קאמונע־ראט ווערט געשלאסן . 102

זיבן־און־צוואנציקסטער קאפיטל.

מאנטאג, דעם 22סטן. — די ווערסאלער לייט פארנעמען די מזרח־קווארטאלן. — פאריז שטייט אויף 114

אכט־און־צוואנציקסטער קאפיטל.

דינסטאג, דעם 23סטן מאי. — מאנמארטר איז גענומען. — די ערשטע
מאסן־שחיטות. — פאריז ברענט. — די לעצטע נאכט פונם רעוואלוציאנערן שטאט־ראט. 131

ניין־און־צוואנציקסטער קאפיטל.

מיטוואך, דעם 24סטן מאי. — די קאמונע־מיטגלידער רוימען אפ דעם
ראט־הויז. — דער פאנטעאן איז גענומען. — די ווערסאלער לייט
דערשיסן פאריזער איינוואוינער. — די פעדעראליסטן שיסן די
ערבות־לייט. — די קאנאנאדע־נאכט 149

דרייסיקסטער קאפיטל.

דאנערשטאג, דעם 25סטן מאי — דער לינקער ברעג איז אין די הענט
פון די חיילות. — דעלעקליוזס טויט. — „די בראספארדיע" פירן
אן מיט די הריגות. — די מעריע פונם XIסטן קרייז איז אפגעגעבן דעם שונא. 168

איין־און־דרייסיקסטער קאפיטל.

דער ווידערשטאנד ווערט קאנצענטרירט אין בעלוויל. — פרייטאג, דעם
26סטן, דערשיסט מען אויף דער אקסא־גאס אכט־און־פערציק
ערבות־לייט. — שבת, דעם 27סטן, איז דער גאנצער XXסטער
קרייז פארנומען דורכן מיליטער. — פער־לאשעז איז גענומען. —
די שלאכט פארענדיקט זיך זונטאג, 11 א זייגער אינדערפרי. —
מאנטאג, דעם 29סטן, גיט זיך אונטער דער ווענסענער פארט. . 184

צוויי=און=דרייסיקסטער קאַפּיטל.

די וואַרשאַלער שרעקלעכע מעשים. — די שחיטה=ערטער. — די פּרעוואָ=טאַלע געריכטן. — וואַרלענס טויט. — די עפּידעמיע. — די לוויות. . 206

דריי=און=דרייסיקסטער קאַפּיטל.

די פּאַרטיע געפאַנגענע. — די אָראַנזשעריי. — סאַטאָרי. — מוסרים. — די פּרעסע. — די עקסט=לינקע שילטן די באַזיגטע. — די דעמאָנ=סטראַציע אין אויסלאַנד. 222

פיר=און=דרייסיקסטער קאַפּיטל.

די שווימענדיקע תּפיסות. — די פעסטונגען. — די ערשטע פּראָצעסן . 242

פינף=און=דרייסיקסטער קאַפּיטל.

די מיליטערישע געריכטן. — די עקזעקוציעס. — דער סך=הכּל פון די פּסק=דינים. 264

זעקס=און=דרייסיקסטער קאַפּיטל.

ניי=קאַלעדאָניע. — די פאַרשיקונג. 239

זיבן=און=דרייסיקסטער קאַפּיטל.

די שלימזלדיקע פאַרזאַמלונג. — דער מאַק=מאַהאָנאַט. — די חסדים. — דער גרויסער צוריקקער — דאָס יאָר 1896. 318